STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04071

FUN REBE'NS HOYF

D. L. Mekler

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון רבי'נס הויף

(פון טשערנאָביל ביז טאַלנע)

געזאַמלטע חסידישע מעשה'לעך

פון

ד. ל. מ ע ק ל ע ר

ניו יאָרק, 1931.

Copyright, 1931,
By
Louis Gerson and David L. Mekler.

Published By
THE JEWISH BOOK PUBLISHING COMPANY
77 Bowery New York, N. Y.

צווייטער באַנד

טאַלנע

גערדוקט אין דער אַסטאָריא פרעס
400
ניו יאָרק, נ. י.

אינהאַלט

זייט

וואַסילקאָוו און טאַלנע — 9
די יתומה — 17
אליהו הנביא׳ס תפילין — 24
„סליחות“ — 30
טאַלנע׳ס נצחון — 37
ר׳ דוד׳לס גדולה — 44
דעם רבי׳נס שטריימל — 51
אַ מלחמה איבער אַ קדושה — 57
דער מאַרטירער — 64
דער בעל תשובה — 70
ביים רבי׳נס טיש — 77
שלש סעודות — 84
שריים — 89
דער קאַנטאַניסט — 95
ר׳ דוד׳לס חזן — 103
דעם רבי׳נס ניגון — 108
דער בדחן — 115
ר׳ דוד׳לס טראָן — 122
ביים גובערנאַטאָר — 128
דער דיבוק — 135
די עין הרע — 142
שמד — 148
חרטה — 153
אַ רבי׳אישע חתונה — 161
דעם רבי׳נס בן יחיד — 169
ר׳ מאָטעלע׳ס פטירה — 176
דעם רבי׳נס נסיעה — 185
צוויי בערג — 194
„פּיטשאַ“ — 200
גאָלד און בלאָטע — 207

זייט

עולם הבא — — — — — — — — — — — — — 212
שמחה און צער — — — — — — — — — — — 218
די מסירות — — — — — — — — — — — — 224
דער משפט — — — — — — — — — — — — 232
ימים נוראים — — — — — — — — — — — 242
נאפּאָלעאָנ׳ס מאַנטל — — — — — — — — — 251
דער יורש עצר — — — — — — — — — — — 257
די עליה — — — — — — — — — — — — — 263
דער נייער רבי — — — — — — — — — — 270
דאָס לעצטע קוויטל — — — — — — — — — — 278
דעם צדיק׳ס פּטירה — — — — — — — — — — 284

בילדער:

ר׳ דוד׳ל טאַלנער — — — — — — — — — — 7
ר׳ אברהמ׳על טריסקער — — — — — — — — — 184
ר׳ יעקב יצחק מאַקאַראָווער — — — — — — — — 223

ר׳ דוד׳ל טאַלנער

לזכרון מיין טאטן
ר׳ שלמה ברב יחיאל

געבוירן — תר״ז:
געשטאָרבן — כ״ט ניסן, תרע״ה

א.

וואסילקאוו און טאלנע

וואסילקאָוו׳ס פאַרלוסט און טאַלנע׳ס געווינס. — א חסידישער זמר׳ל. — רבי׳אישע קינדער. — ר׳ דוד׳ל און זיינע ברידער. — דער באַהאַלטענער צדיק. — א רמז אויף דער צוקונפט.

דער נאָמען פון יעדן חסידישן רבי׳ן איז ענג פאַרבונדן מיטן נאָמען פון שטאָט וואו ער האָט געהאַט זיין הויף. איז ר׳ דוד׳ל טאַלנער אין דעם פּרט אויך ניט געווען קיין אויסנאַם. ער און טאַלנע זיינען אויף אייביג פאַרקניפּט געוואָרן.

אָבער אויב טאַלנע איז אויפגעריכט געוואָרן צוליב ר׳ דוד׳לען און איז געוואָרן א „עיר ואם“ פאַר טויזנטע און טויזנטע חסידים, איז עס אפשר געווען נאָר על פי צופאַל. א מזל זאַך. זאָגט דאָך עפּעס די גמרא, אַז אפילו דער גורל פון א ספר תורה איז אָפּהענגיג פון מזל. און פון א שטאָט אודאי.

געקענט האָט אָבער געמאַלט זיין, אַז אַנשטאָט טאַלנע זאָל גאָר מפורסם ווערן אַן אַנדער אידיש שטעטל — וואסילקאָוו. ווארום עס איז געווען וואסילקאָוו, א שטעטל ניט ווייט פון קיעוו, וואו ר׳ דוד׳ל האָט צוערשט אָנגעהויבן פירן זיין רבי׳סטווע, דאָרט געלייגט דעם יסוד פאַר זיין חסידישער „מלוכה“, וועלכע איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אין איינע פון די גרעסטע חסידישע „מלוכות“, וואָס איז ווען געווען געוואָרן; עס איז געווען וואסילקאָוו, וואו ר׳ דוד׳ל האָט צוערשט אָנגעהויבן שיינען אויפן חסידישן הימל און פון וואַנען זיין נאָמען האָט אָנגעהויבן קלינגען איבער דער חסידישער וועלט.

וואסילקאָוו האָט אָבער קיין מזל ניט געהאַט. ר׳ דוד׳ל האָט זיין הויף איבערגעטראָגן קיין טאַלנע. וואסילקאָוו׳ס פאַרלוסט איז געווען טאַלנע׳ס געווינס.

איז טאַלנע אויפגעריכט געוואָרן דאָרט וואו וואסילקאָוו האָט גע־זאָלט אויפגעריכט ווערן, און דער גורל פון די דאָזיגע צוויי שטעט איז פאַר יאָרן לאַנג באַזונגען געוואָרן אין דעם באַרימטן חסידישן זמר׳ל:

„ר' דוד'ל, ר' דוד'ל פון וואסילקאָוו
„און היינט איז ער אין טאַלנע!"

בלויז עטלעכע ווערטער, געזונגען סיי פון די וואסילקאָווער און סיי פון די טאַלנער חסידים. ביידע האָבן אָבער געזונגען אויף זייער אייגענעם אופן, מיט זייער אייגענעם ניגון: די וואסילקאָווער — אין אומעט און חרטה אויף דעם גרויסן פאַרלוסט, וואָס זיי האָבן געהאַט, און די טאַלנער — אין שמחה און יובל פאַר דעם גרויסן געווינס זייערן...

אָבער די חסידישע געשיכטע פון ר' דוד'לען פאַנגט זיך נישט אָן מיט ווערן רבי און מנהיג פון טויזנטער חסידים. חסידים האָבן פון אים צו דערציילן אַ סך וואונדער און חכמה נאָך פון זיינע קינדער־יאָרן.

רבי'אישע קינדער זיינען ניט קיין פשוט'ע בשר־ודמ'ניקעס און ווערן ניט דערצויגן ווי געוויינלעכע קינדער. רבי'אישע קינדער ווערן דער־צויגן אין קדושה און טהרה און ווערן פאַרבאַרייט פאַר זייער קינפטיגער ראָל ווי אַמאָל כהנים פאַר דער כהונה...

האַלט מען ניט נאָר ספּעציעלע מלמדים און דערציער פאַר די רבי'־אישע קינדער, נאָר דער רבי, דער טאַטע הייסט עס, אַליין איז זיי מחנך, לערנט מיט זיי, גיט זיי איבער די טראַדיציעס פון דער גזע און איז פאַר זיי מגלה סודות.

דעם רבי'נס קינד האָט נאָך אָבער אַליין פיל צו דערגרייכן. ער מוז מיט זיינע אייגענע כחות בויען און שאַפן, אויסגעפינען דעם ריכטיגן דרך אויף וועלכן ער זאָל גיין.

אַזאַ צדיק ווי ר' מאָטעלע טשערנאָבילער, ווען דער אייבערשטער האָט געבענטשט מיט אַכט זין, האָט פאַרשטייט זיך, געלייגט גרויס האָפנונג אויף זיינע קינדער, וועגן וועמען חסידים ריידן ווי וועגן די צווייגן פון דער מנורה, וואָס האָבן אַלע צוזאַמען און יעדר באַזונדער געלויכטן און געשיינט אין דער חסידישער וועלט. ר' מאָטעלע האָט גע־וואוסט וואָס פון זיינע קינדער דאַרף און וועט אַרויסוואַקסן, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָל זיי איז באַשטימט צו שפּילן און ער האָט פון זיי קיין אויג ניט אַראָפּגענומען, האָט אַכטונג געגעבן, אַז יעדער פון זיי זאָל ווערן אַ „צנא מלא ספרא", גרוים אין נגלה אַזוי גוט ווי אין נסתר.

און די צדקות פון יעדן פון זיינע קינדהער איז שוין געווען צו זען פון זייער סאַמע יוגנט, ווי דאָס דאַרף ציינן די מעשה'לע, וואָס ווערט דערציילט וועגן איינעם פון ר' מאָטעלע'ס זין, ר' משה'לע, שפּעטער דער רבי פון קאַרטשיטשעוו.

ר׳ משה׳לע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַלע מידות טובות, אויך מיט דער מידה פון ענוות. ער פלעגט ניט ליב האָבן צו זיצן אויבן-אָן אין בית מדרש און בכלל זיך קיינמאָל ניט געגרויסט און געבלאָזן, אזוי אז מען האָט געקענט אָפּט מיינען, אז ער איז א פשוט׳ער חסיד. האָט טאַקע איינמאָל פּאַסירט, אַז א חסיד האָט אים אָנגענומען פאַר א פשוט׳ן בשר-ודם און פאַר אים אָנגעהויבן אויסריידן זיין הארץ. מסתמה איז דער חסיד געווען אביסל „געכאַפּט אין דער מעשה", אָדער האָט גלאַט געהאַט א לויזע צונג, און ער האָט אָנגעהויבן באריידן דעם טשערנאָבילער מגיד און זיינע קינדער.

ר׳ משה׳לע האָט דעם חסיד געלאָזן אויסגעהערט און אויף אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט אים געגעבן גערעכט...

שפּעטער האָט זיך דער חסיד דערוואוסט ווער עס איז געווען דער יעניגער פאַר וועמען ער האָט גערעדט רכילות אויפן רבי׳ן און זיינע קינדער, און ער איז שיר ניט געפאַלן אין חלשות.

ער איז באַלד געקומען צו לויפן צו ר׳ משה׳לען און אים געבעטן מחילה.

ר׳ משה׳לע האָט אים אָנגעקוקט מיט זיינע מילדע אויגן און געזאָגט:

„צו וואָס בעט איר מיר מחילה? איך האַלט נאָך איצט אויך, אַז אַלץ וואָס איר האָט געזאָגט איז אמת"...

ר׳ מאָטעלע האָט זיך נוהג געווען מיטצונעמען אויף זיינע נסיעות זיינע קינדער, יעדעס מאָל אַן אַנדער קינד, כדי זיי זאָלן זען די הנהגה פון א רבי׳ן, זיך באַקאַנען מיט דער חסידישער וועלט און דערווייל אויך לערנען תורה אונטערוועגנס.

מערסטנס פלעגט ער מיטנעמען אויף זיינע נסיעות ר׳ דוד׳לען. כאָטש ר׳ דוד׳ל איז ניט געווען דער מוזיניק האָט אָבער אויסגעזען ווי דער טשערנאָבילער וואָלט אים ליב געהאַט ווי אַן אמת׳ן בן זקונים.

חסידים האָבן געזאָגט, אז אין דעם האָט דער טשערנאָבילער נאָכגעטאָן יעקב אבינו, וועלכער האָט יוסף׳ן ליב געהאַט מער פון אַלע קינדער, כאָטש דער אמת׳ער בן זקונים איז גאָר געווען בנימין.

אונטערוועגנס האָט ר׳ מאָטעלע ניט נאָר אַליין געלערנט תורה, נאָר אויך געלערנט מיט ר׳ דוד׳לען און דער קינפטיגער רבי פון טאַלנע האָט געהאַט די בעסטע פאַרבאַרייטונג פאַר דער גרויסער ראָל, וואָס אים איז שפּעטער אויסגעקומען צו שפּילן אין דער חסידישער וועלט.

און ר׳ מאָטעלע האָט זיין זון ניט נאָר געלערנט תורה, נאָר אויך

איינגעפלאַנצט אין אים מידות טובות. דער טשערנאָבילער האָט אים געלערנט, אַז ער זאָל קיינמאָל זיך ניט גרויסן מיט דער תורה. כאָטש א רבי'איש קינד איז שווער צו זיין א נסתר און זיך מאַכן פאַר א נעבעכל, האָט אָבער ר' מאָטעלע געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן זיין וואָס מער צוריקגעהאַלטן און קיינעם ניט אויפרייסן די אויגן סיי מיט תורה און סיי מיט עבודה.

איז דערפאַר מעגלעך געווען, אַז א סך זאָלן זיך טועה זיין און מיינען אַז ר' דוד'ל האָט ווייניג חשק צום לערנען, ווייל אַלס קינד האָט מען אים ממש ניט געזען לערנענדיג.

ווען ער איז ניט געווען אונטערוועגנס מיט זיין טאַטן, האָט מען גאַנץ אָפט באַמערקט ווי ער ווערט נעלם און א חשד איז אויף אים געפאַלן, אַז ער באַהאַלט זיך אוים פון לערנען, אַז ער אַנטלויפט פון זיינע מלמדים.

זיינע ברידער אַליין האָבן עס שוין ניט געקענט צוזען און אים אָנגעהויבן מוסר'ן.

ר' דוד'ל פלעגט זיי ניט ענטפערן און בלויז שמייכלען, ווי ער וואָלט געזאָגט:

„רעדט אייך, וואָס איר ווילט, מיר קימערט עס ווי דער פאַריאָריגער שניי".

האָבן די ברידער באַשלאָסן אים צו פאַר'מסור'ן פאַרן טאַטן.

„דוד'ל וויל ניט לערנען. מען זעט אים קיינמאָל ניט אָן אין די אויגן", האָבן זיי צום טשערנאָבילער געזאָגט.

„פון וואַנען ווייסט איר עס?" האָט דער צדיק זיי געפרעגט.

„וואָס הייסט פון וואַנען מיר ווייסען? אָט איז ער איצט אויך ניטאָ און מיר ווייסן אפילו ניט וואו ער איז", האָבן די ברידער גע'טענה'ט.

„דענקט איר ניט, אַז עס וואָלט געווען א יושר, אַז איר זאָלט פּרובירן אויפזוכן אייער ברודער און אויסגעפינען וואָס ער טוט?" האָט ר' מאָטעלע א זאָג געטאָן און האָט דערביי מאָדנע געשמייכלט.

געהערט אַזוינע דיבורים פון זייער טאַטן האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן איבערן הויף זוכן ר' דוד'לען. אָבער זוך היינט, זוך מאָרגן, ר' דוד'ל איז ניטאָ. האָט מען ווייטער געזוכט, — געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אין אַלע חדרים פון די פיל הייזער, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם טשערנאָבילער הויף, אָבער ר' דוד'ל האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעזוכט.

איז עס געווען א גרויסע רעטעניש. וואו איז דען ר' דוד'ל אַהינגע-

קומען? די ברידער האָבן שוין געוואָלט אויפגעבן זייער פאַרזוך אים צו געפינען, ווען צו זייערע אויערן האָט זיך פּלוצים דערטראָגן א זיס געזאַנג פון איינעם וואָס זיצט און לערנט מיט התמדה. אָבער פון וואַנען קומט דאָס געזאַנג? ווער לערנט עס? זיי האָבן אָנגעהויבן ארומזוכן און האָבן זיך אָנגעשלאָגן אויף א גרויסער שראַנק, אַן אַלטער און פאַר־לאָזענער, וואָס איז געשטאַנען ערגעץ אין א ווינקל, א ליידיגער. זיי האָבן דעם שראַנק אַן עפן געטאָן און ווי נשתומם זיינען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן דאָרט פאַר זיך דערזען דעם יונגן ר׳ דוד׳לען, זיצנדיג איבער א קבלה ספר, פאַר׳ן שיין פון א ליכטל.

און אַז דער טשערנאָבילער מגיד האָט געוואוסט פון ר׳ דוד׳לס גע־היימע דרכים און פאַרויסגעזען זיין גרויסע צוקונפט, איז אויך צו זען פון אַן אַנדער מעשה׳לע וואָס חסידים דערציילן:

ר׳ דוד׳ל איז נאָך געווען גאָר א יונג קינד, האָט אויסגעזען ניט אַנדערש פון אַנדערע קינדער, זיך געשפּילט ווי אַלע קינדער און געשטיפט ווי אַלע קינדער.

האָט זיך דער יונגער צדיק איינמאָל אין א בין השמשות געהאַט געשפּילט אויפן הויף פאַרן פענסטער פון זיין טאַטנ׳ס חדר מיחוד.

אויפן הויף זיינען געלעגן קלעצער, צי צום בויען, צי פאַר ברען־האָלץ. ר׳ דוד׳לען זיינען די קלעצער שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן אויף זיי צו קלעטערן און דאַן שפּרינגען פון איין קלאָץ אויפן צווייטן, מעשה שטיפער. אַזוי האָט ער דריי מאָל געשפּרונגען. ער איז שוין געווען אויפן דריטן קלאָץ, פאַרטיג צו שפּרינגען אויפן פירטן.

אָבער פּלוצים האָט זיך דער פענסטער פון צדיק׳ס חדר אַן עפן געטאָן און ר׳ מאָטעלע האָט ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אַרונטערגעקוקט אין הויף אריין.

„דוד׳ל, דוד׳ל!“ האָט ער אויסגערופן מיט גרוים ליבשאַפט. „שפּרינג ניט מער! דריי ספרים וועלן גענוג זיין“...

דער טשערנאָבילער האָט דעם פענסטער צוריק פאַרמאַכט און ר׳ דוד׳ל איז נאָך א ווײַלע טראַכטן ארונטער פון די קלעצער.

ר׳ דוד׳ל האָט אין זיינע שפּעטערדיגע יאָרן ארויסגעגעבן דריי חיבורים — „ברכת דוד“, „מגן דוד“, „קהלת דוד“ — און די חסידישע אגדה וויל, אַז דער טשערנאָבילער מגיד זאָל ניט נאָר האָבן פאַרויסגע־זען וועגן די דריי חיבורים נאָר אויך, אַז ער און ר׳ דוד׳ל זאָלן בעת מעשה

גאָר האָבן געלערנט סתרי תורה, ער זיצנדיג אין זיין חדר מיוחד און ר׳ דוד׳ל שפרינגנדיג איבער די קלעצער...

וואָס איז שייך מידות טובות האָט ר׳ דוד׳ל זיי ארויסגעצייגט אין זיין פריעסטער יוגנט. ער האָט אפילו געצייגט, אַז ער איז פייאיג מחדש צו זיין אויף זיין טאַטנ׳ס דרכים.

ווערט וועגן דעם דערציילט אַזאַ מעשה:

ר׳ מאָטעלע איז געווען אויף אַ נסיעה, האָבנדיג מיט זיך ר׳ דוד׳לען. עס איז געווען אַ האַרבסט טאָג. דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנט און אַ דריבנער רעגנדל האָט געשמיסן אין פנים. דער וועג איז געווען שווער און בלאָטיג.

דעם צדיק׳ס סוסים זיינען אָבער געווען פייערדיגע און אויסגערוטע און זיינען ניט מיד געוואָרן פון דעם שווערן וועג.

אָבער מיט אַמאָל איז דער וועג געוואָרן בלאָטיגער און שווערער און דעם רבי׳נס סוסים האָבן אָנגעהויבן סאָפּען, קענטיג, אַז זיי זיינען געוואָרן מיד און דערשעפּט. דער קוטשער האָט זיי שוין געדאַרפט אונטערשמייסן, און באַלד האָט דאָס אונטערשמייסן אויך ניט געהאָלפן. די פערד האָבן קוים געקענט שלעפּן די קאַרעטע און זיך אָנגעהויבן אַלעווייל אָפּשטעלן.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג און צו אַ שטעטל איז נאָך געווען ווייט. דער טאָג האָט אָנגעהויבן פאַרגיין, עס איז געוואָרן טונקעלער, ביז עס איז אינגאַנצן פינסטער געוואָרן.

„מיר וועלן נאָך בלייבן שטעקן אין בלאָטע“, האָט דער קוטשער אַ בורטשע געטאָן.

די באַגלייטנדיגע חסידים, וואָס זייַנען נאָכגעפאָרן דעם רבי׳נס קאַרעטע אין וועגענער, זיינען געוואָרן באַאומרואיגט. דער צדיק קען נאָך האָבן אומאָנגענעמלעכקייט בלייבנדיג פיל שעה לענגער אונטערוועגס און דערצו אין אַזאַ שלעכטן וועטער.

זיי זייַנען צוגעקומען צום צדיק׳ס קאַרעטע, אַ קוק טאָן וואָס ער טוט. אפשר וויל ער עפּעס זאָגן.

דער צדיק איז אָבער געזעסן פאַרזונקן אין מחשבות. דער יונגער ר׳ דוד׳ל איז אויך געזעסן אַ פאַרטראַכטער.

ווען גרויסע מוחות זיינען פאַרטראָגן אין עולמות, וואָס אַרט זיי, וואָס אַרום זיי קומט פאָר?

האָט מען פּרובירט ווייטער פאָרן. אָבער באַלד בלייבט די קאַרעטע

שטעקן אינמיטן בלאָטע און די פערד קענען זיך מער ניט רירן פון אָרט.

דער קוטשער הויבט זיי אָן טרייבן און שמייסן, אָבער עס העלפט ניט. ער קריכט אַרונטער פון דער קאַזליע און, צוזאַמען מיט די אַנדערע חסידים, פּרובירט ער אונטערשטופּן די קאַרעטע, איר אַרויסשלעפּן פון בלאָטע, אָבער מען קען זי ניט רירן פון אָרט.

ווערט ביטער אויפן האַרצן און חסידים ווייסן ניט וואָס צו טאָן. דער טשערנאָבילער און ר׳ דוד׳ל זיצן נאָך אַלץ פאַרטראַכט און שווייגן. ווער מען דאָך זיי ניט איבערשלאָגן זייערע מחשבות.

מיט אַמאָל שטעקט אַרויס דער טשערנאָבילער דעם קאָפּ פון קאַרעטע, נעמט אַרויס פון קעשענע אַ רובל און גיט עס אַ שליידער אין בלאָטע אַריין.

„געהערט אביסל?" שרייט דער טשערנאָבילער אויס אַ ברוגז׳דיגער, „שלעפּט זיך נאָך אַ גאַנצן טאָג און לאָזט מיך ניט אָפּ! טאָמער האָט ער מיר אַמאָל געגעבן אַ רובל וויל ער איצט, אַז איך זאָל אים פון בלאָטע אַרויסשלעפּן. האָסטו געזינדיגט, לייד און קום אָפּ פאַר דיינע זינד! איך קען פאַר דיר גאָרניט טאָן. אָט האָסטו דיר דיין רובל צוריק און האָב צו מיר ניט קיין תביעות"...

די חסידים אַרום זיינען געבליבן ווי פאַרגליווערט פון שרעק. הייסט עס, אַז זיי האָבן צו טאָן ניט מיט קיין געוויינלעכע בלאָטע און ניט מיט קיין רעגן, נאָר עפּעס מיט אַ געהיימער קראַפט, — מיט אַ פאַרזינדיגטע נשמה, וואָס האָט זיך צעלייגט אין דער בלאָטע און לאָזט דעם צדיק׳ס קאַרעטע זיך ניט רירן פון אָרט...

דער יונגער ר׳ דוד׳ל קוקט אָן זיין טאַטן אין שטוינען און ווען ר׳ מאָטעלע זעצט זיך צוריק אַנידער מיט אַ מינע ווי ער וואָלט ענדלעך אָפּגעטאָן דאָס זייניגע, בעט ער דעם טאַטן, ער זאָל אים מסביר זיין, וואָס עס איז דאָ געשען.

„גאָר פּשוט", דערקלערט אים דער טשערנאָבילער, „געווען אַ ייד, אַ בעל-עבירה׳ניק, וואָס איז אַמאָל צו מיר געקומען בעטן אַ תשובה. איך האָב עס אים געגעבן און ער האָט מיר געגעבן אַ רובל אַלס פּדיון. איך האָב אים אָנגעזאָגט, אַז ער מוז מיין תשובה אויספאָלגן. ער האָט עס אָבער ניט געטאָן. איז ער געקומען אויפן עולם האמת און מען האָט זיין נשמה צוריקגעשיקט אויפן עולם התחתון, אָפּצוקומען פאַר זיינע זינד. אָבער ער האָט מיר דערטאַפּט און לאָזט מיך ניט אָפּ. וויל, איך זאָל אים

העלפן, און האלט מיר אין דערמאָנען, אז ער האָט מיר אַמאָל געגעבן אַ רובל...

„איצט האָט ער זיך צעלייגט אין דער בלאָטע און לאָזט ניט די קאַרעטע פון אָרט זיך רירן ביז איך וועל אים ניט פון בלאָטע ארויסשלעפן. אָבער ניין, ער וועט עס ביי מיר ניט פועל'ן. זאָל ער פאַר זייגע זינד אָפּקומען. איך האָב אים זיין רובל צוריקגעגעבן, ער זאָל מער צו מיר קיין תביעות ניט האָבן"...

ר׳ דוד׳ל איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער.

„איך וואָלט שוין אָבער אַנדערש מיט אים געהאַנדלט". האָט דער קינפּטיגער רבי פון טאַלנע באַמערקט. „ווען איך וואָלט פון אימיצן אַ רובל גענומען וואָלט איך אפילו אין בלאָטע געקראָכן אים צו העלפן"...

ר׳ מאָטעלע האָט אַ שמייכל געטאָן.

„איך זע, אז דיין דרך וועט זיין אַן אַנדערער", האָט דער טשערנאָ-בילער געזאָגט. „איך קען אָבער אזוי ווייט ווי דו ווילסט ניט גיין. אויב דו ווילסט נעם עס אויף זיך און העלף אים"...

„איך נעם עס אויף זיך", האָט ר׳ דוד׳ל געזאָגט, „און איך טו עס כאָטש איך האָב פון אים קיין רובל ניט גענומען"...

ר׳ דוד׳ל האָט נאָך די ווערטער ניט געהאַט ארויסגעזאָגט און די פערד האָבן פּלוצים זיך אַ צי געטאָן און זיינען אַוועק ווי פייל אויסן בויגן...

ב.

די יתומה

ר׳ דוד׳ל ווערט אַ חתן. — יענטע דבורה׳לע, די כלה, אַן אייניקל פון ר׳ זושא אנאפּאָליער. — ר׳ זושא׳ס דרכים און מופתים.

אויפן הימל ווערט דעם מענטשנ׳ס זיווג באַשטימט נאָך לאַנג פאַר זיין געבורט. זאָגט דאָך די גמרא, אַז פערציג טעג איידער אַ קינד ווערט גע-באָרן גייט אַרויס אַ „כרוז", אַז „בת פלוני לבן פלוני", יענעמס טאָכטער פאַר יענעמס זון.

דער זינדיגער מענטש קען אָבער קיינמאָל ניט וויסן ווער עס איז זיין ריכטיגער זיווג. אַפילו גרויסע צדיקים האָבן אַ סך קאָפּ־דרייעניש איידער זיי געפינען פאַר זייערע קינדער שידוכים.

ווען ר׳ דוד׳ל איז נאָך גאָר אַ קינד געווען האָט מען שוין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ שידוך פאַר אים. און, ווי דאָס האָט זיך געפירט אין יענער צייט, באַזונדערס אין רבי׳אישע הויפן, זיינען אַזוינע שידוכים אָפּטמאָל געשלאָסן געוואָרן ממש ווען חתן-כלה זיינען נאָך געלעגן אין די וויגן.

פאַרשטייט זיך, אַז די כלה וואָס איז פאַר ר׳ דוד׳לען אויסגעקליבן גע־וואָרן איז געווען אַ גרויסע מיוחסת און אַ געראָטענע. ר׳ מאָטעלע האָט שוין אַכטונג געגעבן, אַז די כלה פון זיין ליבלינג זאָל זיין מיט אַלע מעלות.

און אויסגעקליבן געוואָרן איז ניט קיין אַנדערע ווי אַן אייניקל פון דעם גרויסן און באַרימטן ר׳ זושא אנאפּאָליער, אַ ברודער פון חעם רבי אלימלך פון ליזענסק.

יענטע דבורה׳לע האָט זי געהייסן. איר גרויסער זיידע איז שוין לאַנג געווען אויפן עולם האמת. איר טאַטע, ר׳ ישראל אברהם, אויך אַ באַ-וואוסטער צדיק, איז שוין אויך געווען טויט. איר מאַמע, ר׳ זושא׳ס טאָכטער, האָט נאָך געלעבט, אָבער איז געווען אָרים.

אָרימקייט איז אָבער פאַר ר׳ מאָטעלע טשערנאָבאָלער קיין חסרון ניט געווען. ער האָט פאַר זיינע קינדער ניט געזוכט קיין עשירות. דער עיקר

איז געווען יחוס און טאקע, אז מען זאל אליין זיין ראוי צו זיין זיינער אן אײדים אדער א שנור.

וועגן דעם, ווי אזוי דער שידוך איז געשלאסן געווארן, זיינען פאראן צוויי נוסחאות. איין נוסח איז, אז אלס יתומה, האט יענטע דבורה׳לע זיך געהאדעוועט ביי ר׳ מאטעלע׳ן אין הויף.

אין יעדן רבי׳אישן הויף האבן זיך אויפגעהאלטן פאראימטע קינדער, אייניקלעך און אזוי מקורבים פון גרויסע צדיקים.

דעם בעל שם׳ס אייניקלעך און מקורבים און די אייניקלעך און מקורבים פון זיינע תלמידים האבן תמיד געפונען א פארטיגע היים אין די רבי׳אישע הויפן, וואו מען האט זיי אויסגעהאלטן מיט כבוד.

האט אזא מיוחסת ווי ר׳ זושא׳ס אן אייניקל, און דערצו נאך א יתומה, אין טשערנאבילער הויף גאר ניט געפעלט.

ר׳ דוד׳ל און יענטע דבורה׳לע זיינען דערום, לויט דעם נוסח, גאר ניט געווען פרעמד איינע צו די אנדערע. אלס קינדער האבן זיי זיך אודאי צוזאמען געשפילט, גאר ניט וויסנדיג, אז זיי זיינען שוין באשטימט געווארן צו זיין מאן און ווייב, ווען זיי וועלן אויסגעוואקסן.

א צווייטער נוסח איז, אז יענטע דבורה׳לע האט זיך געהאדעוועט ביי איר מאמען און איז ביי דער מאמען געבליבן ביז דער חתונה.

געוואוינט האט די אלמנה מיט איר טאכטער ניט ווייט פון טשערנאביל. אויף זיינע נסיעות איז דער טשערנאבילער אמאל פארפארן אין יענעם שטעטל און האט באזוכט ר׳ זושא׳ס טאכטער. ער האט געזען יענטע דבורה׳לן, וועלכע איז נאך גאר אן עופל געווען, און זי האט ביי אים שטארק נושא חן געווען.

„א טייער קינד", האט ער געזאגט צו דער מאמען.

„אבער האט נעבאך ווייניג מזל", האט די מאמע באמערקט מיט א זיפץ.

„זאגט עס ניט. מזל איז ביי גאט; און לאמיר האפן, אז איר דער-ווארט גרויס גליק".

„פון אייער מויל אין גאט׳ס אויערן", און זי האט אויפגעהויבן אירע אויגן צום הימל.

„לאמיר האפן, אז דער אייבערשטער האט שוין אייער תפילה גע-הערט", האט דער טשערנאבילער ווייטער געזאגט. „עס ווענדט זיך נאר אויב איר זייט מרוצה".

די אלמנה האט אים אנגעקוקט, ניט וויסנדיג וואס דער צדיק מיינט

מיט זיינע ווערטער. אָבער באַלד איז איר אויפגעקלערט געוואָרן, וואָס ער האָט אין זינען. ער האָט איר טאָכטער געוואָלט פאַר א כלה פאַר זיין ר׳ דוד׳לען.

„זייט איר צופרידן מיט׳ן שידוך?“ האָט ר׳ מאָטעלע געפרעגט.

„אָבער איך בין אזוי אָרים און האָב ניט קיין נדן און קיין אויס־שטייער פאַר מיין יתומה׳לע“, האָט זיך די אַלמנה באַקלאָגט, מורא האָבנ־דיג, אַז דער טשערנאָבילער, וועלכער איז באַוואוסט געווען מיט זיינע עשירות, וועט מעגלעך זיך ניט וועלן משדך זיין מיט איינע וואָס איז אזוי אָרים.

„אייער יחוס, די גרויסקייט פון איר זיידן און אייער טאַטן, איז דער בעסטער און שענסטער נדן, וואָס איר קענט געבן מיין זון“, האָט דער טשערנאָבילער געענטפערט, און תנאים זיינען באַלד געשריבן געוואָרן.

און ר׳ מאָטעלע איז געווען שטאָלץ מיט׳ן שידוך.

„ר׳ זושא האָט געהאַט דעם אמת׳ן חסיד׳ישן פייער“, פלעגט ער זאָגן. „ער איז געווען דער אמת׳ער צדיק הדור. ער האָט אויף זיך געטראָגן דעם יאָך פון גאַנצן פאָלק ישראל“.

א גרויסע מידה האָט ר׳ זושא געהאַט. ער האָט קיינעם ניט געוואָלט מצער זיין און אפילו א זינדיגן ניט געוואָלט זאָגן קיין צו שטאַרקן מוסר, כדי אים מיט דעם ניט צו פאַרשאַפן קיין עגמת נפש.

פלעגט ער דערום זוכן ווירקן אויף זינדיגע אויף א גאַנץ אַנדער דרך.

א בליק האָט ר׳ זושא געהאַט א טיפן און דורכדרינגענדיגן. חסידים האָבן געזאָגט, אַז ווען ער האָט אויף אימיצן א קוק געטאָן, האָט ער גע־וואוסט אַלע זיינע מעשים, און אויב יענער האָט זיך גענויטיגט אין א תשובה, האָט ער באַלד אָנגעהויבן ווירקן אויפ׳ן בעל־דבר, אַז ער זאָל ווערן א בעל־תשובה.

ווערט דערציילט אַזאַ מעשה׳לע :

ר׳ זשוא איז אמאָל געווען אונטערוועגנס און איז אָנגעקומען אין א דאָרף וואו עס האָט זיך געפונען בלויז איין איד. איז ער צו אים פאַר־גאַנגען אויף נאַכטלעגער. דער ישוב׳ניק איז געווען פאַרגרעבט און דער־ווייטער פון אידן. דערצו איז ער געווען א גרויסער בעל־עבירה׳ניק. ר׳ זושא האָט בלויז געדאַרפט אָנקוקן דעם אידן און וויסן, וואָס פאַר א בריאה דאָס איז.

האָט ר׳ זושא אָפּגעוואַרט ביז האַלבע נאַכט, ווען דער איד און זיין הויזגעזינד האָבן שוין געשלאָפן. ר׳ זושא האָט זיך דאַן אויפגעהויבן פון

געלעגער, האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד און אָנגעהויבן זאָגן תהלים מיט א וויינענדיגן און דורכנעמענדיגן קול.

דער ישוב'ניק האָט זיך אויפגעכאַפּט. א מאָדנע מורא איז אים באַפאַלן. ר' זושא'ס וויינענדיגע שטימע האָט אזוי אימה'דיג געקלונגען אין דער מיטנאַכטיגער פינסטערניש.

און באַלד הערט ער, ווי ר' זושא הויבט אָן ריידן צו זיך אַליין:

„זושא, זושא", רעדט ער צו זיך וויינענדיג, „ווי לאַנג וועסטו נאָך זיין אַזוי זינדיג? ווי לאַנג וועט עס נאָך נעמען איידער דו וועסט תשובה טאָן? באַרעכן זיך נאָר וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן אין דיין לעבן! באַרעכן די עבירות וואָס דו ביסט באַגאַנגען".

און ר' זושא האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען א צעטל עבירות, וואָס ער זאָל האָבן באַגאַנגען. ער האָט אָנגערופן יעדע עבירה באַזונדער און דערמאָנט דעם טאָג און פּלאַץ, ווען און וואו זי איז באַגאַנגען געוואָרן.

דאָס זיינען אבער ניט געווען ר' זושא'ס עבירות, נאָר די עבירות פון דעם דאָרפס־איד. דער ישוב'ניק האָט אויפגעציטערט. א קאַלטער שוויים האָט באַדעקט זיין לייב.

ער איז אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט און צוגעלאָפן צו ר' זושא'ן:

„דאָס זיינען דאָך מיינע עבירות!" האָט ער אויסגעשריען.

„איז טאַקע צייט, אז איר זאָלט תשובה טאָן", האָט ר' זושא דערקלערט. און ר' זושא האָט אים אָנגעהויבן מוסר'ן ביז וואַנען דער איד האָט זיך צעוויינט.

ר' זושא האָט אים אָנגעהויבן טרייסטן און פאַרזיכערן, אז אויב ער וועט נאָר תשובה טאָן וועט אים אַלץ פאַרגעבן ווערן.

דער איד איז געוואָרן א בעל־תשובה און איז פון דעמאָלט אָן און ווייטער געווען ר' זושא'ס א הייסער חסיד.

און אז ר' זושא'ס וואָרט איז געווען ווי פלאַם־פייער איז צו זען פון אַן אנדער עובדה, וואָס חסידים דערציילן וועגן אים:

ר' זושא איז אַמאָל געקומען קיין האדריקאָוו. עס איז געווען אין שבת, ווען די פרעסט ברענען און עס איז תמיד דאָ א גוטער שליטוועג. דעמאָלט איז אָבער דער וועג גראד געווען א שלעכטער. עס האָט גערעגנט. דער שניי איז צוגאַנגען און עס איז געווען ממש ניט אַרויסצופאָרן.

ר' זושא איז פאַרפאָרן צו ר' מאיר קריסקובער, וועלכער איז דעמאָלט געווען רב אין האדריקאָוו.

גערעכנט האָט ר' זושא דאָרטן פאַרבלייבן בלויז א טאָג אָדער צוויי.

די רעגנס האָבן אָבער אָנגעהאַלטן און מען האָט ניט געקענט אַרויסשטעלן קיין פוס. האָט זיך ר' זושא איבער דעם שטאַרק מצער געווען.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך געשטעלט דאַוונען און איז געקומען צו די ווערטער אין די פסוקי דזמרה: „הנותן שלג כצמר, כפור כעפר יפזר; משליך קרחו כפיתים, לפני קרתו מי יעמוד" (דער וואָס צעלייגט דעם שניי ווי אַ וואָל, פאַרשפּרייט דעם פראָסט ווי אַש, שליידערט דעם אייז אין ברעקלעך; געגן זיין קעלט, ווער קען זיך שטעלן?), האָט ער זיך שטאַרק צעהיצט און האָט דעם פסוק איבערגעזאָגט עטלעכע מאָל מיט גרויס כוונה.

ר' זושא האָט קוים געהאַט געענדיגט דאַוונען, ווען עס איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ שטאַרקער פראָסט. די וועגן האָבן איינגעפרירט און עס האָט אָנגעהויבן פאַלן שניי. אין עטלעכע שעה אַרום איז שוין געווען אַ גוטער שליטוועג. ר' זושא האָט געקענט ווייטער פאָרן.

דערווייל איז אַוועק שבת. עס איז געקומען אדר און דאָן ניסן און די פרעסט האָבן נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. די וועגן זיינען נאָך אַלץ געווען פאַרשנייט.

די פויערים אין די דערפער האָבן אָנגעהויבן פאַרויסזאָגן אַ שלעכט-יאָר. דער פרילינג האָט זיך פאַרשפּעטיגט און עס וועט קיין צייט ניט זיין צו פאַרזייען די פעלדער.

אידן האָבן אָנגעהויבן טראַכטן פון מתפלל זיין. מען איז געקומען צו ר' מאיר'ן אים פרעגן, וואָס מען דאַרף און קען טאָן.

„מען קען דאָך ניט קוקן און שווייגן, ווען עס איז שוין נאָך פסח און די קעלטן האַלטן אָן און דער שניי ליגט נאָך אַלץ הויך אויף די פעלדער", האָט מען זיך אַרונטערגערעדט פון האַרצן.

ר' מאיר האָט זיך פאַרטראַכט, און פלוצים האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס עס איז געשען ווען ר' זושא איז ביי אים איינגעשטאַנען. ער האָט אַליין געהערט, ווי ר' זושא האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן דערמאָנטן פסוק. עס איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז די פרעסט און שנייען זיינען געקומען דורך ר' זושא'ן...

„אויב אַזוי", האָט דער האדריקאָווער רב ביי זיך געטראַכט, „מוז מען זיך ווענדן צו ר' זושא'ן, אַז ער זאָל פאַרריכטן דאָס, וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט".

האָט מען גלייך געשיקט אַ שליח קיין אַנאַפּאָליע און ר' מאיר האָט מיט אים געשיקט צו ר' זושא'ן אַ בריוול, דערציילנדיג אים, אַז דער שניי

ליגט נאָך אויף די פעלדער און אַז מען האָט מורא פאַר אַ הונגער, רחמנא לצלן.

דער שליח איז אָנגעקומען און דערלאַנגט ר' זושא'ן דאָס בריוול.

„אַזוי גאָר?" האָט ר' זושא אויסגערופן, ווי ער וואָלט אַליין געווען איבעראַשט צו הערן אַזאַ נייעס.

„עס שטייט דאָך אָבער ווייטער „ישלח דברו וימסם, ישב רוח ויזלו מים" (ער שיקט זיין וואָרט און זיי צעגייען, קערט איבער דעם ווינט און עס רינט וואַסער)...

מער האָט ר' זושא ניט געזאָגט. דער שליח איז צוריק געפאָרן קיין האדריקאָוו, אָבער איידער ער איז נאָך אין שטעטל אָנגעקומען איז געוואָרן וואַרים און דער שניי האָט אָנגעהויבן צעגיין...

ר' מאָטעלע טשערנאָבילער פלעגט אָנצייגן אויף ר' זושא אַנאַפּאָליער אַלס ביישפּיל פון אַ חסיד'ישן צדיק, וואָס האָט ניט גע'שמ'ט פאַר זיין לומדות, נאָר פאַר זיין צדקות.

ר' זושא אַליין, דערציילן חסידים, פלעגט אויף זיך זאָגן, אַז ער קען ניט לערנען, און גאַנץ אָפט פלעגט ער אַרויסצייגן גרויס צער צוליב דעם.

ר' זושא איז אַמאָל געקומען קיין נעסכיז און איז איינגעשטאַנען ביים נעסכיזער רבי'ן ר' מרדכי. דער נעסכיזער האָט ר' זושא'ן אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן חדר. אינמיטן נאַכט דערהערט דער נעסכיזער, ווי ר' זושא שפּאַצירט אַרום איבער'ן צימער און רעדט צו זיך אַליין.

„רבונו של עולם", האָט ר' זושא גע'טענה'ט. „איך האָב דיך ליב מיט לייב און זעל. איך בין גרייט פאַר דיר זיך מוסר נפש זיין. אָבער ווי קען איך דיר ריכטיג דינען, אַז איך ווייס ניט ווי אַזוי! איך קען ניט לערנען!" און ער האָט אָנגעהויבן לויפן איבערן הויז מיט אַזאַ ברען און התלהבות, אַז דער נעסכיזער האָט זיך דערשראָקן.

„לאָמיר פון האַנען אַרויס", האָט ר' מרדכי געזאָגט צו זיין גבאי. „עס איז אַ סכנה צו בלייבן אין הויז. מיר קענען נאָך פון ר' זושא'ס פייער פאַרברענט ווערן..."

אָבער ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס ר' זושא האָט ניט גע'שמ'ט פאַר קיין למדן, פלעגט ער צוזאַמענקומען מיט די גרעסטע לומדים און ריידן תורה און זאָגן גרויסע חדושים.

ער פלעגט אַפילו ענטפערן אויף שווערע לומד'ישע פראַגן.

אַ סך האָבן זיך געוואונדערט ווי דאָס קומט צו אים. ווען עפּעס פלעגט אים זיין קשה, פלעגט ער זיך איינשליסן אין אַ באַזונדערן חדר

און דאָרט וויינען און פייניגן זיך אזוי לאַנג ביז עס פלעגט אים אַלץ קלאָר ווערן....

חסידים האָבן געזאָגט, אַז אליהו הנביא פלעגט אין אזוינע מאָמענטן צו אים קומען און אים מגלה זיין אַלע סודות אין דער תורה.

ר' זושא אַליין האָט אָבער ניט געוואָלט, אַז מען זאָל זאָגן, אַז מען איז אים מגלה סודות פון הימל. ער האָט גראד געוואָלט, אַז מען זאָל עס צושרייבן צו זיין אייגענעם כח.

דער טשערנאָבילער, וועלכער האָט אַליין אויך געשמ'ט מער פאַר זיין צדקות און זיינע מופתים, ווי פאַר זיין לומדות, פלעגט מיט ר' זושאַ'ן זיך שטאַרק איבערנעמען, ספּעציעל נאָכדעם ווי דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן צווישן זיין ר' דוד'לען און ר' זושא'ס אייניקל יענטע דבורה'לע.

„דער זכות פון איר גרויסן זיידן זאָל אונז אַלעמען ביישטיין", פלעגט דער טשערנאָבילער זאָגן. „אַזאַ ריינע נשמה איז נאָך גאָר אויף דער וועלט ניט געווען".

ג.

אליהו הנביא׳ס תפילין

ר׳ זושא אנאפאליער׳ס ליבע צום פעלד. — התבודדות אין וואלד. — תפילין. — א מעשה מיט א מלך און א שמיד.

דער שידוך צווישן ר׳ דוד׳לען און יענטע דבורה׳לן האט ארויסגערופן גרויס אינטערעס אין דער חסידישער וועלט.

דער כלה׳ס מאמע האט זיך אבער ארומגעטראגן מיט א באהאלטענעם צער. זי איז געווען צו ארים צו קענען געבן נדן, קויפן דעם חתן מתנות און צוגרייטן דער כלה א געהעריגן אויסשטייער.

ר׳ מאטעלע האט זי פארזיכערט, אז ער פארלאנגט פון איר קיין זאך, ווייל ניט קיין נדן און קיין מתנות און האט אפילו צוגעזאגט צו פראווען די חתונה אויף זיין אייגענעם רעכנונג אין טשערנאבילער הויף. אבער ווי קומט מען עס אויף אלעם פארטיגן און ארויסלאזן א טאכטער ממש ווי זי שטייט און גייט?

יענטע דבורה׳לעס מאמע האט כאטש געוואלט קומען קיין טשער-נאביל אזוי, אז זי זאל זיך ניט דארפן שעמען פאר קיין מענטשן און עס זאל ניט אויסקוקן ווי דער טשערנאבילער טוט מיט איר חסד.

האט זי אנגעהויבן טראכטן פון פאר׳משכנ׳ען זיך אבער זי האט גאר ניט געהאט אין הויז וואס זאל האבן א ווערט, א חוץ א פאר תפילין פון איר טאטן, ר׳ זושא׳ן.

די תפילין זיינען געווען בארימט אין דער חסידישער וועלט און זיי זיינען ביי איר געווען טייער און הייליג. איז איר איינגעפאלן, אז זי זאל די תפילין געבן ר׳ דוד׳לען אלס נדן. דאס וואלט געווען א פיינער נדן און זי וואלט ניט געדארפט פארשעמט ווערן פאר מענטשן. אבער אויב זי וועט אוועקגעבן די תפילין וועט זי ניט האבן ניט אויף קיין אויס-שטייער און ניט אויף קיין דרשה געשאנק.

איז ביי איר געבליבן זי זאל די תפילין פארקויפן און מיט׳ן געלט אויסגעבן יענטע דבורה׳לן.

בעלנים אויף ר׳ זושא׳ס תפילין, האט זי געוואוסט, וועלן זיין א סך.

איז זי, אין באַגלייטונג פון איר טאָכטערל, די כלה, אַוועקגעפאָרן צו ר׳ מענדעלע קאָסאָווער, וועלכער איז געווען א מקורב צו דער פאַמיליע, און זי האָט אים אָנגעבאָטן די תפילין.

ר׳ מענדעלע, הערהערנדיג וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט איר געוואָלט געבן געלט בתורת מתנה און די תפילין זאָלן בלייבן ביי איר. האָט זי זיך אָבער אנטזאָגט פון דעם און האָט דערקלערט, אז קיין מתנות וויל זי ניט. פאַרקויפן די תפילין, דאָס איז מסחור. מתנות נעמען, דאָס ניט; ווייל עס שטייט „שונא מתנות יחיה" (ווער עס האָט פיינט מתנות לעבט).

האָט ר׳ מענדעלע צוגענומען די תפילין און איר דערפאַר געגעבן דריי הונדערט רענדלעך, וואָס איז געווען געגוג פאַר איר פאַר אַלע באַדערפנישן. זי האָט געהאַט געגוג אויף א שיינעם אויסשטייער, אויף מתנות פאַר׳ן חתן, אויף א שיינעם דרשה געשאַנק און אויף אַנדערע הוצאות.

פאַרדראָסן האָט איר אָבער נאָר, וואָס די תפילין זיינען ניט אָנגעקומען צו ר׳ דוד׳לען. אזא פאַר תפילין האָט ניט געזאָלט אַרויס פון דער משפחה. שפּעטער האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן, אז די תפילין זיינען אָנגעקומען צו ר׳ דוד׳לס אוראייניקל, הרב ר׳ מענדעלע כאַדראָוו, דער זון פון דעם טאַלנער־וויזניצער רבין, ר׳ מאָטעלע.

פון ר׳ מענדעלע קאָסאָוו׳ער זיינען די תפילין איבערגעגאַנגען צו זיין זון ר׳ חיים׳ל און פון אים צו זיין זון ר׳ מענדעלע, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס דער וויזשניצער רבי.

ר׳ מענדעלע האָט די תפילין איבערגעלאָזט פאַר ר׳ ברוך׳ל וויזשניצער און פון אים איז עס אָנגעקומען צו ר׳ אבא האָראָדענקער, וועלכער האָט עס נאָכהער איבערגעגעבן צו דעם דערמאָנטן ר׳ מענדעלע׳ן ווען ער איז געוואָרן זיין איידים.

ווי אזוי די תפילין זיינען אָנגעקומען צו ר׳ זושא׳ן, דערציילן חסידים אזא מעשה:

ר׳ זושא אַנאַפּאָליער האָט ליב געהאַט צו וואַנדערן אין פעלד און פאַרברענגען אין התבודדות אין וואַלד.

גאַנץ אָפט פלעגט ער אַרויסגיין אויף א שפּאַציר און ניט קומען צוריק פאַר עטליכע טעג צייט. עס פלעגט פאַסירן, אז ער זאָל אַרומוואַנדערן א ניט־געגעסענער און ניט פילן דעם הונגער.

וואָרום עסן איז פאַר ר׳ זושא׳ן בכלל געווען אַן איבעריגע זאַך. ער

האָט געגעסן נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט געפילט, אַז דאָס איז אַבסאָלוט נויטיק פאַר דער דערהאַלטונג פון זיין נשמה.

ווערט דערציילט, אַז איידער ר׳ זושא איז נתגלה געוואָרן, איז ער געווען אַן אונטער־שמש אין אַ קליין שטעטל. אויפגעהאַלטן האָט ער זיך אונטער דער הרובע, וואו מען האָט געגלויבט אַז ער שלאָפט, אָבער פלעגט אין דער אמת'ן זיצן גאַנצע נעכט און לערנען נגלה און נסתר. קיין שכירות האָט מען אים ניט געצאָלט, נאָר אַז ער פלעגט זיין הונגעריק האָט ער געדאַרפט גיין בעטן ביי די בעלי בתים מען זאָל אים געבן אָפּעסן. פלעגט ר׳ זושא דאָס טאָן נאָר דעמאָלט, ווען דער הונגער האָט זיך איבער אים גובר געווען.

האָט ער זיך באַטראַכט, אַז דאָס איז ניט קיין עסק. גיין זוכן וואו צו עסן, צייגט, אַז ער האָט חס וחלילה ניט גענוג אמונה אין רבונו של עולם. אויב די אמונה אין גאָט איז באמת שטאַרק דאַן דאַרף מען גאָר ניט גיין זוכן דעם שטיקל ברויט, מען דאַרף האָבן בטחון, אַז דער אייבערשטער וועט ניט פאַרלאָזן און וועט צושיקן וואָס עס איז באַשערט.

האָט ר׳ זושא אויפגעהערט גיין בעטן מאַלצייטן און איז געבליבן אין בית מדרש אַ הונגעריגער.

עס איז אַוועק איין טאָג, אַ צווייטער און אַ דריטער, און ר׳ זושא האָט נאָך אַלץ קיין ביסן אין מויל ניט געהאַט. אים קימערט עס אָבער ניט. ער איז פאַרטאָן אין תורה און פילט ניט דעם הונגער.

איז אין הימל געוואָרן אַ רעש. סטייטש, דער הייליגער ר׳ זושא וועט נאָך אויסגיין פון הונגער!

האָט מען דאָרט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועמען מען זאָל אין שטעטל מזכה זיין מיט דער מצוה, אַז יענער זאָל ברענגען ר׳ זושא'ן וואָס צו עסן אין בית מדרש אַריין. איז ניט געווען אַזוינער און עס איז באַ־שלאָסן געוואָרן, אַז זיין שפּייז זאָל אים צוגעשיקט ווערן פון הימל...

דערציילט די אגדה, אַז אין ר׳ זושא'ס מויל זיינען אויסגעוואַקסן צוויי וואָרצלען, פון וועלכע דער צדיק האָט געזויגן מילך און האָניק און אַזוי זיך דערנערט חדשים נאָכאַנאַנד...

איינמאָל איז געקומען אַן אורח אין בית מדרש און פאַר דער באַדי־נונג וואָס ר׳ זושא האָט אים געגעבן, האָט ער אים באַלוינט מיט אַ מטבעה. אַזוי שנעל ווי דאָס איז געשען, זיינען די וואָרצלען פאַרשוואונדן און ר׳ זושא האָט זיך ווידער געדאַרפט דערנערן ווי יעדער בשר ודם...

האָט איינמאָל ר׳ זושא אַרויסגעוואַנדערט אין פעלד אַריין, זייענדיג

אזוי פאַרטראָגן אין עולמות, אַז ער האָט אפילו פאַרגעסן מיטצונעמען די תפילין. עס איז געווען פרי פאַרטאָג, און ווען די זון איז אויפגעגאַנגען און ר׳ זושא האָט געוואָלט זיך שטעלן דאַווענען אונטערן פרייען הימל, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט ניט קיין תפילין.

צוריקגיין אין שטאָט וואָלט געדאַרפט נעמען לאַנג און ער וואָלט נאָך פאַרשפּעטיגט תפילת שחרית.

האָט ר׳ זושא אָנגעהויבן ריידן צום רבונו של עולם הויך אויפן קול ווי דאָס איז תמיד געווען זיין שטייגער ווען ער האָט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן.

„זושא וויל דאַווענען“, האָט ער גע׳טענה׳ט, „אָבער האָט ניט קיין תפילין!“

ר׳ זושא האָט עס אָקאָרשט געהאַט ארויסגעזאָגט, ווען פון דערווייטן האָט זיך באַוויזן אַ גוי אין אַ שערמינקע און לאַפּצעס.

דער גוי איז געקומען ר׳ זושא׳ן אַנטקעגן.

„אַ איד?“ האָט דער גוי געפרעגט ר׳ זושא׳ן, ווען ער איז צוגעקומען נאָענט.

„יאָ, אַ איד“, האָט ר׳ זושא געענטפערט.

„איך האָב אידישע „באַגאַמאַליעס“ (הייליגע זאַכן), וועסטו זיי ביי מיר קויפן?“ און דער גוי האָט פון זיין טאָרבע ארויסגענומען אַ פּאָר תפילין.

ר׳ זושא האָט דעם גוי באַצאָלט וויפיל ער האָט געבעטן און ביי אים צוגענומען די תפילין און זיך געשטעלט דאַווענען.

די תפילין האָט ר׳ זושא נאָכדעם געהאַלטן פאַר אַ גוואַלדיגן שאַץ און חסידים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דערפאַר וואָס ר׳ זושא האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ניט געווען קיין פשוט׳ער גוי נאָר אליהו הנביא וואָס האָט אים געבראַכט די תפילין כדי ער זאָל רחמנא לצלן ניט נכשל ווערן אין קיין עבירה...

וועגן ר׳ זושא׳ס ליבע צו פעלד און וואַלד, ווערן דערציילט אַ סך מעשה׳לעך. ר׳ זושא אַליין האָט עס דערקלערט מיט אַזאַ מעשה׳לע:

עס איז אַמאָל געווען אַ שמיד, אַן אָרימער און פאַרגרעבטער מענטש, וואָס האָט כל ימיו אָפּגעלעבט אין אַ קליין שטעטל און האָט קיינמאָל קיין גרויסן און באַרימטן מענטשן אין די אויגן ניט אָנגעזען.

איז איינמאָל דורכגעפאָרן דער מלך, באַגלייט פון אַ גרויסע סוויטע, און אַלע זיינען געלאָפן אויפן וואונדער אים אָנקוקן און

אים אָפּגעבן כבוד. דער עולם איז געווען אַזוי גרויס, אַז ניט אַלע האָבן געקענט זען דעם מלך׳ס פּנים. דער שמיד איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן דעם מלך ניט געקענט זען און ער האָט צוליב דעם געהאַט גרויס צער. פון דעם וואָס דער שמיד האָט זיך אָנגעהערט וועגן מלך, איז ער געווען אַזוי גוט און גנעדיג, אַז מענטשן זיינען ממש אויסגעגאַנגען מיט ליבשאַפט צו אים.

האָט זיך אין שמיד׳ס האַרץ דערוועקט אַ שטאַרקע ליבע צום מלך און וואָס גרעסער זיין ליבע איז געווען אַלץ גרעסער איז געוואָרן זיין באַגער דעם מלך אָנצוקוקן.

האָט ער אויספאַרקויפט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט און מיטן געלט זיך אוועקגעלאָזט נאָך דער הויפּטשטאָט, וואו דער מלך האָט געהאַט זיין רעזידענץ.

ער איז געקומען צום קעניגלעכן פּאַלאַץ, אָבער מען האָט אים דאָרט ניט אַריינגעלאָזט. האָט ער זיך געשטעלט ביים טויער, האָט מען אים פון דאָרט אוועקגעטריבן. אָבער ער איז צוריקגעקומען. אַזוי האָט מען אים געהאַלטן אין טרייבן און ער איז תמיד צוריקגעקומען.

איינמאָל איז דער קעניג אַרויסגעפאָרן פון טויער אין זיין קאַרעטע, האָט זיך דער שמיד אים געוואָרפן אין וועג. האָבן דעם קעניג׳ס באַגליי-טער אים געוואָלט אוועקשטויסן. האָט דער מלך אים דערזען און געהייסן מען זאָל דעם שמיד צו אים צולאָזן

דער שמיד האָט אים דערציילט, אַז ער טראָגט זיך שוין אַ לאַנגע צייט אַרום מיט גרויס ליבשאַפט און בענקשאַפט צו אים און ער גאַרט אָנקוקן זיין פּנים. איז דעם קעניג געפעלן געוואָרן וואָס אַ פּראָסטער מענטש פון פאָלק איז אַזוי איבערגעגעבן צו אים.

„ביזט שוין איצט צופרידן?" האָט דער מלך געפרעגט דעם שמיד.

דער שמיד האָט אים דערקלערט, אַז ער איז גליקלעך, וואָס ער האָט זוכה געווען אים צו זען, אָבער דאָס איז פאַר אים ניט גענוג. ער וואָלט בסדר וועלן זען דעם קעניג. און ער האָט אים גלייך פאָרגעלייגט אַ פּלאַן: דער מלך דאַרף דאָך האָבן אימיצן וואָס זאָל אַרומגיין אַרום זיינע פערד. זאָל ער אים פאַר דעם אָנשטעלן און ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט אים צו זען גאַנץ אָפט. האָט דער מלך איינגעוויליגט.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָט דער מלך געפרעגט דעם שמיד אויב ער האָט זיך שוין מיט אים אָנגעזעטיגט און דער שמיד האָט געזאָגט, ניין. ער איז אין אים אַזוי פאַרליבט, אַז ער מוז אים זען אַלע טאָג און

עטלאכע מאל א טאג, ממש פון אים קיין אויג ניט ארונטערלאזן.

„דו ביזט דאך אבער א פראסטער מענטש און קענסט ניט זיין מיינער קיין קאמערהער. איך קען דיר נעבן זיך ניט האלטן כסדר“, האט אים דער מלך דערקלערט.

„האב איך אן עצה“, האט הער שמיד געזאגט. „גיב מיר אפּ א צימער איבער דיינעם און איך וועל אין דיל אויסבויערן א לאך און דארט אריינשטעלן א פארגרעסער־גלאז דורך וואנען איך וועל קענען ארונטערקוקן אונטן. קיינער וועט מיר ניט זען און איך וועל דיך מיט מיין אנוועזנקייט ניט דארפן פארשעמען“.

איז עס דעם מלך געפעלן געווארן, און דער שמיד האט געקראגן די געלעגנהייט צו טאן וואס ער האט געוואלט און אויף אזא אופן האט ער געקענט זען דעם מלך'ס פנים אזוי אפט ווי ער האט נאר געוואלט.

„איצט פארשטייט איר שוין“, פלעגט ר' זושא אויספירן, „פארוואס איך מוז גיין אין וואלד, וואנדערן אויפן פרייען פעלד? אין בית מדרש, אין שול, דארט איז גאט'ס היכל (פאלאץ), דארט דארפן זיצן גרויסע לומדים. זיי דארפן כסדר זיין פון די אינווייניגסטע, פון די עומדים לפני המלך. זיי קענען גאט ברוך הוא ניט פארשעמען. זיי זיינען זיין צירונג, זיין שטאלץ“.

„איך בין אבער א פראסטער מענטש“, און ער פלעגט דערביי א זיפץ טאן. „איך קען ניט לערנען. איך בין ווי דער פראסטער שמיד, וואס קען פארשעמען דעם מלך ווען ער זאל זיך כסדר געפינען נעבן אים. שפאציר איך מיר ארום אין וואלד, אויפן פרייען פעלד, וואו איך קען זען די גרויסקייט פון גאט, זיינע גרויסע וואונדער, זיין שיינקייט און זיין מאכט ניט פון אינווייניג, אין זיין פאלאץ, נאר פון דרויסן... קען איך ארויסצייגן מיין גרויס ליבשאפט צו גאט, זיין כסדר נאענט צו אים און דאך אים ניט דארפן פארשעמען!“...

חסידים פלעגן אבער זאגן, אז דאס איז נאר געווען אויס עניוות. אין דער אמת'ן האט ר' זושא זיך פיל נענטער באהעפט מיט דעם באשעפער פון דער וועלט אין פעלד און אין וואלד ווי זיצנדיג אין בית מדרש. ווארום ר' זושא האט געזען די געטלעכקייט אין יעדן גרעזל, אין יעדן בוים, אין דעם געזאנג פון פויגל און אין דעם מורמל פון א פליסנדיגן טייכל. ער האט אויך געהאלטן, אז לערנען גאט און אנטפלעקן זיינע סודות קען מען ניט נאר אין ספרים, נאר אויך אין זיינע באשאפונגען, וואס אנטפלעקן זיך פארן אויג.

ד.

„סליחות“

ווי ר׳ דוד׳ל טאלנער האָט דורכגעפירט א וויכטיגע שליחות. — געווינט א מתנגד מיט א נייעם פירוש אויף א שטיקל גמרא. — די ראשי תיבות פון „ש׳ס“.

ר׳ דוד׳ל האָט אָנגעהויבן שם׳ן נאָך איידער ער איז געוואָרן א רבי, ווען ער איז נאָך געזעסן אין טשערנאָביל ביי זיין טאַטנ׳ס טיש. און גע׳שם׳ט האָט ער ניט נאָר פאַר זיין תורה, נאָר אויך פאַר זיין חכמה.

ר׳ דוד׳ל איז נאָך גאָר א יונגערמאַנטשיק געווען, ווען צום טשער־נאָבילער הויף האָט זיך דערטראָגן ווענן א מעשה נורא, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין א וויטיגען שטעטל, וואָס האָט אין טייל געהערט צו דער טשערנאָבילער „מלוכה“.

מיר זאָגן „אין טייל“, ווייל, ווי א סך אַנדערע שטעטלעך, איז יענעס שטעטל אויך געווען צעטיילט צווישן חסידים און מתנגדים, און די חסידים אליין זיינען געווען צעטיילט אין פאַרשידענע קלייזלעך, געהערנדיג צו פאַרשידענע רביים.

אין אַזאַ שטעטל האָבן ניט געפעלט קיין מחלוקות. עס זיינען אָפט פאָרגעקומען געשלעגן, און ניט דוקא צווישן מתנגדים און חסידים, נאָר טאַקע אויך צווישן חסידים פון די פאַרשידענע רבי׳אישע דינאַסטיעס.

דאָס וואָלט נאָך אפשר ניט געווען קיין בייז און מען וואָלט אויף דעם זיך גאָר ניט געדאַרפט אָפּשטעלן...

אין אָבער יענעם שטעטל געווען אַן אויסנאַם און דאָרט איז זיך פאַרלאָפן אַזוינס, וואָס האָט אויפגערודערט דעם טשערנאָבילער הויף.

דער ראש פון די מתנגדים דאָרט איז געווען א ווילנער איד, מיטן נאָמען משה חיים. איז דער דאָזיגער משה חיים ניט נאָר געווען רייך און תקיף, נאָר אויך א גרויסער למדן, פון די אמת׳ע ליטווישע למדנים, ביי וועמען תורה שטייט העכער פון עבודה, און וועלכער האַלט זיך ביים כלל, אַז „תורה — כנגד כולם“.

משה חיים איז אין שטעטל געווען באַזונדערס תקיף צוליב זיין

חשיבות ביים פריץ, וועלכער האָט געהאַלטן דאָס שטעטל אין זיינע הענט. משה חיים האָט מיטן פריץ געפירט גרויסע מסחרים און זיין וואָרט איז ביים פריץ געווען חשוב.

זיך פאַרטשעפּן מיט משה חיים'ען האָט געמיינט זיך פאַרטשעפּן מיטן פריץ, וואָרים דער פריץ האָט געוואוסט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין שטעטל. געוואוסט ממש, וואָס ביי יעדן אין טעפּל קאָכט זיך.

משה חיים איז גראָד געווען אַ גאָטספאָרטיגער איד; איז געזעסן ימים ולילה און געלערנט; אַכטונג געגעבן, אַז אין שטעטל זאָל זיין אַ תלמוד תורה און אין תלמוד תורה זאָלן זיין די ריכטיגע מלמדים; האָט זיך געזאָרגט, אַז עס זאָל זיין אַ חברה ש"ס, אַ חברה משניות און חברות פאַר אַנדערע לומדים. וואָרים דער עיקר איז געווען ביי אים לערנען, און געוואָלט האָט ער, אַז יעדער איד, ווי פּראָסט ער זאָל ניט זיין, זאָל עפּעס לערנען, טרינקן פון דעם גרויסן קוואַל.

ער איז אָבער אויך געווען זייער אַ שטרייטנגער מענטש, אַ עקשן און אַ קפּדן, באַזונדערס ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן תורה זאַכן. די הנהגה אין שטעטל און אין בית מדרש האָט געמוזט זיין ווי ער האָט געוואָלט און דאָס האָט געמיינט, אַז מען האָט זיך געמוזט פירן ליטוויש־לומדיש.

די חסידים אין שטעטל האָט משה חיים שטאַרק גע'רודפ'ט, און אויף אים קוקנדיג האָבן עס אויך געטאָן די אַנדערע מתנגדים, וועלכע, געשיצט פון משה חיים'ען, זיינען געגאַנגען מיט פאַררייסענע קעפּ.

אויף די חסידים איז משה חיים געווען אש להבה. זיי זיינען ביי אים, רחמנא לצלן, געווען „עוכרים", אידן וואָס זיינען אינגאַנצן אַרונטער פון דרך הישר. דערהויפּט האָט אים געבּרענט, וואָס די חסידים לערנען ניט קיין תורה, וואָס זיי גיבן זיך צופיל אָפּ מיט עבודה און אַנדערע „נאַרישקייטן", ווי ער פלעגט עס רופן.

האָבן חסידים אויך ניט געשוויגן, און זיך געהאַט פאַרמאָסטן געגן דעם „געבראָטענעם" ליטוואַק. אָבער די חסידים האָבן ווייט ניט געקאָנט גיין. זיי האָבן באַלד דערפילט די האַנט פון פריץ.

האָבן חסידים געמוזט אַרונטערבויגן די קעפּ און ליידן. מאַנכע פון זיי האָבן אפילו פּרובירט זיך זען מיט'ן פריץ און אָנריידן אויף משה חיים'ען; צייגן דעם פריץ, וואָס פאַר אַ עוולה עס ווערט קעגן זיי באַגאַנגען. דער פריץ האָט זיי אָבער אפילו ניט געוואָלט אויסהערן און זיי פון הויף אַרויסגעטריבן, אָנרייצנדיג אויף זיי זיינע הינט.

ווארים דער פריץ האָט שוין אין פאָרויס געוואוסט אַלע טענות, וואָס די מתנגדים און חסידים האָבן איינע צו די אַנדערע און ער האָט געהאַלטן מיט די מתנגדים.

„חסידים זיינען פראים — פאַנאַטיקער", פלעגט ער זאָגן.

היינט גיי טענה זיך אוים מיט א גוי, ווען א אידישער קאָפּ שטעקט הינטער דעם און דער עיקר, ווען ער לאָזט זיך גאָר ניט ריידן און רייצט גלייך אָן זיינע בייזע הינט.

דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ווען אַ חסיד איז געקומען צום פריץ און פּרובירט מיט אים איינ'טענה'ען, איז זיין ענטפער באַלד געווען:

„איך וועל רופן משה חיים'ען ער זאָל דיר פאַרהערן אין לערנען. אויב דו ביזט א למדן איז גוט, אויב ניט, האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו ריידן".

דאָס זיינען געווען משה חיים'ס ווערטער. ווארים ביים ליטוואַק איז געווען נאָר איין פּראָבע: קען אַ איד לערנען, דאַרף מען פאַר אים האָבן דרך ארץ, ווען ניט, דאַרף מען אים ממש עוקר מן השורש זיין.

אזוי איז אָנגעגאַנגען די מחלוקה פאַר יאָרן און די חסידים זיינען שוין מער-ווייניגער געווען צוגעוואוינט צו זייערע צרות. זיי האָבן געליטן אין דער שטיל און געהאָפט אויף בעסערע צייטן. זיינען זיי אָבער געווען ווי אָפּגעשניטן פון דער וועלט, פון זייער מקור — זייערע רביים. משה חיים האָט ממש געלייגט אין חרם יעדן חסיד, וואָס איז געפאָרן צו זיין רבי'ן.

„עס איז אַ בטול פון צייט און אַרויסגעוואָרפן געלט" — פלעגט ער זאָגן. און ער פלעגט ריידן כל דבר אָסור אויף די רביים.

און ניט נאָר דאָס, משה חיים האָט אפילו ניט געוואָלט צולאָזן קיינעם פון די רבי'אישע שלוחים צו די חסידים.

חסידים, ווי דער שטייגער, ווערן אָפט באַזוכט פון רבי'אישע שלוחים, ספּעציעל פון די „שדרי'ם", די ישנ'יגע וואָס קומען אויפמאָנען די „מעמדות" — די שטייערן, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויף די חסידים פאַר דער אויפהאַלטונג פון רבינ'ס הויף.

משה חיים האָט פאַרבאָטן די דאָזיגע „שדרי'מניקעס" צו קומען אין שטעטל.

„זיי קומען בלויז שערן די וואָל פון זייערע לעמען", פלעגט ער זאָגן און האָט אזוינע פאַרשטייער פון רבינ'ס הויף ממש אַרויסגעטריבן פון שטעטל „בתופים ובמחולות".

איינמאל האט פאסירט א גרויסע נבלה. א טשערנאָבילער „שדרים׳־ניק“ האט זיך אריינגע׳גנב׳ט אין שטעטל, אָבער נאָך איידער משה חיים האט זיך וועגן דעם דערוואוסט, האט עס שוין דערגרייכט צום פּריץ און מען האט דעם דאָזיגן אידן אוועקגענומען אין פּריץ׳ס הויף און אים דאָרט איינגעטיילט שמיץ און אים ארויסגעטריבן פון שטעטל.

משה חיים האט אפילו געזאָגט, אז ער האט פון דעם ניט געוואוסט און, אז עס איז ניט זיין שולד, וואס עס איז געגאנגען אזוי ווייט. אָבער די חסידים האָבן אים געהאלטן פאראנטוואָרטלעך פאר דעם און זיינען אויף אים געווען מלא רציחה, כאָטש זיי האָבן אים דערפאר גאָר ניט געקאָנט טאָן.

ווען די נייעס וועגן חעם האט זיך דערטראָגן אין טשערנאָבילער הויף, איז מען געווען שטארק אויפגעבראכט. מאנכע פון די פּני פון הויף האָבן געהאלטן, אז דער טשערנאָבילער צדיק טאָר אזוינס ניט פארשווייגן און דארף זען, אז דער ליטוואק זאָל קריגן זיין שטראָף, און פאר׳ן טשערנאָבילער וואָלט עס ניט געדארפט זיין שווער. ער האט נאָר געדארפט זאָגן א שארף וואָרט און דער ליטוואק וואָלט שוין געהאט זיין מפּלה...

האט אָבער דער טשעחנאָבילער ניט געוואָלט שילטן קיין אידן, זאָל עס אפילו זיין אזא איד ווי משה חיים.

„אימיצער האט אהין געדארפט אריבערפאָרן“ — האט דער טשער־נאָבילער געזאָגט.

אָבער ווער וועט דאָס ריזיקירן אהין פאָרן, ווען דאָס מיינט ממש איינשטעלן דאָס לעבן?

האט ר׳ דוד׳ל געהערט פון דעם און האט באלד דערקלערט, אז ער אונטערנעמט זיך אהין צו פאָרן.

האט מען אים אָנגעקוקט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. נאָך אזוי יונג און אזוי אומדערפאָרן, ווי לאָזט מען אים אויף אזא געפערלעכער שליחות? אָבער, אז ר׳ דוד׳ל זאָגט, אז ער וועט פאָרן, פאָרט ער, און קיינער וואָגט ניט זאָגן א וואָרט דערגעגן.

האט זיך ר׳ דוד׳ל ארויסגעלאָזט אויף חער נסיעה און דווקא אליין, אָן באגלייטער און אָן צערעמאָניעס.

און אריינגעפאָרן איז ער אין שטעטל, ניט ארויסגעבנדיג זיך ווער ער איז.

אָנגעקומען איז ער אין שטעטל ערב שבת פאר סליחות. שבת האט

ער פארבראכט אויף זיין אכסניה און איז כמעט גאר ניט באמערקט גע־וואָרן אין שטעטל. שבת צונאכט, נאך הבדלה, איז ער אוועק אין בית־מדרש און זיך געזעצט לערנען און געלעכנט האט ער מיט גרויס התמדה ביז פארטאג, ווען דער עולם האט זיך אנגעהויבן צוזאמענקומען צו סליחות.

געלערנט האט ר׳ דוד׳ל גמרא, און געלערנט הויך אויפן קול, ווי דער שטייגער. פון די ערשטע, וואס זיינען געקומען אין בית מדרש איז געווען משה חיים. באמערקנדיג ווי אימיצער זיצט אין א ווינקל פאר א ליכט און לערנט הויך אויפ׳ן קול גמרא, האט עס צוגעצויגן זיין אויפמערק־זאמקייט.

משה חיים האט זיך א ווייל צוגעהערט און איז געווען שטארק פארוואונדערט. זיין אויער האט אויפגעכאפט, וואס דער אומבאקאנטער יונגערמאן לערנט. ער האט דייטלעך געהערט ווי ער לערנט די ערשטע משנה פון דער מסכת בבא מציעה: „שניים אוחזין בטלית“, און האלט כסדר אין איבער׳חזר׳ן די משנה ווי ער וואלט פון איר ניט געוואלט אפטרעטן.

די ערשטע משנה איז ניט אזא שווערע, אז מען זאל זיך אויף איר דארפן לאנג אפשטעלן. איז ביי משה חיים׳ען געבליבן, אז דער יונגערמאן מוז ניט זיין פון די גרויסע לומדים, אויב ער האלט אזוי לאנג ביי דער משנה און טרעט פון איר ניט אפ.

אבער פון זיין ניגון און פארטיפטקייט איז געווען קלאר, אז די אור־זאך איז גאר, וואס דער יונגערמאן קען מיט זיך אליין ניט צוהעכטקומען און זעט אין דער משנה גרויסע סתירות.

אלס למדן האט זיך משה חיים ניט געקענט איינהאלטן און איז צוגעקומען צו ר׳ דוד׳לען. ער האט זיך מיט אים פאנאדערגערעדט און באלד אויסגעפונען, אז ר׳ דוד׳ל זעט טאקע גרויסע סתירות אין דער משנה און קען ממש פון דארט ניט אפטרעטן איידער אלץ ווערט אים רעכט.

משה חיים האט אים פרובירט פארענטפערן זיינע קשיות, אבער ר׳ דוד׳ל האט אים געצייגט, אז די ענטפערס פארענטפערן ניט זיינע קשיות.

זיי זיינען אריין אין א טיפן פלפול.

„מיר וועלן עס מוזן איבערלאזן פאר שפעטער“ — האט אים משה חיים געזאגט, ווען עס איז געקומען די צייט אנצופאנגען זאגן סליחות.

נאָך סליחות און נאָכן דאַווענען האָט משה חיים פאַרבעטן ר׳ דוד׳לען צו זיך אין דער היים.

„מיר וועלן דאָרט דערענדיקן אונזער פּלפּול וועגן דער משנה" — האָט ער אים געזאָגט.

אויפן וועג האָט אים משה חיים געפרעגט, צו ער איז געקומען אין שטעטל אויף עפּעס א שליחות.

אלס ווילנער, האָט משה חיים אנשטאָט „שליחות" אַרויסגעזאָגט „סליחות", פאַרבייטנדיג דעם „ש" אויף א „ס". ר׳ דוד׳ל, וואָס האָט ליב געהאַט א גלייכווערטל, האָט אויף דעם באַמערקט:

„געקומען בין איך טאַקע אויף א שליחות, אָבער דאָס האָט אויך צו טאָן מיט „סליחות" — ווייל פאַרגעבן וועט אין דעם ענין מיינען גאָר א סך"...

„און ווען איר האָט אַזאַ אויפגאַבע, זיצט איר גאָר אין בית מדרש און לערנט ש"ס?" האָט משה חיים געפרעגט האַלב פאַרוואונדערט.

„דאָס דאַרף איך נישט וואונדערן, ווייל די ראשי תיבות פון שליחות און סליחות זיינען „ש"ס", האָט ר׳ דוד׳ל געענטפערט.

משה חיים׳ען איז די המצאה שטאַרק געפעלן געוואָרן. הייסט עס, אַז ער האָט דאָ צו טאָן, נישט בלויז מיט א גרויסן למדן, נאָר אויך מיט א גרויסן חכם און זיין פאַרערונג פאַרן יונגנמאַן איז געוואַקסן.

שפּעטער, אין הויז, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך א לענגערע צייט מפלפל געווען און ר׳ דוד׳ל האָט אַרויסגעוויזן נייע לומדות און נייע טיפקייט, האָט ער צו משה חיים׳ען פּלוצים א זאָג געטאָן:

„ווייסט איר, מיר איז איינגעפאַלן, אַז דער פּירוש פון דער משנה איז גאָר אַן אַנדערער. עס באַציט זיך אויף דער מחלוקה צווישן חסידים און מתנגדים. און אַט זעט, וואָס די משנה זאָגט: שנים אוחזין בטלית, צוויי האַלטן א קלייד, איינער זאָגט, אַז ער האָט זי געפונען און דער צווייטער זאָגט, אַז ער האָט זי געפונען — איינער זאָגט, אַז זי געהערט אינגאַנצן אים און דער צווייטער זאָגט, אַז זי געהערט אינגאַנצן אים. דאָס איז פּונקט, וואָס חסידים און מתנגדים טוען. זיי האַלטן זיך ביידע אָן אידישקייט און יעדער פון זיי טענה׳ט, אַז זי געהערט אינגאַנצן אים, אַז ער איז גאַנצער בעל הבית און וויל דעם צווייטן צד אינגאַנצן פאַר-שטויסן. פּסקנ׳ט אָבער די משנה, אַז אין אַזאַ פאַל דאַרפן זיי ביידע שווערן, אַז בלויז א העלפט פון קלייד געהערט צו יעדן פון זיי און דאַרפן זיך מיט איר צעטיילן.

„יעדערער פון זיי קריגט א העלפט. און דאס איז טאקע, וואס חסידים און מתנגדים מוזן טאן. ביידע צדדים מיינען, אז זיי זיינען גערעכט, אז זיי דינען גאט אויפן בעסטן וועג, אבער קיינער פון זיי קאן נישט אוועקנעמען דעם גאנצן בגד פאר זיך. זיי קאנען זיך נאר צעטיילן און לעבן בשלום"...

דערהערנדיג אזוינע דבורים, איז משה חיים אריין אין גרוים התפעלות.

„און ווי פאלט אייך דען איין, אז דאס באציט זיך אויף חסידים און מתנגדים?" האט ער געפרעגט, „צו וועלכן צד געהערט איר דען אליין?"

„פונקט צום צווייטן צד — צו די חסידים" — האט ר׳ דוד׳ל געענטפערט.

„אבער אייך איז ועס פארציילעך, ווייל איר קענט לעקנען" — האט משה חיים פרובירט זיך פארענטפערן. „בדרך כלל זיינען חסידים אבער עם-הארצים. אט נעמט דעם טשערנאבילער רבי׳ן און זיינע בנים" — האט ער אנגעפאנגען.

„ליידער בין איך איינער פון אט די בנים" — האט ר׳ דוד׳ל געזאגט און געקוקט אויף משה חיים׳ען מיט א שמייכל.

דער ליטוואק איז געווארן צעטומלט און איז פאר א ווייל געבליבן ממש אן לשון.

ער האט באלד ר׳ דוד׳לען געבעטן מחילה, איז צו אים צוגעבונדן גע־ווארן בלב ונפש און געבליבן זיין פארערער זיין גאנצן לעבן.

משה חיים פלעגט שפעטער פארן צו ר׳ דוד׳לען אין וואסילקאוו און נאכדעם אין טאלנע און פלעגט ריידן וועגן צדיק מיט דער גרעסטער התפעלות.

ח.

טאַלנע׳ס נצחון

ווי ר׳ דוד׳ל איז געוואָרן רבי אין וואסילקאָוו. — זיין אומ׳חן אויף וואסילקאָוו. — פאַרוואָס ער האָט געוואָלט זיך פון דאָרט אַרויסקלייבן. — דעם רבין׳ס הויף ווערט איבערגעטראָגן קיין טאַלנע. — צוויי שטעטלעך האַלטן מלחמה איבער ר׳ דוד׳לס רביצין.

עס האָט גענומען פיל יאָרן איידער די אכט זין פון ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער האָבן אויפגעשטעלט זייערע הויפן. די אויסשפרייטונג פון א גרויסע רבי׳אישע גזע איז א לאַנגזאַמער פּראָצעס.

איז שוין געווען מער ווי צען יאָר נאָך ר׳ מאָטעלע׳ס הסתלקות, ר׳ דוד׳ל איז שוין געווען קרוב צו אכט און צוואַנציג יאָר, און פינף פון די אכט זין זיינען נאָך געזעסן אין טשערנאָביל ביי זייער ברודער, ר׳ אהרן, דער ממלא מקום פון זייער טאַטן.

בלויז ר׳ משה׳לע און ר׳ יעקב ישראל האָבן געהאַט זייערע אייגענע הויפן. דער ערשטער אין קאַרטשיטאָוו און דער צווייטער אין טשערקאַסע.

מאַכט זיך, אז וואסילקאָוו הויבט אָן לעכצן צו האָבן אַן אייגענעם רבין. דאָרט געפינען זיך א סך טשערנאָבילער חסידים און טשערנאָביל איז אזוי ווייט. קען מען זיך נישט פאַרגינען צו פאָרן צום רבי׳ן צו אָפט. וואסילקאָוו איז נאָענט פון קיעוו, וואו עס געפינען זיך גרויסע נגידים, די מערסטע חסידים. וואָלט געווען א גרויסער אויפטו צו האָבן א רבי אין וואסילקאָוו. מען וואָלט אהין געפאָרן פון דער גאַנצער געגנט אַרום. די דערהויבטערטע חסידים וואָלטן געהאַט א נייעם מקור פון וואַנען צו ציען זייער גייסטיגע יניקה.

חסידים האָבן שוין געהערט, אז ר׳ מאָטעלע׳ס זין שטעלן זיך אויף אייגענע הויפן. איז עס א גאַנץ פיינער איינפאַל אויפצושטעלן איינעם פון די הויפן אין וואסילקאָוו.

קומען וואסילקאָווער בעלי בתים אַרונטער קיין טשערנאָביל. דאָרט זיצן ר׳ מאָטעלע׳ס פינף זין, וואָס יעדער איינער איז ראוי צו ווערן א רבי פאַר זיך. דאַרף מען אויסקלייבן איינעם פון זיי.

ווּעמען אויסצוקלייבן ווייסן נאָך די וואָסילקאָווער בעלי בתים ניט. רעדט מען זיך פאַנאַנדער מיט הויפּלייט. מען הויבט זיך אָן פאַנאַנדער־פרעגן וועגן יעדן פון ר׳ מאָטעלע׳ס זין באַזונדער.

שטעלן זיי זיך צוערשט אָפּ אויף ר׳ אברהם׳לען, דער שפּעטערדיגער רבי פון טריסק. פאַרוואָס עפּעס ר׳ אברהם׳ל? פון אים ווייסן אַלע. ער שם׳ט פאַר זיין לומדות, פאַר זיין צדקות. ער איז אַ טאַטן׳ס אַ קינד.

וואַנדרן זיך צו אים די וואָסילקאָווער בעלי בתים און לייגן אים פאָר, אַז ער זאָל קומען קיין וואָסילקאָוו דאָרט אויפשטעלן אַ הויף.

ענטפערט זיי אָבער ר׳ אברהם׳ל האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס?

„ווערן אַ רבי? צו וואָס? איך קען ברוך השם לערנען און וועל זיך דערבייבער קענען מפרנס זיין פון עפּעס אַנדערש — מלמדות“...

פּראָבירן די וואָסילקאָווער בעלי בתים מיט אים איין׳טענה׳ן, ווילן אים באַווייזן וואָס פאַר גליקן עס דערוואַרטן אים אין וואָסילקאָוו. ר׳ אברהם׳ל וויל אָבער ניט זיין קיין רבי, אַלנפאַלס ניט אין וואָסילקאָוו, און ער שיקט זיי אָפּ צו די אַנדערע ברידער.

קומען די וואָסילקאָווער בעלי בתים צו ר׳ איציקלען, דער שפּעטער־דיגער רבי פון סקווירע.

ר׳ איציקל וויל אָבער אויך ניט ווערן קיין רבי.

„איך האָב אַ רייכן שווער“, זאָגט ער. „איך קען זיצן אויף קעסט און ניט דאַרפן זאָרגן וועגן חיונה“.

קומען זיי צו ר׳ נחום׳ען, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן רבי אין מאַקאַראָוו. אויך ער אַנטזאָגט זיך.

דאָס אייגענע טוט ר׳ יוחנן, דער שפּעטערדיגער רבי פון ראָח־מאַסטריווקע.

בלייבט נאָר איבער ר׳ דוד׳ל.

פון ר׳ דוד׳ל האָט מען אָבער געהערט דאָס ווינציגסטע. אַ גרויסער עניו און דערצו אַ „נסתר“ האָט נאָך דער ברייטער חסידישער עולם פון אים ניט שטאַרק געהאַלטן. עס האָט נאָך געדאַרפט נעמען יאָרן איידער מען וועט אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ צדיק און חכם ער איז.

ר׳ מאָטעלע׳ס אַ זון איז אָבער ניט קיין קלייניקייט און ווען מען האָט ניט קיין אַנדערן ווענדט מען זיך צו אים.

און ר׳ דוד׳ל שטימט באַלד איין צו פאָרן קיין וואָסילקאָוו.

„קיין מלמד קען איך ניט זיין“, זאָגט ער אין הלצה, „ווייל איך בין

א שוואכער למדן. אויף קיין קעסט קען איך ניט זיצן, ווייל איך האָב ניט קיין שוועך, און מיין שוויגער איז אָרים. קיין אַנדער קוואַל פון פּרנסה האָב איך אויך ניט. מוז איך ווערן א רבי"...

די וואסילקאָווער בעלי בתים קווענקלען מיט די פּלייצעס. זיי ווייסן נאָך ניט, אַז ר' דוד'ל האָט ליב צו זאָגן חכמות, אָפט אויף זיין אייגענעם רעכענונג. זיי ציטערט דאָס האַרץ טאָמער מיינט טאקע ר' דוד'ל ערנסט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז ער איז אַ שוואכער למדן און סתם אַ „לאָ־יוצלח". אָבער זיי האָבן קיין ברירה ניט און מען מאַכט אָפּ צו ברייננגען ר' דוד'לען קיין וואסילקאָוו.

— ווערט וואסילקאָוו אַ רבי'אישע רעזידענץ־שטאָט און ר' דוד'ל — אַ רבי.

עס איז אויך דאָ אַן אַנדער נוסח וועגן דעם ווי אזוי ר' דוד'ל איז געוואָרן רבי אין וואסילקאָוו. לויט דעם דאָזיגן נוסח זאָלן די וואסילקאָווער בעלי בתים זיך האָבן געווענדט צו ר' דוד'לען גלייך נאָך ר' מאָטעלע'ס הסתלקות.

ר' דוד'ל, צוזאַמען מיט דער גאַנצער רבי'אישער פאַמיליע, האָט זיך געפונען אין אנאטאָווקע, וואו ר' מאָטעלע איז נפטר געוואָרן און גע־בראַכט געוואָרן צו קבורה.

מען איז נאָך געזעסן שבעה, ווען די בעלי בתים פון וואסילקאָוו זיינען געקומען און אַנגעבאָטן ר' דוד'לען, אַז ער זאָל זיך באַזעצן אין זייער שטעטל און פון דאָרט משפיע זיין אויף אַ גרויסע צאָל חסידים, וואָס זיינען גרייט אים צו אַנערקענען.

ר' דוד'ל האָט זיך שטאַרק געבערעקלט. ער האָט ניט געוואָלט זיין דער ערשטער פון די ברידער, וואָס זאָל זיך אָפּטיילן פון טשערנאָביל, כאָטש זיין ברודער, ר' יעקב ישראל, האָט נאָך פאַרן טאַטנ'ס לעבן פרובירט גרינדן זיין אייגענעם הויף.

ר' דוד'ל, בטבע אַן עניו, האָט זיך געלאָזט בעטן. זיין מאַמע, די אלמנה, האָט אים אָבער געהייסן אָננעמען דעם כתב פון די וואסילקאָווער אידן און אים געגעבן איר ברכה.

ר' דוד'ל האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז ער פילט זיך ווי נחשון, וועלכער, לויט דער אידישער אגדה, איז געווען דער ערשטער אַריינצושפּרינגען אין ים, ווען די אידן זיינען אַרויס פון מצרים און דערזען, אַז פרעה און זיינע חיילות יאָגן זיך נאָך זיי...

משה האָט געזאָגט די אידן, אַז זיי זאָלן אָנהייבן גיין אין ים אַריין

און א גרויסער נס וועט געשען: דער ים וועט זיך שפאלטן. דער גרויסער עולם איז אבער נאך ניט געווען אזוי בטוח, אז משה׳ס ווערטער וועלן מקוים ווערן און עס האט זיך געמוזט געפינען אימיצער, וואס זאל זיי ווייזן דעם וועג, וואס זאל זיי צייגן זיין גרויסע אמונה און בטחון אין רבונו של עולם. נחשון איז ארייננעשפרונגען אין ים דער ערשטער און די איבעריגע אידן האבן אים נאכגעפאלגט. און דער נס איז געשען. דער ים האט זיך געשפאלטן...

און באלד הויבט ר׳ דוד׳ל אן אנטפלעקן זיין גרויסקייט פאר דער חסידישער וועלט. ער הויבט אן שם׳ען פאר א בעל־מופת און פאר א גרויסן חכם.

דאס פארעכץ קיין וואסילקאוו האלט זיך אין פארגרעסערן פון טאג צו טאג.

פופצן יאר זיצט ר׳ דוד׳ל אין וואסילקאוו. ער גיט דארט ארויס צוויי פון זיינע דריי חיבורים. זיין נאמען הויבט אן קלינגען איבער דער חסידישער וועלט.

ר׳ דוד׳ל האט אבער צו וואסילקאוו ניט קיין מזל.

זיין יענטע דבורה׳לע, אליין א גרויסע צדקת, ברייננט אים קינדער אויף דער וועלט. אבער זיי האלטן זיך ניט, רחמנא לצלן. גלייך נאכן געבורט שטארבן זיי אוועק.

איז דער רבי אין צער און מיט אים אויך אלע זיינע מקורבים. ר׳ דוד׳ל פארט אויפן קבר פון זיין טאטן אין אנאטאווקע. ער קומט מתפלל זיין אויפן קבר פון זיין זיידן, ר׳ נחום, און ער באזוכט אויך די קברים פון זיין זיידן ר׳ דוד לאה׳קעס, נאך וועמען ער איז א נאמען, און פון זיין ווייב׳ס זיידן, ר׳ זושא אנאפאליער.

ער שיקט קוויטלעך צו זיין ברודער ר׳ אהרן, וועלכער איז בארימט פאר זיין צדקות, און צו אנדערע באוואוסטע צדיקים פון זיין צייט.

עס העלפט אבער ניט.

ווייסט ר׳ דוד׳ל פון דער גמרא, אז משנה מקום משנה מזל, אז איבערקלייבן זיך אין א ניי פלאץ איז אפט א סגולה, אז עס זאל ווערן בעסער.

דריינגט דער געדאנק טיפער אריין אין זיין גערעכניש, אז ער דארף פארלאזן וואסילקאוו.

דערווייל קומען אויך פאר אנדערע אנטוויקלונגען.

ר׳ דוד׳לס נאכפאלגערשאפט צעוואקסט זיך. די „וועלט“ קלינגט

מיט זיין גדולה. ווערט עס דערטראָגן צו דער רוסישער ממשלה און מען הויבט דעם צדיק אָן צו רודף'ן.

וואסילקאָוו איז נאָענט צו קיעוו, וואו עס איז פאראַן אַ גובערנאַטאָר, אַ שונא פון חסידים און חסידות בפרט און אידן און אידישקייט בכלל.

אַלע ווײַלע שיקט מען קיין וואסילקאָוו אַגענטן אויסצושפּיאָנירן, וואָס עס קומט פאָר אין ר' דוד'לס הויף.

עס פעלן אויך ניט קיין בייזע צינגער און קיין מוסרים, וואָס זאָלן דערטראָגן „ראָנאָסן" (מסירות) קיין קיעוו. צי דאָס זיינען פארביטערטע מתנגדים אָדער חסידים פון אנדערע רביים איז שווער צו זאָגן. דערווייל ליידט מען צרות.

קומט מען ווידער צו דער מסקנה, אַז וואסילקאָוו איז ניט קיין געווינטשטער פלאַץ פאַר ר' דוד'לען.

ער מוז זיך איבערקלייבן ערגעץ אין אַ שטעטל ווייט פון קיעוו, וואו ער זאָל ניט זיין אונטערן אויג פון דעם צורר'שן קיעווער גובער־נאַטאָר און וואו ער זאָל זיך געפינען מער אין צענטער פון זיין וואקסנ־דיגער חסידישער מלוכה.

פאַלט דאָס אויג אויף טאַלנע. טאַקע קליין און אָרים, אָבער דאָס איז קיין חסרון ניט. מען ווייסט שוין, אַז זאָל נאָר ר' דוד'ל זיך דאָרט באַזעצן און טאַלנע וועט אויפגעריכט ווערן.

און טאַלנע איז אַ געבענטשט פלאַץ. דאָרט זיינען ניט נאָר פאַראַן אַ סך פון ר' דוד'לס איבערגעגעבנסטע חסידים, דאָרטן איז אויך פאַראַן איינער פון די „חסידי אומות העולם" (גוטע גוים), וואָס צייגט גלייך באַצייטנס גרויס פריינטשאַפט צום רבין.

דאָס — איז דער באַוואוסטער און אייַנפלוסרייכער גראף שואוואַלאָוו, וועלכער וואוינט נעבן טאַלנע און האָט דאָרטן, אַ חוץ גיטער, אויך צוקער־פאַבריקן.

בלייבט עס, אַז ר' דוד'לס הויף זאָל זיך איבערטראָגן קיין טאַלנע.

דערהערן דערפון די וואסילקאָווער אידן און זיי זיינען אויסער זיך. פארלירן אַזאַ גדולה! וואסילקאָוו איז אויפגעריכט געוואָרן צוליב דעם רבין.

לויפט מען צו ר' דוד'לען און מען האָט צו אים טענות:

„ביי אונז זייט איר גרויס געוואָרן, פאַרוואָס זאָלט איר פון אונז אַוועק?"

ר' דוד'ל פארקנייטשט דעם שטערן. ער דערמאָנט זיך ווי אַזוי

די וואסילקאווער בעלי־בתים האבן מיט יארן צוריק זיך געקווײנקלט ביים נעמען אים פאר זייער רבי'ן. זיי האבן גאר געוואלט אימיצן אנדערש פון זיינע ברידער.

ער ענטפערט זיי מיט א שמייכל:

„פריער, אז איך האב געוואלט, האט איר ניט געוואלט, הערפאר איצט, אז איר ווילט, וויל איך ניט“.

און אלע באמיאונגען פון די וואסילקאווער אידן דעם רבין דארט צו פארהאלטן העלפן ניט. ר' דוד'ל קלייבט זיך איבער קיין טאלנע.

צוערשט פארט ער קיין טאלנע אליין. די רביצין לאזט ער נאך איבער אין וואסילקאוו.

האפן נאך אלע די וואסילקאווער אידן, אז ר' דוד'ל וועט זיי ניט פארלאזן. כל זמן די רביצין איז נאך דא וועט ער מעגלעך זיך נאך צוריקקערן.

אין א קורצער צייט ארום קומט אבער די ידיעה פון ר' דוד'לען, אז ער פארבלייבט אין טאלנע און בעט די רביצין אהין צו קומען.

דא גייען שוין די וואסילקאווער חסידים ארויס פון די כלים. זיי וועלן עס ניט דערלאזן. אויב זיי האבן ניט געקענט מאכן מיט גוטן וועלן זיי פרובירן מאכן מיט בייזן, מיט מאכט.

האבן זיי געשטעלט א וואך ארום הויז, וואו די רביצין האט געוואוינט און דערקלערט, אז זיי וועלן איר פון דארטן ניט ארויסלאזן. זיי וועלן זי האלטן אלס משכון ביז וואנען ר' דוד'ל וועט זיך צוריקקערן קיין וואסילקאוו און צוזאגן, אז ער וועט דארט פארבלייבן אויף ווייטער.

ווערט דאס הויז באוואכט טאג און נאכט און יענטע דבורה'לע, די רביצין, איז א געפאנגענע.

דערוויסט מען זיך פון דעם אין טאלנע. ווערט עס ביי די טאלנער א פראגע פון נצחון. אויב זיי האט שוין יא געטראפן אזא גליק, וועלן זיי ניט דערלאזן, אז דאס זאל זיך ארויסגליטשן פון זייערע הענט.

אבער וואס טוט מען ארויסצוקריגן די רביצין פון וואסילקאוו?

שיקט מען קיין וואסילקאוו א חברה פון געקליבענע חסידים. מען קומט אן אין א מיטן דער נאכט, ווען וואסילקאוו שלאפט שוין. יענטע דבורה'לעס הויז איז נאך אלץ באוואכט. די חסידים, וואס זיינען אויף דער וואך זיינען אבער פארשלאפן, און איינטוליענדיג זיך אין זייערע מאנטלען שפארט מען זיך צו, יעדער אין א באזונדער ווינקל און מען פאלט אריין אין א זיסן דרעמל.

דאָס איז די ריכטיגע צייט פאַר די טאַלנער חסידים צוצוקומען צום הויז. זיי קלאַפּן אָן אין פענסטער און דער רביצינ'ס א משרת'טע קומט צו. מען דערציילט נאָך וואָס די טאַלנער חסידים זיינען געקומען — ארויסצו'גנב'ענען די רביצין.

און כהרף עין ווערט אַלץ אָפּגעטאָן. נאָך איידער די דערמלענדיגע וואסילקאָווער חסידים ווייסן, וואָס עס איז געשען, איז שוין יענטע דבורה'לע אין דרויסן, זיצט אין וואָגן וואָס האָט פאַר איר געווארט און היידא. — די פייערדיגע סוסים גיבן זיך א לאָז ווי פייל פון בויגן און מען איז באַלד שוין ווייט אויסן שטעטל.

אויף מאָרגן, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען, איז שוין געווען צו שפּעט. וואסילקאָוו איז געווען אין צער, אָבער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. טאַלנע האָט טריאומפירט.

טאַלנע איז געוואָרן אויפגעריכט און אין דער געשיכטע פון חסידיזם האָט זיך אָנגעפאנגען א ניי קאַפּיטל.

ו.

ר׳ דוד׳לס גדולה

דער פּראַכט און גלאַנץ פון טאַלנער הויף. — דער „יאַריד" אין און אַרום הויף. — א מעשה מיט א קאַרליק.

חסידים זאָגן, אַז דער, וואָס האָט ניט געזען טאַלנע אין איר גדולה דער האָט ניט געזען קיין חסידישן פּראַכט און גלאַנץ. לאַנגזאַם האָט זיך טאַלנע דערהויבן צו איינעם פון די וויכטיגסטע חסידישע צענטערן, מיט ר׳ דוד׳לען אַלס איינעם פון די באַרימטסטע רביים.

דער טאַלנער הויף, וואָס האָט צוגעצויגן צענדליגע טויזנטער חסידים פון אוקראַינע און אַנדערע געגנדן, האָט ניט נאָר גע׳שם׳ט פאַר זיין גרויסע השפּעה אויף דער חסידישער וועלט, נאָר אויך פאַר זיין שיינקייט און רייכקייט; פאַר זיין אייגנאַרטיגן אויסזען און פאַרן עכט-חסידישן גייסט, וואָס דאָרט האָט געהערשט.

דער הויף איז געווען א שטעטל פאַר זיך, מיט זיין אייגנאַרטיגן לעבן און מיט זיין אייגנאַרטיגן פּאַראַנדעק. פאַרנעמענדיג א גרויסן שטח אין צענטער פון שטאָט, אויפן גוט פון גראַף שואוואַלאָוו, וועלכער איז געווען א גרויסער נכבד אין קייזערלעכן הויף אין פּעטערבורג און א גרויסער פאַרעהרער פון ר׳ דוד׳לען, ממש ר׳ דוד׳לס א „חסיד"...

ניט נאָר פלעגט גראַף שואוואַלאָוו באַזוכן דעם טאַלנער צדיק, נאָר האָט אויך א סך מאָל אויפגענומען דעם צדיק אין זיין פּאַלאַץ און ביי יעדער געלעגנהייט, ווען ר׳ דוד׳ל איז געווען אין אן עת צרה, אים געקומען צו הילף. דער גראַף פלעגט אפילו ניט פאַרגעסן שיקן דעם צדיק זיין „פּדיון", וואָס איז געווען אין דער פאָרמע פון צוקער און האָלץ און אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס ער פלעגט שיקן אין רבינ׳ס הויף מיט א ברייטער האַנט.

אַרומגעצאַמט פון אַלע זייטן, איז דעם רבי׳נס הויף געשטאַנען אָפּ־געזונדערט פון שטעטל און אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער וועלט.

דער הויף איז באַשטאַנען פון א ריי געביידן, מאַנכע פון זיי אמת׳ע פּאַלאַצן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שיינקייט. די פּאַלאַצן

זיינען געווען די וואוינונגען פון דעם רבין, ר׳ דוד׳לען, די רביצין און די קינדער און אייניקלעך. יעדער מיט זיין אייגענעם פאלאץ, מיט דינער און דינסטן, אויפזעהער און אויפפאסער.

פארשטייט זיך, אז דעם רבינ׳ס פאלאץ איז געווען דער שענסטער און אימפאזאנטסטער און האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין עשירות, מיט זיינע זילבערנע און גאלדענע כלים, מיט זעלטענע יקר־המציאות׳דיגע טע־פיכער און מעבל.

אין הויף זיינען געווען באזונדערע הייזער פאר די הויפט גבאים, א ספעציעל הויז פאר ר׳ יענקל חנה חייה׳לעס, דעם „שר החצר“; הייזער פאר די אייניקלעך פון בעל שם, וואס זיינען אויסגעהאלטן געווארן פון טאלנער רבי׳ן, און הייזער פאר די „יושבים“, די חסידים, וואס זיינען תמיד געזעסן אין רבינ׳ס הויף און זיינען געווען פון די „עומדים לפני המלך“, זיך אפגעבנדיג מיט תורה און עבודה און מיט חסידישער בטלנות.

דארט זיינען אויך געווען א ריי הייזער, פראסטערע און געוויינ־לעכערע, פאר משרתים און הויפלייט פון א נידעריגערער מדרגה.

איין הויז איז געשטאנען א ליידיגס, תמיד געווען געגרייט פאר גע־הויבענע געסט, וואס פלעגן קומען אין הויף. דארט האבן זיך אויפגעהאלטן רביים און אזוי צדיקים ווען זיי זיינען געקומען צו גאסט צו ר׳ דוד׳לען. דארט האבן זיך אויך אויפגעהאלטן מחותנים ווען אין הויף איז פארגעקומען א חתונה.

דעם אויבן־אן אין הויף האט פארנומען דער בית מדרש, וועלכער איז געווען גרויס און שיין און האט געקענט ארייננעמען איבער צוויי טויזנט פארשוין.

די גרעסטע געביידע אין הויף איז געווען דער שאלאש, וואו עס פלעגן שבתים און ימים טובים און אזוי ימי דפגרא פון רבי׳ן געפירט ווערן די טישן.

ניט ווייט פון שאלאש האט זיך געפונען דער מרחץ, וואס האט גע־האט אלע איינריכטונגען, איינשליסנדיג א שוויץ־באד, וואנעס און דער עיקר — א מקוה, אין וועלכער דער צדיק און די אנדערע הויפלייט פלעגן גיין טבילה.

אין ווינקל פון הויף זיינען געווען די קיכן — א באזונדערע קיך פאר פליישיגס און א באזונדערע קיך פאר מילכיגס. ביידע קיכן האבן געהאט זייערע אייגענע קוכער און קעכינס און באזונדערע משרתים, כדי איינס זאל זיך ניט אויסמישן מיט דאס אנדערע. דערביי איז געווען דאס

שלאַכטהויז, און פאַררוקט אין אַ ווינקל — די הייזער פאַר „נקיות".

אַ באַזונדער אָרט איז געווען פאַר שטאַלן פאַר די פערד און די קאַרעטעס, שליטנס און דאָס גלייכן. דאָרט זיינען אויך געווען שטאַלן פאַר קי, וועלכע האָבן דעם הויף באַזאָרגט מיט מילך.

פאַרשטייט זיך, אַז דער הויף איז געווען דער צענטער, דאָס האַרץ פון טאַלנע. וואָרום דער עיקר איז געווען דער הויף און דער תפל די שטאָט, ווייל געשפייזט האָט הער הויף די שטאָט און ניט די שטאָט דעם הויף.

טאַלנע האָט געצויגן איר חיונה פון הויף און דורך דעם הויף, צו וועלכן עס האָבן געשטראָמט חסידים פון הונדערטער מיילן ווייט.

אין הויף האָט זיך תמיד געפילט אַ הייליקייט, אַ שבת'דיגע מנוחה. ווי וואָכעדיג עס איז ניט געווען אויף הער נשמה, ווי פאַרטאָן מען איז ניט געווען אין העויות העולם, איז מען נאָר דורכגעגאַנגען דעם טויער פון הויף האָט מען זיך דערפילט שבת'דיג, יום־טוב'דיג; האָט מען געפילט די השפעה פון דעם צדיק, וועלכער איז געזעסן בחדרי־חדרים און צו וועמען מען האָט זיך קוים געקענט דערשלאָגן.

איז מען ארויס פון הויף אויפן צווייטן זייט פון צוים, האָט מען גע־פילט די וואָכעדיקייט פון לעבן. עס איז אָבער געווען אַ וואָכעדיקייט, וואָס האָט געאָטעמט מיט אַ באַזונדער סאָרט לעבן, וואָס מען האָט נאָר געקענט זען אין טאַלנע.

דאָרט האָבן זיך געפונען די אכסניות אין וועלכע חסידים, וואָס זיינען געקומען צום רבי'ן, האָבן זיך אויפגעהאַלטן.

דאָרט האָבן זיך אויך געפונען די קראָמען מיט אַלע מינים סחורות פאַר די אָנגעקומענע חסידים און פאַר דער שטענדיגער באַפעלקערונג. דאָרט זיינען אויך געווען די בעלי־מלאכות, די בעלי־עגלות, די כלי קודש און די בטלנים, וואָס האָבן זיך שטענדיג אַרומגעדרייט אַרום רבינ'ס הויף, צווישן די חסידישע געסט.

דאָרט זיינען געווען די גבאים, די קוויטל־שרייבער, די משולחים, וואָס האָבן געקליבן פאַרן הויף געלט פון די „מעמדות".

אַרום הויף, פונקט ווי אין הויף, האָט זיך תמיד געררודלט, געטומלט. תמיד זיינען געווען געזעמלעך חסידים, וואָס זיינען געקומען צום רבי'ן פאַר זיין ברכה, און אַזוינע, וואָס זיינען געקומען נהנה זיין פון זיין תורה און חכמה, זיך וואַרימען ביי זיין פייער, באַלויכטן ווערן פונ'ם ליכט, וואָס האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט...

האָבן בעלי־עגלות תמיד געהאַט פּאַסאַזשירן, האָבן בעלי־מלאכות תמיד געהאַט אַרבעט, האָבן קרעמער תמיד געהאַט פון וועמען צו לייזן און זיינען די אכסניות תמיד פול געווען.

כּלי קודש זיינען תמיד געווען פּאַרנומען. אין די שיינקן און אויף די אכסניות און, להבדיל בין קודש לחול, אין די שטיבלעך און בתי־מדרשים, זיינען תמיד געווען חסידים, וואָס האָבן זיך משמח געווען און וואָס האָבן זיך דערציילט וואונדער־מעשה׳לעך פון „אים זאָל לעבן“.

און פון „אים זאָל לעבן“ איז תמיד געווען וואָס צו דערציילן.

אין טאַלנע האָט מען ניט געקענט זיין קיין טאָג און מען זאָל ניט הערן קיין ניי וואונדער פון דעם צדיק.

עס קומען קיין טאַלנע חלאים, עקרות, עלטערן מיט קראַנקע קינדער, משוגעים: אזוינע וואָס זיינען חולי־נופלים, און אזוינע וואָס האָבן דיבוקים, אָדער אַנדערע פּעלערן. זיי געפינען אַלע זייער ישועה. קיינער פאָרט ניט צוריק פון טאַלנע מיט ליידיגן... קיינער קערט זיך ניט צוריק קיין אַנטוישטער...

דער צדיק טיילט אוים זיינע ברכות מיט אַ ברייטער האַנט. ער איז תמיד גרייט צו העלפן די, וואָס שטרעקן אוים זייערע הענט צו אים.

אַ וואָרט פון צדיק איז גענוג צו דערוואַרימען אַ פאַרגליווערטע נשמה; אַ שמייכל זיינער איז גענוג צו דערקוויקן אַ פאַרשמאַכט האַרץ.

זעצט זיך צו ביי אַ געזעמל חסידים אין אַ שיינק, אויף אַן אַכסניה, אָדער פאַרגייט אין בית מדרש און כאַפּט אַ שמועס מיט די יושבים אָדער מיט אימיצן אַנדערש, און איר וועט הערן די וואונדער פון טאַלנער...

אָט דערציילט מען אייך אַזאַ וואונדער:

געקומען אָט נעכטן, און אפשר האָט עס נאָך היינט פּאַסירט — די וואָס דערציילן אייך די מעשה ריידן ווי זיי וואָלטן עס געזען מיט זייערע אייגענע אויגן און געהערט מיט זייערע אייגענע אויערן, און אויב ניט מאַכט עס אויך ניט אוים. איר וועט דער צווייפלען אין דעם, וואָס מען דערציילט פון טאַלנער צדיק? — אַלנפאַלס דערציילט זיך די מעשה אָט אזוי. — געקומען קיין טאַלנע אַ איד פון מרחקים, מיט לאַ־עליכם, אַ טאַכטער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן פּעלער.

טאָקע אַ פיין קינד, אַ קלוג קינד, ממש אַ חכמה, אָבער פאַר קיין אידיש קינד געראָטן, אַ קליינגעוואַקסיגע. און ווי קליין, ממש אַ מפּיל. שוין אַכצן יאָר און זי איז נאָך גאָר ווי אַ קינד, ווי איינע פון אַ יאָר פינף־זעקס — אַ קאַרליק.

דאָס פּנים׳ל גאָרניט מיאוס. די אויגעלעך פינקלען און דאָס מײלכעלע — אָנגענעם. אָבער דאָס וואַקסט ניט.

זײנען ניטאָ קײן בעלנים אויף אַזאַ ניט־דערוואַקסן מײדל, בפרט נאָך, אַז דער טאַטע קען קײן גרויסן נדן ניט געבן און איז בכלל אַ מטופל פון קינדער. אויך אַנדערע טעכטער פאַראַן וועמען מען דאַרף אויסגעבן.

שוין געשיקט שדכנים אויף אַלע זײטן, אָבער מען געפינט אין ערגעץ ניט קײן בעלן.

און ווי קען מען דען דערוואַרטן אַ בעלן אויף אַזאַ פּיצל?

איז קײן אַנדער ברירה ניטאָ ווי צו קומען צום רבי׳ן. אולי ירחם! און ער, זאָל לעבן, דאַרף נאָר וועלן!

האָט זיך דער איד מיט דער טאָכטערל זײנער אַרונטערגעלאָזט קײן טאַלנע און זיך דערשלאָגן צום רבי׳ן.

דערלאַנגט אים זײן קוויטל און אָוועקגעלײגט זײן פּדיון.

לײענט דער צדיק איבער דאָס קוויטל און בלײבט זיצן מיט פאַר־מאַכטע אויגן אַ פאַרטראַכטער. אודאי איז עס אַ שווערער ענין. דער איד בעט גאָר ניט קײן קלײנע זאַך:

„רבי, זעט אַז מײן טאָכטער זאָל אונטערוואַקסן!“ איז דעם איחנ׳ס בקשה.

דער איד שטײט אין שרעק. זײן קלײן טעכטערל שטײט דערבײ מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן און אירע בעקעלעך רויטלען זיך. איר גורל הײנגט אויפן וואָגשאָל.

אין רבינ׳ס האַנט ליגט איר גליק, איר לעבן.

זאָל זי פאַרבלײבן ווי זי איז און זי איז אַ פאַרשטויסענע, אַ פאַר־זעסענע, אַן אײביגע צרה אויף איר טאַטנ׳ס קאָפּ, אַן אײביגע צרה פאַר זיך און פאַר אַנדערע.

זי הויבט אויף אירע אויגן און קוקט אָן דעם רבי׳נס פּנים. דער רבי זיצט נאָך אַלץ מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַר׳מח׳ט.

איז דער ענין באמת אַזאַ שווערער?

דער איד הויבט שוין אָן צו צווײפלען אין דער מעגלעכקײט, אַז זײן בקשה זאָל דערפילט ווערן. טאַקע פאַרלאַנגט צופיל. דאָס איז דאָך שוין גאָר ניט אין מענטשלעכע הענט, און דער צדיק, ווי גרויס ער זאָל ניט זײן, ווי הײליג ער זאָל ניט זײן, איז דאָך נאָך אַלץ ניט מער ווי אַ בשר־ודם.

אָבער פריער דער אײבערשטער און נאָכער דער צדיק.

אין חדר הערשט א טויטע שטילקייט.

דער רבי עפנט די אויגן. זיי זיינען לויטער און מונטער. דער פנים שטראַלט מיט פרייד.

דער איד ווערט פרייליכער: די האָפנונג ווערט שטאַרקער. עס קוקט אויס, אַז עס איז אַן „עת רצון"...

„וואו איז דיין טאָכטערל?" פרעגט דער רבי דעם חסיד.

דאָס פיצל מיידל איז נידעריגער פון רבי'נס טיש און דער צדיק האָט זי נאָך ניט אָנגעקוקט.

דער חסיד נעמט דאָס קינד פאַרן האַנט און פירט זי צו צום רבי'ן.

„אָט איז זי, רבי", זאָגט דער חסיד. „שוין אַכצן יאָר, און ווי איר זעט, נאָך גאָר א ברעקל. ווי קען מען אַזאַ קינד דערוואַרטן אויסצוגעבן?"

דאָס מיידל ציטערט ווי א בלאַט אין א שטורעמווינד. עס טרייסלען איר אַלע איברים פון שרעק. דעם צדיק'ס בליק איז אויף איר. זיין אויג נעמט דורך. זיין פנים וואַרפט אַן אימה.

„שרעק זיך ניט, מיין קינד", זאָגט דער צדיק צום מיידל. און זיין קול קלינגט צערטלעך און ווייך, זאַנפט און זיס. איבערן מיידל'ס לייב צעגיסט זיך אַזאַ מחיה'דיגע וואַרימקייט.

„קום אהער נענטער!" זאָגט דער צדיק. ער איז אַזוי פריינטלעך, אַזוי צוגעלאָזט, ווי א טאַטע, ווי איינער וועמען זי האָט שוין לאַנג געקענט.

דאָס מיידל מאַכט א שריט נענטער צום רבי'ן.

„קום צו נאָך נענטער, שרעק דיך ניט, מיין קינד!" רעדט צו איר דער רבי און דאָס מיידל קומט צו אַזוי נאָענט, אַז זי פילט שוין דעם אָטעם פון צדיק.

דער רבי זיצט אויף זיין שטול און דאָס מיידל שטייט פאַר אים און זי גרייכט קוים דעם טיש פאַר וועלכן דער רבי זיצט.

„זאָג מיר, טאָכטערשע", פאַנגט אָן דער צדיק, ווי ער וואָלט מיט איר געוואָלט אריין אין א שמועס. „וואָלסט וועלן אונטערוואַקסן, ווערן הויך אַזוי ווי א מיידל אין דיינע יאָרן דאַרף זיין?"

וואָס פאַר א פראַגע אויב זי וואָלט וועלן?

„יאָ, רבי. איך וואָלט עס שטאַרק געגאַרט! איך וואָלט מיין גאַנצן לעבן גאָט געלויבט פאַר דעם", ענטפערט דאָס מיידל און אין אירע אויגן שטעלן זיך טרערן.

„און ווי הויך, וואָלסטו א שטיינער געוואָלט זיין?" פרעגט דער צדיק און קוקט אָן דאָס מיידל. „וואָלסטו וועלן זיין אַזוי הויך?" און דער

טאַלנער הויבט אויף זיין האַנט אַ פּאָר טפחים איבער איר קאָפּ. „אַט אַזוי?" פרעגט ער איבער.

דאָס מיידל שאָקלט צו מיטן קאָפּ און כהרף עין דערוואַקסט זי צום רבי׳נס האַנד, איר קאָפּ שפּאַרט אונטער דעם רבי׳נס דלאָניע...

דער צדיק שמייכלט. דער טאַטע שטייט אין דער זייט פאַרוואונדערט. דאָס מיידל איז ווי פאַרטשאַדעט.

דער טאַלנער הויבט נאָך העכער אויף די האַנט.

„אָבער דאָס איז דאָך ניט גענוג! דו ווילסט דאָך אַוודאי זיין נאָך העכער, אַט אַזוי? אַ יאָ?" דאָס מיידל שאָקלט מיט׳ן קאָפּ און זי וואַקסט העכער. זי הויבט זיך אויף צום רבי׳נס דלאָניע...

דער צדיק חזר׳ט איבער דעם פּראָצעס נאָך אַ פּאָר מאָל און יעדעס מאָל וואַקסט דאָס מיידל צו אויף עטלעכע טפחים. אין עטלעכע מינוטן אַרום שטייט זי שוין אַ דערוואַקסענע, ווי איינע אין איר עלטער דאַרף זיין...

און אַזוינע מעשיות הערט איר אין טאַלנע אויף שריט און טריט.

ז.

דעם רבינ׳ס שטריימל

ר׳ דוד׳לס „קרוין". — ווי דעם רבי׳נס שטריימל איז גע׳גנב׳ט גע־וואָרן. — דאָס וואסילקאָווער מיידל און ווי אזוי זי איז געראַ־טעוועט געוואָרן פון שמד.

ר׳ דוד׳ל טאלנער פלעגט מאכן א גרויסן רושם מיט זיין אויסזען און זיין הילוך.

א קליין געוויקסיגער, אָבער אין זיין רבי׳אישן טראכט און שטריימל, וואָס איז געווען אַן אייל די הויך, לויט ווי חסידים גיבן איבער, האָט ר׳ דוד׳ל געמאכט אַן אומפארגעסלעכן איינדרוק און האָט זיך אויף אייביג איינגעקריצט אין זכרון.

ר׳ דוד׳לס שטריימל האָט שטארק גע׳שם׳ט אין דער חסידישער וועלט.

געניייט פון בעסטן פוטער און סאַמעט און, ווי געזאָגט, אַן אייל די הויך, האָט עס אויפן רבי׳נס קאָפּ אויסגעזען ווי א „קרוין", געבנדיג דעם צדיק א מאיעסטעטישן אויסזען...

האָבן חסידים טאַקע א סך צו דערציילן פון ר׳ דוד׳לס שטריימל.

איין מעשה איז ווי אזוי דאָס דאָזיגע שטריימל איז אַמאָל אַרונטער־גע׳גנב׳ט געוואָרן פון רבי׳נס קאָפּ.

פּאַסירט האָט עס אויף אַזאַ אופן:

דער צדיק איז א מאָל געזעסן ביי אַן אָפענעם פענסטער. דאָס איז געווען אויף איינע פון זיינע באַזוכן אין א חסידיש שטעטל. א גרויסער עולם איז זיך אָנגעלאָפן אין שטעטל צו זען דעם גרויסן צדיק און קריגן זיין ברכה. דאָס הויז, וואו דער טאלנער איז איינגעשטאַנען, איז ממש געווען באַלאַגערט פון הונדערטער חסידים.

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן אַזאַ גרויסן עולם האָבן זיך געפונען אַלערליי פאַרשוינען. עס האָבן אפילו ניט געפעלט קיין גנבים.

האָט איינער זיך פאַרגלוסט האָבן דעם טאלנער׳ס שטריימל, וואָס איז ווערט געווען א הון רב, און ווען דער דאָזיגער פאַרשוין האָט באַמערקט

דאָס שטריימל דורך אַן אָפענעם פענסטער, האָט ער ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון דאָס שטריימל ניט אַוועקצו'לקח'ענען.

פון דרויסן האָט עס געהאַט אויסגעזען ווי דאָס שטריימל וואָלט גע־לעגן ביים פענסטער. וואָרום מען האָט אַרויסגעזען בלויז דעם שפּיץ פון שטריימל און מען האָט ניט געקענט וויסן, אַז דאָס שטריימל איז אויפן טאַלנער'ס קאָפּ, און אַז דער צדיק אַליין זיצט דאָרט.

האָט דער איד אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אָנגענומען דעם שפּיץ פון שטריימל. דער טאַלנער האָט דערפילט, אַז אימיצער הויבט אָן אַרונ־טערציען דאָס שטריימל פון זיין קאָפּ, האָט ער זיך אונטערגעהויבן פון זיין שטול כדי דער גנב זאָל דאָס שטריימל לייכטער קענען אַרונטערנעמען פון קאָפּ...

„אַ רחמנות נעבעך", האָט ער געזאָגט, „דער איד וועט זיך נאָך דאַרפן צופיל אָנשטריינגען צו קריגן דאָס שטריימל און ווער ווייסט אויב ער וועט דערביי ניט דאַרפן זיך פאַר אימיצן ציינגן און געזען ווערן. ער וועט דאַן נאָך חלילה דערקענט ווערן און געשטעמפּלט ווערן אַלס גנב"...

און דער טאַלנער האָט דעם גנב געוואָלט מאַכן אַזוי לייכט ווי מעגלעך אַוועקצונעמען דאָס שטריימל.

אין חדר האָבן זיך אַרום צדיק געפונען אַ סך חסידים און ווען זיי האָבן דערזען ווי אימיצער שלעפּט דאָס שטריימל פון רבי'נס קאָפּ, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן כאַפּן דעם גנב.

דער טאַלנער האָט זיי צוריקגעהאַלטן.

„לאָזט אים האָבן דאָס שטריימל", האָט ער געזאָגט. „געוויס איז ער אַ גרויסער נצרך. פון וואוילטאָג וועט אַ איד ניט גיין גנב'ענען. איך בין עס אים מוחל במחילה גמורה און זאָל ער עס פאַרניצן געזונטערהייט"...

און דער גנב איז פאַרשוואונדן מיטן שטריימל...

די צווייטע מעשה איז שוין פון אַן אַנדער מין. זי דאַרף ציינגן וואָס פאַר א השפּעה דער טאַלנער האָט געהאַט אויף זיינע חסידים און וואָס פאַר אַ טיפן איינדרוק זיין שטריימל האָט געמאַכט אויף מענטשן.

פּאַסירט האָט עס אין וואַסילקאָוו, נאָכדעם ווי ר' דוד'ל האָט זיך שוין געהאַט איבערגעקליבן קיין טאַלנע.

וואַסילקאָווער חסידים האָבן זיך געפילט פאַר'יתום'ט. זיי האָבן אָבער, ווי טויזנטע אַנדערע פון ר' דוד'לס חסידים, געקענט פאָרן קיין טאַלנע און דאָרט זיך וואַרימען אין דער זוניגער ליכט פון זייער רבי'ן.

האָט אין עק שטעטל געוואוינט אַ בעל-מלאכה, אַ גרויסער אביון,

וועמעס איינציגער פארמעגן איז געווען א האלבער טוצן טעכטער, וועלכע זיינען שוין אלע געווען ראוי געפירט צו ווערן צו דער חופה, אבער עס איז ניט געווען מיט וואס זיי אויסצוגעבן.

די עלטסטע פון די טעכטער איז בכלל געווען א קליינע יפת תואר און ווען מען האט נאך דערצו ניט קיין נדן און קיין אויסשטייער, איז מען פשוט פאר'משפט פארזעסן צו ווערן ביזן גרויען צאפ.

די אנדערע זיינען גראד ניט געווען קיין מיאוס'ע. אבער, אז עס איז ניטא קיין מזל, בלייבט מען זיצן ביים ארימען טאטן און מען עסט אים ממש אפ דעם קאפ.

די פירטע אין דער ריי איז געווען רייזעלע, די איינציגע פון דעם האלבן טוצן, וואס האט געקענט באצייכנט ווערן אלס א שיינהייט. אבער וואס האט עס געהאלפן, אז דער טאטע איז אזא ארימאן און ווען אליין איז מען די פירטע און מען מוז ווארטן ביז די עלטערע שוועסטער וועלן אויסגעגעבן ווערן?

איז אבער רייזעלע א מיידל א ברען און מאכט אירע אייגענע חשבונות. זי זעט איין, אז זיצן און ווארטן איז קיין תכלית ניט, זוכט זי זיך אליין אפ א חתן. אבער ווער, מיינט איר, איז ער? א שייגעץ, זאל דער אייבערשטער שומר ומציל זיין.

מען וואוינט אין עק שטעטל, דארט וואו עס ענדיגן זיך די אידישע הייזער און עס פאנגען זיך אן די גוי'אישע. מען איז מער צווישן גוים ווי צווישן אידן און אזא מיידל ווי רייזעלע איז שטארק פאר'גוי'אישט. זי איז אויסגעבונדן מיט שיקסעס און באגעגנט זיך מיט שקצים.

איז גאר ניט קיין וואונדער, וואס זי איז געווארן גאר נאענט מיט א שייגעץ און האט אים אנגעהויבן באטראכטן אלס חתן...

פארשטייט זיך, אז דאס איז געווען בשתיקה. אין הויז האט מען זיך אבער באלד דערוואוסט, אז רייזעלע פירט זיך ארום מיט א שייגעץ, באגעגנט זיך מיט אים אויסן שטעטל און שפאצירט דארט מיט אים ארום געארעמט, גאר ניט מעשה אידיש-קינד.

איז געווארן א גוואלד. האט זיך דער טאטע געוואלט ווארפן שלאגן. דאס בלוט ווערט דאך אויפגעקאכט ווען מען הערט אזוינע שרעקלעכע זאכן! האט אבער רייזעלע א זאג געטאן שטייף און מיט א דראענדיגע מינע, בזה הלשון:

„ריר מיך נאר אן מיט א פינגער און נאך היינט באנאכט אנטלויף איך מיטן שייגעץ און שמד זיך"...

געהערט ווערטער פון א חצופה? און אפשר איז עס גאר ניט געווען אזוי איר אייגענע שולד ווי דאס וואס די קליפה — דער שייגעץ — האט איר אנגערעדט.

האט דער טאטע דערהערט אזוינע ווערטער, האבן אים ממש אפ־גענומען די הענט און ער האט שוין ריזעלע׳ן ניט געוואגט א ריר טאן. אבער וואס טוט מען? אין אזא פאל מוז מען גיין צו ר׳ דוד׳לען.

לויפן דאך עפעס אלע צו אים אין אן עת צרה, און וואס קען נאך זיין א גרעסערע עת צרה ווי דעמאלט, ווען א טאכטער סטראשעט, אז זי וועט אנטלויפן מיט א שייגעץ און זיך שמד׳ן?

אבער ר׳ דוד׳ל איז שוין מער ניט אין וואסילקאוו און קיין טאלנע איז א ווייטער מהלך. פאר א אידן ווי אונזער בעל דבר איז עס כמעט איבער די כחות. מען קען דאך אבער ניט בלייבן אין דער היים. פאר־זעצט מען דאס לעצטע קישעלע פון אונטער׳ן קאפ און מען לאזט זיך קיין טאלנע.

עס נעמט טעג איידער מען דערשלאגט זיך צום רבי׳ן. פון הונדערטער מייל ווייט פארט מען צום צדיק זוכן ישועות. אבער, אז מען דערוואַרט זיך שוין צוגעלאזט צו ווערן צו אים זאל לעבן, און מען דערלאנגט דאס קוויטל און מען לייגט אוועק דעם פדיון, ווערט לייכטער אויפן לארצן.

„פאר צוריק אהיים און האב קיין זארג ניט", זאגט ר׳ דוד׳ל און זיין טאן איז אזא זיכערער. עס איז קלאר, אז עס איז זיך ניטא פארוואס צו שרעקן. „רייד צו איר גארניט און זאג איר מער קיין ווארט ניט. לאז איר אויך גיין וואו זי וויל און האב פאר קיין זאך קיין מורא ניט".

פילט זיך דער איד געטרייסט און פארט צוריק קיין וואסילקאוו.

דערהוויל גייט ריזעלע נאך אלץ אום מיטן שייגעץ ווי ניט איר מיינט מען דאס. דעם טאטנ׳ס הארץ ווערט צעשפרונגען. א סך מאל בייסן אים די הענט, אז ער זאל דער טאכטערל ארונטערלאזן א פאר פעטש אדער גאר איר פארשליסן און ניט ארויסלאזן פון הויז. אבער דער רבי האט אנגע־זאגט צו קוקן און שווייגן, קוקט ער און שווייגט אפילו ביז צום צעפוקעט ווערן...

און איינמאל, א שבת נאך מעריב, דער חסיד האט זיך אקארשט צוריקגעקערט פון בית מדרש, וואו מען האט פארבראכט ביים שלש סעודות ווי געווייגלעך, ווען ריזעלע לויפט אריין אין הויז א פארסאפעטע, א בלייכע, און עס ווארפט איר א צאן אן א צאן פאר שרעק. פון די אויגן גיסן זיך טרערן.

„וואָס איז געשען?“ פרעגט דער טאַטע קומענדיג איר אנטקעגן.

„איך האָב אים געזען, יאָ, געזען, דאָרט צווישן די בוימער אין וועלדל... האָב דייטלעך געזען זיין שטריימל — יאָ, ר׳ דוד׳לס שטריימל“... רעדט רייזעלע מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער.

„וואָס רעדסטו, טאָכטערשע?“ פרעגט דער טאַטע שוין אביסל א דערשראָקענער, מורא האָבנדיג, אַז עפּעס האָט מיט רייזעלן פּאַסירט.

אָבער רייזעלע קומט אביסל צו זיך און דערציילט ווייטער.

„איך בין געגאַנגען ווי תמיד שפּאַצירן מיט אים, מיטן שייגעץ. מיר האָבן שוין גערעדט וועגן אַנטלויפן און דאָס האָט געזאָלט געשען באַלד, אפשר נאָך היינט באַנאַכט. איך דערצייל דיר איצט דעם פולן אמת, און זאָל מיר דער אייבערשטער ניט שטראָפן פאַר די רייד.

„מיר זיינען אזוי אָנגעקומען צום פּלאַץ אין וועלדל, וואו ר׳ דוד׳ל, ווען ער איז נאָך געווען אין וואסילקאָוו, פלעגט יעדן נאָכמיטאָג ארויספאָרן דאָרט דאַווענען מנחה. מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט. דער שייגעץ האָט מיר געהאַלטן ארומגענומען, צוגעטוליעט צו זיך. איך האָב דאַכט זיך וועגן קיין זאַך ניט געטראַכט. אודאי האָב איך קיינעם אויסער דעם שייגעץ ניט געהאַט אין זינען.

און פּלוצים דערזע איך אַ געשטאַלט צווישן די בוימער. דאָס געשטאַלט איז מיר אַ באַקאַנטע. איך זע ניט קיין פּנים און בעת מעשה מיין איך, אַז דאָס איז זיך דאָרט פאַרגאַנגען א איד מתפּלל זיין, וואָרום עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט תפילה געטאָן, ווייל ער האָט זיך גע־הוידעט, געשאָקלט. אָבער איך גיב אַ קוק אויפן שטריימל און עס פאַלט מיר איין מיין האַרץ. איך דערקען עס. עס איז ר׳ דוד׳לס שטריימל! — דאָס הויכע שטריימל, וואָס מיר האָבן אַלע דאָ געזען אים טראָגנדיג און וואָס אַלע ווייסן, אַז נאָר ר׳ דוד׳ל טראָגט...

„דאָס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אזא שרעק, אַז איך האָב זיך ארויס־געריסן פון שייגעץ׳ס אָרעמס און בין אַנטלאָפן גלייך אין הויז אריין. איך האָב זיך שוין פאַרשוואָרן מער מיט אים זיך ניט צו באַגעגענען. איך בלייב אייביג אַ אידישע טאָכטער“...

און רייזעלע ווערט גוט און פרום און געהאָרכזאַם צו איר טאַטן. זי איז אין גאַנצן אַן אַנדערע.

און מיט דעם ענדיגט זיך עס נאָך ניט.

ר׳ דוד׳ל האָט שוין געוואוסט די צרות פון דעם אָרימען וואסילקאָווער חסיד. באַלד איז פון אים אליין געשאַפן געוואָרן אַ געהעריגע סומע פאַר

הכנסת כלה און אנפאנגענדיג מיט די עלטסטע, האט מען אנגעהויבן חתונה צו מאכן די טעכטער איינס נאך איינס, ביז אלע זיינען געווארן פאר־שלייערט.

רייזעלע איז שפעטער געווען א גוט און איבערגעגעבן ווייב צו איר מאן און א געטרייע מאמע צו אירע קינדער.

ח.

אַ מלחמה איבער אַ קדושה

ר׳ דוד׳לס „תקנה״, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ ביטערע מחלוקה אין דער חסידישער וועלט. — די „כדבר׳ניקעס״ און די רדיפות, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען.

פאַרהוילן זיינען די וועגן פון דעם צדיק. אָבער די, וואָס האָבן אין אים אמונה פאָלגן אים נאָך אפילו ווען זיין הנהגה איז פאַר זיי ניט אינגאַנצן פאַרשטענדלעך.

חסידות איז געבויט אויף אומבאַגרענעצטער אמונה אין רבי׳ן. דער חסיד איז איבערצייגט, אַז אַלץ, וואָס דער רבי טוט האָט אַ באַשטימטע כוונה און, אַז אַלץ וואָס ער הייסט איז פאַר אַ הייליגן צוועק.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען ר׳ דוד׳ל טאַלנער האָט געמאַכט אַזאַ „תקנה״ ווי איינפירן ענדערונגען אין דער קדושה, האָבן עס זיינע חסידים אָנגענומען פאַר איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע אויפטוען, ממש אַזוינס אויף וואָס מען דאַרף זיך אַפילו מוסר נפש זיין.

כאָטש קיינער האָט ניט געקענט געבן קיין טעם פאַרוואָס דער צדיק האָט געמאַכט אַזאַ „תקנה״ און, וואָס די „תקנה״ באַדייט, איז אָבער יעדער טאַלנער חסיד געווען איבערצייגט, אַז ר׳ דוד׳ל האָט עס ניט געטאָן אומזיסט און, אַז אין דער „תקנה״ שטעקן גרויסע און טיפע סודות, ממש רזין דרזין, וואָס נאָר ער, דער רבי זאָל לעבן, אַליין האָט געוואוסט.

די „תקנה״ איז געווען גאָר אַ וויכטיגע. אַנשטאָט דעם „וקרא זה אל זה ואמר״, וואָס מען זאָגט אין קדושה, האָט דער טאַלנער מתקן געווען, אַז מען זאָל זאָגן „ישלשו זה אל זה״, און דאַן אַנשטאָט „ככתוב״ זאָל מען זאָגן „כדבר״.

צו מאַכן אַזאַ ענדערונג אין אַזאַ וויכטיגע טייל פון דער תפילה ווי די קדושה איז געווען ניט קיין קלייניקייט. ניט אַבי ווער וואָלט געוואָגט טאָן אַזאַ זאַך, געוואָגט שטעלן אויף זיך. ר׳ דוד׳לס כח איז אָבער געווען גרויס און זיינע השגות אומענדלעך. האָט ער אודאי גע-וואוסט, וואָס ער טוט און חסידים האָבן געפילט, אַז דאָס איז אַן ענין

אין וועלכן מען מוז זיך האלטן ביים טאלנער, „יעבר עלי מה“, זאל געשען וואס עס וויל זיך, זיין גרויסער זכות וועט זיי שוין ביישטיין און אונטער זיינע פליגלען וועלן זיי תמיד זיין געשיצט.

חסידים האבן געזאגט, אז ר' דוד'ל האט די „תקנה“ געמאכט ניט פור־פלאט, נאר דערפאר, וואס איינמאל ביי אן „עלית נשמה“, האט ער אויפן הימל געהערט ווי די מלאכים זאגן קדושה פארן רבונו של עולם און זיי האבן געזאגט ניט "וקרא" נאר „ישלשו“; ניט „ככתוב“ נאר „כדבר“...

האבנדיג געהערט מיט זיינע אייגענע אויערן ווי די מלאכים זאגן עס, האט ער פארשטאנען, אז דאס איז אן אנצוהערעניש, אז ער זאל אויך זיינע חסידים אזוי הייסן זאגן און אזוי איז געשאפן געווארן די „תקנה גדולה“.

די „תקנה גדולה“, ווי א סך אנדערע פון איר מין, האט מרעיש עולם געווען און אין דער חסידישער וועלט האט אויסגעבראכן א ביטערע מחלוקה, ממש א מלחמה...

טאלנער חסידים האבן געהאלטן שטאל און אייזן פאר זייער רבי'נס „תקנה“. דעם טאלנער'ס געגנער האבן אבער אויף ר' דוד'לען און זיינע חסידים געגאסן פעך און שוועבל. עס האט ביי זיי געהייסן פשוט'ע „אפיקורסות“, רחמנא לצלן, צו ענדערן די קדושה, וואס איז אזוי הייליג.

איז די חסידישע וועלט צעטיילט געווארן אין „כדבר'ניקעס“ און „ככתוב'ניקעס“, און איין מחנה איז אויפגערייצט געווארן געגן דער צווייטער ווי אמאל ווען עס האט זיך געהאנדלט וועגן „שבלת“ מיט א שין ימין און א שין שמאל, וואס האט געפירט צו גרוים שפיכת דמים ביי אידן.

„כדבר'ניקעס“ און „טאלנער“ זיינען געווארן שמות הנרדפים, כאטש אויך די מערסטע פון ר' דוד'לס ברידער, וועלכע האבן שוין געהאט אייגענע חסידישע מלוכה'לעך, האבן אנגענומען די „תקנה“.

די „כדבר'ניקעס“ האבן שפעטער געקראגן די אויבערהאנט. זייער צאל האט זיך פארגרעסערט פון טאג ביז זיי האבן באזיגט די חסידישע וועלט.

דאס איז אבער געשען ערשט נאך א לאנגען און ביטערן קאמף, אין וועלכן עס האט אפילו ניט געפעלט קיין אמת'ע „שפיכת דמים“.

די מלחמה איז געווען אזא פארביטערטע, אז עס האט אריינגעבראכט אן אמת'ן פירוד אין צענדליגע אידישע שטעט און שטעטלעך. טאטעס

האָבן זיך אַרומגעריסן און ממש זיך אַרומגעשלאָגן מיט זייערע קינדער, אַלטע פריינט זיינען זיך געוואָרן דם־שונאים, שותפים האָבן זיך צעטיילט און צעריסן, שידוכים זיינען אָפּגעלאָזט געוואָרן און קריגערייען, געשלעגן און מסירות זיינען פאָרגעקומען אין צענדליגע אידישע קהילות.

איין צד האָט ניט געשאָנעוועט דעם צווייטן און מען האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. פאַרשטייט זיך, אַז אַפילו די רביים פון די געגנערישע צדדים זיינען ניט געשאָנעוועט געוואָרן.

ר׳ דוד׳ל אַליין האָט אפשר פון אָנפאַנג גאָר אינגאַנצן ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ פּירוד זיין „תקנה" האָט אַריינגעבראַכט צווישן די חסידים, און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, איז שוין געווען צושפּעט עפּעס צו טאָן. זיינע אייגענע חסידים זיינען שוין געווען אויסער קאָנטראָל און די געגנער זייערע האָבן פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערן און וויסן.

ווארום געזאָגט דאַרף ווערן, אַז נאָך איידער ר׳ דוד׳ל האָט געמאַכט זיין גרויסע „תקנה", האָט די חסידישע וועלט געשטורעמט מיט מחלוקות, וועלכע זיינען באַנייט געוואָרן נאָכדעם ווי דער טשערנאָבילער מגיד, ר׳ מאָטעלע, ר׳ דוד׳לס טאַטע, איז נסתלק געוואָרן.

די מחלוקה איז געווען צווישן די טשערנאָבילער און די ריזינער חסידים.

פאַר ר׳ מאָטעלע׳ן, זעט אויס, האָבן די ריזינער נאָך געהאַט וויפיל ניט איז דרך ארץ. איז דאָך דער טשערנאָבילער עפּעס געווען ר׳ ישראל׳־טשע ריזינער׳ס אַ פעטער און איז אויך געווען עלטער פון אים.

איז אָבער ר׳ מאָטעלע נסתלק געוואָרן, האָבן די ריזינער אָנגענומען, אַז דאָס מיינט דער סוף פון דער טשערנאָבילער „מלוכה", וועלכע זאָל האָבן געווען אין דער בחינה פון „מלכות בית שאול". „שאול" איז טויט און די „קרוין" דאַרף איבערגיין צו „דוד׳ן".

האָבן זיי אָבער דערזען, אַז אַנשטאָט די טשערנאָבילער „מלוכה" זאָל אונטערגיין, האַלט זי זיך גאָר אין אויסשפּרייטן, ווערט באַפעסטיגט דורך דעם, וואָס דעם טשערנאָבילער׳ס זין גרינדן זיך באַזונדערע מלוכה׳לעך און די ריזינער האָבן אָנגעהויבן שטורמען, רודפ׳ן דעם טשערנאָבילער׳ס קינדער, ספּעציעל ר׳ דוד׳לען, אין וועמען זיי האָבן געזען דעם שטאַרקסטן און דעם וויכטיגסטן געגנער זייערן.

די רדיפות אויף ר׳ דוד׳לען האָבן זיך נאָך אָנגעפאַנגען ווען ער איז געזעסן אין וואַסילקאָוו, ווען ער איז נאָך ניט געווען אַזאַ מפורסם און

די צאָל פון זיינע חסידים איז כאָך ניט געווען אזוי גרויס ווי שפּעטער, ווען ער איז געווען אין טאלנע.

ווערט דערציילט, אז אמאָל איז קיין וואסילקאָוו פארפאָרן א חשוב׳ער חסיד פון ריזינער, א רייכער איד פון סקוויר. זייענדיג אין וואסילקאָוו איז דער חסיד, כאָטש געהערנדיג צו אן אנדער רבי׳ן, געקומען צו ר׳ דוד׳לען און גלייך האָט ער זיך אָן אים אָנגעבונדן און איז געוואָרן זיינער א חסיד.

דער חסיד האָט ר׳ דוד׳לען איבערגעלאָזט א גרויסע מתנה און איז אוועקגעפאָרן.

אין א קורצער צייט ארום איז ר׳ דוד׳לען אויסגעקומען צו באזוכן סקוויר. זיין ברודער, איציק׳ל, וועלכער האָט זיך שפּעטער באזעצט אין סקוויר און האָט די שטאָט בארימט געמאכט, איז נאָך דאָרט ניט געווען. די מערסטע סקווירער תושבים זיינען געווען דעם ריזינער׳ס חסידים.

איז ר׳ דוד׳ל פארפאָרן צו זיין ניי־דערוואָרבענעם חסיד, א רייכער און חשוב׳ער בעל הבית פון שטאָט.

ווען די חסידים האָבן דערהערט, אז ר׳ דוד׳ל איז אין שטאָט האָבן זיי אָנגעהויבן שטורמען.

סטייטש, ער איז געקומען מסיג גבול זיין דעם ריזינער. ער איז געקומען בארויבן זייער רבי׳ן, באזונדערס ווען ער האָט שוין איינעם פון די ריזינער׳ס וויכטיגע חסידים אוועקגענומען.

האָבן די אויפגעבראכטע חסידים ארומגערינגלט דעם הויז וואו ר׳ דוד׳ל האָט זיך געפונען און געפאָדערט, אז ער זאָל גלייך פארלאָזן די שטאָט. זיי האָבן געמאכט אלערליי סטראשונקעס און ממש געוואָלט זיך אריינרייסן אין הויז און אָנגרייפן דעם צדיק.

עס איז אָבער געווען ערב שבת און דער רבי וועט דאָך דעמאָלט ניט פאָרן אפילו ווען ער איז אין סכנה. איז ער פארבליבן אויף אָן אָרט, אָבער האָט א גאנצן שבת ניט געקענט ארויס פון הויז. ער איז ממש געווען ווי א געפאנגענער, מיט די שטורמדיגע מחנה חסידים, באלאגערנ־דיג דאָס הויז.

שבת צו נאכט האָט ער געהייסן שפּאנען די קארעטע און זיך גע־הייסן לאָזן פירן קיין ריזין, צו ר׳ ישראל׳טשען.

דאָס האָט ער געטאָן, זאָגט מען, צו צייגן די חסידים, אז ער איז קיינעם ניט משיג גבול און, אז ער האָט די בעסטע כוונות און זוכט זיך

ניט איינצוקריגן זיך מיטן ריזינער און אודאי ניט אים אונטערצושלאָגן פּרנסה.

דאָס איז געווען פאר ר׳ דוד׳לען אַ גרויסער פריחנס־צוג, וואָס האָט געוויס געצייגט זיינע גוטע כוונות, אָבער עס האָט נאָך ניט איינגעשטילט די ברויזנדיגע הערצער פון די ריזינער חסידים, וועלכע האָבן אַלץ געזען אין ר׳ דוד׳לס וואַקסנדיגע נאָכפאָלגערשאַפט אַ שטאַרקע קאָנקורענציע צום ריזינער.

מיטן וואוקס פון זיינע נאָכפאָלגער, ספּעציעל נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין טאַלנע, זיינען שוין ר׳ דוד׳ל און זיינע חסידים מער ניט געווען די גע׳רודפ׳טע — אַנשטאָט דעם האָבן גאָר די אַנדערע חסידים געדאַרפט אָפּט אויסשטיין רדיפות פון די טאַלנער, וואָס איז געווען גאַנץ נאַטירלעך ווען די, וואָס זיינען געווען שוואַך, זיינען מיט אַמאָל געוואָרן שטאַרק און דערצו שטאָלץ און מיט לייב און זעל איבערגעגעבן צו זייער רבי׳ן.

זאָגן חסידים, אַז ניט נאָר האָט ר׳ דוד׳ל מנצח געווען די ריזינער, און מנצח געווען זיי טאַקע מיט דעם, וואָס ער האָט טויזנטע פון זיי געוואונען אַלס זיינע נאָכפאָלגער, נאָר טאַקע אויך גורם געווען, אַז סקוויר זאָל שפּעטער ווערן אַ פּעסטונג פון דער טשערנאָבילער גזע. ווארום דאָס, וואָס זיין ברודער האָט זיך באַזעצט אין סקוויר און געגרינדעט דאָרט זיין הויף איז שוין געווען געגנוג צו צייגן די ריזינער ווי גרויס עס איז געווען דער כח פון די טשערנאָבילער און ווי שטאַרק עס איז געווען דער איינפלוס פון דעם טשערנאָבילער׳ס קינדער.

אָבער די אַלטע, צוריק־אויפגעפלאַקערטע מחלוקה צווישן די טשער־בילער און די ריזינער חסידים, האָט גאָר קיין באַטרעף ניט געהאַט געגן דער מחלוקה, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן איבער דעם „כדבר“.

די „כדבר׳ניקעס“, עס הייסט די טאַלנער, האָבן געהאַלטן, אַז דער, וואָס איז געגן זייער רבי׳נס תורה, וואָס מיינט, אַז ער איז ניט קיין טאַלנער חסיד, איז ניט אין דעם גדר פון „עושה מעשה אחיך“ און דערפאַר איז איינפאַך אסור לרחם אויף אים.

דער צד שכנגד האָט אָבער געפילט פּונקט דאָס איינענע וועגן די „כדבר׳ניקעס“ און זיי האָבן געענטפערט מיט „עין תחת עין“ און „שן תחת שן“.

די הויפּט מחלוקה איז אָנגעגאַנגען צווישן די טאַלנער און די חסידים פון ר׳ גדליה אהרן סאַקאַלאָווקער.

הונדערטע סאקאלאוועקער זיינען געווארן טאלנער חסידים, פונקט ווי דאס איז געווען דער פאל מיט די חסידים פון אנדערע רביים, וואס זיינען אין די הונדערטע איבערגעגאנגען צו ר' דוד'לען, דערזעענדיג אין אים א ניי ליכט, דערפילנדיג, אז ער איז א נייער מנהיג, וואס האט גרויס כח און האט א גרויסע השפעה.

האבען די סאקאלאוועקער חסידים געקוקט אויף די טאלנער ווי אויף משיג גבול'ניקעס פון זייער רבי'ן און זיי האבען געפירט א ביטערע מלחמה פאר די לעצטע פאזיציעס פון זייער רבי'ן.

האט אמאל פאסירט, אז א סאקאלאווקער חסיד, א קנאי, האט אונ־טערגעצונדען דעם טאלנער'ס בית מדרש אין א שטעטל ניט ווייט פון קיעוו.

דער בית מדרש האט אפגעברענט ביז'ן גרונט און עס זיינען אויך פארברענט געווארן די ספר תורות.

דאס האט אנגעמאכט א רעש אין דער חסידישער וועלט. עס איז שוין געווען א צו גרויסע נבלה.

האט אבער דער אונטערצינדער באלד אנגעהויבן פילן שלעכט. זיין פנים איז אים געווארן בלייך, זיינע באקן זיינען אים איינגעפאלן און זיינע אויגן האבן זיך אים אויסגעלאשן. עס האבן אים אנגעהויבן טרייסלען די הענט און די פים און ווארפן אלע איברים. א מין קדחת קראנקהייט, רחמנא לצלן. און אזוי איז דער סאקאלאוועקער חסיד געבליבן זיין גאנצן לעבן...

די טאלנער חסידים האבן געזאגט, אז דאס איז געווען א שטראף פאר דעם, וואס ער האט אונטערגעצונדן זייער בית מדרש און זיך פאר־מאסטן קעגן זייער רבי'ן אין טאלנע.

דערפאר האבן אבער אויך ניט געפעלט קיין נבלות מצד די טאלנער חסידים, די „כדבר'ניקעס".

אויף א מסירה פון איינעם פון זיי, אדער סתם א שונא פון די סאקאלאוועקער חסידים, איז ר' יצחק יואל'יקל, דעם סאקאלאוועקער רבי'נס עלטערער זון, פארשיקט געווארן קיין סיביר.

ווער ווייסט, וואס פון אים וואלט דארט געווארן. די פראטעקציע פון די סאקאלאוועקער חסידים האט גאר ניט געהאלפן. זאגט מען אבער, אז אויף א וואונק פון ר' דוד'לען האבן שפעטער איינפלוסרייכע טאלנער חסידים געהאלפן אויסווירקן, אז מען זאל פארבייטן סיביר אויף כערסאן.

עס האט אויך געהאט פאסירט, אז די געגנער און פארפאלגער פון

די „כדבר'ניקעס" זאָלן זיך אַפּילו פאַרמעסטן קעגן ר' דוד'לען אַליין.

דאָס איז געשען אין דובאַווא, קיעווער גובערניע.

ר' דוד'ל איז דאָרט געקומען אויף אַ באַזוך און ווען ער האָט געהאַלטן ביים אָפּפאָרן אין זיין קאַרעטע און די פערד האָבן אַ הויב געטאָן די פיס, זיינען זיי אַרויס פון שפּאַן און די קאַרעטע, אין וועלכע ר' דוד'ל איז געזעסן, האָט אָנגעהויבן לויפן אויף צוריק.

דאָס איז געשען דורך דעם, וואָס די פאַרביסענע געגנער האָבן שטילערהייט אָפּגעלאָזט דעם שפּאַן אַזוי, אַז די פערד זאָלן אַרויס פון די האָלאָבליעס און די קאַרעטע זאָל אַ פלי טאָן אויף צוריק כדי ר' דוד'ל זאָל רחמנא לצלן גע'ניזוק'ט ווערן.

גראָד איז עס אויסגעקומען באַרג אַרונטער און די געפאַר פאַרן צדיק איז געווען גרויס...

די חסידים, וואָס זיינען געווען דערביי, זיינען געוואָרן פאַרציטערטע. ר' דוד'ל איז אָבער געבליבן גלייכגילטיג, ווי עס וואָלט גאָרניט געהאַט פּאַסירט. און עס האָט טאַקע גאָרניט פּאַסירט. די קאַרעטע איז באַלד שטיין געבליבן און ר' דוד'ל איז געבליבן אַ גאַנצער, און אומבאַשעדיגטער...

אין אַ דערבייאיג שטעטל האָט פּאַסירט נאָך ערגער, אָבער אויך אָן אָן ערנסטן רעזולטאַט.

ווען ר' דוד'ל האָט געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דאָס שטעטל, האָט אַ חסיד אויפגעהויבן אַ שטיין און אַ שלייַדער געטאָן גלייך אין דער קאַרעטע געצילט אין ר' דוד'לס קאָפּ.

ר' דוד'ל האָט מיטן האַנט געכאַפּט דעם שטיין...

דער טאַלנער האָט דאַן לאַנג באַטראַכט דעם שטיין און געזאָגט בזה הלשון:

„איך בין דעם אידן באמת מקנא. אַזאַ מסירת נפש איז שווער צו זען... ניט אַלע זיינען אויף דעם פיאיג... ניט אַלע האָבן אַזוינע גרויסע נשמות"...

און ר' דוד'ל האָט דעם שטיין אַריינגעלייגט אין קעשענע און אים געבראַכט צו זיך אַהיים, אין טאַלנע.

דאָרט האָט ר' דוד'ל דעם שטיין אַוועקגעלייגט צווישן זיינע טייערסטע חפצים, אין אַ שאַפע. ער פלעגט אָפט צוקומען צו דער שאַפע, באַטראַכטן דעם שטיין, צושאָקלענדיג עהנסט מיטן קאָפּ...

ט.

דער מאַרטירער

א רבי קריגט שמיץ פון א פּריסטאַוו דערפאַר, וואָס ער איז ר׳ דוד׳לס א חסיד. — אַן אלמנה פאַרלירט פּרנסה דערפאַר, וואָס איר מאַן איז געווען א „כּדבר׳ניק".

די מחלוקה אין דער חסידישער וועלט איבער ר׳ דוד׳לס „תקנה גדולה", האָט אָנגעהאַלטן לאַנג. די לעבנס פון הונדערטע מענטשן זיינען פאַרביטערט געוואָרן אַלס רעזולטאַט פון די רדיפות פון ביידע צדדים איינע אויף די אַנדערע.

עס האָט אויסגעזען ווי צו דער מחלוקה וועט גאָר קיין סוף ניט נעמען. מאַנכע חסידים האָבן אויף דעם געהאַט א בפירוש׳ן מאמר חז"ל. האָבן דאָך די חכמים געזאָגט, אַז „כל מחלוקה שהיא לשם שמים סופה להתקיים". האָבן די חסידים, האַלב אין ערנסט און האַלב אין הלצה, געזאָגט, אַז וויבאַלד די מחלוקה איבער דעם „כּדבר" איז לשם שמים, אָן שום פּערזענלעכע פּניות, וועט זי הערפאַר האָבן א קיום, עס הייסט, אַז זי וועט לאַנג אָנהאַלטן...

איז דער קריג געווען אַזוי ביטער, אַז מען האָט א געגנער ממש יורד לחיו געווען און אָפטמאָל האָט מען אים פאַרפאָלגט אפילו נאָך זיין טויט. אויב ער איז שוין אליין ניט געווען אויף דער וועלט, האָט מען זיך אָפּגערעכנט מיט זיין אלמנה און יתומים.

דערציילט צבי בשראי אין זיינע זכרונות ווי אַזוי זיין מאַמע און אירע זעקס יתומים זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן פון די „אַנטי כּדבר׳ניקעס" נאָכן טויט פון זיין טאַטן. זיין טאַטע איז געווען א גרויסער אָרימאַן און האָט זיך דערנערט פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט א „חזקה" אויף פאַרקויפן נאַפט און קעראָסין אין שטעטל.

זיין טאַטע איז געווען א טאַלנער חסיד און איז דערפאַר געווען א „כּדבר׳ניק". ווען ער איז געשטאָרבן האָט די אלמנה איבערגענומען דעם פאַרקויף פון דעם נאַפט און קעראָסין. האָבן אָבער די געגנער פון די

„כדבר'ניקעס" איר אָנגעהויבן צו פאַרפאַלגן ביז זי איז מיט אירע זעקס יתומים געבליבן אָן פּרנסה.

די „חזקה" איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַן אַנדערן און די אַלמנה און אירע קינדער זיינען פשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

עס האָט ניט געהאָלפן דאָס אַריינמישן זיך פון רב, וועלכער האָט זיך אָנגענומען פאַר דער אַלמנה. דער רב צוזאַמען מיט דער אַלמנה זיינען שפּעטער געפאָרן קיין טאַלנע צו ר' דוד'לען און פאַר אים זיך באַקלאָגט.

ר' דוד'ל האָט געשיקט אַן „הזמנה" — אויפפאָדערונג — צו די פאַרביסענע „אַנטי כדבר'ניקעס", אַז זיי זאָלן דער אַלמנה צורו לאָזן. אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן.

די געגנער זיינען געווען חסידים פון אַן אַנדער רבי'ן און זיי האָט ניט געאַרט, וואָס ר' דוד'ל זאָגט.

אין איין פאַל האָט פּאַסירט, אַז אַן איידים אויף קעסט איז געוואָרן ר' דוד'לס אַ חסיד. דער שווער האָט אָבער געהערט צום צד שכנגד. איז געוואָרן אַ מלחמה צווישן שווער און איידים. האָט דער איידים ניט גע־וואָלט הערן דעם שווער און איז געבליבן אַ פאַר'עקשנ'טער „כדבר'ניק". איז אָבער דער שווער אויך געווען אַ גרויסער עקשן און ער האָט דעם איידים זייטעם דערקלערט ברחל בתך הקטנה, אַז אויב ער וועט ניט ווערן קיין „בעל תשובה" און אָנהויבן פאָרן צו זיין, דעם שווער'ס, רבי'ן, און אויפהערן זיך חבר'ן מיט די „כדבר'ניקעס", וועט ער מוזן זוכן קעסט ביי אימיצן אַנדערש.

איז אָבער דער איידים ניט געווען קיין שרעקעדיגער און האָט דער־קלערט, אַז אויב דער שווער וועט ניט האַלטן ס'מויל און וועט זיך ניט אויפהערן מישן אין זיינע עסקים, וועט ער זיך קענען האַלטן מיט זיין טאַכטער. און דער איידים האָט לאַנג ניט געוואַרט און האָט זיך אָפּ־געטראָגן פון הויז, איבערלאָזנדיג זיין יונג ווייבל אַן עגונה.

איז געוואָרן אַ רעש. סטייטש ווי לאָזט מען עס אַ יונג ווייבל זיצן אָן אַ מאַן? אָבער גיי זוך דעם מאַן, אַז מען ווייס ניט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

האָט מען דעם שווער גע'עצה'ט, ער זאָל אַריבערפאָרן קיין טאַלנע. דער איידים איז דאָך עפּעס אַ טאַלנער חסיד, וועט ער מעגלעך דאָרט אויסגעפינען וואו ער געפינט זיך און אפשר אים טאַקע טרעפן ביים רבי'ן.

איז אָבער דער שווער געווען אַ גרויסער עקשן און געזאָגט, אַז מען

ער אפילו וויסן, אז זיין טאַטער וועט בלייבן אַן אייביגע עגונה, ער וועט אין טאַלנע ניט פאָרן. ער האָט זיין אייגענעם רבי'ן.

איז ער געפאָרן צו זיין אייגענעם רבי'ן. זיין רבי האָט אים געבענטשט, פאַרזיכערנדיג אים, אַז דער איידים וועט נאָך איינזען זיין טעות און ווערן א בעל תשובה און צוריקקערן צום ווייב.

עס איז אָבער אוועק א צייט און פון איידים איז קיין זכר ניט געווען. איז דער שווער געוואָרן אומרואיג.

דערצו איז נאָך די טאָכטער, די עגונה, געזעסן אויף זיין קאַרק און אים פאַרקלאָגט די יאָרן.

„דו ביזט שולדיג. דו האָסט מיין מאַן פאַרטריבן פון הויז", האָט זי געיאָמערט און געקלאָגט. „דו האָסט מיר געמאַכט פאַר אַן אייביגע עגונה. וואָס האָט דיר דען געאַרט אויב ער האָט געזאָגט „כדבר" אנשטאָט „ככתוב"?

„ער איז געווען אַן עוכר ישראל. ער האָט ניט געטאָרט זיין אין א אידיש הויז", האָט דער טאַטע זיך פּרובירט פאַרענטפערן.

זיין פאַרענטפערן זיך האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. דער טאָכטער איז פון דעם ניט לייכטער געוואָרן אויפן הארצן.

האָט ער זיך ענדלעך געלאָזט איבעררייידן און איז אוועקגעפאָרן קיין טאַלנע. געקומען קיין טאַלנע איז ער אויף שבת און האָט געדאַרפט וואַרטן ביז דער הייליגער שבת וועט פאַריבער כדי צו קענען קומען צו ר' דוד'לען אים געבן א קוויטל.

עס איז אים געווען שווער צו טאָן אַזאַ זאַך. עס איז ניט לייכט פאַר א חסיד, וואָס האָט אמונה אין אַן אַנדער רבי'ן, צו קומען צו א צווייטן פאַר זיין ברכה. אָבער וואָס טוט מען ניט ווען מען איז אין א צרה!

האָט דער חסיד זיך דערווייל געמאַכט באַקוועם אויף דער אכסניה און איז פרייטאָג צונאַכט געגאַנגען אין רבינס בית מדרש דאַווענען, און דאַן אוועק אין גרויסן שאַלאַש צום רבי'נס טיש.

דער שאַלאַש איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. דער חסיד האָט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל, ניט וועלנדיג זיך רוקן צו נאָענט ווען ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ניט זיין רבי און ניט זיינע חסידים. איז ער געזעסן ווי אויף א פרעמדער שמחה.

מיט אמאָל דערזעט ער צווישן דער עדה חסידים עפּעס א באַקאַנט פּנים. ער קוקט זיך גוט צו און ער דערקענט ווער דאָס איז. עס איז געווען זיין איידים.

דערזען דעם בעל־דבר, האָט דער חסיד זיך א שפּאַר געטאָן צווישן דער מענגע חסידים און זיך צוגערוקט צום סאַמע זייט פון זיין איידים.

דער איידים האָט אים דערזען.

„א שלום עליכם, שווער", האָט ער א זאָג געטאָן א פּריילעכער און אויפגעלעבטער און אים דערלאַנגט די האַנט. „איך האָב געוואוסט, אז איר וועט סוף כל סוף אהערקומען, ווייל דאָ איז דער מקום וואו אמת'ע חסידים טרעפן זיך. איך האָב זיך א נדר געטאָן, אז איך זאָל ניט צוריקקערן אהיים ביז וואַנען איך וועל אייך דאָ ניט טרעפן אַלס א חסיד פונם הייליגן ר' דוד'לען. איצט איז מיין וואונש מקוים געוואָרן"...

דער שווער האָט אים געוואָלט דערקלערן, אַז ער מאַכט א טעות, אַז ער איז ניט געוואָרן קיין טאַלנער חסיד און, אז ער איז דאָ נאָר געקומען אים אויפצוזוכן און מאַכן א סוף צו העך פאַמיליִן־טראַגעדיע.

דער איידים האָט אים אָבער שוין גוט־ברודעריש געהאַלטן אונטערן אָרים און זיך מיט אים געפילט היימיש, ווי צוויי חסידים פון איין רבי'ן.

דער שווער האָט קיין מוט ניט געהאַט אים אויפצוקלערן זיין טעות. אין דערזעלביגער צייט האָט ער שוין אָנגעהויבן פילן די גרויסע השפעה פון ר' דוד'לען און איז באמת געוואָרן צוגעבונדן צו אים בלב ונפש און אויף תמיד געוואָרן זיינער א חסיד.

א טראַגי־קאָמישער פאַל האָט פּאַסירט אין דובאָווא, וואו דער באַוואוסטער למדן ר' עקיבא חיות איז געווען רב.

העך דאָזיגער ר' עקיבא איז געווען ר' דוד'לס א הייסער חסיד און אַלס אַזעלכער איז ער געווען א פאַרברענטער „כדבר'ניק".

פאַרשטייט זיך, אַז אַלס א „כדבר'ניק" האָט ער געגן זיך אַרויס־גערופן די שנאה פון די געגנער און ער האָט געהאַט אויסצושטיין גרויסע רדיפות.

אין דובאָווא איז געווען א שוחט, וועלכער האָט גראַד געהערט צום צד שכנגד. ער איז געווען א חסיד פון ר' גדליה אהרן סאָקאָלאָווקער. האָט ר' עקיבא גע'אסר'ט זיין שחיטה. אויב ער איז א געגנער פון „כדבר", אויב ער וויל ניט אַנערקענען די „תקנה גדולה" פון דעם טאַלנער, דאַן טאָר מען פון זיין שחיטה ניט עסן.

האָבן אָבער די געגנער אויך ניט געשוויגן און אין שטאָט האָט אויסגעבראָכן א מחלוקה.

די שחיטה איז אָבער געווען גע'אסר'ט און ווער וועט וואָגן מתיר מאַכן, וואָס ר' עקיבא האָט גע'אסר'ט?

האט זיך אבער אין דובאווא געפונען איינער, וואס האט יא געוואלט זיך שטעלן געגן ר' עקיבא'ן, און ווער מיינט איר איז ער געווען? ניט קיין אנדערער ווי דער פריסטאוו!

דער פריסטאוו איז געווען א „געגנער" פון די „כרבר'ניקעס". ווי אזוי דאס איז געשען איז ניט וויכטיג. פארשטייט זיך, אז דעם פריסטאוו איז די גאנצע מעשה ניט אנגעגאנגען און ער האט איינגאנצן ניט געקענט משיג זיין איבער וואס אזא מחלוקה גייט אן.

ער האט אבער געהאלטן מיט די סאקאלאווקער חסידים, ווייל יענע האבן אים אפט אונטערגערוקט א „מתנת יד". האט דער פריסטאוו אויפגענומען זייער צד און אנגעהויבן רודפ'ן די טאלנער חסידים און בתוכם ר' עקיבא'ן.

האט דער פריסטאוו דערהערט, אז דער רב האט גע'אסור'ט די שחיטה פון „זיין" צד. האט עס אים געברענט ווי א פייער. סטייטש ווי וואגט דער רב טאן אזא זאך?

האט דער פריסטאוו געמיינט, אז אלץ וואס ער דארף טאן איז בלויז ארויסגעבן א באפעל, אז מען מעג יא עסן פון דעם שוחט'ס שחיטה, להכעיס דעם רב.

האבן אים אבער די חסידים דערקלערט, אז דאס וועט ניט העלפן, ווייל אין אזוינע זאכן האנדלט זיך עס ניט וועגן קיין באפעל.

„וואס דען דארף געטאן ווערן?" האט דער פריסטאוו געפרעגט, זעענדיג, אז ער איז אין אזוינע זאכן א קליינער ידען.

„דאס איינציגע, וואס דא קען געטאן ווערן, איז, אז מען זאל ביים רב פועל'ן אז ער זאל ארונטערנעמען דעם איסור", האט מען אים מסביר געווען.

„אויב אזוי וועל איך עס שוין ביי אים פועל'ן", האט דער פריסטאוו א זאג געטאן מיט א סארקאסטישן שמייכל. „אייער רב וועט שוין מוזן טאן, וואס איך הייס אים".

איז דער פריסטאוו אוועק צו ר' עקיבא'ן און אים געגעבן א באפעל, אז ער זאל גלייך בטל מאכן זיין איסור אויף דעם שוחט'ס שחיטה.

ר' עקיבא האט אים ניט געענטפערט. אין אזוינע ענינים האט ער זיך מיטן פריסטאוו ניט געוואלט פארהערן.

איז דער פריסטאוו אריין אין א גרויסן צארן.

„איך באפעל דיר גלייך בטל צו מאכן דיין איסור!" האט ער געפאדערט און זיינע אויגן האבן געברענט.

דער רב האָט געשוויגן. ער האָט דעם פּריסטאַוו ניט געוואָלט הערן.

פאָרגעקומען איז די סצענע אין אַלטן בית מדרש, פאַר אַ געזעמל פון צענדליגע חסידים.

עס זיינען דאָרט געווען „כּדבר'ניקעס" וועמעס צאָרן עס האָט גע־ברענט אויף דער חוצפּה פון פּריסטאַוו און עס זיינען דאָרט געווען „אַנטי־כּדבר'ניקעס", וועלכע האָבן גרויס הנאה געהאַט פון דעם, וואָס דער פּריסטאַוו נעמט זיך אָן פאַר זיי און מישט זיך אַריין אין אַזאַ וויכטיגער מחלוקה.

דערזעענדיג, אַז דער רב וויל אים ניט ענטפערן, האָט דער פּריסטאַוו זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן רב און אים אָנגעהויבן שמייסן מיט אַ קאַנ־טשיק.

ר' עקיבא האָט אַרונטערגעבויגן די פּלייצעס און מקבל באהבה געווען דעם פּריסטאַוו'ס שמיץ...

פאַרן „כּדבר" איז געווען כּדאי זיך מוסר נפש צו זיין און ר' עקיבא'ן האָט ניט געקימערט, וואָס עס וועט פון אים ווערן, וואָס פאַר יסורים ער דאַרף אויסשטיין.

די טאַלנער חסידים האָבן זיך געביסן די ליפּן. טרערן האָט זיך געגאָסן פון זייערע אויגן. זיי זיינען געווען אויסער זיך פון צער, צוזעענדיג וואָס זייער רב האָט אויסצושטיין פאַר זיין טרייהייט צום טאַלנער.

די אַנדערע חסידים האָבן אָבער ממש אָנגעקוואָלן, גאָרניט פילנדיג דעם גרויסן חילול הקודש וואָס אַ פּריסטאַוו שלאָגט זייער רב.

דער פּריסטאַוו האָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויפן רב'ס קאָפּ און איז אַוועק, זייענדיג זיכער, אַז ר' עקיבא וועט שוין טאָן, וואָס ער האָט אים געהייסן און בטל מאַכן דעם איסור.

די דאָזיגע פּאַסירונג האָט ר' עקיבא'ן געמאַכט אין די אויגן פון די טאַלנער פאַר אַ הייליגן, פאַר אַ מאַרטירער. ווארום ווער נאָך האָט זיך געקענט אַזוי מוסר נפש זיין פאַרן טאַלנער ווי ר' עקיבא?

י.

דער בעל תשובה

ווי אַזוי ר׳ עקיבא איז געוואָרן ר׳ דוד׳לס אַ חסיד. — זיין מחלוקה מיטן סאַווראַנער רבי׳ן. — זיין פליטה נאָך גאַליציע.— ווי ער איז געוואָרן אַן אפיקורס און נאָכער אַ בעל תשובה.

אויב ר׳ עקיבא חיות, דער רב פון דוכאווא, איז געווען איבערגעגעבן בלב ונפש צום טאַלנער רבי׳ן, ר׳ דוד׳ל, איז עס מסתמה ניט געווען אומזיסט. ער האָט געוואוסט זיין צדקות און זיין גדלות.

ר׳ עקיבא אַליין איז אויך געווען באַרופן אַלס צדיק און גדול. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין אוקראַינע און אַלס גאון צווישן חסידים איז ער געווען אַ גרויסע זעלטנהייט. האָט מיט אים טאַקע געקלונגען אַ וועלט.

אין יענער צייט האָט דער סאַווראַנער רבי אויך גע׳שמ׳ט צווישן די חסידים אַלס למדן. זיינע חסידים האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען מיטן סאַווראַנער׳ס לומדות.

ר׳ עקיבא, ווי עס ווייזט אויס, האָט פון סאַווראַנער׳ס לומדות ניט געהאַלטן און אפשר האָט ער פון סאַווראַנער אינגאַנצן ניט געהאַלטן, אפילו ניט פון זיין צדקות. צי ר׳ עקיבא האָט זיך עפנטלעך געהאַט ארויסגעזאָגט געגן סאַווראַנער רבי׳ן, אים עפנטלעך מבטל געווען, צי ער האָט בלויז ניט געוואָלט אָנערקענען זיין גרויסקייט און איז צו אים ניט געפאָרן, איז ניט געווען באַקאַנט. דער עיקר איז, וואָס די סאַווראַנער חסידים האָבן ר׳ עקיבא׳ן דערקלערט אַלס אַן אָפענער געגנער פון זייער רבי׳ן און האָבן אים אָנגעהויבן רודפ׳ן.

און די רדיפות געגן אים מצד די סאַווראַנער זיינען געווען אַזוי אומ׳ברחמנות׳דיג, אַז דער גאון האָט געמוזט פאַרלאָזן אוקראַינע און מאַכן פליטה קיין גאַליציע.

אַלס עיר מקלט האָט ר׳ עקיבא אויסגעקליבן בראָד.

ווי עס זעט אויס, האָט אין די רדיפות געגן אים געשטעקט דעם סאַווראַנער׳ס האַנט, אַלנפאַלס האָט ר׳ עקיבא אים פאַרדעכטיגט, ווייל

ער האָט דעם סאווראַנער רבי'ן געהאַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס ער איז פאַרטריבן געוואָרן פון אוקראַינע און האָט געמוזט גיין נע ונד אין אַ פרעמד לאַנד.

לויט חסידים דערציילן, האָט ר' עקיבא פון בראָד געהאַט געשריבן צום סאווראַנער רבי'ן אַ בריוול אומגעפער בזה הלשון:

„עס איז פאַראַן אַ גמרא, אַז ווען צוויי תלמידי חכמים קענען ניט אויסקומען צווישן זיך, וועט איינער פון זיי שטאַרבן און דער צווייטער גיין אין גלות. איך האָב שוין מיינס געטאָן — איך בין פאַרטריבן געוואָרן אין גלות. איצט בלייבט פאַר אייך צו טאָן אייערס — שטאַרבן"...

אין פאַרלויף פונם יאָר איז דער סאווראַנער רבי געשטאָרבן... האָבן חסידים געגלויבט, אַז דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון ר עקיבא'ס בריוול. אַ קלייניקייט, אַ וואָרט פון אַזאַ גאון און צדיק!...

האָבן די סאווראַנער חסידים געפילט נאָך אַ גרעסערן האַס צו ר' עקיבא'ן. סטייטש, צוליב אים איז זייער רבי אַוועק פון דער וועלט!

ווערט דערציילט, אַז אַ סאווראַנער חסיד האָט אַמאָל באַגעגנט ר' עקיבא'ן אין גאַס אין בראָד און ער איז אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן, דאָס ער האָט געכאַפּט אַ האַק און האָט אים געוואָלט דער'הרג'ענען.

דערוויסנדיג, אַז עס איז שלעכט, האָט ר' עקיבא אָנגעהויבן זוכן אַ באַהעלטעניש. האָט ער פאַר זיך דערזען אַ הויז — אַ אידיש הויז, און איז דאָרט אַריינגעפאַלן, אַ פאַרסאָפּעטער, אָן אַן אָטעם, און געבעטן, אַז מען זאָל אים באַשיצן פון דעם איד, דעם גזלן, וואָס יאָגט אים נאָך מיט אַ האַק אין האַנט.

דאָס הויז איז געווען פון דעם באַרימטן בראָדער מגיד און ירא שמים, ר' שלמה קלוגער.

דערהערט אַזאַ געשיכטע, האָט ר' שלמה ניט געשטעלט קיין פראַגעס און ר' עקיבא'ן געגעבן שוץ אין זיין הויז.

ווען ר' עקיבא האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט זיך ר' שלמה מיט אים צורעדט אין תורה און דערוויסנדיג, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גרויסן למדן, האָט ער אים שוין ניט אַוועקגעלאָזט.

איז ר' עקיבא געבליבן ביי ר' שלמה קלוגער'ן אַ בן בית, האָט געקראָגן אין הויז אַ באַזונדערן חדר און דאָרט געהאַט פון כל טוב.

האָט אָבער ר' עקיבא דערווייל אָנגעהויבן זיך חבר'ן מיט די „בערלינציקעס", די משכילים, און האָט אָנגעהויבן אַריינקוקן אין ספרים חצונים, אַפּיקורסישע ביכער.

דאָס האָט ער געטאָן ממש אונטערן נאָז פון זיין בעל הבית. פון אָנפאַנג האָט ר' שלמה פון גאָרניט געוואוסט. ער האָט זיין אורח ניט נאָכגעקוקט, וואָס ער טוט, מיט וועמען ער חבר'ט זיך און וואָס פאַר ספרים ער האָט ביי זיך אין חדר.

אין בראָד איז אָבער באַלד באַקאַנט געוואָרן, אַז דער איד וואָס וואוינט ביי ר' שלמה'ן און וועמען דער לעצטער איז אַזוי מקרב, איז ארוים „לתרבות רעה", איז אוועק אויף א שלעכטן וועג און געוואָרן א „פאַניע בראַט" מיט די „דייטשוקעס". האָט מען עס אָנגעהויבן אָפּ-טראָגן צו ר' שלמה'ן.

„סטייטש, איר האַלט גאָר ביי זיך אין הויז אַן אפיקורוס, אַן עוכר ישראל?" האָט מען ר' שלמה'ן געפרעגט.

ר' שלמה האָט אָבער ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס וואָס מען זאָגט אויף זיין אורח איז אמת.

מאַלע וואָס בייזע צינגער ריידן! צו קיין רכילות אָדער לשון הרע האָט ער זיך ניט געוואָלט צוהערן.

ווארום ר' עקיבא איז נאָך אַלץ געזעסן ביי זיך אין חדר און געלערנט און אויב ער האָט פון צייט צו צייט אויך אריינגעקוקט אין טריף-פסול'דיגע ספרים, האָט ר' שלמה פון דעם ניט געוואוסט און גאָרניט פאַרדעכטיגט.

האָט אָבער פּאַסירט א געשיכטע און ר' שלמה האָט זיך איבערצייגט, אַז ר' עקיבא איז טאַקע „געכאַפּט אין דער מעשה".

מיט ר' שלמה'ן האָבן זיך לומדים פון אַלע עקן וועלט דורכגעשריבן וועגן שאלות תשובות. האָט מען אים געהאַט אָנגעפרעגט א שווערע שאלה פון בערדיטשעוו.

ר' שלמה האָט לאַנג געדאַרפט זיך ברעכן דעם מח איידער ער האָט געקענט געבן א תשובה. ער האָט געמוזט בלעטערן די פוסקים, אריינקוקן אין פאַרשידענע ספרים, אָבער ער האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט די ריכטיגע תשובה.

איינמאָל א נאָכמיטאָג, איז ר' שלמה אריין אין זיין אַלקיר ווייטער צו בראָדזשען אין דעם ים פון תורה, כדי צו געפינען די ריכטיגע תשובה פאַר דער שאלה פון בערדיטשעוו. פאַרטיפנדיג זיך אין די ספרים, איז אים באַפאַלן א דרעמל און ער איז איינגעשלאָפן.

איז אריינגעקומען אין חדר ר' עקיבא און דערזעענדיג, אַז ר' שלמה שלאָפט, האָט ער זיך אָנגעהויבן ארומקוקן. ער האָט אריינגעקוקט אין די ספרים, וועלכע זיינען געלעגן אָפענע נעבן ר' שלמה'ן און האָט

אויך דערזען דעם בריוו פון בערדיטשעוו, אין וועלכן עס איז געווען די שאלה.

פארשטייענדיג וועגן וואס דא האנדלט זיך, האט ר׳ עקיבא זיך גלייך אוועקגעזעצט און אנגעשריבן די תשובה אויף דער שאלה.

אין דער תשובה האט ער ארויסגעצייגט גוואלדיגע לומדות, חריפות און בקיאות און האט זיך אונטערגעשריבן „אני עקיבא חיות“.

ר׳ עקיבא איז דאן ארוים פון חדר, ווי עס וואלט גארניט פאסירט.

ר׳ שלמה האט זיך שפעטער אויפגעכאפט און דערזען פאר זיך די פארטיגע תשובה. ער איז שטארק נשתומם געווארן. אזא לומדות האט ער שוין לאנג ניט געהאט געזען.

אבער דאס אונטערשריפט האט אים פארדראסן.

„וואס הייסט עפעס א איד שרייבט זיך אונטער „אני“ „איך?“ האט ער גערעדט צו זיך. „אני“ — איך, חתמ׳ט זיך אונטער בלויז גאט ברוך הוא, אויף וועמען עס ווערט געזאגט „אני ולא אחר“ — איך און ניט קיין אנדערער. אויב אימיצער שרייבט זיך אויך אונטער „אני“ איז א סימן, אז ער איז אן „אחר“ — אן אנדערער — אן אפיקורוס“.

און פון דעמאלט אן האט ר׳ שלמה אנגעהויבן גלויבן, אז זיין אורח איז טאקע אן אפיקורוס און אלץ, וואס מען זאגט וועגן אים איז אמת...

ווי עס זעט אוים האט ר׳ שלמה׳ן אויך פארדראסן, וואס זיין אורח האט אזוי לייכט געקענט ענטפערן אויף דער שאלה אין הער צייט, וואס אים איז עס אנגעקומען אזוי שווער. ער האט אים אויך, ווי עס זעט אוים, באשולדיגט אין זיין א „מורה הלכה בפני רבו“ — אין פסק׳ען א שאלה אין געגנווארט פון זיין רבי׳ן, וואס איז א סימן פון חוצפה און פארוואס עס קומט, לויט דער תלמודישער טראדיציע, א שווערע שטראף.

אזוי, צי אזוי, ר׳ שלמה איז אזוי אויפגעבראכט געווארן געגן ר׳ עקיבא׳ן, דאס ער האט אים גלייך געהייסן פארלאזן זיין הויז.

„דו ביזט א טמא, א כופר בעיקר און קענסט ביי מיר מער ניט פארבלייבן“, האט ער אים געזאגט און ר׳ עקיבא האט פארלאזן דאס הויז וואו ער האט געהאט געפונען א מקום מנוחה פאר א לענגערע צייט.

צי דאס איז געווען די דירעקטע אורזאך צי ניט, גלייך ווי ער האט פארלאזן ר׳ שלמה׳ס הויז, איז ר׳ עקיבא אוועק צו די „בערלינציקעס“ און איז געווארן איינער פון זיי...

ער האט אונטערגעהאקט די לאנגע קאפאטע, וואס ער האט גע-

טראָגן, האָט זיך אָפּגעשאָרן באָרד און פּאות, און איז געוואָרן א מחלל שבת בפרהסיא...

דאָס האָט אָנגעמאַכט א גרויסן רושם צווישן די פרומע אידן. אזא גאון און נאָך א חסידישער איד דערצו, זאָל זינקן אין די מ״ט שערי טומאה! עס איז געווען אַן אומדערהערטע זאַך..

פון אָנפאַנג האָבן די חסידים אים ממש געוואָלט יורדים לחיו זיין. אזא אפּיקורוס, אזא מומר להכעיס דאַרף מען עוקר מן השורש זיין. דער געפאַלענער ר׳ עקיבא חיות איז אָבער געווען ארומגערינגלט פון די „דייטשוקעס" און זיי האָבן אים באַשיצט. און גייט פאַנגט זיך אָן מיט די „דייטשוקעס".

האָט מען אויפגעגעבן אַלע האָפנונגען אים צו באַזייטיגן און חסידים האָבן נאָר געטראַכט ווי אזוי צו מאַכן די זאַך צו קליין כדי אַנדערע זאָלן חלילה נאָך ניט נעמען ר׳ עקיבא׳ן אַלס ביישפּיל און נאָכפאָלגן זיינע דרכים.

ווארום די משכילים האָבן דוקא געוואָלט אים האָבן אַלס ביישפּיל פאַר אַנדערע און דורך אים ווירקן, אז אַנדערע ריינע אידישע נשמות זאָלן ארונטער פון דרך הישר. מען זאָגט טאַקע, אז ניט איין חסידישער יונגערמאַן איז ארונטער פון גלייכן וועג און איז אוועק פון זיינע עלטערן.

ר׳ עקיבא איז געוואָרן דער שרעק פון דער חסידישער וועלט.

די סאַווראַנער חסידים האָבן געטייטלט אויף אים מיט די פינגער, אים געשאָלטן מיט טויטע קללות:

„איר זעט שוין, וואָס פאַר א טריפה׳ענער ביין דאָס איז! אויב ער איז געווען נעגן אונזער הייליגן רבי׳ן מסתמא איז ער אַן אויסוואורף", און זיי האָבן אַלע געבעטן גאָט, אז ער זאָל וואָס שנעלער איינגעמען א מיתה משונה...

אָבער עס איז ניט געווען בלויז א פראַגע פאַר די סאַווראַנער חסידים. אויך אַנדערע חסידים און אזוי פרומע אידן, האָבן געזען א גרויס געפאַר אין ר׳ עקיבא׳ס אפּיקורסות. האָבן אַלע אים געשאָלטן און ביים דערמאָנען זיין נאָמען אויסגעשפּיגן און געזאָגט א גאָטפורכטיגן „ימח שמו וזכרו!"

די מעשה וועגן ר׳ עקיבא׳ס אפּיקורסות האָט זיך אויך דערטראָגן צו די חסידישע הויפן, די גאַליציאַנישע ווי אויך די אוקראַאינישע. אין ערגעץ האָט מען ניט געהאַט קיין גוט וואָרט צו זאָגן וועגן אים: געגאָסן פעך און שוועבל אויף זיין קאָפּ אונטער די אויגן.

ביז דאָס איז אויך אָנגעקומען אין טאלנער הויף.

דערציילן טאלנער חסידים, אַז ווען דאָס האָט דערגרייכט ר׳ דוד׳לען, האָט דער צדיק אַנשטאָט אויפגעציטערט צו ווערן און אַרויסלאָזן אַ קללה פון זיין מויל, אַרויסגעציייגט אַ מאָדנעם פריינטלעכן אינטערעס אין דער זאַך און האָט אָנגעהויבן אויספרעגן אַלע פּרטים.

חסידים זיינען געווען דערשטוינט.

עס איז געווען קלאָר, אַז ר׳ דוד׳ל באַציט זיך סימפּאַטיש צום גאון וואָס איז אַוועק אויף אַ שלעכטן דרך.

האָט עס אַלעמען שטאַרק געוואונדערט. מיינט דען דער טאלנער רעכטצופאַרטיקן אַזאַ גרויסע נבלה? אָדער זעט ער אפשר אין דעם אַזוינס, וואָס קיין אַנדערער זעט ניט?

געוויס וויים דער צדיק, וואָס ער טוט און אויב ער איז ניט דער־שיטערט געוואָרן פון דער נבלה, מן הסתם איז דערביי דאָ אַ טעם.

און אַ טעם איז טאַקע געווען. וואָרום ניט אומזיסט האָט ר׳ דוד׳ל זיך פאַרינטערעסירט אין ר׳ עקיבאַ׳ס גורל.

„וואו געפינט זיך איצט דער דאָזיגער ר׳ עקיבאַ?" האָט ר׳ דוד׳ל געפרעגט.

וואָס, דער רבי האָט געזאָגט „ר׳ עקיבאַ?" אַן אפּיקורס, אַ מומר להכעיס, האָט ער אָנגערופן „רב?" עס איז די אויערן ניט געווען צו גלויבן.

מען האָט דעם צדיק דערציילט, אַז ער געפינט זיך אין בראָד און טוט דאָרט כל דבר אסור, בלויז צו טאָן להכעיס די פרומע אידן, ממש זיי צו שטעכן די אויגן.

„ר׳ עקיבאַ האָט אַ גרויסע נשמה און אַזאַ נשמה מוז געראַטעוועט ווערן!" האָט דער טאלנער אַ זאָג געטאָן.

געהערט אַזוינע דיבורים, האָבן שוין חסידים געוואוסט, אַז עפּעס שטעקט אין דעם, און אַז מען וועט נאָר אינגיכן הערן נייעס.

האָט ר׳ דוד׳ל באַלד אָנגעשריבן אַ בריוול מיט זיין אייגענער האַנט צו ר׳ עקיבאַ׳ן און האָט עס אַוועקגעשיקט צו אים אין בראָד מיט אַ שליח מיוחד.

וואָס עס איז אין בריוול געשטאַנען האָט קיינער ניט געוואוסט. מען האָט נאָר געזען די רעזולטאַטן פון אָט דעם בריוול. וואָרים אַזוי שנעל ווי ר׳ עקיבאַ האָט דעם בריוול איבערגעלייענט, האָט ער גלייך איינגעפּאַקט זיין פּעקל און זיך געלאָזט קיין טאלנע.

געקומען קיין טאלנע, האט אים ר׳ דוד׳ל אויפגענומען ווי אן אייגענעם מענטשן, ווי איינער וואס וואלט גאר קיינמאל ניט געהאט געזינדיגט און וואלט קיינמאל ניט געווען ארונטער פון דרך הישר.

און ר׳ עקיבא איז געווארן ר׳ דוד׳לס א חסיד.

ר׳ דוד׳ל האט דעם גאון שטארק מקרב געווען ביז ער איז געווארן אן אמת׳ער בעל תשובה.

ער האט צוריק פארלאזט א בארד מיט פאות, האט צוריק אנגעטאן חסידישע בגדים און איז געווארן נאך גאטספארכטיגער ווי ער איז וועז געווען פריער.

ר׳ דוד׳ל האט דאן פאר אים אויפגעזוכט א כסא רבנות און אים געמאכט רב אין דובאווא.

פון דעמאלט אן פאנגט זיך אן ר׳ עקיבא׳ס צוגעבונדנקייט, צו ר׳ דוד׳לען — א צוגעבונדנקייט, וואס ר׳ עקיבא איז אפילו געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר׳ן טאלנער. ווארום ווער נאך דען האט גע-קענט אזוי ווין די גרויסקייט פון דעם טאלנער ווי ר׳ עקיבא חיות?

יא.

ביים רבינ׳ס טיש

ווי ר׳ דוד׳ל האָט געפּראַוועט זיינע טישן. — א שבת אין טאַלנער הויף. — דעם רבי׳נס תורה.

די דריי הויפּט-יסודות פון חסידות זיינען תפילה, פּדיונות און טישן פּראַוון. דאָס גרעסטע געוויכט לייגט דער חסיד אויף זיין רבי׳נס תפילה. אין זיין תפילה, האַלט דער חסיד, דערהויבט זיך דער צדיק צו דער העכסטער מדרגה, גרייכט אַזש צום כסא הכבוד, וואו קיין זאַך איז פאַר אים ניט צו שווער אויסצואווירקן.

דער חסיד זעט אָבער זעלטן מיט זיינע אייגענע אויגן ווי דער צדיק איז מתפּלל. ווארום דער צדיק איז תמיד מתפּלל אין יחידות, התבודדות. נאָר דעמאָלט דערהויבט ער זיך צו זיין גאַנצער הויך. דער רבי, איז ביים חסיד, אין דער בחינה פון כהן גדול, וועלכער האָט זיין העכסטן מאָמענט דערגרייכט אין קודש הקדשים, וואו ער איז געווען איינער אליין, פאַרהיילן פון א מענטשלעך אויג...

די פאַרבינדונג, וואָס דער חסיד האָט געהאַט מיטן רבי׳ן דורך פּדיונות, איז שוין געווען א פּערזענלעכער. דער חסיד איז געקומען מיט א קוויטל, געשריבן פון אים אליין אָדער פון רבי׳נס גבאי. ער איז געשטאַנען פאַרן רבי׳ן. האָט געפילט זיין קדושה, געזען זיינע תנועות און געהערט זיין קול; האָט געקראָגן זיין ברכה און געהערט זיין עצה.

דער רבי איז דעמאָלט געוואָרן א טייל פון זיין ווירקלעכקייט, דער הויפּט-אָנהאַלט פון זיין מאַטעריעלן אזוי גוט ווי זיין גייסטיגן לעבן.

דער העכסטער מאָמענט אין חסיד׳ס לעבן איז אָבער געווען ווען ער איז געזעסן ביים רבי׳נס טיש. דאָ האָט ער ניט נאָר געהאַט דעם רבי׳ן פאַר די אויגן, נאָר אים געהאַט אין זיין גאַנצער גרויסקייט, אין זיין גאַנצער קדושה וטהרה.

דער טיש איז געווען געגליכן צום מזבח און דער צדיק צום כהן און די גאַנצע צערעמאָניע ביים פּראַוון דעם טיש איז געווען א טייל פון דער

חסידישער עבודה, וואס האט געהאט א גרויסע השפעה אויפן חסיד׳ס לעבן.

אין טאלנע איז דאס פראוון פון טיש צוגעגאנגען מיט אזא פראכט און גלאנץ, מיט אזא פאמפ, דאס חסידים, וואס האבן עס בייגעוואוינט איינמאל, האבן עס שוין מער ניט פארגעסן זייער גאנצן לעבן...

טישן פלעגן געפירט ווערן פון צדיק שבתים און ימים טובים און ביי פארשידענע ימי דפגרא.

שבתים פלעגן טישן געפירט ווערן צו אלע דריי סעודות. דער וויכטיגסטער פון די אלע טישן איז אבער געווען צו שלש סעודות.

שוין פרייטאג פרי האט מען דערפילט אין טאלנער הויף, אז דער הייליגער שבת קומט אן. דאס אנקומען פון דער „מלכה שבת“ האט מען אויך געפילט אין שטעטל, וואו מען האט געזען פורן מיט חסידים אנקומענדיג פון אלע זייטן און פוסגייער מיט זייערע פעקלעך אויף די פלייצעס — מידע פון לאנגן וועג, אבער פריילעכע, וואס זיי זיינען ענדלעך אין טאלנע. יעדער האט זיך געאיילט צו דער אכסניה פון זיין שטאנד — דער ארימער צו הער ארימער אכסניה אדער פריוואט הויז וואו מען פלעגט שלאפן אויפן דיל אדער אויף די בוידימער, און דער רייכער צו א מער באקוועמען פלאץ, וואו עס איז געווען גענוג צו עסן און גראם גענוג צו שלאפן.

אין די קיכן פון רבי׳נס הויף איז געווען א יאריד. מען האט געבאקן און געקאכט און די ריחות פון געבראטנס, דער עיקר פון געקאכטע פיש, האבן זיך געטראגן איבערן הויף און צעבלאזן געווארן מיטן ווינט איבערן גאנצן שטעטל, געבנדיג טאלנע לאנג אין פארויס דעם טעם פון אנקומענדיגן שבת...

א באזונדערע שטילקייט האט זיך געפילט אין הויף דערפאר, וואס מען האט פרייטאג ניט צוגעלאזט צום רבי׳ן קיין אידן מיט קוויטלעך. דער רבי האט ערב שבת ניט גענומען קיין פדיונות.

צוגעלאזט צו ר׳ דוד׳לען האט מען פרייטאג נאר אין פאל פון פקוח נפש, ווען אימיצער איז געווען א חולה מסוכן אדער א פרוי איז געגאנגען שווער צו קינד.

ווען די זון איז נאך געשטאנען הויך אין הימל, האבן זיך אין גרויסן פאדערצימער פונם רבי׳נס הויז פארקליבן די בכבוד׳יגסטע חסידים, סיי אזוינע, וואס זיינען אנגעקומען פון ווייט, און סיי אזוינע, וואס זיינען געווען תושבים אין טאלנע, און מען האט מקבל שבת געווען.

דער רבי האָט מקבל שבת געווען אין זיין אייגענעם אָפּגעזונדערטן חדר, פון וואַנען ער האָט מיטגעדאַוונט מיטן עולם.

גאַנץ אָפּט האָט פאַרן עמוד געדאַוונט א חזן, א באַוואוסטער מנגן און האָט געצייגט וואָס ער קען.

פאַרשטייט זיך, אַז די, וואָס האָבן זוכה געווען צו דאַוונען אין רבי'נס הויז, האָבן זיך געפילט געהויבן און האָבן עס געהאַלטן פאַר א גרויסער אויסצייכענונג.

אין רבי'נס בית מדרש האָט מען מקבל שבת געווען אביסל שפּעטער.

נאָך קבלת שבת איז די טיר פון רבי'נס חדר פאַרשלאָסן געוואָרן און הער צדיק איז פאַרבליבן ביחידות א פּאָר שעה. דאָס איז געווען א צייט פון גרויס התרוממות, פון גרויסע הכנות פאַר דעם, וואָס דאַרף קומען — דאָס פירן פון טיש אין גרויסן שאַלאַש.

די חסידים, די אורחים און די שטאָטישע, זיינען זיך דערווייל צעגאַנגען, יעדער אויף זיין אכסניה, אָדער היים, וואַרטנדיג ביז וואַנען מען וועט דאַרפן גיין אין שאַלאַש צום רבי'נס טיש.

א סך פון די בכבוד'יגע חסידים זיינען דערווייל געגאַנגען פאַרברייגגען ביי דעם רבי'נס קינדער, אייניקלעך און אַנדערע מכובדים אין הויף.

דאָרט האָט מען גערעדט דברי תורה, אָדער גאָר געשמועסט און גערעדט וועגן חסידישע „פּאָליטיק".

מען האָט זיך אויך איבערדערציילט די לעצטע ווערטלעך און די גייעסטע עובדות פון אים זאָל לעבן. דאָרט האָבן חסידים זיך געפילט געמיטלעך און היימיש און אינטים.

אַנדערע חסידים זיינען געגאַנגען זיך זען מיט באַקאַנטע אין שטעטל. גאָר אַנדערע האָבן אויף זייערע אכסניות געכאַפּט א דרעמל.

עס איז געוואָרן טונקל. אין שאַלאַש זיינען שוין געווען גרייט די טישן און די ליכט און די לאָמפּן האָבן העל געלויכטן.

דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן לאַנגזאַם פאַרקלייבן.

עס קומען חסידים פון אַלע מדרגות. כאָטש עס איז ניטאָ קיין אונטערשיד פון אַלט ביז יונג, פון אָרים ביז רייך, לומדן און עם-הארץ, ווייס אָבער יעדער זיין פּלאַץ. די אָרימע און פשוט'ע מענטשלעך זעצן זיך אוים ביי די ברעגעס אָדער גאָר אָן א זייט און די נכבדים גייען העכער — אויבנאָן.

עס קומען חסידים האַלב-פאַרסאָפּעטע. זיי מיינען, אַז זיי האָבן עפּעס פאַרשפּעטיגט.

דער שאלאש איז שוין באזעצט מיט חסידים. מאנכעסמאל איז דער ריזיגער זאל געדיכט, ממש א קאפ אויף א קאפ. אלע פלעצער זיינען פארנומען. בלויז אויבנאן בלייבן ליידיגע שטולן. דאס זיינען די שטולן פארן רבי׳ן און זיינע קינדער און אייניקלעך. הינטער יענע שטולן זיינען פאראן א ריי אנדערע שטולן, וואס זיינען פאר די גרויסע נכבדים.

דער עולם ווארט געשפאנט. מען ווארט אויפן „קול מבשר" — דער אנזאג, אז דער רבי קומט.

די בשורה קומט ניט מיט אמאל. אלץ גייט צו לאנגזאם, וואס האלט דעם עולם אין גרויס שפאנונג.

צוערשט קומט די ידיעה, אז דער רבי האט שוין אויפגעשלאסן די טיר פון זיין חדר, וואו ער איז געווען אין התבודדות. דאס מיינט, אז ער איז שוין פארטיג צו גיין צום טיש.

די דאזיגע ידיעה ווערט אויך צעטראגן איבער די אכסניות און אין די הייזער פון די קינדער און אייניקלעך אין הויף, וואו עס זיינען נאך פארבליבן די גבירים און די נכבדים, וועלכע זיינען תמיד פון די גאר לעצטע וואס קומען אין שאלאש.

אזוינע אידן קומען ניט אין פארויס. זיי קומען ווען דער רבי קומט אדער האלט ביים קומען. דאס רוב קומען זיי אריין מיטן רבי׳ן אינאיינעם, באגלייטנדיג אים אין שאלאש אריין.

פון ר׳ דוד׳לס הויז ביזן שאלאש ציט זיך א הילצערנע בריק — א מין טראטואר, וואס איז געמאכט געווארן ספעציעל פארן רבי׳ן. די בריק איז א פאר פוס איבער דער ערד. פון ביידע זייטן בריק שטעלן זיך אויס חסידים אין לאנגע רייען און ווארטן פארן רבי׳ן.

אין די אכסניות ווערט אן איילעניש, א יאגעניש. חסידים טוען שנעל אן די זשופיצעס און פארגארטלען זיך, טוען אן די שטריימלעך, וואשן זיך, זאגן „שאו ידיכם" און מאכן „המוציא". ווארום אין שאלאש צום רבי׳נס טיש קומט מען שוין פארטיג פארן רבי׳נס קידוש און סעודה, אפטמאל שוין האלב אדער אינגאנצן א געגעסענער.

צום רבי׳נס טיש קומט מען ניט עסן נאר זיין אונטערן רבי׳נס השפעה, ווייל נאר ביים רבי׳נס טיש פילט מען, וואס עס הייסט הנאה האבן פון „זיוו השכינה".

קען קיין רייד ניט זיין פון פשוט׳ער אכילה. דאס כאפן שיריים איז פאר א הויכן און גרויסן צוועק, אבער ניט צו שטילן די באדערפנישן

פון קערפּער. בלויז פאַרהונגערטע אָרימעלייט קענען זיך קוואַפּען אויף דער עצם אכילה.

זיך אָפּגעפּאַרטיגט אין די אכסניות, לויפט מען צום שאַלאַש מקבל פנים זיין דעם רבי׳ן.

די טיר פון רבי׳נס הויז עפנט זיך און דער צדיק, אין באַגלייטונג פון גבאים, קינדער און אייניקלעך, לאָזט זיך איבערן בריק צום שאַלאַש.

ר׳ דוד׳ל גייט אויפן בריק און די אַלע באַגלייטער — פון ביידע זייטן בריק, אויף דער ערד.

דאָס שאַפט אַ מערקווירדיגע, איינדרוקספולע פּראָצעסיע.

ר׳ דוד׳ל, אין זיין הויכן און אייגנאַרטיגן שטריימל, אין זיין לאַנגער אַטלעסענער זשופּעצע, קוקט פון בריק אויס ווי „משכמו ולמעלה גבוה מכל העם״, ווי ער איז העכער פון אַלעמען. זיין פּנים איז פאַר׳דבקה׳ט. זיינע אויגן פאַר׳חלומ׳ט. ער קוקט אויס ווי ער ווערט געטראָגן אויף פליגלען, ווי איבער אים און אַרום אים פלאַטערן מלאכים...

דער רבי איז פאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן. ער גייט צו אַ גרויסער עבודה. ער ווייס, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גרויסע אויפגאַבע — צו דער־הויבן מיט זיך אַ גאַנצע עדה חסידים און ברייגגען אַ תיקון פאַר אַ זינ־דיגער וועלט...

דער עולם ווערט גרעסער און געדיכטער. הונדערטע הענט ווערן צו אים אויסגעשטרעקט. עס רייסן זיך ספּעציעל די נייע חסידים, וואָס האָבן נאָך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט דעם רבי׳ן מקבל פּנים צו זיין.

„שלום עליכם, רבי! גוט שבת, רבי!״ רופן אויס הונדערטע חסידים.

דער רבי ענטפערט אַלעמען מיט אַ בנעימות׳דיגן „עליכם שלום״. אַ פאַר׳דבקה׳טן „גוט שבת, גוט יאָר״.

די פּראָצעסיע איבערן בריק ציט זיך ווייטער. איינער פון די גבאים האָט שוין געבראַכט אין שאַלאַש די בשורה, אַז דער „רבי גייט!״ און דער עולם הויבט זיך אויף און שטייט גרייט דעם רבי׳ן מקבל פּנים צו זיין.

עס ווערט אַ שפּאַרעניש, אַ געדרענג. אַלע ווילן זיין וואָס נענטער צום אַריינגאַנג. גלייכצייטיג מוז מען אָבער מאַכן אַ וועג, אַ וואַרע פאַר אים.

דער רבי ווערט אויפגענומען מיט אַ האַרציגן ברוך־הבא און גוט־שבת.

דער רבי גייט לאַנגזאַם, מיט געציילטע טריט צום אויבנאָן פון טיש. דער עולם בלייבט שטיין ביז וואַנען דער רבי זעצט זיך אַנידער. אַלע

זיצן שוין. אין שאלאש הערשט א טויטן-שטילקייט. אלעמענס בליקן זיינען איצט געריכטעט אויפן רבי'ן, וועלכער זיצט מיט פארמאכטע אויגן, פארטראכט, ווי ער וואלט גאר ניט געווען אויף דער וועלט, נאר געשוועבט ערגעץ אין די הימלען.

ר' דוד'ל שטרעקט אויס זיין רעכטע האנט. זיין זון, ר' מאטעלע און שפעטער זיין אייניקל, ר' נחום'ל, דערלאנגט דעם צדיק דעם בעכער מיט וויין, וואס איז פאר קידוש.

און ר' דוד'ל הויבט אן מאכן קידוש.

ער פאנגט אן מיט א דינינקער שטימעלע, וואס ווערט שטארקער און מעכטיגער און צעגיסט זיך מיט א קראפט ווי פון א וואסערפאל. זיין שטימע איז מוזיקאליש און קלינגט ווי א זיסער, הימלישער געזאנג.

יעדעס ווארט איז א פערל. יעדע אינטאנאציע ברענגט ארויס עפעס נייעס. דאכט זיך דיזעלביגע ווערטער — דערזעלביגער קידוש, אבער פון רבי'נס מויל קומט עס ארויס אזוי אנדערש, מיט אזוי פיל כוונה און פארטיפונג...

ר' דוד'לס פנים נעמט אן א מאדנעם אויסדרוק. די אויגן זיינען פארמאכט, אבער דאס פנים לויכט. גאנצע וועלטן שפיגלען זיך דארט אפ...

די חסידים זיינען פארגאפט. מיט באזונדערער אנשטריינגונג זיינען זייערע אויגן געריכטעט אויף ר' דוד'לס שטערן. איבערן שטערן ציט זיך א בלויער אדער, וואס איז בולט און בייט זיינע קאלירן. דער אדער טרייסלט זיך, באוועגט זיך קאנוואולסיוו, ווען דער רבי קומט אריין אין עקסטאז, ווען ער פארטראגט זיך אין הויכע וועלטן.

די חסידים קוקן אויפן אדער מיט גרוים יראת הכבוד. דער אדער ווערט פון זיי געהאלטן פאר א געטלעכן צייכן...

פארענדיגט דעם קידוש, בלייבן די חסידים ווי פאר'כשופ'ט. דער רבי פארזוכט דעם וויין און שטעלט אוועק דעם בעכער.

דער וויין ווערט דאן צעטיילט טראפנסווייז אין די הונדערטע בעכערס און גלעזלעך צווישן די חסידים. א סך קענען אפילו קיין טראפן ניט קריגן און פילן זיך אנטוישט.

דער „מעלצער" (סארווער, באדינער), ברענגט א בעקן מיט וואסער און דער רבי וואשט זיך, זאגט „שאו ידיכם" און מאכט „המוציא". די גרויסע חלה ווערט דאן צעפיצלט און צעברעקלט און צעכאפט פון די חסידים.

דער רבי פאַנגט אָן זינגען „אתקינו סעודתא". ער זיצט מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער רעכטער האַנט. זיין געזאַנג איז צוערשט אַ מין שעפּטשן, וואָס בלויז די נענטערע הערן. עס וואַקסט אָבער אין שטאַרקייט, ביז עס צעגיסט זיך אין אַ מעכטיגן געזאַנג, וואָס קלינגט פון איין עק שאַלאַש ביזן צווייטן.

יעדן כרוז זאָגט ער אַרויס מיט באַזונדערע דבקות, גיט אַריין זיין אייגענעם טייטש אין יעדן וואָרט. דער עולם כאַפּט אויף דאָס געזאַנג, צעוואַרעמט זיך און באַלד איז שוין דער גאַנצער שאַלאַש פול מיט נגינה, טראָגנדיג זיך פון איין וואַנט צו דער צווייטער און פון טויזנט־קעפּיגן עולם צו דער סטעליע, ווי אַ מעכטיגע כוואַליע, וואָס שלאָגט זיך אָן אויפן ברעג און צעשפּליטערט זיך און ווערט לאַנגזאַם איינגעשטילט, ביז עס דערהערט זיך ווידער דעם רבי'נס שטים, וועלכע איז אַ געמיש פון געוויין, געזאַנג און תפילה...

מען ברענגט די פיש. דער רבי פאַרזוכט דער ערשטער און דאַן ווערט אַ שיריים כאַפּעריי.

נאָך די פיש קומט די זמירות, דער עולם גייט אַריין אין התלהבות. נאָכער, יאַסעלע דעם חזנ'ס נייער ניגון, וואָס ער פאַרפאַסט פאַר יעדן שבת. געענדיגט די זמירות, פאַנגט דער רבי אָן זאָגן תורה.

דאָס איז דער „קלימאַקס" פון אָוונט, וואָרום ר' דוד'לס תורה זאָגן האָט אין זיך עפּעס אייגנאַרטיגעס, עפּעס אַזוינס, וואָס מען האָט ביי קיין אַנדער צדיק ניט געזען.

עס איז ניט אַזוי דאָס, וואָס ער זאָגט, נאָר ווי אַזוי ער זאָגט.

ער פאַנגט אָן שטיל, געלאַסן, אָבער האַלט זיך אין צעוואַרימען, ביז ער הויבט ממש אָן ברענען. יעדעס וואָרט אַ שטיק ברענענדיגע לאַווע. און די שטימע איז ריטמיש, מוזיקאַליש, דורכגענומען מיט געבעט און געוויין. עס צענעמט יעדן צוהערער.

פון רבי'נס אויגן גיסן זיך טרערן. ממש שטראָמענווייז.

און אויף אים קוקנדיג וויינט אויך דער עולם.

ניט אַלע פאַרשטיין ר' דוד'לס תורה. ווייניג קענען אים נאָכפאָלגן אין אויסגוס פון זיינע געדאַנקן, וועלכע וועבן זיך איינע אין די אַנדערע און צעגיסן זיך ווי אַ מעכטיגער שטראָם איבער אַ ברייט און ווייט פעלד, ר' דוד'ל זאָגט אַזוינס, וואָס לאָזט זיך קוים איבערזאָגן. אָבער צי מען פאַרשטייט זיין תורה צי ניט, ווער עס האָט עס געהערט איינמאָל, האָט עס שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין גאַנצן לעבן...

יב.

שלש-סעודות

א צייט פון הרהור־תשובה. — ר׳ דוד׳לס פנים שיינט ווי די לבנה. — דער גרויסער כח פון זיין תורה.

שלש־סעודות איז פארן חסיד א גרויסער מאמענט.

עס איז דער פייערלעכסטער מאמענט אין יעדן חסידישן שטיבל. עס איז די הארציגסטע, די ליבסטע צייט פון דעם שבת קודש, ווען די קדושה פון שבת און די קדושה פון רבי׳ן ווערן פאראייניגט און דער חסיד ווערט פארטראגן אין וועלטן פון כולו קודש.

ווען חסידים זיינען אליין, זיצן זיי ארום די טישן אין זייערע שטיבלעך און האלטן זייערע געדאנקן קאנצענטרירט אויף זייער רבי׳ן. זיי קוויקן זיך מיט די מעשה׳לעך, וואס ווערן דעמאלט דערציילט פון „אים זאל לעבן" און זיי זיינען מכוון ווי זיי וואלטן געזעסן פאר זייער רבי׳ן און געזען פאר זיך זיין הייליגע צורה...

פארשטייט זיך, אז דער גאר העכסטער אויסדרוק קריגט דער שלש־סעודות אין רבי׳נס הויף, אין דעם שלאש וואו ער פראוועט דעם טיש פאר א גרויסע עדה חסידים.

אין טאלנער הויף האט דער שלש־סעודות געהאט זיין אייגנטימלעכן כאראקטער. חסידים האבן אויפן שלש־סעודות ארויסגעקוקט מיט דער גרעסטער שפאנונג. עס איז געווען פאר זיי א מאמענט פון הרהור תשובה, פון בטול היש, פון פארפליען אין עולמות העליונים.

חסידים האבן געזאגט, אז אויב ר׳ דוד׳ל איז תמיד געווען קודש, איז ער צו שלש־סעודות געווען קודש־קדשים. ער האט זיך דעמאלט דער־הויבן צו הער העכסטער מדרגה פון א בשר ודם.

חסידים האבן עס ניט בלויז געפילט, נאר טאקע געזען — געזען מיט זייערע אייגענע אויגן בפועל ממש.

מען האט עס געזען אויף זיין פנים, וואס, לויט חסידים האבן גע־זאגט, האט צו שלש־סעודות געלויכטן ווי די לבנה... באזונדערס דעמאלט,

ווען ר׳ דוד׳ל פלעגט זיך צעוואַרימען אין זיין תורה און אַריין אין התלהבות.

אין גרויסן שאַלאַש איז דעמאָלט געווען טונקל. אַ בלייענע גרויקייט, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך די פענסטער, האָט די עדה חסידים איינגעוויקלט ווי אין אַ נעפּל. מען האָט ניט געקענט אונטערשיידן קיין פּנים׳ער און קיין גופים. די גאַנצע עדה איז צוזאַמענגעשמאָלצן געוואָרן אין איין גרויער מאַסע.

בלויז דאָ און דאָרט האָט מען געקענט אויפכאַפּן דעם פינקעל פון אַ פאַרטרערט אויג, וואָס איז געווען געריכטעט אויפן רבי׳ן, אויבנאָן ביים טיש.

אַלעמענס הערצער האָבן געשלאָגן ווי ביי איין מענטשן. אַלעמענס געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט איין זאַך — מיט ר׳ דוד׳לן.

און ר׳ דוד׳לס שטימע האָט זיך געהאַלטן אין שטאַרקן, זיך דער־הויבן טענערווייז, ביז זי האָט אויסגעפילט דעם גאַנצן חלל און דורכגע־נומען אַלעמענס הערצער.

אין יענע מאָמענטן, ווען מען האָט אין שאַלאַש שוין גאָרניט געקענט זען און קוים געקענט באַמערקן איינער דעם צווייטן, אפילו ווען מען איז געזעסן האַרט איינע נעבן די אַנדערע, האָט, לויט חסידים זאָגן, ר׳ דוד׳לס פּנים זיך אָנגעצונדן און געשיינט ווי די לבנה.

אַ הייליגער פּחד פלעגט דורכנעמען די חסידים, און ווי פאַרשטיי־נערט אימיצנס האַרץ איז ניט געווען, פלעגט עס דערפילן אַ הרהור תשובה.

דערציילן חסידים, אַז ניט איין זינדיגער איז פון ר׳ דוד׳לס שלש־סעודות אַוועק אַ פולשטענדיגער בעל־תשובה און אויף אייביג אַ טרייער חסיד פון טאַלנער.

קיין טאַלנע פלעגן אָפט קומען ניט נאָר חסידים פון אַנדערע רביים, נאָר אויך מתנגדים. די הנהגה פון טאַלנער הויף, דער פּראַכט און גלאַנץ, וואָס זיי פלעגן דאָרט זען האָט אויף אַלעמען אַ גרויסן רושם געמאַכט. זיי האָבן אָבער נאָר געדאַרפט ביייוואוינען אַ שלש־סעודות און זיי זיינען שוין אויף תמיד צוגעבונדן געוואָרן צו ר׳ דוד׳לען און געוואָרן זיינע איבערגעבנסטע חסידים.

דערציילט מען, אַז אין טאַלנע איז אַמאָל אַרונטערגעקומען אַ „בער־לינטשיק״, וועלכער האָט זיך אויסגעלאַכט אי פון חסידות און אי פון אידישקייט אין אַלגעמיין.

וואָס עס האָט אים פאַרטראָגן קיין טאַלנע האָט מען ניט געוווּ

געוואוסט. ער איז דאָרט געבליבן איבער שבת. האָבן זיך שוין געפונען אזוינע, וואָס האָבן אים אָנגעהויבן רופן צום רבין.

ער האָט פון דעם ניט געוואָלט הערן.

„קום צום רבי'נס טיש, הער זיין תורה, זע צו די הנהגה און דו וועסט ווערן ר' דוד'לס א חסיד“, האָבן אים די טאַלנער געזאָגט.

דער „בערלינטשיק“ האָט געלאַכט. ער האָט עס געהאַלטן פאַר א שפּאַס.

האָבן חסידים אים ניט אָפּגעלאָזט און בלויז געוואָלט פועל'ן, אז ער זאָל גיין צום רבי'נס טיש.

האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן.

געגאַנגען פרייטאג צונאַכט צום רבי'נס טיש, איז אויסגעזעסן די גאַנצע צייט און זיך צו אַלץ צוגעקוקט און צוגעהערט און ווען מען האָט אים געפרעגט שפּעטער, וואָס ער האָט וועגן דעם צו זאָגן, האָט ער א מאַך געטאָן מיטן האַנט, ווי ער וואָלט עס אינגאַנצן מבטל געמאַכט.

„עט, מיט אזוינע זאַכן קען מען מיר ניט נעמען!“ האָט ער געענטפערט.

דאָס אייגענע איז אויך געווען אויף מאָרגן צו דער צווייטער סעודה.

דאַן איז געקומען שלש־סעודות.

דער „בערלינטשיק“ איז געוואָרן אַן אַנדערער.

די זמירות וואָס זיינען געזונגען געוואָרן, די תורה, וואָס ר' דוד'ל האָט געזאָגט און די פאָרם ווי ער האָט עס געזאָגט — זיין דורכנעמענדיגער טאָן, זיין פייערלעכקייט, — האָבן אויפן „בערלינטשיק“ געהאַט א ווירקונג.

א פחד איז אים באַפאַלן, ווען ער האָט מיטאַמאָל דערזען דאָס ליכט, וואָס שטראַלט פון ר' דוד'לס פנים, און דער גרויסער מאָמענט פון אמת'ע התעוררות איז געקומען, ווען ער האָט דערזען ווי פון ר' דוד'לס אויגן גיסן זיך צוויי שטראָמען טרערן.

ר' דוד'ל איז בטבע ניט געווען קיין בעל־בכי. ער האָט אָבער פאַר־גאָסן טהערן זייער אָפט, דערהויפּט ווען ער האָט געזאָגט תורה.

דאָס איז אפשר געקומען פון זיין אייגענער התעוררות, פון זיין אייגענער דערוואַרעמונג.

חסידים האָבן זיך תמיד געוואונדערט פון וואַנען עס נעמען זיך ביי אים אזוי פיל טרערן, און געזאָגט האָט מען, אז ר' דוד'ל פאַרגיסט טרערן כדי אָנצופילן דעם בעכער, וואָס שטייט פאַר קדוש ברוך הוא און אויף וועלכן עס ווערט געזאָגט, אז ווען ער וועט פול ווערן, וועט קומען די גאולה...

מסתמא האָבן נאָך אין בעכער געפעלט אזוי פיל טרערן, אז אפילו די שטראָממען, וואָס זיינען געקומען פון ר׳ דוד׳לען האָבן אים ניט געקענט אָנפילן...

ר׳ דוד׳לס טרערן פלעגן אויך ארויסרופן טרערן ביי די חסידים. חסידים פלעגן זיך דעמאָלט ממש באָדן אין זייערע אייגענע טרערן.

דער „בערלינטשיק״ איז אזוי צעגומען געוואָרן, אז ער האָט זיך צעוויינט און האָט נאָכער אליין מודה געווען, אז ער קען מער פון טאלנע ניט אוועק ביז ער וועט ניט זיין ביים רבי׳ן און ניט קריגן זיין ברכה.

די מעשה ווערט פארענדיגט מיט דעם, וואָס דערדאָזיגער „בער־לינטשיק״ איז געוואָרן אַן אָפּטער באזוכער אין טאלנער הויף און איינער פון ר׳ דוד׳לס פייערדיגסטע חסידים.

וואָס פאר א כח ר׳ דוד׳ל האָט געהאַט אין זיין זאָגן תורה איז צו זען פון דעם, וואָס ר׳ דוד׳לס אייניקל, דער טאלנער־וויזניצער רבי, ר׳ מאָטעלע כאדראָוו דערציילט:

ר׳ מאָטעלע איז נאָך דעמאָלט א קליין אינגל געווען. צו שלש־סעודות, ווי צו די אַלע אַנדערע סעודות, פלעגט ער מיט די אַנדערע קינדער און אייניקלעך זיצן ביים טיש נעבן ר׳ דוד׳לען.

די הנהגה אין טאלנער הויף איז געווען, אז די אינגסטע קינדער אָדער אייניקלעך פלעגן זיצן נענטער צום רבי׳ן און די עלטערע אביסל ווייטער.

מיט דעם האָט זיך ר׳ דוד׳ל געפירט אַנדערש פון אַנדערע צדיקים, וועלכע האָבן געהאַט אויסגעזעצט די קינדער און אייניקלעך ארום זיך לויט זייער עלטער נאָך. עס הייסט, די עלטערע נענטער צו זיך און די אינגערע ווייטער אביסל.

כל זמן ר׳ מאָטעלע איז געווען דער אינגסטער, איז ער געזעסן הארט נעבן ר׳ דוד׳לען. וואָס עלטער ער איז געוואָרן און וואָס מער אינגערע עס זיינען צוגעקומען, אלץ ווייטער איז ער אָפּגערוקט געוואָרן.

אַלס אינגל האָט זיך אים גאַנץ אָפט געוואָלט אַנטלויפן פון טיש און זיך לאָזן וואוילגיין אין הויף, אונטערן פרייען הימל, ספּעציעל זומער ווען דער דרויסן האָט גערופן און די פאַרנאַכטן זיינען געווען דורכגענומען מיט אזוי פיל בענקעניש.

אָבער זעלטן ווען ס׳האָט זיך געמאַכט די געלעגנהייט אוועקצו׳גנב׳־ענען פון רבי׳נס טיש. מען איז תמיד געווען אונטערן אויג.

אָבער איינמאָל צו שלש־סעודות, ווען אין שאלאש איז געווען טונקל

און דער עולם איז געווען פארטאָן, האָט זיך דעם יונגען ר׳ מאָטעלע פאַרוואָלט אָפּטראָגן פון טיש. האָט ער זיך אומבאמערקטערהייט ארויס-גערוקט פון שאלאש און זיך אַ לאָז געטאָן אַ פרייליכער און לוסטיגער איבערן הויף, ווי אַ שעפעלע, וואָס ווערט פריי געלאָזט פון פאַסטוך.

ער איז געווען פארטאָן אין שפיל מיט אַנדערע קינדער, קלענערע מיוחסים, אַזוינע, וועלכע מען האָט ניט געבראַכט אין שאלאש, און האָט שוין אינגאַנצן געהאַט פארגעסן אָן דעם שלש־סעודות.

אָבער מיטאַמאָל איז ר׳ מאָטעלע שטיין געבליבן. עפּעס האָט ער דערפילט ווי אַ געהיימניספולע קראַפט וואָלט אים דורכגענומען.

ער האָט דערהערט דעם זיידנ׳ס שטימע. ר׳ דוד׳ל האָט געזאָגט תורה. ער האָט זיך געהאַט צעוואַרעמט, זיך דערהויבן צו די העכסטע טענער און זיין שטימע האָט ניט נאָר אָנגעפילט דעם חלל פון גרויסן שאלאש, נאָר אויך זיך ארויסגעריסן אויסערן שאלאש אין דרויסן און אָפּגעקלונגען אין דעם שטילן בין השמשות פון דעם שבת פארנאַכטיגן בין מנחה למעריב.

די שטימע האָט געקלונגען און געריקטן, געפאָדערט, זיך געבייזערט, געקלונגען אין דער שטילער לופט ווי אַ בת-קול, ווי אַ רוף פון אַ געהיימניספולער וועלט.

ר׳ מאָטעלע איז אַ פארציטערטער געוואָרן. ער האָט פארגעסן די חברים זיינע. ער האָט פארגעסן דאָס שפיל און פילנדיג ווי ער וואָלט געפירט געוואָרן פון אַן אומגעזעענע האַנט, האָט ער אָנגעהויבן נאָכפאָלגן די שטימע. ער איז שטילערהייט צוריק אריין אין שאלאש און פארנומען זיין פריערדיגן פלאַץ און דערפילט אין זיין יונג האַרץ די חרטה פון אַ פארזינדיגטן.

דער באַרימטער חזן, פיניע מינקאָווסקי, וועלכער איז געווען אַ טאַלנער חסיד און איז אָפט געזעסן ביי ר׳ דוד׳לס טיש, וויל האָבן, אַז אין ר׳ דוד׳לס תורה זאָגן איז געווען ניט נאָר ריטם נאָר אויך מוזיק.

ר׳ דוד׳ל פלעגט אָנפאַנגען שטיל, ממש שעפטשענדיג, וואָס האָט געקלונגען ווי דער געמורמל פון אַ קליין וואַסערל. האַלבע טענערווייז און גאַנצע טענערווייז, אָבער מיט אַ מאָס ווי פון אַ געניטן מנגן, מיט אַ מוזיקאַלישער רעגעלמעסיגקייט, פלעגט זיך זיין שטימע הויבן און ווערן שטאַרקער, ביז זי פלעגט זיך דערהויבן צו דער קראַפט פון אַ מעכטיגן שטראָם...

און זיין שטימע האָט געקלונגען הימל־זיס, ווי דער געזאַנג פון כרובים, ווי די שירה פון מלאכים, זאָגן חסידים.

יג.
שרײם

פאַרוואָס חסידים כאַפּן שרײם. — דער סוד פון עסן פיש פרײטאָג צונאַכט. — אַ טעם פאַרוואָס דער רבי עסט פיש מיט די הענט.

שרײם כאַפּן איז פאַרן חסיד אַ וויכטיגער ענין. אַ חסיד וואָס האָט נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו זיצן בײם רבי׳נס טיש און כאַפּן שרײם, האָט ממש ניט דערגרייכט די מדרגה פון שלמות. ער איז נאָך אַ האַלבער מענטש, אַ ניט־דערבאַקענער.

אַ חסיד וועט זיך שטאַרק מצער זיין אויב אים קומט ניט אָן פון רבי׳נס שרײם. ער וועט זיך שטופּן און ראַנגלען צו כאַפּן כאָטש אַ כזית פון רבי׳נס מאכלים.

שרײם ווערט געכאַפּט פון אַלץ, וואָס דער רבי פאַרזוכט, און דער רבי פאַרזוכט די מאכלים נאָר צוליב די שרײם. דער רבי אַליין עסט ווייניג. ער עסט כמעט גאָרניט, אַלנפאַלס ניט בײם טיש.

וואָס איז שייך ר׳ דוד׳ל טאַלנער, האָט מען אים קיינמאָל ניט געזען עסן זיצנדיג בײם טיש מיט די חסידים. ער פלעגט נאָר פאַרזוכן אָדער באַרירן די מאכלים, כדי מיט דעם די מאכלים צו הייליגן און געבן חסידים די געלעגנהייט צו כאַפּן שרײם.

ר׳ דוד׳ל האָט בײם טיש געהאַט זיין אייגענע גאָפּל, מעסער און לעפל. דאָס זיינען געווען קליינצינקע גאָפּעלעך און מעסערלעך און לעפּעלעך, ממש ווי פאַר אַ קינד.

חסידים פלעגן זאָגן אויף ר׳ דוד׳לען דאָס, וואָס רש״י זאָגט וועגן די מלאכים, וואָס האָבן זיך באַוויזן צו אברהם אבינו און וועגן וועלכע עס ווערט געזאָגט אין חומש, אַז זיי האָבן „גענעסן פונם שפּייז וואָס אברהם האָט פאַר זיי צוגעגרייט“. אויף דער קשיא, ווי אַזוי קען עס זיין, אַז מלאכים זאָלן עסן, זאָגט רש״י, אַז זיי האָבן זיך בלויז געמאַכט עסנדיג...

אַזוי איז אויך געווען מיט ר׳ דוד׳לען, האָבן חסידים געזאָגט. אויב ער האָט געגעסן, איז עס נאָר געווען צוליב די חסידים, זיי זאָלן קענען האָבן שרײם...

כאַטש שריים קענען זיין פון אַלע מינים אכילות, איז דער וויכטיגסטער מאָמענט פון שריים־כאַפּעריי ביי די פיש.

פיש איז בכלל א וויכטיגע אכילה און חסידים האַלטן פון דעם זייער פיל. א חסיד וועט נאָך ווי ניט איז זיך פאַרגינען אויסצעלאָזן די שריים פון אַנדערע פּאַטראַוועס, אָבער קיינמאָל ניט די שריים פון פיש.

און עס איז גאָר ניט קיין חידוש. די פיש ביים רבי׳נס טיש, ספּעציעל די, וואָס דער רבי פאַרזוכט, איז ממש אין דער בחינה פון לויתן און חסידים פילן אין דעם טאַקע דעם טעם לויתן.

וואָס גרעסער די כוונה, וואָס העכער די מדרגה צו וועלכער מען גרייכט, אַלץ א גרעסערן טעם פילט מען אין די פיש פון רבי׳נס שריים.

עס איז אָבער ניט בלויז אַן אָנדייטונג אויפן לויתן. דער ענין פון עסן פיש, ספּעציעל פרייטאָג צונאַכט, איז זייער א הויכער. חסידים גיבן א סך טעמים פאַר דעם.

צום אַלעם ערשטן, איז עס אַן אָנדייטונג אויף די חסידים, וועלכע זיינען אין דעם פאַל געגליכן צו די פיש אין ים. זיי דורשטן נאָכן רבי׳נס תורה ווי די פיש נאָך א גייעם טראָפּן וואַסער. עס איז פאַראַן א מדרש, וואָס לויטעט, „פּונקט ווי די פיש, וועלכע האָדעווען זיך אין וואַסער, אָבער ווי נאָר עס טריפט אַרונטער א טראָפּן וואַסער פון דער הויך, כאַפּן זיי עס אויף מיט דורשט, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל קיין וואַסער ניט געהאַט פאַרזוכט, אַזוי זיינען אויך די אידן, וועלכע האָדעווען זיך אין דעם וואַסער פון תורה, אָבער ווען זיי הערן עפּעס א ניי וואָרט תורה, כאַפּן זיי עס אויף מיט דורשט ווי זיי וואָלטן קיינמאָל ניט געהאַט געהערט קיין תורה״...

חסידים זיינען אויסגעוואַקסן אין תורה און מצוות, האָבן זיך שוין האָכט זיך גענוג געזעטיגט מיטן רבי׳נס תורה און ווערטלעך, אָבער זיי זיינען תמיד דורשטיג צו הערן נייע תורה פון אים און זיינען תמיד ושעדנע צו הערן א ניי וואָרט פון אים.

חסידים שטיצן זיך אויך אויף א צווייטן מדרש, וועלכער לויטעט: „וואָרום זיינען מענטשן געגליכן צו די פיש פון ים? דיר צו זאָגן, פּונקט ווי די פיש אין ים, וויבאַלד זיי קומען אַרויס אויף דער יבשה שטאַרבן זיי אַוועק. אַן אַנדער פאַרגלייך איז: פּונקט ווי די פיש אין ים, ווער עס איז גרעסער שלינגט איין דעם קלענערן, אַזוי אויך די מענטשן, ווען ניט די מורא פאַר דער ממשלה, וואָלט דער שטאַרקערער פאַרשלונגען דעם שוואַכערן״.

חסידים זאָגן, אַז ווען ניט די השפעה פון צדיק וואָלט די וועלט קיין

קיום ניט געהאט און מענטשן וואלטן ניט געקענט לעבן איינע מיט די אנדערע אין שלום און אחדות.

אט נעמט טאקע די חסידים גופא. דארף מען נאך האבן מער ברודערשאפט, מער צוזאמענגעהעריקייט איינע צו די אנדערע ווי עס הערשט ביי חסידים? אבער דאס איז נאר אין זכות פון רבי'ן. א ראיה איז, אז וויבאלד חסידים געהערן ניט צו איין רבי'ן קענען זיי זיך ניט פארטראגן איינע די אנדערע. איז עס דאך א קלארער באווייז, אז נאר א דאנק דעם רבי'נס השפעה זיינען זיי דאס, וואס זיי זיינען...

חסידים האבן עס ספעציעל אין זינען ביי די פיש פרייטאג צונאכט, דער עיקר ווען מען כאפט די שריים פון רבי'נס טיש.

די שריים פון פיש איז אבער אויך א גרויסע סגולה. עס איז א סגולה נעגן הרהור עבירה, ספעציעל וואס איז שייך תאוה צו פרויען. דאס איז אויך א סגולה פאר האבן קינדער.

חסידים זאגן, אז ניט איין עקר איז געבענטשט געווארן מיט קינדער א דאנק די שריים, וואס זיי האבן געכאפט ביים רבי'נס טיש.

פיש זיינען דאך באקאנט אלס „פרים ורבים", וואס פארמערן זיך שנעל. ווערט דאך עפעס באנוצט דער אויסדרוק „וידגו לרוב בקרב הארץ" — און די אידן האבן זיך פארמערט אין לאנד. דאס ווארט „וידגו" מיינט דא אין דעם זין, אז זיי האבן זיך פארמערט ווי די פיש אין וואסער.

פיש, זאגן די חכמים, זיינען רייגע און זינדלאזע באשעפענישן. זיינען זיי דאך עפעס געווען אזוי ריין פון זינד, אז לויט א גמרא, איז אויף זיי ניט נגזר געווארן פארניכטעט צו ווערן אין צייט פון מבול, ווען אלע אנדערע באשעפענישן זיינע יא פארניכטעט געווארן צוליב זייערע זינד.

אן אנדער גמרא זאגט, אז די אורזאך ווארום אויף די פיש איז ניט נגזר געווארן פארניכטעט צו ווערן, איז דאס, וואס זיי האבן קיינמאל ניט פארקערט ניט מיט זייער מין.

האלטן דארום חסידים פיש פאר א סגולה צו טהרת המשפחה...

וועגן ריזשינער ווערט דערציילט, אז ער פלעגט גאנץ אפט עצה'ן חסידים, וואס פלעגן צו אים קומען נאך א ברכה, אז זיי זאלן האבן קינדער, אז זיי זאלן קומען צו זיין טיש און עסן פיש פון זיינע שריים. און חסידים פארזיכערן, אז די, וואס האבן עס געטאן, זיינען קיינמאל ניט אנטוישט געווארן.

אין טאלנע האט מען אויך שטארק געהאלטן פון דעם. דארט האט

מען אָבער אויך געהאַלטן, אַז דורך עסן פיש ברייננגט מען ניט בלויז א תיקון פאַר זיך, נאָר גאַנץ אָפּט אויך פאַר אַנדערע.

טאַלנער חסידים האָבן געהאַלטן, אַז אין פיש ווערן אָפּט מגולגל זינדיגע נשמות. און די דאָזיגע נשמות זוכן זיך אָפּ פיש נאָר דערפאַר, וואָס זיי ווילן, אַז דורכדעם, וואָס מען וועט זיי עסן פרייטאָג צונאַכט זאָלן זיי קריגן זייער תיקון...

און וואויל איז צו יענע נשמות, וואָס האָבן געטראָפן פיש, וואָס זיינען דערנאָך געקומען אויפן רבי'נס טיש און וועלכע דער רבי האָט באַרירט מיט זיינע הייליגע הענט, פאַרזוכט מיט זיין הייליג מויל און דערנאָך איבערגעגעבן צו זיינע חסידים אַלס שריים.

אַזוינע נשמות קריגן באַלד זייער תיקון און קערן זיך צוריק אויפן עולם האמת.

עס קומען אָבער אויך פאָר טראַגישע פּאַסירונגען. נשמות כאַפּן זיך אריין אין פיש, וואָס פאַלן דערנאָך אריין צו טריפ'ניאַקעס און לאָ די, וואָס די דאָזיגע טריפ'ניאַקעס מאַכן זיך אַליין קאַליע, הערלאָזן זיי אויך ניט, אַז די זינדיגע נשמות זאָלן קריגן זייער תיקון...

דערציילט מען טאַקע אויף ר' דוד'לען, אַז ער האָט אַמאָל געזאָגט האַלב אין ערנסט און האַלב אין שפּאַס, אַז די אידישע טריפ'ניאַקעס, די משכילים, וואָס לאַכן אַזוי אָפּ פון אַלץ וואָס איז אידיש, אָבער וואָס זאָגן זיך קיינמאָל ניט אָפּ פון גוטע אידישע מאכלים, ספּעציעל פון געפילטע פיש, גוטע צימעסלעך און פעטע קוגלען, טוען מיט דעם קיינעם קיין טובה נים.

געזאָגט האָט עס ר' דוד'ל ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן די משכילים און זייער האַלב אידישע אויפפירונג.

„בעסער וואָלט געווען, אַז זיי וואָלטן זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון אידישקייט, וואָלטן אינגאַנצן איבערגעקערט די שיסל מיטן דעק אַרויף. וואָלט מען געוואוסט ווער זיי זיינען און זיי וואָלטן קיינעם, אויסער זיך אַליין, קיין רעה ניט געטאָן.

„אָט נעמט דעם ענין פיש עסן. די אפּיקורסים, האָבן שטאַרק האַלט פיש און דוקא פרייטאָג צונאַכט. דאָס וואָלט אפשר קיינעם ניט געדאַרפט אַרן. זיי האָבן האַלט פיש, זאָלן זיי עס עסן. אָבער צו וואָס דאַרפן זיי א רעה טאָן די אומגליקלעכע נשמות, וועלכע זוכן א תיקון דורכדעם, וואָס א גאָטספאַרכטיגער איד זאָל איבער זיי א ברכה מאַכן ?...

חסידים זאָגן, אַז דערפאַר פלעגט טאַקע ר' דוד'ל האָבן גרויסע כוונות

ביים פארזוכן די פיש. ער האט געוואלט מזכה זיין אפילו די פיש וואס זיינען אריינגעפאלן צו די אפיקורסים. זאלן אויך די אומגליקלעכע נשמות וואס זיינען אריין אין יענע פיש האבן א תיקון...

און ווייל דעם ענין פון פיש עסן און שריים ליגן אזויגע טיפע כוונות, נעמט ניט דער רבי די פיש מיט קיין גאפל און מעסער, נאר מיט די בלויזע הענט.

א חסידיש ווערטל איז דא, אז די אורזאך פאר דעם איז, וואס אין דער תורה ווערט געזאגט „וגם דגי הים בידכם נתנו“, אז די פיש פון ים זיינען איבערגעגעבן געווארן אין אייערע „הענט“. דארף מען דערפאר עסן פיש מיט די הענט...

אין יעדער רבי'אישן הויף האט מען זיך געהאט א ספעציעלן וועג ווי צו קאכן פיש.

אין איין הויף האט מען די פיש שטארק געפעפערט. אין א צווייטן האט מען די פיש גראד ווייניג געפעפערט. יעדער חסיד האט זיך גע-האלטן ביים דרך פון זיין רבי'נס הויף אין הלכות פיש-קאכעריי.

אין טאלנע האט מען נאכגעפאלגט די מעטאד פון טשערנאביל. מען האט די פיש געקאכט אויפן זעלביגן שטייגער ווי אין טשערנאבילער הויף אין די טעג פון ר' דוד'לם טאטן און זיידן, ר' נחום.

ווי געזאגט, האבן חסידים געהאלטן די שריים פון רבי'נס פיש פאר א סגולה צו האבן קינדער.

פארשטייט זיך, אז דאס האט זיך נאר געהאנדלט וועגן מענער. עס הייסט, אז א מאן, וואס איז געוועזן אן עקר האט געקענט געהאלפן ווערן.

פרויען האבן פון שריים ניט געקענט געניסן. פרויען ווערן ניט צוגעלאזט צום רבי'נס טיש. זיי קענען ניט זיצן ביים רבי'נס סעודות.

פרויען קומען אויך אין רבי'נס הויף. זיי זיצן אבער ביי זייער אייגענעם טיש מיט דער רביצין, אדער מיט די ווייבער פון רבי'נס קינדער און אייניקלעך.

דאס זיינען זיך גאנץ אינטערעסאנטע און גאנץ אייגנארטיגע טישן, ביי וועלכע אנשטאט תורה רעדט מען אפט גאר רכילות אדער מען פלאפלט וועגן אנדערע ענינים, וואס אינטערעסירן ווייבער.

האט אבער א טאלנער חסידה, אן עקרה, זיך אמאל פארוואלט דוקא אריינקריגן פון די שריים פון רבי'נס פיש. זי האט געהערט, אז דאס איז א גרויסע סגולה און האט עס זייער געגארט האבן.

וואס טוט מען? האט זי באשלאסן זיך אנצוטאן אין מענערשע

קליידער, אין א זשופּיצע מיט אַ גאַרטל און מיט א שטריימל אויפן קאָפּ און האָט זיך אַריינגעגנב׳עט אין גרויסן שאַלאַש צווישן די מענער.

אָבער ר׳ דוד׳ל האָט בלויז געדאַרפט זיך אַנידערזעצן ביים טיש און ער האָט דערפילט, אַז עפּעס איז ניט גלאַטיג.

ער האָט געמאַכט קידוש, אָבער מען האָט געקענט זען, אַז ער איז עפּעס צעטראָגן.

מען האָט דערלאַנגט די פיש און דער רבי איז געבליבן זיצן א פאַר־טראַכטער און די פיש ניט אָנגערירט.

דער עולם איז געווען פאַרוואונדערט.

„איך פיל, אַז עס איז דאָ צווישן אונז אימיצער, וואָס האָט דאָ ניט געדאַרפט זיין“. האָט דער רבי ענדלעך א זאָג געטאָן.

דער עולם איז געוואָרן דערשראָקן. מען האָט זיך אָנגעהויבן ארומ־קוקן. איינער האָט אָנגעקוקט דעם צווייטן מיט פאַרדאַכט.

דאָס האָט אויף דער פאַרשטעלטער פרוי אָנגעיאָגט אַ שרעק. זי האָט זיך אָנגעהויבן רוקן אויף צוריק, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטן. דאָס האָט זי געמאַכט נאָך מער פאַרדעכטיגט.

„אָט דאָ איז ער“, האָבן די חסידים אָנגעהויבן טייטלען אויף איר מיט די פינגער.

די פרוי האָט אויסגעבראָכן אין א געוויין. און פון איר געוויין האָט מען דערקענט, אַז זי איז ניט קיין מאַנסביל.

צווישן די חסידים איז געוואָרן א בהלה.

אַ פאַרשטעלטע פרוי? ניט אומזיסט האָט דער רבי מיט זיין וואונדערלעכן חוש דערפילט, אַז אימיצער, וואָס האָט ניט געדאַרפט זיין, געפינט זיך דאָרט.

ר׳ דוד׳ל איז געבליבן אַ פאַרטראַכטער.

„מילא“, האָט ער ענדלעך געזאָגט ווי צו זיך אַליין. „זיך אַזוי פיל איינגעשטעלט, מעג זי שוין האָבן א קינד. זאָל איר דער אייבערשטער העלפן“.

די פרוי איז אַרויס א צופרידענע און ר׳ דוד׳ל איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיטן פראַוון דעם טיש, שוין א מער אויפגעלייגטער און באַרואיגטער.

און חסידים פאַרענדיגן די מעשה מיט דעם, וואָס אין א יאָר אַרום האָט די פרוי געבאָרן אַ אינגל...

יד.

דער קאַנטאָניסט

איצע דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, וואָס איז געוואָרן דער פיש
קאָכער אין טאַלנער הויף. — זיין טראַגישע פאַרגאַנגענהייט.

ר' דוד'לס פיש־קאָכער, איצע, האָט געהאַט א שם ביי די טאַלנער חסידים. עס איז ניט קיין קליינינקייט צו זיין א פיש־קאָכער אין אזא הויף ווי דער טאַלנער, וואו די חשוב'סטע חסידים פלעגן קומען אין די הונדערטע און טויזנטע.

איצע האָט זיך קודם כל אויסגעצייכנט מיט זיין טאַלאַנט אלס קוכער. אזוי קאָכן פיש ווי איצע האָט נאָך קיינער ניט.

פון אָנפאַנג איז ער געווען בלויז אַן ארויסהעלפער ביי דעם פריערדיגן פיש־קאָכער פון טאַלנער הויף, הערצע, ווען ר' דוד'ל האָט מיטגעבראַכט פון טשערנאָביל. נאָך הערצע'ס טויט איז איצע געוואָרן זיין ממלא מקום און מען האָט אויף אים געזאָגט, אז ער האָט נאָך איבערשטייגט זיין פאָרגענגער.

דאָן איז עס געווען איצע'ס פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט אים געהאַט געגעבן א שם.

איצע איז געווען א ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט און ניט סתם א סאָל־דאַט, וואָס האָט זיך אָפּגעוואַלגערט אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס קאַזאַרמעס פינף און צוואַנציג יאָר פון זיין לעבן און אויסגעשטאַנען אַלערליי צרות און פאַרפאָלגונגען. ער איז געווען א קאַנטאָניסט, איינער פון די, וואָס זיינען אלס קינדער אַוועקגערויבט געוואָרן פון זייערע עלטערן און האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אין דער קאַזאַרמע אָדער אונטערן שאָטן פון דער קאַזאַרמע.

טאַלנער חסידים פלעגן זיך אָנדערציילן א סך מעשיות פון דעם דאָזיגן איצע'ן. איצע אַליין פלעגט אָפּטמאָל, אין זיין לעדיגער צייט, זיצן מיט א געזעמל חסידים ארום און דערציילן וועגן זיין טראַגישער פאַר־גאַנגענהייט.

ער איז געווען נאָך גאָר אַ קליין קינד ווען די „כאַפּער" האָבן אים אַוועקגענומען פון זיינע עלטערן. איצע האָט זיין טאַטע, מאַמע געדענקט ווי דורך אַ האַלב-פאַרגעסענעם חלום. דאָס שטעטל פון וואַנען ער איז געקומען, איז אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן פון זיין זכרון.

דערפאַר האָט ער אָבער גוט געדיינקט די ענוים, וואָס ער איז אויס-געשטאַנען אין די קאַזאַרמעס.

מען האָט אים מורא'דיג געפּייניגט. דער „דיאַדקע", אין וועמעס הענט מען האָט אים געהאַט איבערגעגעבן, פלעגט אים שלאָגן מכות רצח.

נאָך אַלס קינד האָט מען אים געוואָלט אָפּ'שמד'ן. אַ סך פון די קאַנטאָניסטן זיינען טאַקע אָפּגע'שמד'ט געוואָרן. דאַגעגן, האָבן זיך מאַנכע ממש געלאָזט פאַרפּייניגן צום טויט און ניט געקושט דעם צלם. אַנדערע ווידער, האָבן שטיל געליטן און איבערגעטראָגן אַלע פּלאָג און זיינען גע-בליבן אידן. ווייניג האָבן זיי געוואוסט פון זייער אידישקייט, אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר אידן, חלומ'ענדיג פון דער צייט ווען זיי וועלן זיין פריי פון דינסט און וועלן זיך קענען צוריקקערן צו זייער פאָלק.

איינער פון די לעצטע איז געווען איצע.

כאָטש די זכרונות פון זיין פריעסטער קינדהייט זיינען געווען בלאַסע, האָט ער זיך אָבער דאָך געהאַלטן פעסט ביי זיין אידישקייט, וואָס, אין זיין פאַל, האָט עס געמיינט ניט מער ווי זיך האַלטן ביים נאָמען איד.

דער „דיאַדקע" זיינער האָט אים איינמאָל אַזויפיל געשלאָגן מיט אַ שטעקן איבערן נאַקעטן לייב, אַז ער איז געבליבן ליגן אַ באַוואוסטלאָזער. ער איז אָפּגעלעגן קראַנק אַ לאַנגע צייט, אָבער ער האָט זיך ניט אונטער-געגעבן. ווען ער האָט זיך פון זיין קראַנקייט אויפגעהויבן איז ער געווען נאָך מער אַנטשלאָסן ווי פריער צו בלייבן אַ איד.

איצע איז שוין איינמאָל אויך געווען אונטער דער השגחה פון אַ גלח, וואָס האָט אים געלערנט דעם „ריינעם" רוסישן „פּראַוואָסלאַוונעם" גלויבן און האָט אים דערציילט, גראַד מיט גוטן, וועגן די גרויסע גליקן וואָס דערוואַרטן אים אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, אויב ער וועט זיך שמד'ן.

עלנד און פאַרפאָלגט, פאַרהאַסט און פאַראַכט, האָבן די גוטע רייד און „פאָטערלעכע" עצות פון דעם גלח געהאַט אויף אים מער ווירקונג ווי די קלעפּ פון דעם „דיאַדקע".

אין אַ שוואַכן מאָמענט האָט שוין איצע געהאַלטן ביים קושן דעם

צלם. אָבער די נאַכט פאַר דער טויפונג האָט איצע געהאַט א חלום. ער האָט פאַר זיך געזען א פרוי, אָנגעטאָן אין תכריכים.

„איך בין דיין מאמע", האָט די פרוי צו אים געזאָגט. „איך בין אוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט, אויס צער וואָס מען האָט דיר פון מיר אוועקגערויבט. איך בין אויפן עולם-האמת פאַר דיר א גוטע בעטערין. איך וועל דיר באשיצן פון אלעם שלעכטן, אָבער דו זאָלסט דיין אמונה ניט בייטן. פאַרלאָז זיך אויפן גאָט פון ישראל און דו וועסט זיין געשטאַרקט".

איצע האָט זיך געוואָלט כאָטש גוט איינקוקן אין זיין מאַמע'ן. ער האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויף איר האַלז. זי איז אָבער פון אים פאַרשוואונדן און אין זיינע אויערן האָבן בלויז געקלונגען אירע ווערטער — דער אָנזאָג, אז ער זאָל ניט בייטן זיין אמונה.

אויף מאָרגן האָט איצע דערקלערט דעם גלח, אז ער האָט חרטה פון אַלץ מיט אַנאַנדער און האָט באשלאָסן צו בלייבן א איד ביזן סוף פון זיין לעבן.

איצע איז דערפאַר שווער באשטראָפט געוואָרן. ער איז אוועקגעגעבן געוואָרן צו א פויער, ביי וועמען ער האָט געדאַרפט פיטערן חזירים און זיך וואַלגערן צוזאַמען מיט די חזירים. דערצו האָט מען אים געשלאָגן און געפייניגט.

איצע איז אָבער טראָצדעם אַלעם אויסגעוואַקסן געזונט און שטאַרק און איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די בעסטע סאָלדאַטן אין זיין רעגימענט.

דורך די לאַנגע יאָרן פון דינסט האָט ער ממש אינגאַנצן פאַרגעסן אָן אַלץ, וואָס האָט א שייכות מיט אידן און אידישקייט. אַלץ וואָס ער האָט געדיינקט איז, אז ער איז א איד און אַלץ וואָס ער האָט געפילט, איז געווען א בענקעניש צוריקצוקערן צו זיין פאָלק. און אָט די בענקעניש צו זיין פאָלק האָט אים ניט געלאָזט רוען, האָט אים געמאַטערט און געפלאָגט אין זיין לאַנגער דינסט.

בנאַכט פלעגן אים מאַטערן די חלומות, אומקלאָרע און אומדייטלעכע חלומות; בייטאָג פלעגן אים מאַטערן די געדאַנקען.

ער האָט עפּעס געוואָלט זיך דערמאָנען פון זיין קינדהייט, האָבן א דערינערונג, וואָס זאָל אים טרייסטן און געבן כח איבערצוטראָגן דעם שווערן סאָלדאַטסקן לעבן. ער האָט כאָטש געוואָלט זיך דערמאָנען א

תפילה, וואָס ער זאָל קענען שעפּטשן און מיט וועלכער ער זאָל אין זיינע שווערע מאָמענטן קענען שטילן זיין געמיט.

ער האָט ניט געוואוסט פון קיין שבתים און ימים טובים און האָט ניט געוואוסט פון קיין זאַך, וואָס ער זאָל קענען האַלטן טייער.

דאָס האָט זיין צער נאָך גרעסער געמאַכט, דאָס האָט זיין ווייטאָג נאָכמער פאַרשטאַרקט.

ער איז געווען ווי איינער וואָס בלאָנדזשעט אין אַ מדבר, ווי איינער וואָס איז אָפּגעשניטן פון זיין עבר, אָבער וועלכער האָט אויך ניט קיין עתיד, קיין צוקונפט אויף וועלכן אַרויסצוקוקן, אויף וועלכן צו האָפן.

גאַנץ אָפט פלעגט איצע זיך פאַרטויען אין אַ ווינקעלע און זיך אויס־וויינען דאָס האַרץ.

זיינע גוי'אישע חברים פלעגן אים פּרובירן טרייסטן.

„נעם אָן אונזער גלויבן און דו וועסט האָבן אַ גאָט", פלעגן זיי אים זאָגן. „צו וואָס אַרומבלאָנדזשן אויף גאָט'ס וועלט אַ פאַרלאָרענער? דיין איינגענער גאָט וועט אויף דיר ניט ברוגז זיין. דו קענסט אים דען דינען ווי געהעריג? קענסט צו אים דען מתפלל זיין?"

און אין יענע מאָמענטן איז איצע'ן געווען צום שווערסטן איבערצו־טראָגן זיין גרויסן עלנד, זיין פאַרלאָרנקייט.

ער האָט איין האָפנונג געהאַט: ווען ער וועט פון דינסט אַרויס, ווי אַלט און ווי שוואַך ער זאָל דעמאָלט ניט זיין, וועט ער צוריק אויפזוכן זיינע ברידער און זיך מיט זיי באַהעפטן. וועט זיך ביי זיי לערנען דאָס, וואָס ער האָט פאַרגעסן און צוריק ווערן אַ איד ווי אַלע אידן.

דאָס איז אים ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט.

ווארום ווען ער האָט זיין דינסט פאַרענדיגט, האָט ער זיך געפונען ווייט אין טיף־רוסלאַנד און האָט ממש ניט געוואוסט וואוהין זיך צו ווענדן.

האָט ער אָנגעהויבן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, ווי ער וואָלט געוואָלט געפינען זיין פאַרגאַנגענהייט, זיין קינדהייט, זיין נשמה, די אי־דישקייט, וואָס איז כמעט אָפּגעמעקט געוואָרן פון זיין זכרון.

איז ער געווען ווי אַ נשמה אין עולם־התהו, ווי אַ בלינדער, וואָס טאַפּט אין דער פינסטער.

אַזוי איז ער נאָך אַ לאַנגען וואַנדערן אָנגעקומען קיין טאַלנע.

מיט אַ טיפן טרויער אין האַרצן איז ער דאָרט אָנגעקומען. ער איז געווען אַ פאַרלאָרענער, אַ פאַרשטויסענער, אַ פאַרבלאָנדזשעטער.

אויסגעזען האָט עס ווי ער וואָלט אהין געקומען צופעליג, ווי ער וואָלט דאָרט פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ פאַרוועון און אין אַ פאַרוואָס.

חסידים האָבן שפּעטער געזאָגט, אַז דאָס איז שוין גאָרניט געווען קיין צופאַל, נאָר, אַז די השגחה האָט אַזוי געוואָלט און, אַז אין זכות פון גרויסן צדיק האָט איצע דאָרט ענדלעך געפונען זיין נשמה און אידיש־האַרץ.

עס איז געווען פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג און איצע האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן שטעטל. ער זעט חסידים אין לאַנגע זשופּעצעם לויפנדיג פאַרשמאַיעט, זיך צוגרייטנדיג פאַרן הייליגן שבת. ער דערנענטערט זיך צום הויף אַרום וועלכן עס איז אַ יאַריד. ער ווייס זייער ווייניג וואָרום חסידים איילן זיך, שטופּן זיך, זיינען אַזוי פאַרשמאַיעט.

אַלטע זכרונות הויבן אָן דערוואַכן אין זיין מח. זיי זיינען אָבער צו בלאַס, אַז ער זאָל קענען אַרויסרופן אַ בילד פון זיין קינדהייט.

אַט איז ער שוין אין הויף און צו זיין נאָז דערטראָגן זיך וואונדערלעכע ריחות. דאָס זיינען די ריחות, וואָס קומען פון די קיכן אין הויף, וואו קוכער און קעכינס גרייטן צו די שבת׳דיגע מאכלים.

מער פון אַלץ רייסט די נאָז דער ריח פון די געקאָכטע פיש.

טאַלנער חסידים פלעגן זיך פיל אָנדערציילן וועגן די וואונדערלעכע ריחות פון די שבת׳דיגע מאכלים פון ר׳ דוד׳לס הויף. עס איז ממש געווען ווי די קטורת אמאָל אין בית המקדש וועמעס ריח עס פלעגט זיך פילן אַזש אין יריחו...

אויב די שבת׳דיגע מאכלים פון אַ געוויינלעכן אידן האָבן אַ באַזונדערן ריח, ווי די גמרא זאָגט, „תבשיל של שבת ריחו נודף", אַז דאָס געקעכץ פון שבת האָט זיין אייגענעם ריח, פאַרשטייט זיך, אַז די ריחות פון די מאכלים פון אַ רבי׳נס הויף זיינען גאָר וואונדערלעך...

דאָס איז ניט נאָר צוליב דעם הייליגן שבת, וועלכער גיט זיין באַזונדערן טעם און ריח צו אַלע מאכלים, וואָס מען גרייט פאַר אים צו, נאָר אויך צוליב דעם גרויסן זכות פון דעם צדיק.

און אַז איצע האָט מיט אַמאָל דערפילט דעם ריח פון די טייערע שבת׳דיגע מאכלים, איז ער געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער.

עפּעס האָט זיין מח גאָר אַנדערש אָנגעהויבן אַרבעטן. עפּעס האָבן איהם גאָר אַנדערע רעיונות אָנגעהויבן קריכן אין קאָפּ.

מיטאַמאָל זיינען זיינע געדאַנקן אויסגעלייטערט געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן זען זאַכן פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט...

די ריחות האָבן אים דערמאָנט אַזוינס, וואָס ער האָט אויף קיין אַנדער אופן ניט געקענט זיך דערמאָנען...

די זכרונות פון דעם ערב שבת, ווען ער איז אַ קינד געווען, זיינען אויפגעשוואומען אין זיין מח. פון די געריכטן, וואָס זיין מאַמע האָט צוגעגרייט פאַרן הייליגן שבת, האָבן זיך געטראָגן ענלעכע ריחות איבערן הויז. די לופט פון גאַנצן שטעטל איז אין די פרייטאָג נאָכמיטאָגס געווען פול מיט דיזעלביגע ריחות.

און אין איצע'ס מח איז אויפגעשוואומען אַ בילד, וואָס איז מיט יעדער מינוט געוואָרן בולט'ער — אַ בילד פון שטעטל, וואו ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן און דאָן פון זיינע עלטערן און זיינע ברידער און שוועסטער, זיינע חברים און אַלע אַנדערע, וואָס ער האָט אַמאָל געקענט.

זיין פאַרגאַנגענהייט האָט ווידער אויפגעלעבט אין זיין געדעכעניש. איצע איז צוריק געוואָרן פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט דעם אַמאָל פון וועלכן ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין אויף אייביג אָפּגעריסן געוואָרן.

אַ מאָדנע פרייד האָט אים אַרומגענומען. ער האָט זיך דערפילט ווי ער וואָלט אויפדאָסניי געבאָרן געוואָרן, ווי ער וואָלט צוריק געפונען זיין שטעטל און זיינע עלטערן.

איצע איז שוין מער פון טאַלנער הויף ניט אָפּגעטראָטן.

„דאָ האָב איך מיין נשמה געפונען", האָט ער געזאָגט, „און דאָ וועל איך פאַרבלייבן".

און וואו האָט ער דען אַנדערש געזאָלט גיין ?

און אין טאַלנער הויף האָט ער טאַקע געפונען אַ מקום מנוחה, פונקט ווי אַ סך אַנדערע פאַרשטויסענע און אומגליקלעכע.

איצע האָט ניט געוואָלט זיין פון די ליידיגגייער און אומזיסטע עסערס, כאָטש אַזוינע האָבן אין טאַלנער הויף אויך קיינמאָל ניט געפעלט. ער האָט געוואָלט זיין ברויט פאַרדינען און האָט זיך גלייך אָנגעבאָטן צו טאָן אַרבעט און אים האָט ניט געאַרט וואָס פאַר אַרבעט דאָס איז.

צום ליבסטן איז אים אָבער געווען צו ווערן הערצע'ס אַרויסהעלפער אין פיש־קיך.

„די פיש" האָבן מיר דערמאָנט דאָס, וואָס איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן. זיי האָבן מיר צוריק פאַרבונדן מיט מיין קינדהייט און מיט מיין פאָלק", האָט איצע געזאָגט, „וויל איך זיך מתעסק זיין אַרום זיי. אויב זיי האָבן אַזאַ כח, וויל איך זיין כסדר מיט זיי"...

און איצע האָט זיך אָנגעהויבן „ספּעציאַליזירן" אין פיש־קאָכן און איז

טאַקע געוואָרן אַ גרויסער מומחה אויף דעם, אַזוי, אַז ער האָט שפּעטער זוכה געווען, אַז „ער זאָל לעבן" און טויזנטער חסידים זאָלן עסן זיינע פיש און לעקן די פינגער פון זיי.

און געפילט האָט איצע ווי ער וואָלט ענדלעך באַלוינט געוואָרן פאַר דעם, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין לעבן.

„ווארום עס איז ניט קיין קלייניקייט", פלעגן טאַלנער חסידים זאָגן, „צו האָבן די זכיה צו ווערן ר' דוד'לס פיש-קאָכער. אַזאַ זכיה קענען נאָר האָבן די, וואָס האָבן פריער אַזוי פיל געליטן און זיך אַזויפיל מוסר נפש געווען פאַר אידישקייט ווי איצע"...

טו.

ר׳ דוד׳לס חזן

דעם טאלנער׳ס גרויסע ליבע צו נגינה. — די חזנים, וואָס פלעגן קומען אין טאלנער הויף. — זיין חזן ר׳ יאָסעלע און זיין טראַגישער סוף. — די מוזיקאַלישע זייגערס.

נגינה שפילט א וויכטיגע ראָל ביי חסידים. נגינה איז אין דער אמת׳ן א טייל פון דער חסידישער עבודה.

יעדער רבי׳אישער הויף האָט זיין אייגענע נגינה און זיינע אייגענע מנגנים, זיינע אייגענע ניגונים און זיין אייגענעם דרך אַרום דער נגינה.

ביי ר׳ דוד׳לען איז נגינה געשטאַנען זייער הויך. ער האָט ניט נאָר ליב געהאַט צו הערן נגינה, נאָר האָט גאַנץ אָפט אַליין געזונגען.

ר׳ דוד׳ל האָט ליב געהאַט נגינה ביים דאַווענען און נגינה ביי זיינע טישן. ער האָט אויך ליב געהאַט צו הערן זינגען אָדער שפּילן ביי יעדע געלעגנהייט, וואָס האָט זיך געמאַכט. אין א מיטן מיטוואָך האָט מען אָפּט געבראַכט צו ר׳ דוד׳לען חזנים אָדער כלי־זמר און ער האָט זיך גע׳חיות׳ט מיט זייערע ניגונים.

זיינען טאַקע אַלע באַרימטע חזנים געווען אָפטע באַזוכער איז טאלנער הויף. דאָס אייגענע אויך מיט שפּילער. די גרעסטע און באַרימטסטע כלי־זמר פלעגן קומען שפּילן פאַר ר׳ דוד׳לען.

און ווען א חזן האָט געזונגען אָדער א כלי־זמר האָט געשפּילט איז ר׳ דוד׳ל געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַרטראַגן אין עולמות.

גאָר אָפט פלעגט זיך ר׳ דוד׳ל פאַנאַנדערוויינען אינמיטן זינגען אָדער שפּילן. טרערן פלעגן שטראָמען פון זיינע אויגן. די אומעטיגע ניגונים האָבן אים צענומען.

און פאַרלאַנגען פלעגט ער תמיד, אַז די חזנים און די כלי־זמר זאָלן שפּילן אומעטיגס.

עס פלעגט אָבער אויך פּאַסירן, אַז ווען דער חזן האָט זיך צעזונגען און ר׳ דוד׳ל איז שטאַרק צענומען געוואָרן, זאָל ער פּלוצים הייסן אויפזינגען עפּעס א פריילעכס.

איינמאָל איז אין הויף געקומען דער באַרימטער חזן נסי בעלזער און ער האָט מיט זיינע משוררים אָנגעהויבן זינגען ראש-השנה׳דיגס. דאָס געזאַנג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן טאַלנער.

ר׳ דוד׳ל גיט אָבער אינמיטן אַ צייכן צו ניסי׳ן, ער זאָל זיך אָפּ־שטעלן.

„ניסי, דו ווילסט נאָר איך זאָל וויינען?“ און ער הייסט דעם חזן זינגען אַ פריילעכס.

ר׳ דוד׳ל האָט ליב געהאַט זיך חכמה׳נען מיט די חזנים, וואָס פלעגן קומען פאַר אים זינגען.

איינמאָל האָט ער ניסי בעלזער אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן זיינע משוררים און וועגן אים אַליין.

„ניסי“, האָט ר׳ דוד׳ל געפרעגט דעם חזן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מנגן, אָבער האָט אַליין קיין שטימע ניט געהאַט, און זיין כח איז נאָר געלעגן אין די משוררים. „וויפיל קאָסטן דיר די משוררים אָפּ אַ יאָר?“

דער חזן האָט געמאַכט דעם רבי׳ן אַ רעכענונג, אַז זיינע משוררים קאָסטן אים אָפּ אַ טויזנט קערבלעך אַ יאָר.

„פאַרוואָס לאָזטו זיך שוין ניט קאָסטן נאָך אַ פּאָר הונדערט רובל אויף אַ חזן?“ האָט ר׳ דוד׳ל געפרעגט שפּאַסנדיג.

ביים פראַוון טישן פלעגט מען אין טאַלנע זינגען ניט נאָר זמירות, נאָר אויך אַלערליי ניגונים.

ר׳ דוד׳ל האָט געהאַט זיין אייגענעם חזן, וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס ר׳ יאָסעלע דעם רבי׳נס. חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער דאָזיגער יאָסעלע זינגט נאָר מיטן כח פון ר׳ דוד׳לען און, אַז כל־זמן ער שטייט אונטער ר׳ דוד׳לס השפעה קען ער זינגען, זייַנען זיינע ניגונים זיס, מאַכן זיינע ניגונים אַן איינדרוק און זייַנען מעורר חסידישע הערצער צו תשובה. זאָל ער אָבער אַרויס פון אונטער ר׳ דוד׳לס השפעה און ער וועט פאַרלירן זיין כח. זיינע ניגונים וועלן פאַרלירן זייער טעם.

ר׳ יאָסעלע פלעגט פאַרפאַסן פאַר יעדן שבת אַ נייעם ניגון, וועלכן ער פלעגט זינגען נאָך זמירות ביים רבי׳נס טיש.

די זמירות פלעגט ר׳ דוד׳ל אַליין זינגען. דער עולם פלעגט נאָכ־זינגען. גרויס התלהבות פלעגט ר׳ דוד׳ל צייגען ביים זינגען זמירות. פאַרענדיגט די זמירות, זייַנען אַלע געבליבן שטיל און ר׳ דוד׳ל האָט

א מאך געטאָן מיטן האַנט צו ר' יאָסעלע'ן, וועלכער האָט דאַן אָנגעפאַנגען זיין ניי־פאַרפאַסטן ניגון.

ר' יאָסעלע'ס ניגונים זיינען געווען באַקאַנט ניט בלויז אין טאַלנע, נאָר ווייט אויסער טאַלנע. זיי זיינען געווען די פּאָפּולערסטע חסידישע ניגונים אין גאַנץ אוקראַינע און א סך ווייטער ווי אוקראַינע.

עס ווערט געזאָגט, אַז ר' יאָסעלע איז געווען דער פאַרפאַסער פון ניט ווייניגער ווי פינף הונדערט ניגונים.

זיינע ניגונים זיינען געווען די האַרציגסטע. זיי האָבן ממש פאַר־טראָגן אין אַנדערע וועלטן.

ער האָט געהאַט אומעטיגע, מיסטישע ניגונים, אָבער אויך פריילעכע, וואָס, ווען מען האָט זיי געזונגען, האָבן די פיס זיך אַליין געהויבן און חסידים האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין א טענצל.

ר' יאָסעלע'ס ניגונים האָט מען געזונגען אין אַלע טאַלנער שטיבלעך צו שלש־סעודות און אויף אַלע חסידישע שמחות.

נאָך ר' דוד'לס פטירה איז ר' יאָסעלע איבערגעגאַנגען צו אַן אַנדער רבי'ן — צו ר' דוד'לס ברודער, ר' יוחנן פון ראַחמאַסטריווקע, און טאַלנער חסידים זאָגן, אַז אַזוי שנעל ווי ר' יאָסעלע איז אוועק צו אַן אַנדער רבי'ן און ר' דוד'לס השפעה האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן, האָט זיין נגינה פאַר־לאָרן איר צויבער.

ר' יאָסעלע האָט געשטאַמט פון באַוואוסטע חזנים. זיין טאַטע איז געווען דער באַקאַנטער פייסע דער חזן. ער האָט געקענט נאָטן און ווי עס זעט אויס, האָט ער די מערסטע פון זיינע ניגונים פאַרשריבן אויף נאָטן. אין דער צייט פון די אוקראַינער פּאָגראָמען זיינען אָבער די נאָטן פאַרניכטעט געוואָרן און צוזאַמען מיט זיי זיינען פאַרלאָרן געוואָרן זיינע ניגונים.

ר' יאָסעלע'ס סוף איז געווען א טראַגישער. דער גרויסער מנגן האָט געהאַט דערגרייכט צו א הויכן עלטער, אָבער בלויז צו דורכמאַכן די שווידערלעכע שחיטות אין אוקראַינע, אין וועלכע ער איז אַליין געפאַלן א קרבן.

עס איז געווען ל"ג בעומר אין יאָר תרע"ט (1919). דאָס אוקראַי־נישע אידנטום איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון די שווידערלעכע פּאָגראָ־מען, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פון די פאַרשידענע באַנדעס.

ר' יאָסעלע איז דעמאָלט געווען חזן ביים רבי'ן אין זלאַטאָפּאָליע, כערסאָנער גובערניע. אויפן צווייטן זייט טייך פון זלאַטאָפּאָליע געפינט

זיך נאָוואָמירגאָראָד און דאָרט האָט געוואוינט ר׳ יאָסעלע׳ס טאָכטער, דבורה לאה, די פרוי פון א בכבוד׳יגן באַלעבאָס, נחום ספיוואק, א מאַמע פון פיר קינדער.

האָט ר׳ יאָסעלע לכבוד ל״ג בעומר געמאַכט א באַזוך ביי זיין טאָכטער אין נאָוואָמירגאָראָד. אָבער ער איז אָקאָרשט געווען אריבער די בריק פון זלאַטאָפּאָליע, ווען נאָוואָמירגאָראָד איז פאַרנומען געוואָרן פון די גריגאָראָווצעס, א קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע און פּאָגראָם־מאַכנדיגע באַנדע.

דער אַלטער ר׳ יאָסעלע, זיין איידים נחום און נאָך פופציג בכבוד׳יגע בעלי־בתים פון שטאָט ווערן אַרעסטירט און מען פירט זיי אַרויס אויסן שטאָט, וואו מען באַפעלט זיי צו גראָבן קברים...

אַלע ווייסן שוין וואָס דאָס מיינט. עס מיינט א שוידערלעכער טויט — באַגראָבן ווערן לעבעדיגערהייט.

אין שטאָט איז געוואָרן א יללה. די פרויען און קינדער פון די קרבנות און הונדערטע אַנדערע זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן. די געוויינען און געשרייען האָבן געשפּאָלטן דעם הימל...

דבורה לאה און אירע פיר קינדער זיינען אויך געווען אויף דער סצענע. מען האָט ביז דער לעצטער מינוט נאָך געהאָפט, אַז עפּעס וועט געשען, וואָס וועט די אומגליקלעכע ראַטעווען פון דעם שוידערלעכן טויט, וואָס איז פאַר זיי צוגעגרייט געוואָרן.

אָבער די האָפענונג איז ניט דערפילט געוואָרן און דבורה לאה האָט מיט אירע אייגענע אויגן געמוזט צוזען די מורא׳דיגע סצענע ווי איר מאַן, איר טאַטע און די אַנדערע אידן גראָבן אַליין זייערע קברים און ווי זיי ווערן דערנאָך פון די גריגאָראָווצעס אריינגעוואָרפן אין די דאָזיגע קברים און ווערן פאַרשאָטן לעבעדיגערהייט...

דער איינציגער וואָס האָט זיך ניט פאַרלאָרן און געצייגט אמת־אידישע גבורה, איז געווען דער גרייז־גרויער ר׳ יאָסעלע.

„אידן, לאָמיר ניט וויינען!“ האָט ער געמונטערט און געטרייסט די פאַר׳משפּט׳ע און די וואָס זיינען געשטאַנען אַרום. „לאָמיר ניט צייגן אונזערע שונאים, אַז מיר זיינען ביי זיך געפאַלן. לאָמיר זיך פאַרלאָזן אויפן רבונו של עולם. לאָמיר זאָגן ווידוי און נאָכער ענדיגן מיט א זמר׳ל“.

„עס איז ל״ג בעומר“, האָט ער ווייטער געמונטערט די אידן, „עס איז דער טאָג ניט פון „יללה“ (קלאָג), נאָר פון „הילולא“ (פרייד)“.

און ר׳ יאָסעלע האָט דער ערשטער אָנגעהויבן זאָגן ווידוי. נאָכער

האָט ער אָנגעפאַנגען זאָגן תהילים. אָפּגעזאָגט א פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, האָט ער אָנגעהויבן זינגען איינעם פון זיינע אייגענע פאַרפאַסונגען — א באַקאַנטן זמר'ל.

דערווייל זיינען די קברים פּאַרטיג געוואָרן און די גריגאָרעווצעס האָבן זיך גענומען צו דער מורא'דיגער אַרבעט. איינציגווייז האָבן זיי די פאַר'משפּט'ע אידן אַריינגעוואָרפן אין זייערע אייגענע געגראָבענע גריבער און זיי אָנגעהויבן פאַרשיטן לעבעדיגערהייט...

לאָפּטעסווייז איז די ערד אויף זיי געפאַלן, לאַנגזאַם זיינען זיי אַלע פאַרשאָטן געוואָרן, אָבער ר' יאָסעלע'ס שטימע האָט זיך נאָך אַלץ גע־הערט זינגענדיג...

ר' יאָסעלע'ס לעצטע ווערטער זיינען געווען „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד", און ביי דעם האָט זיך זיין שטימע אָפּגעהאַקט...

ר' יאָסעלע איז ביז זיין לעצטן אָטעם געבליבן מנגן. ניט אומזיסט האָט ער מיט זיין נגינה געהאַט אַזאַ השפּעה אויף טויזנטער חסידים און ניט אומזיסט האָט דער גרויסער ליבהאָבער פון נגינה, ר' דוד'ל טאַלנער, אַזוי ליב געהאַט זיין נגינה. ווארום ר' דוד'ל האָט ממש זיך ניט געקענט באַגיין אָן ר' יאָסעלע'ס ניגונים.

טאַלנער חסידים האָבן שוין געוואוסט ווי ליב און טייער נגינה איז ביי זייער רבי'ן און ווען נאָר זיי האָבן געהערט פון א גוטן חזן, האָבן זיי אים אַרונטערגעבראַכט קיין טאַלנע אויף א שבת.

דאָס אייגענע איז אויך געווען מיט באַרימטע כלי־זמר, ספּעציעל פידל־שפּילער.

דער באַרימטער סטעמפּעניו פון בערדיטשעוו און פּאַדהוצער פון זשיטאָמיר זיינען געווען אָפטע באַזוכער אין טאַלנער הויף.

ר' דוד'ל פלעגט ממש צוגיין פון מתיקות ווען ער פלעגט זיי הערן שפּילן זייערע האַרציגע ניגונים.

ר' דוד'ל האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט די חזנים און די כלי־זמר, ער האָט געהאַט עפּעס אַזוינס, וואָס מען האָט אין יענער צייט אין ערגעץ נאָך ניט געהאַט געזען, אַלנפאַלס ניט ביי אידן.

דאָס זיינען געווען מוזיקאַלישע זייגערס — זייגערס, וואָס פלעגן שפּילן די שענסטע אַריעס פון די גרעסטע וועלט־קאָמפּאָזיטאָרן.

ר' דוד'לס הויז איז בכלל געווען באַרימט פאַר די טייערע חפצים און אַנטיקן וואָס זיינען דאָרט געווען.

דאָס זיינען געווען מתנות, וואָס זיינע צאָלרייכע חסידים האָבן אים געגעבן.

דעם רבי'נס הויז איז געווען רייך־געמעבלירט, מיט די בעסטע און קאָסטבאַרסטע זיידענע גאַרדינען און פּלושענע פאַרהאַנגען. די שאַפעס זיינען געווען פול מיט גאָלדענע און זילבערנע חפצים.

די ווענט זיינען געווען באַהאַנגען מיט זייגערס, וואָס האָבן צו דער שעה, צו דער האַלבער שעה און צו דער פערטל שעה אויסגעשפּילט ניגונים פון באַרימטע אָפּעראַס און סימפאָניעס.

ר' דוד'ל האָט זיך באַצויגן צו די דאָזיגע מוזיקאַלישע זייגערס מיט גרויס ליבע. ער האָט ליב געהאַט אליין די זייגערס אָנצוציען. גאַנץ אָפט האָט מען אים געזען אינמיטן נאַכט אַרומגייענדיג איבער זיינע חדרים אָנציענדיג די זייגער.

די זייגער זיינען געווען אַזוי אויסגעהאַנגען, אַז איינער האָט ניט געשטערט דעם צווייטן און איין ניגון האָט זיך ניט אַריינגעריסן אין אַנדערן.

עס איז געווען אַ צייט איידער מען האָט נאָך געוואוסט פון פאָנאָגראַף אָדער פון אַנדערע מעכאַניש־מוזיקאַלישע אינסטרומענטן.

זייגערס זיינען געווען די איינציגע אינסטרומענטן, וואָס האָבן אויך געקענט באַנוצט ווערן פאַר מוזיקאַלישע צוועקן. חסידים, ווייסנדיג פון ר' דוד'לס ליבע צו מוזיק, האָבן ניט געשפּאָרט קיין געלט און קיין מי און באַזאָרגט זייער רבי'ן מיט די בעסטע זייגערס פון דעם סאָרט, אַזוי, אַז ר' דוד'ל האָט געקענט הערן די שענסטע מוזיק פון דער וועלט ביי זיך אין הויז.

מען זאָגט אָבער, אַז האָבנדיג געהערט די אַלע באַרימטע שטיקלעך פון דער וועלט מוזיק — די פאַרפאַסונגען פון אידן אַזוי גוט ווי פון ניט־אידן, האָט ער אָבער תמיד געהאַלטן, אַז איבער זיין יאָסעלע'ס ניגונים איז גאָר ניטאָ.

וואָרום, די אַלע מוזיקאַלישע זייגערס האָבן אים קיינמאָל ניט אַריינגעבראַכט אין אַזאַ התלהבות, האָבן אים קיינמאָל ניט אַזוי צענומען ווי ר' יאָסעלע'ס אַ ניגון אָדער אַ ניגון פון אַנדערע באַוואוסטע חזנים און מנגנים.

„אָבער אַ אידישן ניגון גיט עס ניט", פלעגט ר' דוד'ל זאָגן. „די נגינה פון די ניט־אידן איז חול, וואָכעדיג, באַפרידיגט בלויז דעם חומר, אָבער לאָזט אייך קאַלט ביי דער נשמה. אַנדערש איז מיטן אידישן ניגון, דאָס רירט אָן די סאַמע סטרונעס פון אייער נשמה".

טז.

דעם רבי'נס ניגון

מאיר'קע דער משורר, וועלכער איז אַרונטער פון דרך הישר און איז דערנאָך געוואָרן אַ בעל־תשובה מיטן כח פון אַ טאַלנער ניגון.

דער אמת'ער צדיק דאַרף ניט בלויז זייגן וואונדער כדי צו האָבן אַ השפעה אויף זיינע חסידים. גאַנץ אָפט ווירקט ער גאָר דורך קלייניקייטן. דעם צדיק'ס אַ ווערטל, אַן המצאה'לע, אַן עובדה'לע, זיינען גענוג אימיצן מחזיר לתשובה זיין.

אַ גאָר גרויסע ווירקונג, האָט דעם רבי'נס אַ ניגון. דער כח פון אַזאַ ניגון, איז גאָר ניט משער צו זיין. דער ניגון מעג געזונגען ווערן פון רבי'ן אַליין אָדער פון זיין חזן אָדער גאָר פון זיינע חסידים. דער ניגון מעג בלויז געהערט ווערן ביים רבי'נס טיש, אין רבי'נס הויז, איז ער אָבער גערייניגט געוואָרן דורכדעם, וואָס דער רבי האָט אים געהערט און פון אים הנאה געהאַט, און ווער רעדט נאָך, אויב דער רבי האָט זיך ביים זינגען פון ניגון פאַר'דבקה'ט — אַ סימן אויף התעוררות — וועט עס שוין דעם צוהערער פאַרפאָלגן ביזן סוף פון זיין לעבן.

דער ניגון וועט אים קומען אין קאָפּ, וועט זיך אַליין זינגען אין זיין האַרץ גראַד אין אַ צייט פון נסיון, און זייט שוין זיכער, אַז אַזעלכער וועט האָבן דעם נויטיגן כח זיך צוריקצוהאַלטן פון זינד.

דערציילן חסידים אַ מעשה, וואָס דאַרף צייגן ווי גרויס עס איז געווען דער כח פון אַ טאַלנער ניגון.

אַן ענלעכע מעשה, אָבער מיט אַן אַנדער נוסח, דערציילט אויך דער חזן פּינע מינקאָווסקי אין זיינע זכרונות. מיר וועלן אָבער די מעשה איבערגעבן אין דעם נוסח ווי טאַלנער חסידים דערציילן זי.

עס איז געווען אַ חסידישער בחור'ל מיטן נאָמען מאיר'קע. איז דער דאָזיגער מאיר'קע געווען אַ טאַטנ'ס אַ קינד. זיין טאַטע איז געווען אַ באוואוסטער חזן און דערצו אַ פייערדיגער טאַלנער חסיד, האָט גע־שמ'ט פאַר זיין רייכער, זיסער שטימע און פאַר זיין נגינה.

מאיר׳קע האָט נאָך גאָר אַלס יונג קינד געצייגט, אַז ער איז אַ כּלי. ער האָט ממש אָנגעהויבן זינגען נאָך ליגנדיק אין וויג.

דער טאַטע האָט פון אים אָנגעקוואָלן און געוואָרט אומגעדולדיק זיין זונדעלע זאָל אונטערוואַקסן און ער זאָל אים שוין קענען נעמען צום עמוד זינגען אַלס משורר.

דער חזן האָט אויך געוואָרט ביז מאיר׳קע וועט אונטערוואַקסן כּדי ער זאָל אים קענען נעמען קיין טאַלנע אין רבי׳נס הויף. ווארום מאיר׳קעס טאַטע איז געווען אַן אָפטער באַזוכער ביי ר׳ דוד׳לען און ווען ער פלעגט נאָר קומען קיין טאַלנע, פלעגט אים דער צדיק מכבד זיין מיט זינגען ביים טיש אָדער ביי זיך אין הויז אין דער אַנוועזנהייט פון געקליבענע חסידים, די „רואי פּני המלך״.

עס איז אָבער דעם חזן ניט באַשערט געווען צו האָבן מאיר׳קן ביים עמוד און צו נעמען אים מיט זיך קיין טאַלנע צום רבי׳ן. דער חזן איז געשטאָרבן ווען מאיר׳קע איז געווען גאָר אַ קליין קינד און מאיר׳קע האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי זיין מאַמען, די אלמנה, וועלכע האָט געדאַרפט אַרבעטן מיטן גאַל צו דערנערן זיך און אירע קינדער.

מאיר׳קעס שטימע איז אָבער ניט פאַרלאָרן געגאַנגען. ער איז בלויז עלטער געוואָרן און אַ חזן האָט אים אויסגעכאַפּט. מאיר׳קע האָט גע־קראָגן אַ שם פאַר זיין זיסער שטימע. חזנים האָבן זיך ממש איבער אים געריסן. יעדער האָט אים געוואָלט האָבן אַלס משורר.

אָבער ווי גערעכט מאיר׳קע איז ניט געווען אַלס משורר, אַזאַ שטיפער איז ער געווען. אַ קינד אָן אַ טאַטן, האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל אויף אים אויפפּאַסן, האָט ער ממש געקערט וועלטן.

חזנים האָבן געהאַט פון אים געברענטע צרות. ער האָט ליב געהאַט אָפּצוטאָן אַלערליי שטוקעס און שפּיצלעך זיינע חברים, די משוררים, און טאַקע אויך די חזנים גופא.

ער פלעגט שטאַרק הנאה האָבן מבלבל צו זיין די חזנים און די משוררים אין זינגען, און דאָס פלעגט ער טאָן ניט נאָר ווען מען האָט געהאַלטן אין איינזינגען ביים חזן אין שטוב, נאָר טאַקע אויך ביים עמוד.

אַן אַנדערן וואָלט מען לאַנג געהאַט אַרויסגעטריבן, אָבער מאיר׳קע איז געווען אַזאַ גוטער זינגער, אַז מען האָט אים אַלץ פאַרגעבן. איינמאָל האָט ער אָבער אָפּגעטאָן אַ שטוקע פאַרוואָס דער חזן האָט אים שוין מער ניט געוואָלט פאַרגעבן. עס איז געווען צו די ערשטע סליחות. דער

חזן מיט די משוררים זיינען שוין געשטאַנען ביים עמוד. דער עולם האָט געוואַרט געשפּאַנט, דער חזן זאָל אָנפאַנגען.

דער חזן עפנט אויף די סליחה און וויל אָנפאַנגען, אָבער ער בלייבט אַ צעטומעלטער. מיט גרויסע אותיות געפינט זיך אויף דער סליחה אָנגעשריבן: „איך האָב האָלט אַ שיקסע"...

דער חזן וואַרפט אַ בליק אויף מאיר'קען. מאיר'קע קוקט אים אָן רואיג און געלאַסן מיט אַ שפּאָטישן שמייכל, ווי דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע חכמה פון זיין זייט.

נאָך סליחות האָט דער חזן גענומען מאיר'קען פאַרן אויער און אים אַרויסגעוואָרפן. מער האָט ער שוין פון אים ניט געוואָלט ליידן.

איז מאיר'קע אַוועק קיין קישינעוו, וואו עס איז דעמאָלט געווען דער גרויסער און באַרימטער ניסי בעלזער. ער איז פון דעם גרויסן מנגן אויפגעכאַפּט געוואָרן און איז געוואָרן איינער פון זיינע בעסטע משוררים.

מאיר'קע איז אָבער אַלץ געגאַנגען אויף שלעכטע דרכים און מען האָט אויף אים געהאַלטן אין טייטלען מיט די פינגער און נביאות געזאָגט, אז קיין לייט וועט שוין פון אים ניט אַרויסקומען.

איינמאָל איז ניסי בעלזער מיט אַלע זיינע משוררים אַרונטערגעפאָרן קיין טאַלנע, וואו ער האָט געזונגען פאַרן רבי'ן און די הונדערטע חסידים, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען.

ווי עס איז געווען זיין שטייגער, האָט ר' דוד'ל איינגעלאַדן ניסי'ן מיט זיינע משוררים צו זיך אין הויז און אים געבעטן עפּעס זינגען. ניסי האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אין פאָרויס אַ נייעם „כבקרת רועה עדרו", וואָס, ער איז געווען זיכער, וועט דעם רבי'ן שטאַרק געפעלן, ספּעציעל ווען מאיר'קע מיט זיין זיסער שטימע האָט דאָרט געהאַט אַ „סאָלאָ" און זיך געהאַט מיט וואָס אויסצוצייכענען.

ניסי האָט שוין אָנגעשטעלט דעם קאַמערטאָן און אַלע משוררים האָבן זיך אויסגערייניגט די העלזער. מאיר'קע האָט געדאַרפט אָנפאַנגען.

און אָט פאַנגט שוין מאיר'קע אָן. אָבער שומו שמים, אַנשטאָט צו זינגען דעם „כבקרת" פאַנגט ער גאָר אָן „הבן יקיר לי אפרים"...

ניסי ווערט אָן אָנגעצונדענער. ער פּרובירט מאיר'קען צוריקהאַלטן, פאַרקירעווען אים אויפן „כבקרת", אָבער מאיר'קע טוט זיך זיינס און זינגט ווייטער דעם „הבן יקיר לי"...

ניסי האָט געמוזט פאַרבייסן די ליפּן און פאַרקירעווען זיך אויפן שטיקל וואָס מאיר'קע האָט געזונגען.

ניסי'ס פנים האט געפלאמט און ווען דאס שטיקל איז געווען פאר-ענדיגט, האבן זיינע אויגן געשפריצט מיט פייער. ער איז געווען גרייט דעם ווידערשפעניגן מאיר'קען צוצערייסן אין שטיקער.

„א פיינע זאך", האט ר' דוד'ל באמערקט, האבנדיג אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. „זינג עס נאכאמאל".

ניסי האט שוין געזען, אז ער איז אייגנטלעך גארניט אזוי ארייגע-פאלן. מאיר'קע האט אנגעפאנגען נאכאמאל און ר' דוד'ל האט זיך צום צווייטן מאל נאך מער פארטיפט ווי צום ערשטן מאל. מען האט אויך באמערקט, אז ר' דוד'ל פארגיסט טרערן, א סימן, אז דאס געזאנג האט אים שטארק צענומען.

און, אז דאס שטיקל איז געווען פארענדיגט צום צווייטן מאל, האט ר' דוד'ל געבעטן, אז דאס זאל געזונגען ווערן א דריטן מאל.

„הימליש געזאנג, א טייערע שטימע", האט דער צדיק געזאגט, מיינענדיג מאיר'קען, „זאל ער נאר זינגען אזוינע הייליגע געזאנגען און זאל עס אים בייזשטיין".

ניסי, זעענדיג, אז ר' דוד'ל לעקט אזוי די פינגער פון דעם „הבן יקיר לי", איז אים אוועק דער כעס און ער איז שוין געווען גרייט מאיר'קען אפילו צו לויבן אנשטאט אים אויסצוטיילן א פארציע פאר איבערבייטן די ניגונים.

מאיר'קע איז אבער לאנג ניט געבליבן ביי ניסי'ן. אין איין שיינעם פרימארגן איז ער פארשוואונדן געווארן און א לאנגע צייט האט מען פון אים ניט געהערט.

א גרוס איז שפעטער געקומען פון אים, אז ער איז אוועק קיין קיעוו און איז דארט אריינגעטראטן אין קאנסערוואטאריום.

מאיר'קע איז נאכער געווארן א זינגער אין דער קיעווער אפערא. ער האט געביטן זיין נאמען און איז געווארן אן אמת'ער גוי...

טאלנער חסידים האבן אויך געקראגן די ידיעה, אז מאיר'קע האט זיך פארליבט אין א גוי'אישע זינגערין און האט מיט איר חתונה געהאט.

גע'שמד'ט האט ער זיך אבער ניט. דאס רענדל האט ער ניט געביטן. חסידים האבן געזאגט, אז אין דעם איז דער זכות פון זיין טאטן אים בייגעשטאנען. געזינדיגט, פארזונקען אין מ"ט שערי טומאה, אבער דאך געבליבן א איד.

טאלנער חסידים פון קיעוו האבן אפט געבראכט גרוסן פון דעם אמאליגן מאיר'קען. ער האט אין קיעוו געשפילט א גרויסע ראל.

מען האָט אויך דערציילט, אַז אַן אַלטער חסיד האָט אים אַמאָל באַגעגנט אין גאַס. ער האָט מאיר׳קען געוואָלט אויסמיידן. ניט געוואָלט אָנקוקן זיין טריפ׳ענעם פּנים... יענער האָט אים אָבער פּאַרטשעפּעט און אים ממש ניט געוואָלט אַוועקלאָזן. ער האָט זיך אויף אַלץ און אַלעמען נאָכגעפרעגט, דערהויפּט אויפן רבי׳ן, ר׳ דוד׳ל.

„עס בייגקט זיך נאָך די קינדער־יאָרן", האָט ער דעם חסיד אָפנהער־ציג דערקלערט. „איך בין, דאַכט זיך, אין אַן אַנדער, לחלוטין נייער וועלט, אָבער די אַלטע וועלט איז מיר אַזוי נאָענט"... און דער חסיד האָט דערציילט, אַז ער האָט בעת מעשה באַמערקט טרערן אין זיינע אויגן.

א שווייגנדיגער האָט ער זיך מיטן חסיד צעשיידט. דער חסיד איז געווען זיכער, אַז ווען מאיר׳קע איז פון אים אַוועק, האָט ער אונטערן נאָז געזונגען אַ אידישן ניגון, און אַז ער האָט דעם ניגון דערקענט — עס איז געווען דער „הבן יקיר לי אפרים", וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט געזונגען פאַרן טאַלנער רבי׳ן...

דערהוויל איז אין מאיר׳קעס לעבן פאָרגעקומען אַ טראַגעדיע.

זיין גוי׳איש ווייב האָט אים פאַרלאָזן. זי האָט זיך פאַרליבט אין אַ צווייטן זינגער, און איז מיט אים אַוועק אין מרחקים. מאיר׳קע האָט איר שוין מער ניט געזען.

מאיר׳קע איז זייט דעמאָלט געוואָרן אַ האַלבער מענטש, געוואָרן איינגעדאַרט, איינגע׳חושכ׳ט, און אָנגעהויבן גיין געבויגן אין דרייען, ווי אַ שווערע משא וואָלט געלעגן אויף זיינע פּלייצעס.

ווי אַ שאָטן האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען איבער די גאַסן פון שטאָט, אַרומזוכנדיג אימיצן מיט די אויגן, ווי ער וואָלט געזוכט זיין אַנטלאָפענע גוי׳איש ווייב.

דאָס האָט אויך געווירקט אויף זיין זינגען. די, וואָס זיינען פריער געווען אַנטציקט פון זיין זינגען, האָבן אויף אים אָנגעהויבן טייטלען מיט די פינגער. מען האָט אָנגעהויבן ריידן, אַז עס איז צייט אים צו באַזייטיגן. ער איז געווען אויסגעוועפּט, פאַרוועלקט...

און באַלד האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט איבערגעריסן דעם לעצטן פאָדים, וואָס האָט אים נאָך געהאַלטן צוגעבונדן צו דער אָפּערע.

ער האָט געהאַט אַן אויפטריט, און געזונגען איינע פון די ראָלען, אין וועלכע ער איז געווען באַריהמט. דאָס איז געווען די ראָל פון עפּעס אַ פּרינץ. ער האָט געזאָלט זינגען אַ ליבעסליד צו זיין געליבטע.

אַט האָט ער געדאַרפט אָנפאַנגען דאָס ליד. אַלע אין טעאַטער זיינען געווען געשפּאַנט, און מיטאַמאָל רייסט זיך פון זיין האַלז אַרויס עפּעס גאָר אַ פרעמדער ניגון — דער ניגון פון דעם אַמאָליגן „הבן יקיר לי אפרים“...

און מאיר'קע האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך, אַז ער שטייט אויף אַ בינע מיט הונדערטע מענטשן אַרום, וואַרטנדיג אויף זיין געזאַנג.

עס דוכט זיך אים, אַז ער איז צוריק דער אַמאָליגער מאיר'קע, דער משורר ביי ניסי בעלזער, און אַז ער געפינט זיך פאַר ר' דוד'לען און זינגט פאַר אים דעם „הבן יקיר לי“, וואָס איז דעם טאַלנער אַזוי שטאַרק געפעלן.

אין טעאַטער ווערט אַ טומל. דער דיריגענט הויבט אָן קלאַפּן מיטן שטעקעלע. די מוזיק שטעלט זיך אָפּ. מאיר'קע זינגט אָבער ווייטער דעם אַלטן ראש-השנה'דיגן ניגון...

אין טעאַטער ווערט אַ פייפעריי און דער טומל וואַקסט. דער פאָרהאַנג פאַלט. מען לויפט אַרויף צו מאיר'קען און מען הויבט אים אָן טרייסלען, פאַרוואַרפן מיט טויזנט פראַגן.

מאיר'קע כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ חלום. ער קוקט זיך אַרום מיט צעשראָקענע אויגן. פּלוצים גיט ער זיך אַ ריס און לויפט אַרויס אין דרויסן, ווי געיאָגט פון בייזע רוחות.

מאיר'קע האָט שוין מער זיך ניט צוריקגעקערט אין טעאַטער און איז שוין מער ניט געזען געוואָרן אויף דער בינע.

וואָכן לאַנג האָט ער אַרומגעבלאָנקעט איבער די גאַסן פון קיעוו און נאָכהער זיך אַרויסגעלאָזט איבער די שטויביגע און האַלב-פאַרלאָזענע וועגן אויסערן שטאָט.

ער האָט אָנגעהויבן וואַנדערן ווי ער וואָלט געווען אין עולם-התהו. עס האָט לאַנג ניט גענומען און עס איז פון אים געוואָרן אַ תל, פאַר-שטויבט, פאַרוואַקסן, אָפּגעריסן און אָפּגעפליקט.

ווען ער האָט זיך באַוויזן אין גוי'אישע דערפער, האָט מען אים געשלאָגן. אָבער ווען ער איז געקומען אין אידישע שטעטלעך און מען האָט פון אים געהערט דעם „הבן יקיר לי אפרים“, וואָס ער האָט ניט אויפגעהערט צו זינגען, האָט מען אים געגעבן ברויט און געקעכץ און אַ פּלאַץ צו שלאָפן.

ווי לאַנג ער האָט אַזוי אומגעוואַנדערט, האָט קיינער ניט געוואוסט.

מן הסתם איז עס געווען זייער לאנג. ווארום ווען מאיר'קע האט זיך ענדלעך דערשלעפט קיין טאלנע, האט אים ממש קיינער ניט דערקענט.

צו שלש-סעודות אין גרויסן שאלאש, איז מאיר'קע געזעסן צווישן אלע ארימעלייט. נאך די שריים האט דער רבי א מאך געטאן מיטן האנט צו יאסעלע דעם חזן, ער זאל אנפאנגען זינגען זיינע ניגונים. מאיר'קע האט זיך ווי אויפגעכאפט פון א חלום.

„איך וועל זינגען!" האט ער אויסגעשריען.

חסידים האבן געוואלט אויף אים זיך ארויפווארפן. ווי וואגט עס א קרוע בלועה צו טאן אזא זאך!

„לאזט אים זינגען!" האט זיך געהערט ר' דוד'לס שטימע. „דאס איז מאיר'קע. ער וועט דורך זיין געזאנג געפינען א תקון פאר זיין נשמה. פאר זיין גוף איז שוין צו שפעט צו געפינען א תיקון"...

און מאיר'קע האט געזונגען — געזונגען דעם אלטן ניגון. דער עולם איז געווען באצויבערט. ר' דוד'ל האט פארגאסן טרערן.

אין א פאר טעג ארום איז מאיר'קע געשטארבן...

יז.

דער בדחן

לייבעלע מיכאל'ס און די שטוקעס, וואס ער פלעגט אפטאן אין טאלנער הויף. — ר' דוד'לס ווערטלעך און וואס חסידים האבן וועגן זיי געזאגט.

ביי די אומות העולם איז דער „הויפנאר" א באקאנטע פיגור. אמ־וויניקסטנס איז עס אזוי געווען אין די אלטע, גוטע צייטן.

יעדער מלך, דוכס און סתם הערשער, האט געהאט זיין „הויפנאר", וועלכער איז געווען דער אפיציעלער אונטערהאלטער, שפאס־טרייבער און ליץ. ער האט געצייגט אלערליי שטוקעס און האט געהאט די פרייהייט צו זאגן אלערליי ווערטלעך, אפילו ווען זיי זיינען זיין אייגענעם האר אריין אין דער לינקער ריפ.

דער הויפנאר איז געווען א וויכטיגע פיגור אויף שמחות, באנקעטן און האט זיך געלאזט הערן ביי יעדע געלעגנהייט.

ער האט זיין האר און זיינע געסט געדארפט פרייליך מאכן, איבער־שלאגן די מאנאטאניע, וואס האט געהערשט אפילו אין די הויפן פון די גאר מעכטיגע און גרויסע.

ר' דוד'ל טאלנער, וועמען די חסידים האבן געהאלטן בבחינת־מלך, האט זיך אויך געהאט זיין „הויפנאר". דאס איז אבער געווען א לחלוטין פאראידישטער „הויפנאר", — א בדחן.

ווארום, דער בדחן ביי אידן שפילט כמעט דיזעלביגע ראל, וואס דער הויפנאר ביי די גוים. אזוי אמווייניגסטנס איז עס געווען דער פאל מיט לייבעלע מיכאל'ס, דער בדחן פון טאלנער הויף.

לייבעלע מיכאל'ס איז געווען פול מיט וויץ און הומאר. ער איז אויך געווען א גרויסער למדן און פארשטייט זיך, אז זיינע ווערטלעך און וויצן זיינען געווען לומד'ישע.

מען האט געקענט זיין אין דער גרעסטער עצבות, זיין פארטראגן אין עולמות, האט אבער לייבעלע געעפנט דאס מויל, האט מען זיך געמוזט האלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

זיין טייטשן פסוקים, זיין פארענטפערן קשיות אין דער גמרא און זיין דערקלערן א מדרש פליאה, זיינען געווען אזוי וויציג, אזוי לצנות'דיג, אז מען האט זיך געמוזט פאנאדערלאכן. זיינע איינפאלן זיינען ממש געווען צים באוואונדערן.

גאנץ אפט האט לייבעלע פשוט אפגעטאן שפיצלעך און דידאזיגע שפיצלעך פלעגן גארניט זעלטן, ביי זייטיגע מענטשן, ארויסרופן צארן. אבער מען האט דאס אים פארגעבן. ער איז דאך פארט געווען ניט מער ווי א בדחן.

לייבעלע איז געווען דעם טאלנער'ס ליבלינג. ר' דוד'ל האט תמיד גרויס הנאה געהאט און הארציג געלאכט ווען לייבעלע פלעגט זאגן א חכמה, א ווערטל, א וויץ.

לייבעלע פלעגט ספעציעל צייגן וואס ער קען אין דער באשטימטער שעה פון טאג, ווען דער טאלנער האט פארבראכט אין „שיחות חולין", זיך אונטערהאלטנדיג מיט חסידישע נכבדים.

א נידעריג אידל, מיט א קיילעכדיג בייכל, א שפיציג בערדל און לאכעדיגע אויגן, האט לייבעלע מיכאל'ס באלד אויפן אויסקוק דערוועקט אין אייך א געפיל פון שפאס.

ער פלעגט אויסוואקסן ווי פון אונטער דער ערד און אריינפאלן אין א געשפרעך גאר אומגעריכטערהייט.

אט איז א מעשה'לע וועגן דעם ווי לייבעלע פלעגט אונטערהאלטן דעם עולם, ספעציעל ר' דוד'לען. ווארום זאל דא געזאגט ווערן, אז אפט פלעגט לייבעלע ארייגזאגן אזוינס, וואס דעם עולם איז עס שוין גארניט געפעלן געווארן. עס האט זיך די זייטיגע געדוכט, אז אין דעם שטעקט א שטיקל באליידיגונג.

ר' דוד'ל פלעגט אבער זיך הארציג צעלאכן און עס איז געווען קלאר, אז ער האט שטארק הנאה פון לייבעלע'ס ווערטלעך. פארשטייט זיך, אז מען האט אין אזא פאל לייבעלע'ן געמוזט לאזן צורו.

גיי האב צו אים טענות, ווען דער צדיק איז צופרידן מיט אלץ, וואס ער זאגט און טוט?

עס איז געווען א שבת צונאכט. ר' דוד'ל האט ווי זיין שטייגער, נאך פראוון דעם שלש-סעודות אין גרויסן שאלאש, זיך צוריקגעצויגן אין זיין חדר מיוחד און דארט געדאוונט מעריב.

ער האט געמאכט הבדלה, און זיך אויסגעצויגן אויף דער ווייכער

קאנאפע אין א פאזע פון איינעם וואס נעמט די וועלט ליכט און טוט זיך אויס פון דער שווערער עבודה.

עס איז געווען די צייט ווען די חסידישע נכבדים האבן זיך צוזאמענ-געקליבן פאר „שיחות חולין".

אין טאלנע זיינען אויף יענעם שבת געווען גאר געהויבענע געסט. עס זיינען דארט געווען רבנים פון א רייע חסידישע שטעט און שטעטלעך. זיי זיינען אלע געקומען שמועסן מיטן צדיק.

עס זיינען דארט אויך געווען בכבוד'יגע בעלי-בתים און זיידענע יונגעלייט.

דער רבי איז געווען פארנומען אין א שמועס מיט די רבנים, וועלכע האבן געהאט וויכטיגע ידיעות איבערצוגעבן פון זייערע קהלות.

מיטאמאל רוקט זיך אין חדר אריין לייבעלע מיכאל'ס, כמעט אומ־באמערקטערהייט.

„איך וועל אייך פרעגן א קשיא", מאכט ער צו די רבנים.

דער געשפרעך ווערט אונטערבראכן. אלע ווענדן זייער בליק צו דעם בדחן.

אויף ר' דוד'לס פנים צעגיסט זיך א שמייכל.

„נו, פרעגט", רופט זיך אפ איינער פון די רבנים, שוין וויסנדיג, אז לייבעלע זוכט די געלעגנהייט צו זאגן א גוט-ווערטל.

„אין רבנן־קדיש", פאנגט אן דער בדחן, „זאגט מען, על ישראל ועל רבנן. איז די קשיא, ממה נפשך: זיינען רבנים אידן, איז דאך גענוג, אז מען זאל זאגן על ישראל. ווידער, זיינען זיי ניט קיין אידן, נאר גוים, האט מען דאך געדארפט זאגן על ישראל ועל הגוים. און מען וועט שוין ממילא ווישן, אז מען מיינט דא רבנים?"

די רבנים בלייבן שטיל. איינער פארדריסט, וואס דער בדחן וויצלט זיך אויף זייער חשבון.

„און וואס איז דער תירוץ?" פרעגט מען, מיינענדיג, אז לייבעלע האט נאך עפעס מוסיף צו זיין און וועט אודאי אויסדרייען אזוי, אז די רבנים וועלן גארניט האבן, וואס אויסצוזעצן.

דער בדחן שטייט שוין אבער אויפן שוועל און ער ענטפערט מיט א גמרא ניגון: „נו, בלייבט א קשיא", און פארשווינדט...

לייבעלע האט זיך דא בלויז געוואלט אפרעכענען מיט די רבנים. די רבנים קוקן זיך אן איינע די אנדערע ווי האלב־באליידיגטע. ר'

דוד'ל לאכט אבער הארציג און די רבנים האבן קיין ברירה נים און לאכן מיט.

און אט איז אן אנדער שטוקע פון לייבעלע בדחן:

עס איז געווען אויף א חתונה ביי א זון פון ר' יוחנן ראחמיסטריווקער.

אויף דער חתונה זיינען זיך צוזאמענגעקומען אלע אכט זין פון דעם טשערנאבילער מגיד און פיל אנדערע רביים און צדיקים. עס איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע חסידישע חתונות, וואס זיינען געפראוועט געווארן.

אן עולם פון טויזנטע חסידים איז זיך אנגעפארן פון צענדליגע מיילן ארום.

ר' דוד'ל איז צו דער חתונה געקומען מיט זיין גאנצער פאמיליע און מיט זיין גאנצער „סוויטע", איינשליסנדיג אויך לייבעלע מיכאל'ס. דער בדחן איז תמיד מיטגעפארן מיטן טאלנער אויף זיינע נסיעות.

געקומען צו דער חופה, האט מען דעם חתן אנגעהויבן פירן זיבן מאל ארום דער כלה, ווי דער שטייגער איז. די הקפות זיינען געמאכט געווארן פון די אלע רביים. עס איז געקומען צו דער זיבעטער הקפה. מיטאמאל דונערט ארויס א „טפרו!", ווי בעלי־עגלות שרייען אויס צו פערד, להבדיל, ווען זיי ווילן, אז זיי זאלן זיך אפשטעלן.

מען קוקט זיך ארום פון וועמען אזא חוצפה'דיגער אויסרוף קומט און מען דערזעט לייבעלע מיכאל'ס.

די רביים און די אנדערע געסט זיינען געווען אין א פארלעגנהייט. די חסידים דערביי זיינען געווארן אויסער זיך. זיי האבן זיך געוואלט א ווארף טאן אויף דעם חוצפה'דיגן בדחן און אים צערייסן אין שטיקער.

ר' דוד'ל האט זיך אבער פאנאנדערגעלאכט, ווי לייבעלע'ס האנדלונג וואלט אים שטארק געפעלן.

דער עולם, דערזעענדיג, אז דער טאלנער לאכט, האט שוין קיין מוט נים געהאט דעם בדחן צו טשעפן און מען האט אים צורו געלאזט.

לייבעלע האט אמאל אויך פרובירט שפילן די ראל פון א רבי'ן, און טאקע פון דעם טאלנער גופא.

דאס איז געווען ביי אים אן אנדער פארם פון שפאס.

ער האט אויפגענומען א פאר אידן און אידענעס, גענומען ביי זיי קוויטלעך און אויך צוגענומען זייערע פדיונות.

שפעטער האט ער מיט פרייד דערציילט פון זיין חכמה, וואס ער

האָט דאָ אָפּגעטאָן און פאַר די פּדיונות געלאָזט שטעלן משקה און געלאַדן חברה צו א „לחיים“.

די אָפּגענאַרטע חסידים און חסידות האָבן זיך שפּעטער פון דעם דערוואוסט און זיי זיינען געקומען מיט א טענה צום טאלנער.

„האָט אייך גאָר ניט קיין זאָרג“, האָט דער טאלנער זיי געטרייסט. „לייבעלע׳ס ברכה איז אפשר אזוי גוט ווי מיינע!“

דאָס איז פון מאנכע אָנגענומען געוואָרן בלויז אלס צייכן פון דעם צדיק׳ס עניוות. אנדערע האָבן עס אָבער אָנגענומען אלס באווייז, אז לייבעלע איז א באהאלטענער צדיק...

יעדענפאלס האָבן חסידים פון אים געמוזט האלטן. וואָרום אויב ער איז אזוי וויכטיג ביים טאלנער, מסתמא איז ער אליין א וויכטיגע פּערזענלעכקייט.

לייבעלע מיכאל׳ס פלעגט אָפט אפילו ליב האָבן טרייבן שפּאָס אויפן חשבון פון רביים מיט דעם, וואָס ער פלעגט אין זייער געגנוואַרט דערציילן וויציגע מעשה׳לעך וועגן רביים און חסידים.

ביים טאלנער איז אמאָל געווען א רבי צו גאסט. ווען די צוויי רביים זיינען געזעסן פאַרטיפט אין א שמועס, האָט לייבעלע זיי פּלוצים אונטערבראָכן און דערקלערט, אז ער האָט זיי צו דערציילן א מעשה׳לע.

„איך מיינט דאָך, אז בלויז רביים דאַרפן האָבן שכל. חסידים דאַרפן אויך ניט זיין קיין נאַראָנים“, האָט ער אָנגעפאנגען.

„אָט האָט איר אזא געשיכטע:

„עס זיינען צו א רבי געקומען צוויי חסידים. זיי האָבן פאַרלאנגט, אז דער רבי זאָל זיי געבן א תשובה.

„וואָס איז געשען? א קלייניקייט. די צוויי אידן האָבן געגעסן אַרבעס אום פסח. וועגן אַרבעס איז אפילו פאַראַן א חלוקי דעות, אויב דאָס איז חמצ׳דיג אָדער ניט, אָבער די חסידים האָבן געפילט, אז זיי זיינען באגאנגען אן עבירה.

„האָט דער רבי זיי ארויסגעגעבן א תשובה. און וואָס מיינט איר, איז די תשובה געווען? דער רבי האָט די צוויי אידן געהייסן אריינשיטן אַרבעס אין די שטיוול און אזוי גיין א חודש צייט.

„אז דער רבי הייסט, איז ניטאָ קיין ברירה, זיינען די חסידים אוועק אהיים און געטאָן וואָס דער רבי האָט אָנגעזאָגט.

„עס איז פאַריבער א פּאָר וואָכן און די צוויי חסידים האָבן זיך באַגעגנט אין גאָס.

„איינער פון זיי האט שטארק געהונקען און האט קוים געקענט גיין.

„ — איך האב שוין קיין כח ניט אויסצוהאלטן", האט ער זיך באקלאגט פארן צווייטן חסיד. — „די פיס זיינען מיר שוין צעלעכערט".

„דער צווייטער חסיד איז אבער געווען מונטער און פריילעך און איז געגאנגען גלייך ווי עס וואלט גארניט געהאט פאסירט.

„— די תשובה איז גאר א לייכטע", — איז דער צווייטער באשטאנען.

„— וואס הייסט א לייכטע? עס איז דען לייכט צו טרעטן כסדר אויף ארבעס? סיידן דו האסט דעם רבי'ן ניט געפאלגט. אדער דיין הויט איז פון אייזן".

„— איך האב אים טאקע יא געפאלגט„ — האט דער צווייטער חסיד געענטפערט. — „איך האב אבער אין מיינע שטיוול אריינגעשאטן גע־קאכטע ארבעס"...

ר' דוד'ל און דער צווייטער רבי האבן שטארק געלאכט פון דער מעשה'לע.

„און דאס צייגט טאקע", האט לייבעלע פארענדיגט, „ווי אזוי מען דארף שכל האבן און וויסן ווי אזוי אויסצוטייטשן דעם רבי'נס ווערטער... ווארום ווען מען זאל טאקע פאלגן דעם רבי'ן, וואס ער זאגט ווערטערלעך, קען מען ווערן א קאליקע, פארלירן די ראיה אדער גלאט האבן צרות"...

פון דעם איז נאטירלעך צו זען, אז דער טאלנער האט זייער ליב געהאט א שפאס, און האט הארציג געלאכט ווען אזא שפאס איז געמאכט געווארן.

פונדעסטוועגן האט ר' דוד'ל ביי פיל געלעגנהייטן געהאט דער־קלערט, אז ער האט נאך קיינמאל ניט געלאכט...

חסידים האבן זיך געוואונדערט. וואס הייסט, דער צדיק האט קיינמאל ניט געלאכט? מען האט אים דאך געזען אזויפיל מאל לאכנ־דיג, ספעציעל ווען לייבעלע בדחן האט געזאגט זיינע חכמות...

אבער, אז דער רבי זאגט, פרעגט מען ניט קיין שאלות, און געווים האט דאס געצייגט, האבן חסידים געזאגט, אז דער רבי, אפילו ווען ער לאכט בלויז אים דאס הארץ אויף די צרות פון כל ישראל...

ר' דוד'ל אליין האט אויך ליב געהאט צו זאגן ווערטלעך און גאנץ אפט זיינען זיינע ווערטלעך געווען שארף און וויציג.

ער האט אפט מיט אזוינע ווערטלעך אפגע'פטר'ט די, וואס זיינען צו אים געקומען מיט בקשות.

די ווערטלעך האָבן געקענט זיין פשוט און איינפאך, אָבער חסידים האָבן אין זיי תמיד געזוכט אריינצוטייטשן באַזונדערע מיינונגען.

מיר וועלן דאָ איבערגעבן בלויז א פאָר פון ר' דוד'לס שארפע און וויציגע ווערטלעך.

עס איז צו אים אמאָל געקומען א פאָר פאָלק. עס רעדט זיך געקומען, אין דער אמת'ן איז עס געוועז א פאל וועז די פרוי האָט געבראכט צו שלעפן איר מאַן צום רבי'ן ממש מיט געוואלד.

„רבי, מיין מאַן איז א שיכור. ער ליגט אָפּ גאַנצע טעג אין שיינק און ווען ער פארדינט א פאָר גילדן פארטרינקט ער זיי. אין הויז איז קיין שטיקל ברויט ניטאָ", האָט זיך די אידענע באַקלאָגט.

„און וואָס זאָגסטו?" האָט דער רבי געפרעגט דעם מאַן.

דער מאַן איז געשטאַנען מיט אַן ארונטערגעלאָזטן קאָפּ און גע־שוויגן.

וואָס האָט ער דען געקענט זאָגן? אַלץ וואָס זיין ווייב האָט געזאָגט איז געוועזן אמת.

„ווי עס זעט אויס", האָט דער טאַלנער באַמערקט, „איז דאָ א מחלוקות הפוסקים. ער זאָגט „שהכל" (טרינקט שנאַפּס, אויף וואָס מען מאַכט די ברכה „שהכל") און זי זאָגט „מזונות" (מאָנט, אַז ער זאָל זי דערנערן)"...

אַן אנדערטמאָל איז צום טאַלנער געקומען א פרוי מיט א זויג־קינד אויף די הענט.

אין קוויטל האָט זי דערציילט, אַז דער מאַן שלאָגט זי.

„ער שלאָגט דיך, זאָגסטו?" האָט דער טאַלנער זיך אָפּגערופן. „וואָס איז דער וואונדער! דו ביסט א „מונקת", — א זייגערין, — איז דאָך דיין מאַן א זייגער און א „זייגער" שלאָגט"...

יח.

ר׳ דוד׳לס טראָן

חסידים האַלטן דעם טאַלנער פאַר א מלך און פאַרשאַפן אים א זילבערנע שטול. — די אויפשריפט אויף דער שטול און די רדיפות וואָס דער צדיק האָט פאַר דעם געהאַט אויסצושטיין.

אויף טאַלנע, ווי אויף טשערנאָביל, האָבען חסידים געקוקט ווי אויף א מלוכה, — אַן אמת׳ע חסידישע מלוכה, מיט דעם צדיק ר׳ דוד׳לען אַלס מלך.

טאַלנער חסידים האָבן ר׳ דוד׳לען געהאַלטן פאַרן אמת׳ן צדיק הדור, פאַרןווירקלעכן חד־בדרא און זיינען געווען גרייט ממש צו פירן מלחמה פאַר ר׳ דוד׳לס אַנערקענונג אַלס אַזעלכער.

אין א געוויסן שטעטל האָט אויסגעבראָכן א מחלוקה צווישן די טאַלנער חסידים און די חסידים פון אַן אַנדערן רבי׳ן. די טאַלנער זיינען געווען אין דער מערהייט. זיי זיינען אויך געווען די שטאַרקערע און די רייכערע און האָבן גע׳רודפ׳ט זייערע געגנער.

וואָס די טאַלנער האָבן געהאַט אויסצוזעצן קעגן די אַנדערע חסידים איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אַנערקענען ר׳ דוד׳לען אַלס חד־בדרא.

שפּעטער זיינען א פּאָר בעלי־בתים פון שטעטל געקומען קיין טאַלנע.

ר׳ דוד׳ל האָט שוין געהאַט געהערט וועגן דער מחלוקה. ער האָט געוואָלט וויסן מער פּרטים און טאַקע אויך מאַכן שלום אין שטעטל.

„וואָס קומט דאָרט ביי אייך פאָר?“ האָט דער רבי געפרעגט די חסידים.

„יענע זיינען פושעי ישראל“, האָבן די חסידים זיך אָפּגערופן, רעדנ־דיק וועגן זייערע געגנער, „זיי ווילן אייך, רבי, ניט אַנערקענען אַלס חד־בדרא“...

ר׳ דוד׳ל האָט א שמייכל געטאָן.

„ווען איך זאָל אפילו זיין דער צווייטער אין דור וואָלט איר נאָך אַלץ געמיינט זיין מיינע חסידים און פאָרן צו מיר“, האָט דער צדיק געענטפערט.

און אַנדייטונג אויף ר׳ דוד׳לס ענוות צייגט אויך, וואָס חסידים דער־ציילן וועגן דעם צדיק׳ס הנהגה.

אַלע אינדערפרי פאַרן דאַוונען פלעגט מען זען ווי ר׳ דוד׳ל קומט צו אַ גרויסע שאַפע אין זיין חדר און בלייבט פאַר איר שטיין פאַרטיפט אין מחשבות.

איז עס פאַר די חסידים געווען אַ גרויסע פליאה.

האָבן זיי אַמאָל געפרעגט דעם צדיק וואָס עס איז זיין כוונה אין שטעלן זיך יעדן אינדערפרי פאַר דער שאַפע.

ר׳ דוד׳ל האָט זיי אויף דעם געגעבן אַזאַ ענטפער:

„דער יצר הרע איז זייער גרויס און רוט ניט. ער טשעפעט זיך צו צדיקים מער ווי צו געוויינלעכע מענטשן. עס איז זיין טריפה׳נע כוונה אַז דוקא די, וואָס היטן זיך פון זינד זאָלן געשטרויכלט ווערן.

„איז טאַקע פאַרן צדיק זייער שווער זיך אויסצוהיטן פון עבירות. דער צדיק מוז תמיד האַלטן זיינע כלי־זיין גרייט זיך צו ווערן געגן דעם יצר הרע. זיינע כלי זיין זיינען תורה, עבודה און מעשים טובים.

„אָבער ניט תמיד העלפן אפילו די דאָזיגע כלי זיין. האָב איך געפונען אַן אַנדער מיטל.

„איך גיי צו דער שאַפע, וואו עס ליגן די בריוו, וועלכע עס קומען מיר אָן פון אַלע עקן וועלט. דאָס זיינען בריף געשריבן מיט אַלערליי טיטולן צו מיר. מען רופט מיר דאָרט צדיק, דער גרעסטער צדיק און וואָס ניט? איך ווייס, אַז די אַלע מענטשן מאַכן אַ טעות אין מיר, אָבער זיי מיינען דאָך גוט. זיי האַלטן מיר פאַר דאָס, וואָס זיי שרייבן וועגן מיר. בעט איך דעריבער דעם אייבערשטן אַלע פרימאָרגן, ער זאָל מיר אויסהיטן פון זינד און מיר געבן כחות בייצושטיין דעם יצר הרע, אויב ניט צוליב מיר אליין, דאַן צוליב די, וואָס האָבן מיר געשריבן די בריוו, און וואָס האָבן מיר אָנגערופן צדיק. זאָלן זיי כאָטש קיין ליגנער ניט בלייבן“...

אָבער ניט קוקנדיג אויף ר׳ דוד׳לס ענוות האָבן אים די חסידים געהאַלטן פאַרן צדיק פון אַלע צדיקים און אויף אים געקוקט ווי ער וואָלט געווען זייער מלך און גואל און טאַקע דער מלך און גואל פון גאַנצן פאָלק ישראל.

איז גאָרניט קיין וואונדער, וואָס חסידים האָבן אים אפילו פאַרשאַפט אַ „טראָן“.

און דער „טראָן" איז געווען אן אמת מלכות'דיגער; א שטול געגאָסן פון ריינעם זילבער מיט א „כתר מלכות" איבער אים.

אויפן שטול איז געווען אויפגעשריבן מיט גרויסע אותיות „דוד מלך ישראל חי וקים" — דוד דער קעניג פון אידן זאָל לעבן און זיין געזונד...

די שטול האָט חסידים אָפּגעקאָסט גרויסע אוצרות, אָבער, וואָס פאַר א באַטרעף האָט געהאַט געלט ביי די טאַלנער חסידים צווישן וועלכע עס זיינען געווען אזוי פיל גבירים, אדירים?

פאַראַן אזוינע, וואָס לייקענען, אז די אויפשריפט „דוד מלך ישראל חי וקים" האָט זיך געפונען אויפן שטול. וועגן שטול אליין איז אָבער קיין חלוקי דעות ניטאָ.

די שטול איז געשטאַנען אין צדיק'ס חדר מיוחד, אין בית מדרש פון טאַלנער הויף.

דער צדיק פלעגט זיצן אויף דער שטול שבתים און ימים טובים און ווען נאָר ער איז געקומען דאָרט דאַווענען.

די זילבערנע שטול האָט אָבער דעם צדיק און טאַקע אויך די טאַלנער חסידים ניט ווייניג צרות פאַרשאַפט.

שונאים און סתם מוסרים האָבן עס „דענאָנסעוועט" צו דער רעגירונג. מען זאָגט, אז דאָס האָט דערגרייכט אַזש צום קייזערלעכן הויף אין פעטערבורג.

פאַר דער צאַרסקער ממשלה האָט עס געזאָלט הייסן מרידה. ר' דוד'ל איז אַרעסטירט געוואָרן און עס האָט חסידים אָפּגעקאָסט אוצרות מיט גאָלד איידער זיי האָבן זייער רבי'ן באַפרייט פון תפיסה.

עס האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען געגען ר' דוד'לען א רייהע רדיפות. ער איז איינציגע מאָל געווען אַרעסטירט און איז א פאַר מאָל געווען אַרויס־געפאָדערט צום גובערנאַטאָר אין קיעוו.

מען איז זיך משער, אז די רדיפות און אַרעסטן, וואָס דער טאַלנער האָט געהאַט אויסצושטיין פאַר א לענגערע צייט, ספּעציעל אונטער דער הערשאַפט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, זיינען געווען דירעקט אָדער אינדי־רעקט א רעזולטאַט פון דער מסירה וועגן דער זילבערנער שטול.

ווען ניקאָלאַי דער ערשטער איז געשטאָרבן אָדער, ווי מען האָט גע־רעדט, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אין זיין פאַלאַץ אין ליוואַדיא, קרים, איז ביי די טאַלנער חסידים געווען א גרויסע שמחה.

דאָס איז געווען א' שמחה פאַר אלע אידן.

ווען די נייעס וועגן ניקאָלאַי'ס טויט איז אָנגעקומען, האָבן טאַלנער

חסידים געזאָגט דעם פסוק: „לעושה נפלאות גדולות לבדו“ — צו דעם, וואָס טוט גרויס וואונדער אליין. האָבן חסידים דעם „לבדו“ פאַר-וואַנדלט אין „ליוואַדיע“, מיינענדיג דערמיט, אַז אין ליוואַדיע איז געטאָן געוואָרן גרויס וואונדער, וואָס ניקאָלאַי האָט דאָרט געהאַט זיין סוף...

איינמאָל איז דער טאַלנער געווען אין סכנה אַרעסטירט צו ווערן איבער א מסירה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, אַז ער שטעלט זיך געגן דעם קייזעלעכן באַפעל צו לאָזן אידישע קינדער לערנען גוי'אישע לימודים.

די מסירה איז געמאַכט געוואָרן צום קיעווער גובערנאַטאָר האַנוקאַוו, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער צורר היהודים און ספּעציעל אַלס שונא פון חסידישע רביים.

תמיד ווען דער טאַלנער איז געווען אין א צרה, פלעגט ער זיך ווענדן צו זיין פריינד און באַשיצער, גראַף שואוואַלאָוו, וועלכער איז געווען א קאַמערהער אין קייזערלעכן הויף און וועגן וועמען מען האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען ניקאָלאַי דעם ערשטנ'ס אַן אומגעזעצלעך קינד.

גראַף שואוואַלאָוו איז תמיד געווען א מליץ יושר פאַרן טאַלנער און ווען נאָר דער רבי איז געווען אין א צרה איז ער אים געקומען צו הילף.

דער גראַף איז אָבער ניט געווען אין זיין שלאָס נעבן טאַלנע. וואו ער האָט זיך דעמאָלט געפונען האָט מען ניט געקענט וויסן. מען האָט זיך אָבער משער געווען, אַז ער געפינט זיך אין פּעטערבורג.

האָט מען אַרויסגעשיקט קיין פּעטערבורג דעם באַוואוסטן חסיד, ר' חיים אהרן נעמיראָווסקי, וועלכער איז געווען דער „רוס“ פון טאַלנער הויף און איז תמיד אויפגעטראָטן אַלס פאַרשטייער פון רבי'ן דאָרט וואו מען האָט געדאַרפט קענען ריידן גוי'איש.

נעמיראָווסקי האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער לאַנגער נסיעה אין פּעטערבורג. עס איז אָבער געווען אָפּגעמאַכט, אַז צוערשט זאָל ער זיך אָפּשטעלן אין קיעוו, וואו שואוואַלאָוו האָט געהאַט א פּאַלאַץ.

גרויס איז געווען נעמיראָווסקי'ס איבעראַשונג, ווען קומענדיג אין שואוואַלאָוו'ס פּאַלאַץ, אין קיעוו, האָט ער דאָרט געפונען דעם גראַף.

ער האָט דעם גראַף גלייך דערציילט, וואָס עס איז געשען, אַז ער האָט געוואָלט פאָרן אים זען אַזש קיין פּעטערבורג.

דער גראַף האָט דעם חסיד אויסגעהערט מיטן גרעסטן אינטערעס.

„איצט זע איך פאַרוואָס עס האָט מיר געצויגן דאָס האַרץ אַהער צו קומען“, האָט דער גראַף געזאָגט נעמיראָווסקי'ן.

ער האָט דעם טאַלנער'ס חסיד דערציילט, אַז אין דער אמת'ן האָט ער גאָר זיך געוואָלט געפינען ערגעץ אַנדערשוואו.

עפּעס האָט אים אָבער געצויגן קיין קיעוו, אַליין נישט ווייסנדיג פאַר־וואָס. ערשט מיט אַ נאַכט צוריק איז ער אָנגעקומען קיין קיעוו...

חסידים האָבן אין דעם געזען אַן אצבע אלקים. דער גראַף איז ממש פון הימל געשיקט געוואָרן קיין קיעוו כדי נעמיראָווסקי זאָל אים דאָרט טרעפן און דורך אים עפּעס פּועל'ן.

ווען דער גראַף האָט געהערט, אַז אַ נייע מסירה איז אַריינגעגעבן געוואָרן געגן טאַלנער, האָט ער זיך גלייך געווענדעט צום גובערנאַטאָר.

דער גובערנאַטאָר האָט אָבער דערקלערט, אַז די קלאַגע איז אַ שווערע און, אַז ער קען דעם טאַלנער אַזוי לייכט ניט אָפּלאָזן.

האַניקאָוו איז בכלל געווען זייער שטריינג. ער האָט דעם גראַף ממש ניט געוואָלט אויסהערן.

ער וועט דעם טאַלנער מוזן אַרעסטירן און אים ברייגען קיין קיעוו אין קייטן, האָט דער גובערנאַטאָר דערקלערט.

גראַף שואוואַלאָוו האָט זיך אָבער איינגעשטעלט פאַרן טאַלנער און האָט בשום אופן ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז מען זאָל דעם צדיק אַזוי באַהאַנדלען.

אַז דער גובערנאַטאָר האָט געזען, אַז שואוואַלאָוו לאָזט אים ניט אָפּ, איז ער געוואָרן אביסל ווייכער און האָט געמאַכט די הנחה, אַז אַנשטאָט צו לאָזן דעם צדיק אַרעסטירן, זאָל ער אים אַרויספאָדערן צו זיך אין קיעוו.

„דו וועסט אַליין זען, וואָס פאַר אַ הייליגער מענטש ער איז“, האָט דער גראַף געזאָגט דעם גובערנאַטאָר.

„און איך האַלט אים, אַזוי ווי אַלע חסידישע צדיקים“, האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט, „פאַר אַ שווינדלער, פאַר אַ ווילדן פאַנאַטיקער, וואָס מוז באַשטראָפט ווערן פאַר שטעלן זיך געגן די באַפעלן פון אונזער קיסר“.

„דו וועסט בלויז אָנקוקן זיין פּנים און מיט אים אויסריידן אַ פּאָר ווערטער און דו וועסט זען, אַז איך בין גערעכט“, האָט דער גראַף אים געהאַלטן אין פאַרזיכערן.

חסידים דערציילן, אַז דער גובערנאַטאָר האָט זיך פון גראַף אויס־געלאַכט און אים נאָך געמאַכט פאַרוואורפן, וואָס ער רעדט מיט אַנט־ציקונג פון אַ רבי'ן. דער גראַף האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו ריידן

מיט יראת הכבוד און מיט גרויסע באַגייסטערונג פון דעם טאַלנער און דאָס האָט ביים גובערנאַטאָר ענדלעך ארויסגערופן א באַזונדערן אינטערעס.

„איך וועל אליין מיט אים ריידן און זען וואָס און ווער ער איז און איך וועל דאַן באשליסן וואָס צו טאָן", האָט האַניקאָוו געזאָגט.

„גוט", האָט דער גראַף זיך אָנגעכאַפּט, „אויב דו וועסט עס נאָר טאָן, וועסטו שוין קיין שלעכטס וועגן אים ניט דיינקן און קיין בייז אים קיינמאָל ניט וועלן טאָן".

עס איז ביי זיי דאַן געבליבן, דערציילן חסידים, אַז דעם טאַלנער'ס באַזוך ביים גובערנאַטאָר זאָל זיין א פּראָבע.

עס וועט זיך וועגדן וואָס פאַר אַן איינדרוק דער טאַלנער וועט מאַכן אויפן גובערנאַטאָר.

און מיט דעם דאָזיגן אָפּמאַך צווישן דעם גראַף און דעם גובערנאַטאָר, איז געשיקט געוואָרן א ספּעציעלער שליח קיין טאַלנע מיט דער אויפ־פאָדערונג, אַז ר' דוד'ל זאָל תיכף ומיד ארויספאָרן קיין קיעוו און זיך מעלדן פאַרן גובערנאַטאָר.

גראַף שואוואַלאָוו איז געווען ביי זיך בטוח, אַז דאָס איז אַלץ וואָס ער דאַרף, און ער איז גלייך אָפּגעפאָרן פון קיעוו.

יט.

ביים גובערנאַטאָר

דעם טאַלנער'ס באַזוך ביים קיעווער גובערנאַטאָר און די אויפנאַמע וואָס ער האָט דאָרט געקראָגן. — די „סעודת האניקאָוו" אין טאַלנער הויף.

ווען דעם רבי'נס שליח, ר' חיים אהרן נעמיראָווסקי, איז צוריקגעקומען פון קיעוו און דערציילט, אַז ער האָט דאָרט געטראָפן גראף שוואוואלאָוו'ן, און אַז דער גראף האָט צוגעזאָגט זיך משתדל צו זיין פאַר ר' דוד'לען ביים גובערנאַטאָר, איז אין טאַלנער הויף געווען ששון ושמחה.

מען האָט געוואוסט, אַז אויפן גראף מעג מען זיך פאַרלאָזן, אַז מען זאָל דעם טאַלנער ניט טאָן קיין שלעכטס.

עטלעכע טעג זיינען פאַריבער און מען האָט שוין כמעט פאַרגעסן אָן דער מסירה.

באַלד קומט אָבער אַ שטאַפעט פון קיעוו מיט אַן אויפפאָדערונג צו ר' דוד'לען, אַז ער זאָל אין אַ געוויסן טאָג זיך מעלדן אין גובערנאַטאָר'ס קאַנצעלאַריע.

אין הויף איז געוואָרן אַן אמת'ער תשעה באב.

הייסט עס, אַז גראף שוואוואלאָוו האָט גאָרניט געקאָנט פועל'ן? אַז די גזירה איז אַזוי גרויס, אַז אַפילו די שתדלנות פון אַזאַ וויכטיגע פערזענלעכקייט האָט גאָרניט געווירקט.

קיינער האָט ניט געוואוסט פון דעם געשפרעך, וואָס דער גראף האָט געהאַט מיטן גובערנאַטאָר. פון אויבנאויף האָט עס געהאַט אויסגעזען ווי דער גובערנאַטאָר וואָלט פשוט זיך געהאַט אַנטזאָגט צוצוהערן צום רבי'נס מליץ יושר און איז געווען אַנטשלאָסן צו טאָן רשעות דעם טאַלנער.

אין דער חסידישער וועלט איז געוואָרן אַ טומל. טאַלנער חסידים זיינען אומגעגאַנגען אָן קעפּ.

ר' דוד'ל אַליין איז אפשר געווען דער קאַלטבלוטיגסטער פון אַלעמען. ער האָט ווייניג גערעדט וועגן דער נסיעה קיין קיעוו. מען האָט אָבער געקענט מערקן, אַז ער איז מער ווי תמיד פאַרטיפט אין מחשבות.

די טאַלנער נכבדים, צווישן וועמען עס האָבן זיך געפונען איינפלוס-רייכע פערזאָנען, האָבן געהאַלטן אסיפות. מען האָט געשיקט שלוחים קיין קיעוו. מען האָט פּרובירט זיך משתדל זיין, געמאַכט אַ פאַרזוך אויס-

צוזעפינען, וואס דער גובערנאטאר האט בדעה צו טאן. צי האט ער טאקע שלעכטע כוונות.

מען האט אבער גארניט געקענט מאכן און גארניט געקענט אויס-געפינען.

גראף שוואוואלאוו איז שוין מער ניט געווען אין קיעוו. וואו ער געפינט זיך האט מען ניט געוואוסט. האבן חסידים געטאפט אין דער פינסטער און בלויז געקענט מתפלל זיין, אז זייער רבי זאל ניצול ווערן פון דער גרויסער געפאר פאר וועלכער ער שטייט.

עס איז געקומען דער טאג פון ר׳ דוד׳לס נסיעה קיין קיעוו.

הונדערטע חסידים האבן דעם צדיק באגלייט. טייכן טרערן זיינען פארגאסן געווארן.

דער צדיק אליין איז געווען דער רואיגסטער און דער געלאסנסטער.

„נישקשה, השם יתברך וועט העלפן".

דעם רבי׳נס טרייסט ווערטער האבן דעם עולם א ביסל בארואיגט, אבער ניט אינגאנצן.

ווען דער צדיק איז געקומען אין קיעוו, איז דארט געווארן א רעש צווישן די הונדערטער טאלנער חסידים.

באראטונגען זיינען געהאלטן געווארן.

עס איז געווען א פראגע ווער עס זאל דעם צדיק באגלייטן צום גובערנאטאר, ווער עס זאל זיין זיין דאלמעטשער.

ר׳ דוד׳ל האט קיין רוסיש ניט געקענט. ער האט בכלל ניט געקענט ריידן קיין פרעמד שפראך.

דער שטענדיגער „רוס" פון טאלנער הויף, נעמיראווסקי, האט טאקע געהאט לשון, אבער צו א גובערנאטאר אים שיקן האט מען מורא געהאט. א חסידישער איד קען זיך נאך פארטשעפן די צונג. ער קען זיך נאך אויסגליטשן, ארויסכאפן מיט א ווארט, וואס וועט מער שאדן ווי טאן גוטס.

האט מען געמוזט געפינען אימיצן אנדערש, איינער וואס איז מער פאסיג פאר דער אויפגאבע.

אזא פערזאן האט מען געפונען אין דעם דאמאלסדיגן קאזיאנעם רב פון קיעוו.

דער קאזיאנער רב האט אבער צוערשט געוואלט מיטן צדיק איינ-שטודירן ווי אזוי ער זאל זיך האלטן פארן גובערנאטאר.

„פארשטייט איר, רבי," האט דער קאזיאנער רב געזאגט, „דער גובער-

געטאָר איז ניט נאָר א גרויסער צורר היהודים נאָר אויך א קאַפּריזנער. דאָס קלענסטע קען אים דערצאָרנען און ווערט ער דערצאָרנט, איז מען א פאַרלאָרענער".

„וואָס עצה'ט איר צו טאָן?" האָט ר' דוד'ל געפרעגט.

„צו אַלעם ערשטן וועט איר מוזן אריינקומען מיט א מינע פון הכנעה", האָט ער דעם צדיק גע'עצה'ט. „דער גובערנאַטאָר וויל, אז אַלע זאָלן אים אַרויסצייגן אונטערטעניקייט. דאַן זאָלט איר זיך היטן ניט אַוועקצולייגן אייער שטריימל אויף זיין שרייבטיש, נאָר עס אויסטאָן ביים טיר, און עס אַוועקלייגן אָן א זייט. איר מעגט בלייבן אין דער יארמולקע. איר זאָלט אָבער בשום אופן זיך ניט זעצן איידער ער הייסט עס אייך טאָן. דאָס מיינט, אז איר וועט דאַרפן וואַרטן ביז איך וועל עס אייך זאָגן, איבערזעצנדיג דעם גובערנאַטאָר'ס ווערטער".

דער קאַזיאָנער רב, וועלכער האָט שוין דעם גובערנאַטאָר געקענט פון פריער, האָט דעם צדיק אָנגעזאָגט, אז ער זאָל בכלל גאָרניט טאָן, ניט זאָגן קיין וואָרט און זיך ממש קיין ריר ניט טאָן איידער ער הערט וואָס דער גובערנאַטאָר פאַרלאַנגט.

„נאָר אויף אַזא אופן קענט איר דערוואַרטן, אז איר זאָלט געפינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן", האָט דער קאַזיאָנער רב מוסיף געווען.

דער צדיק האָט זיין בעל עצה און דאָלמעטשער אויסגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

אויף זיין פנים האָט זיך פאַרצויגן א שאָטן. זיין שטערן האָט זיך פאַרקנייטשט.

עס איז געווען קענטיג, אז דעם קאַזיאָנער רב'ס עצות זיינען אים ניט געווען צום הארצן.

חסידים, וואָס האָבן געקענט דעם צדיק פאַר א שטריינגן און שטאָלצן, האָבן זיך שטאַרק געשראָקן.

וועט דען ר' דוד'ל פאָלגען, וואָס דער קאַזיאָנער רב האָט אים אָנגעזאָגט? און ווידער, וועט ער חס וחלילה ניט פאָלגן, וואָס וועט דאַן ווערן פון אים? דער גובערנאַטאָר קען אים נאָך אריינוואַרפן אין תפיסה.

ענדלעך איז געקומען די שעה, ווען דער צדיק האָט געדאַרפט פאָרן

צום גובערנאַטאָר. מיט׳ן קאַזיאַנעם רב ביים זייט איז ער געקומען צו פאָרן אין זיין קארעטע צום גובערנאַטאָר׳ס קאַנצעלאַריע.

די אָפיציעלע צושריפט פון גובערנאַטאָר צו ר׳ דוד׳לען איז איבער־גענומען געוואָרן פון סעקרעטאר און דער צדיק איז געבעטן געוואָרן צו ווארטן אין פאָדערזאַל.

ר׳ דוד׳ל איז געווען רואיג ווי תמיד. גרויס אומרואיקייט האָט ארויסגעציינט דער קאַזיאָנער רב.

עפעס האָט אים דאָס הארץ געשראָקן. עס איז ניט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע פאַר אים צו קענען זיין אי דאָלמעטשער אי מליץ יושר.

באַלד האָט זיך די טיר פון גובערנאַטאָר׳ס קאַבינעט געעפנט און דער סעקרעטאַר האָט זיי געגעבן אַ צייכן ארייַנצוקומען.

„פארגעסט ניט, וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט", האָט דער קאַזיאָנער רב איינגערוימט דעם צדיק אין אויער אַלס לעצטע וואָרנונג.

ר׳ דוד׳ל איז געגאַנגען צוערשט. דער קאַזיאָנער רב איז געווען גלייך הינטער אים.

לויט דעם קאַזיאָנעם רב׳ס אָנזאָג האָבן זיי ביידע געזאָלט בלייבן שטיין ביים טיר און ווארטן אויף א צייכן פון גובערנאַטאָר, וואָס זיי זאָלן טאָן.

פאר א ווײַלע זיינען ביידע געשטאַנען. דער קאַזיאָנער רב האָט געווארט אויף א צייכן פון גובערנאַטאָר. ר׳ דוד׳ל האָט מיט א בליק באַטראַכט דעם זאַל און דעם גובערנאַטאָר, וואָס איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש מיטן פנים צום טיר, שארף אָנקוקנדיג די צוויי געסט.

דעם קאַזיאָנעם רב איז שיער דאָס הארץ ארויסגעפאַלן פון שרעק ווען ער האָט באַמערקט ווי ר׳ דוד׳ל הויבט אָן גיין מיט פעסטע טריט און מיט א מינע פון דרייסטקייט און אומדערשראָקנקייט גלייך צום גובערנאַטאָר׳ס שרייבטיש.

מיטן שטריימל אויפן קאָפּ און מיט זיין שטאָלצער האַלטונג, וואָס איז אזוי גוט באַקאַנט געווען און וואָס האָט תמיד געוואָרפן אַן אימה אויף חסידים, איז דער צדיק געבליבן שטיין הארט ביים שרייבטיש געגנאיבער דעם גובערנאַטאָר.

ר׳ דוד׳ל האָט ארונטערגענומען דאָס שטריימל און עס אוועקגעלייגט אויפן גובערנאַטאָר׳ס שרייבטיש און געשטאַנען שטאָלץ און גלייך, אָנקוקנדיג מיט זיינע דורכדרינגענדיגע אויגן דעם גובערנאַטאָר, וועלכער איז פאַר א ווײַלע געבליבן זיצן אַ פאַרלאָרענער.

דער קאזיאנער רב איז געווען אויסער זיך. עס איז געווען פונקט דער היפוך, וואס ער האט דעם רבי׳ן אנגעזאגט.

„ער איז א פארלארענער", האט ער צו זיך אליין געזאגט. „ער האט ניט געפאלגט וואס איך האב אים געהייסן און דער גובערנאטאר וועט ווערן מלא רציחה".

עס איז שוין אבער געווען צו שפעט צו פארריכטן. ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי צו קוקן און שווייגן אוןווארטן אויף דעם, וואס עס וועט ווייטער געשען.

דער גובערנאטאר האט זיך באלד א הויב געטאן פון זיין שטול און עס איז ניט געווען זיכער צי ער הויבט זיך אויף א דערשראקענער פון דעם צדיק׳ס דורכנעמענדיגן בליק צי א דערצארנטער פון דעם רבי׳נס געוואגטקייט.

פאר א ווײַלע האבן זיי זיך איינער דעם אנדערן שארף אנגעקוקט, איינער האט געוואלט דורכנעמען דעם צווייטן.

„ווייסט איר, אז ביי מיר געפינען זיך צוויי טירן", האט דער גובערנאטאר ענדלעך געבראכן די שטילקייט, „איינע פירנדיג צו פרייהייט און די צווייטע צו תפיסה?"

דער קאזיאנער רב האט איצט געהאט די געלעגנהייט עפעס צו זאגן ר׳ דוד׳לען.

איבערזעצנדיג פאר אים דעם גובערנאטאר׳ס ווערטער האט ער דערוויי͏ל אים שוין אויך אריינגעווארפן א פאר ווערטער דערמאנענדיג אים, אז זיין האלטונג קען דעם גובערנאטאר דערצארענען.

דעם קאזיאנער רב׳ס ווארנונג האט דער צדיק איגנארירט.

אויפן גובערנאטאר׳ס פראגן האט ר׳ דוד׳ל ניט געגעבן קיין ענטפער גלייך.

אנשטאט עפעס צו זאגן האט ער געמאכט א פאר שריט גלייך צום גובערנאטאר, האט אים א נעם געטאן ביים ארים, ווי איינער וואס וויל צייגן, אז ער קען זיך מיט אים פארמעסטן כחות און דערשרעקט זיך ניט פאר זיינע סטראשונקעס.

„איך ווייס, וואס דו קענסט טאן, וואס דו האסט ביכולת צו טאן", האט דער טאלנער געזאגט. „איך ווייס, אז דו קענסט מיר לאזן ארעסטירן און אפשר אויך פארשיקן קיין סיביר, אבער פארוואס? פאר וועלכן חטא?"

דעם קאזיאנעם רב האט אנגעהויבן ווארפן א צאן אן א צאן.

„איצט איז ער שוין געווים א פארלארענער", האט ער זיך געטראכט. „אנצוכאפן דעם גובערנאטאר פארן ארבל, ריידן צו אים מיט אזא שטאלץ און געוואגטקייט!" דער קאזיאנער רב האט ניט געקענט גלויבן זיינע אייגענע אויערן.

ער האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט ווי איבערצוזעצן פארן גובערנאטאר דעם רבי'נס ווערטער.

ער האט דערוואַרט, אז דעם גובערנאטאר'ס פנים זאל ווערן שטרייננג, שטרייננגער ווי פריער, און אז ער זאל ווערן אנגעצונדענער.

אנשטאט דעם איז גאר דער גובערנאטאר מיט אמאל געווארן מילד.

זיין פנים האט אנגענומען א פריינטלעכע מינע.

ער האט דעם טאלנער געבעטן זיך זעצן און האט אליין אים אונטערגערוקט א שטול און עם געטאן מיט א מאדנעם רעספעקט.

דער טאלנער האט אויף אים געמאכט א טיפן איינדרוק. ער האט ענדלעך דערזען, אז ער האט פאר זיך אן אויסערגעוויינטלעכן מענשן.

גראף שואוואלאוו האט אים קיין ליגן ניט געזאגט.

דער גובערנאטאר האט דאן פארפירט א געשפרעך מיטן טאלנער. דאס איז שוין ניט געווען קיין געשפרעך פון א שטרייננגען אויספארשער, וואס וויל פון אימיצן ארויספרעסן געוויסע ענטפערס, נאר פון איינעם, וואס וויל זיך מיט אימיצן דורכריידן און זיך פארשטיין און אפשר גאר זיך פאר אים פארענטפערן.

„וואס זאל איך אבער טאן, אז איך האב א באפעל פון פעטערבורג, אז איך זאל אייך שטרייננג באשטראפן פאר דעם, וואס איר שטעלט זיך נעגן די „אוקאזן" און די וואונטשן פון קיסר און דערלאזט ניט, אז אידישע קינדער זאלן קריגן א וועלטלעכע בילדונג? די מסירה נעגן אייך איז געקומען פון אייערע אייגענע אידן און זי איז אויסגעפארשט און באשטעטיגט געווארן".

ר' דוד'ל האט געגעבן זיין דערקלערונג און די דערקלערונג איז געווען א לאנגע און אפנהארציגע.

„עס איז ניט קיין מסירה", האט ער געזאגט. „אידן זיינען, רחמנא-לצלן, קיין מוסרים ניט. זיי טראכטן ניט אוים קיינע בלבולים ניט אויף פרעמדע און ניט אויף זייערע אייגענע ברידער. דאס, וואס מען האט דערציילט וועגן מיר איז אמת. איך דערלאז ניט, אז אידישע קינדער זאלן געלערנט ווערן ניט-אידישע לימודים, אבער דאס איז נאר ווען זיי ווערן געלערנט פון אידישע לערער. איך בין ניט נעגן, אז אידישע קינדער

זאָלן לערנען ניט-אידישע לימודים פון ניט-אידישע לערער. זיי וועלן דאָן וויסן, וואָס עס איז אזוינס אידיש און וואָס עס איז אזוינס ניט־אידיש.

„דער קיסר האָט אין זיין באַפעל קיינמאָל ניט געזאָגט, אז די לימודים מוזן געלערנט ווערן פון אידישע לערער״.

דער טאַלנער האָט דעם גובערנאַטאָר דאָן מסביר געווען, אז דער עיקר איז ביי אים דער אידישער דת, די אידישע אמונה. אידישע קינדער מוזן בלייבן אידן, דיזעלביגע אידן, וואָס זייערע טאַטעס און זיידעס זיינען געווען.

ווען אידישע לערער לערנען אידישע קינדער ניט-אידישע לימודים שטעקן זיי זייערע תלמידים אָן מיט אַפּיקורסישע געדאַנקען און דאָס איז, וואָס ער וויל פאַרהיטן.

„איך שטעל מיר פאָר, אז דאָס איז טאַקע אויך וואָס דער קיסר וויל, ווארום זיין פאַרלאַנג איז דאָך ניט, אז אידישע קינדער זאָלן ווערן ניט-גלויביגע און זאָלן פאַרגעסן אָן גאָט און אָפּקערן זיך פון די וועגן אויף וועלכע זייערע אבות זיינען געגאַנגען?״

דער גובערנאַטאָר האָט אים אויסגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

„איר זייט פריי, רבי״, האָט ער געזאָגט, „און אנטשולדיגט מיר, וואָס איך האָב אייך מטריח געווען. דער ענין איז מיר איצט קלאָר. עס איז געווען ניט מער ווי אַ מיספאַרשטענדניס״.

דער גובערנאַטאָר האָט דעם צדיק באַגלייט צום טיר און האָט אים געדריקט די האַנד מיט גרויס יראת הכבוד.

אין דרויסן האָבן אויפן צדיק געוואַרט הונדערטע חסידים, און דערזעענדיג זייער רבי׳ן פריי, איז זייער שמחה געווען אומבאַגרענעצט.

צוריקקומענדיג קיין טאַלנע האָט ר׳ דוד׳ל געמאַכט אַ גרויסע סעודה. דאָס איז געווען דעם פופצנטן טאָג אין אָב. די סעודה איז נאָכדעם געפּראַוועט געוואָרן יעדעס יאָר און איז באַקאַנט געווען אַלס „סעודת האניקאָוו״ אין אָנדענק פון דעם, וואָס דער צדיק איז ניצול געוואָרן פון דעם צורר׳שן גובערנאַטאָר האניקאָוו, וועלכער האָט אים געזאָלט טאָן שלעכטס, אָבער פון וועמעס בייזע פּלענער עס האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט.

כ

דער דיבוק

ווי ר׳ דוד׳ל טאלנער האָט אַרויסגעטריבן א דיבוק פון א חזן. — די מחלוקה אין א חסידיש שטעטל. — דער מענטש מיט די „גלעזערנע״ פיס.

ר׳ דוד׳ל טאלנער האָט גע׳שמ׳ט פאַר זיין גרויסער חכמה פונקט ווי פאַר זיינע גרויסע מופתים.

א סך פון זיינע מופתים זיינען געווען פשוט׳ע חכמה. אָבער חסידים האָבן זיך מיט דעם געקוויקט ניט ווייניגער ווי מיט די מעשה׳לעך וועגן זיינע אמת׳ע מופתים.

ר׳ דוד׳ל איז געווען בארופן פאַר אַן אמת׳ן רופא חולים און חלאים פון אַלע מינים פלעגן קומען קיין טאלנע זוכן א רפואה שלמה ביים צדיק.

די רפואות וואָס ר׳ דוד׳ל פלעגט געבן די חלאים זיינען ניט געווען בלויז אין דער פאָרמע פון ברכות, נאָר טאקע אויך אין דער פאָרמע פון קרייטעכער, פארשידענע געמישן און זאלבן, אזוי גוט ווי קמיעות, סגולות און דאָס גלייכן.

דער טאלנער האָט געהאַט א ספר הרפואות, וואָס איז צו אים געקומען בירושה פון פריערדיגע דורות, אין וועלכן עס זיינען געווען פארשריבן מיטלען און רפואות צו פארשידענע חלאת׳ן.

איז דער טאלנער הויף תמיד געווען באַלאַגערט פון אַלע מינים גייסטיגע און פיזיש־קראַנקע: פאַרזעעניש, קאַליקעס, מענער, פרויען און קינדער.

און חסידים דערציילן זיך אַן אַלערליי וואונדער פון ר׳ דוד׳לען אלס רופא: ער האָט ממש פון טויט לעבעדיג געמאַכט...

פארשטייט זיך, אַז די אינטערעסאַנטסטע מעשה׳לעך זיינען וועגן דיבוקים.

אזוי מעשה׳לעך ווערן דערציילט גאָר א סך. זיי קענען אָבער צעטיילט ווערן אין צוויי קאַטעגאָריעס: אזוינע אין וועלכע די מיטלען, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן זיינען געווען באזירט אויף חכמה, אויף קלוגע

איינפאַלן, אויף אַ געניאַלער פאַרשטענדיש פון דער מענטשלעכער נשמה און אַזוינע, וואו דער צדיק האָט זיך באַנוצט מיט זיינע גרויסע כחות אַלס בעל מקובל, אַלס בעל־מופתים.

אַט ווערט דערציילט אַ מעשה וועגן איינעם וואָס האָט זיך איינגע־רעדט אַז ער האָט „גלעזערנע" פיס. ער האָט זיך ניט געקענט זעצן, מורא האָבנדיג, אַז איינבויגנדיג די פיס וועט ער זיי „צעברעכן". „גלאָז" בויגט זיך ניט און אַ מענטש מיט „גלעזערנע" פיס איז אַן אומגליקלעכע באַשעפענים.

איז ער אומגעגאַנגען ווי אויף שטאָלצעס, איז תמיד געשטאַנען און ווען ער האָט זיך געלייגט האָט ער געמאַכט אַלערליי תנועות איידער ער האָט די פיס איינגעאָרדנט, אַז זיי זאָלן ניט „צעבראָכן" ווערן...

וואָס מען האָט מיט דעם דאָזיגן פאַרשוין ניט צע׳טענה׳ט, אַז ער האָט פיס ווי אַלע מענטשן און, אַז ער קען גיין און זיצן און אפילו כאַפּן אַ טענצל, האָט ניט געהאָלפן.

ער האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניגע. די פיס זיינען „גלעזערנע".

האָט מען דעם אידן דערקלערט אַלס איינעם אין וועמען עס איז אריין אַ „דיבוק" און מען האָט אים געבראַכט קיין טאַלנע, אַז ר׳ דוד׳ל זאָל פון אים אַרויסטרייבן דעם „דיבוק".

און ר׳ דוד׳ל האָט טאַקע פון אים דעם „דיבוק" אַרויסגעטריבן. די פיס זיינען ביי אים צוריק געוואָרן פון פלייש און בלוט און קנאָכן און דער איד האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דער איינרייַדעניש, אַז זיי זיינען פון „גלאָז".

ווי אַזוי ר׳ דוד׳ל האָט עס באַוויזן?

דערציילן וועגן דעם חסידים אַזאַ געשיכטע:

ווען דער דאָזיגער פאַרשוין איז געבראַכט געוואָרן פאַרן טאַלנער, האָט ר׳ דוד׳ל אים גאָר אָן צערעמאָניעס געהייסן זיך אַנידערזעצן.

„איך קען ניט, רבי", האָט דער איד גע׳טענה׳ט. „מיינע פיס בויגן זיך ניט, זיי זיינען פון גלאָז".

„איך הייס דיר אָבער זיך זעצן", האָט ר׳ דוד׳ל אויף אים אַ געשריי געטאָן. „איך הייס דיר זיך זעצן און טו עס באַלד!"

דער איד איז געוואָרן דערשראָקן. אַז דער רבי הייסט מוז מען פאָלגן, וואָס עס זאָל ניט געשען, זאָלן אפילו די „גלעזערנע" פיס דאַרפן צעבראָכן ווערן.

דער איד האָט זיך אַ זעץ געטאָן, און טאַקע באַלד ווי ער האָט עס געטאָן, האָט זיך געהערט אַ בריאזג ווי פון צעבראָכענעם גלאָז.

די „גלעזערנע" פּיס האָבן געפּלאַצט, זיך צעבראָכן, אָבער זיי זיינען געוואָרן צוריק באַוועגלעך, ווי פּיס פון אַ נאָרמאַלן מענטשן.

„איצט קענסטו זיך אויפשטעלן און גיין און זיצן און זיך באַוועגן ווי אַלע מענטשן", האָט אים דער טאַלנער געזאָגט. „דאָס גלאָז איז צעבראָכן געוואָרן".

און דער איד איז אַוועק מיט דער פולער איבערצייגונג, אַז זיינע גלעזערנע פיס זיינען צוריק געוואָרן וואָס זיי האָבן באַדאַרפט זיין.

וואָס עס איז דערביי געשען? גאָר אַ קלייניקייט. דער צדיק האָט שוין געהאַט אין פאָרויס אָנגעזאָגט זיין גבאי, אַז ווען דער איד וועט זיך אַ זעץ טאָן, זאָל ער אין צווייטן צימער צעברעכן אַ גלעזערנע כלי כדי צו מאַכן דעם איינדרוק אויפן אידן, אַז דאָס האָט געפּלאַצט דאָס „גלאָז", וואָס האָט געהאַלטן זיינע פּיס געפּענטעט.

עס איז געווען אַ ריין חכמה׳דיגער איינפאַל און חסידים האָבן עס תמיד באַנוצט אַלס ביישפּיל פון זייער רבי׳נס גרויסע חכמה.

אַ צווייטע דיבוק־מעשה׳לע, שוין פון אַנאַנדער מין, ווערט דערציילט אויף אַזאַ אופן:

ערגעץ אין אַ ווייטן שטעטל האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקה איבער אַ חזן. אַזוינע מחלוקות זיינען קיין נייעס ניט געווען אין אידישע שטעטלעך. אָפט האָבן זיי זיך געענדיגט מיט אַ שלום און גאַנץ אָפט האָבן זיי זיך צעפלאַקערט אין אַ ביטערער מלחמה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן לאַנג און וואָס האָט אומגליקלעך געמאַכט גאַנצע משפחות.

דאָס שטעטל איז געווען אינגאַנצן חסידיש. קיין מתנגדים זיינען דאָרט כמעט אויף אַ רפואה ניט געווען. די חסידים זיינען אָבער געווען צעטיילט. זיי האָבן געהערט צו פאַרשידענע רביים און די חסידים פון איין רבי׳ן האָבן זיך געקריגט מיט די חסידים פון די אַנדערע רביים.

געריסן האָט מען זיך אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר און געריסן האָט מען זיך ממש איבער גאָרניט.

פאַרשטייט זיך, אַז די מלחמה האָט זיך אַמשטאַרקסטן צעפלאַקערט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביים נעמען אַ נייעם חזן און שוחט.

אין שטעטל איז געווען אַן אַלטער חזן, וואָס האָט געהאַט זיינע פריינט און שונאים. אָבער ווען אַ איד איז אָפּ אויף אַ פּלאַץ אַ סך יאָרן, טשעפּעט מען אים ניט.

איז אָבער דער חזן אַלט געוואָרן און זיין שטימע איז געוואָרן שוואַך און הייזעריג'לעך.

האָבן זיינע אַלטע געגנער אויפגעהויבן זייערע קעפּ.

„גענוג. מיר מוזן האָבן אַ נייעם חזן", האָבן זיי גע'טענה'ט.

און די אומצופרידנקייט מיטן אַלטן חזן איז געוואָרן גרעסער פון טאָג, ביז מען האָט געלאָזט אַרונטערברייננגען נייע חזנים זיי אויסצו־פּרובירן.

די מחלוקה איז געוואָרן גרעסער. עס איז געוואָרן אַן אמת'ע מלחמה.

דער צד וואָס האָט געוואָלט אַ נייעם חזן איז אָבער געווען גרעסער און שטאַרקער און דער צווייטער צד, האָט איינגעזען, אַז עס וועט אין שטעטל קיין שלום ניט זיין ביז וואַנען אַ נייער חזן, אַ אינגערער, וואָס קען טאַקע דאַווענען פאַרן עמוד, וועט ניט גענומען ווערן.

האָט מען מיט וואָס ניט איז „מפצה" געווען דעם אַלטן חזן און מען האָט גענומען אַ נייעם.

אין שטעטל איז ענדלעך געוואָרן שלום. דער נייער חזן איז טאַקע געווען אַ גוטער דאַוונער און דער עולם איז געווען צופרידן.

דער איינציגער וואָס איז געבליבן אומצופרידן און מיט אַן אומ־פאַרהיילט וואונד אין האַרצן, איז געווען דער אַלטער חזן. פון קיין נייער שטעלע האָט קיין רייד ניט געקענט זיין. אַ איד אין זיינע יאָרן און מיט אַזאַ שטימע קען נישט דערוואַרטן ערגעץ וואו אויסצונעמען.

האָט ער געמוזט בלייבן אין שטעטל און זיך פּרובירן מפרנס זיין פון עפּעס אַנדערש. אָבער אין האַרצן איז אים געבליבן אַ וואונד, אַ טיפע, בלוטנדיגע וואונד. עס האָט אים געבלוטעט צו זען ווי אימיצער אַנדערש „קעניגט" אין זיין מלוכה און ווי ער איז פון אַלעמען פאַר־שטויסן געוואָרן, ווי קיינער קוקט זיך אויף אים ניט אום און פילט ניט מיט אין זיין גרויסן צער.

דער אַלטער חזן האָט אָנגעהויבן אונטערגיין פון טאָג. ער איז געוואָרן פאַרעלטערט, געבויגן אין דריייען, אַ שאָטן פון דעם, וואָס ער איז געווען פריער. ער איז אויסגעגאַנגען לאַנגזאַם, מיט יעדן טאָג אָפּ־געשטאָרבן, ביז אין אַ געווייסן טאָג האָט מען אים געפונען אַ טויטן.

ערשט דעמאָלט האָבן מאַנכע זיך אָנגעהויבן אַרומזען, אַז דער אַלטער חזן איז געווען אַ קרבן פון די רדיפות, און אַז דער פאַקט, וואָס עס איז גענומען געוואָרן אַ נייער חזן אויף זיין פּלאַץ, האָט אים מקצר ימים געווען.

זיינע שטאַרקסטע געגנער האָבן זיך איצט געפילט געטראָפן.

צום שטאַרקסטן האָט די עוולה דערפילט דער נייער חזן. ער האָט געפילט ווי ער וואָלט געווען שולדיג אין דעם, וואָס דער אַלטער חזן איז פריצייטיג אוועק פון דער וועלט.

געשטאָרבן איז דער אַלטער חזן א קורצע צייט פאַר ראש השנה. דעמאָלט איז אַ צייט ווען יעדער איד פילט א הרהור תשובה.

דער נייער חזן איז געוואָרן אַ האַלבער. מען האָט געקענט זען, אַז ער ליידט, אַז ער גייט אום מיט אַ ווייטאָג אין האַרצן און פילט זיך אין עפּעס שולדיג.

און אָט איז געקומען ראש השנה. דער חזן איז געשטאַנען גרייט מיט זיינע משוררים פאַר די מוספים.

עס איז געווען דער ערשטער טאָג ראש השנה. דער שמש האָט שוין אַ קלאַפּ געטאָן אין שולחן, אַז דער חזן זאָל אָנפאַנגען דעם „הנני“.

דער חזן שטייט שוין אין זיין קיטל און מיטן טלית איבערן קאָפּ פאַרן עמוד און די משוררים אַרום אים, פאַרטיג אים אונטערצוכאַפּן.

אין בית מדרש הערשט אַ טויטע שטילקייט. בלויז דאָ און דאָרט טראָגט זיך דורך אַ קרעכץ, און עס הערט זיך א שטילער געוויין פון עזרת נשים.

דער חזן פאַנגט אָן.

ער שרייט אויס דעם „הנני“ און דער עולם בלייבט אַ פאַרציטערטער.

עס איז ניט דעם נייעם חזנ׳ס קול נאָר דער קול פון דעם אַלטן חזן, וואָס איז שוין טויט...

די זעלביגע שטימע, עס זאָל פעלן א האָר...

דער חזן אַליין דערשרעקט זיך. ער האָט אַליין דערפילט, אַז עס איז ניט זיין שטימע. אָבער ער פּרובירט נאָך גיין ווייטער. אפשר האָט זיך עס אים נאָר געדוכט. עס איז אָבער די שטימע פון אַלטן חזן... עס קען אין דעם מער קיין ספק ניט זיין.

אין בית מדרש ווערט אַ בהלה.

א דיבוק איז אריין אין חזן... דעם אַלטן חזנ׳ס דיבוק איז אין אים אריין...

דער אַלטער חזן איז צוריקגעקומען פאַרנעמען זיין פּלאַץ ביים עמוד, ביי וועלכן ער איז אַזוי פיל יאָרן געשטאַנען און וועלכער איז אים אַזוי ליב און טייער געווען...

אין טויט שרעק האָט דער חזן אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דעם טלית און דעם קיטל און איז אַנטלאָפן אהיים.

אָבער אין דער היים האָט נאָך אויך די שטימע פון אַלטן חזן אַרויסגעזונגען פון אים.

דער דיבוק פון אַלטן חזן האָט אים ניט געוואָלט פאַרלאָזן.

און וואָס ווייטער האָט דער דיבוק זיך אַלץ מער אין אים באַזעצט און באַפעסטיגט...

„איך וויל צוריק זיין דאָ חזן", האָט דער דיבוק גע׳טענה׳ט, און די שטימע האָט געקלונגען פונקט ווי פון אַלטן חזן. „איך האָב עס ניט געקענט טאָן לעבעדיגערהייט, וועל איך עס איצט טאָן טויטערהייט, דורך דעם נייעם חזן"...

מען האָט אין שטעטל אויספּרובירט אַלע מיטלען. מען האָט מתפּלל געווען אויפן אַלטן חזנ׳ס קבר. מען האָט געמאָסטן פעלד און געטאָן אַלערליי סגולות. עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפן. דער דיבוק איז פון חזן ניט אַרויס.

האָט מען ענדלעך באַשלאָסן, אַז מען זאָל דעם חזן פירן קיין טאַלנע צו ר׳ דוד׳לען. ר׳ דוד׳ל האָט שוין אַזויפיל דיבוקים אַרויסגעטריבן, וועט ער געוויס אויך דעם דיבוק אַרויסטרייבן.

ר׳ דוד׳ל האָט געהייסן ברענגען דעם פאַר׳דיבוק׳טן חזן צו זיך.

„זינג עפּעס פאַר מיר", האָט ר׳ דוד׳ל אַ זאָג געטאָן צום חזן.

דער חזן האָט אָנגעפאַנגען, אָבער אַרויסגעזונגען פון אים האָט דער אַלטער, פאַרשטאָרבענער חזן מיט זיין הייזעריגער און שוואַכער שטימע.

„איך וויל געזאַנג", האָט דער צדיק זיך אַ בייזער געטאָן. „דאָס איז ניט קיין געזאַנג. פּרוביר נאָכאַמאָל".

דער חזן האָט ווייטער אָנגעהויבן זינגען, אָבער די שטימע איז געווען די זעלביגע, הייזעריג און שוואַך, ווי פון דעם אַלטן חזן.

„דו קענסט דען זינגען?" האָט ר׳ דוד׳ל זיך צעבייזערט. „מיט אַזאַ שטימע ווילסטו דאַוונען פאַרן עמוד? גיי זיך צוריק אין דיין רו. דו שטערסט בלויז די אידן, אַז זיי זאָלן דינען גאָט ווי עס באַדאַרף צו זיין".

פאַר אַ ווײַלע איז געווען שטיל. אָבער באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטילער געוויין.

„איך ליב אַזוי דעם עמוד!"

„לא המתים יהללו יה (ניט די טויטע וועלן לויבן גאָט)", האָט דער

טאלנער א זאָג געטאָן, ווי דאָס וואָלט געדאַרפט זיין אַן ענטפער אויף דעם, וואָס דער דיבוק האָט געזאָגט.

און מער האָט דער דיבוק שוין ניט גערעדט.

„דו קענסט ניט זינגען און קענסט מער פאַרן עמוד ניט קומען“, האָט ר׳ דוד׳ל פאַרענדיגט.

און אין א ווײַלע אַרום, שוין א געלאַסענער און באַרואיגטער, האָט ער דעם חזן ווידער געהייסן זינגען.

„איצט זינג אליין מיט דיין אייגענער שטימע. דער אַלטער חזן איז שוין צוריק אין זיין רו. ער האָט ביים עמוד מער ניט וואָס צו טאָן“.

און דער חזן האָט אָנגעהויבן זינגען און דאָס מאָל צוריק מיט זיין אייגענער שטימע. דער דיבוק האָט אים אינגאנצן פאַרלאָזן...

כא.

די עין הרע

דער משומד יאָאכים צימערמאַן און זיין שייכות מיטן טאַלנער רבי'ן. — זיינע קינדער־יאָרן. — דעם טשערנאָבילער'ס אָנזאָג. — אַן אײדים אויף קעסט. — אַן אומדערוואַרטע באַגעגעניש.

א חוץ גראַף שואוואַלאָוו האָט ר' דוד'ל אויך געהאַט אַן אַנדער פּאַרטיידיגער געגן זיינע פאַרפאָלגער אין קיעוו און פּעטערבורג. דאָס איז געווען דער משומד יאָאכים צימערמאַן, וועלכער איז אין דער יוגנט געווען גוט באַקאַנט מיט ר' דוד'לען און זיך מיט אים גע'חבר'ט.

דער העברעאיש־אידישער שריפטשטעלער, ש. ל. ציטראָן דערציילט צימערמאַנ'ס געשיכטע אין זיין בוך „משומדים". חסידים האָבן אָבער מוסיף צו זיין א סך נייע פּרטים.

יאָאכימ'ס אידישער נאָמען איז געווען חיים, א זון פון דעם וואסיל־קאָווער שוחט, — די זעלביגע וואסילקאָוו, וואו ר' דוד'ל איז פאר א צייט געווען רבי. ער איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1815, וואָס מיינט, אז ער איז געווען מיט זיבן יאָר אינגער פון ר' דוד'לען. זיין טאַטע איז געווען א פייערדיגער חסיד פון ר' דוד'לס טאַטע, ר' מאָטעלע.

צו פיר יאָר איז שוין חיימ'ל געגאַנגען אין חדר און ארויסגעצייגט גרויסע כשרונות. זיינע מלמדים האָבן פאַר אים פאָרויסגעזאָגט א גרויסע צוקונפט. איז דער טאַטע געווען שטאָלץ מיט זיין זון און ביי דער ערשטער געלעגנהייט אים געבראַכט קיין טשערנאָביל צום רבי'ן. ר' מאָטעלע האָט אים פאַרהערט אין לערנען און איז געווען ענטציקט פון חיימ'לס זעלטענע פיאיגקייטן.

פון דעמאָלט אָן איז שוין חיימ'ל געווען אַן אָפטער גאַסט אין טשער־נאָבילער הויף. דער רבי האָט אין אים גענומען א באַזונדערן אינטערעס, וואָס האָט חיימ'לען געמאַכט זייער חשוב ביי חסידים און פאַרשאַפט גרויס נחת זיין טאַטן.

צו בר מצוה האָט חיימ'ל שוין גע'שמ'ט אַלס גרויסער למדן. דער טאַטע האָט אים ווידער גענומען צום רבי'ן, מיט וועמעס ברכה ער האָט אָנגעפאַנגען לייגן תפילין.

דאָס מאָל האָט דער טשערנאָבילער נאָך אַ גרעסערן אינטערעס גענומען אין חיים'לען. ווען דער טאַטע האָט חיים'לען אַריינגעפירט צום צדיק, האָט ר' מאָטעלע אים אַ ווײַלע באַטראַכט מיט אַ פאַרשנדיגן בליק און געזאָגט צום וואסילקאָווער שוחט בזה הלשון:

„נעם דײַן חיים'לען אַהיים און מאַך אים באַלד חתונה. נאָך דער חתונה זאָל ער זיצן ביחידות און לערנען. זאָל קיינער צו אים ניט צוגעלאָזט ווערן. זאָל קיינער זיך מיט אים ניט מפלפל זײַן. מען מוז אים היטן פון אַן עין הרע. פאַרשטייסט? אַן עין הרע קען שאַטן"...

דער וואסילקאָווער שוחט איז געווען געפּלעפּט. וואָס זאָלן דעם רבי'נס ווערטער באַדייטן? פאַרוואָס זאָל זײַן חיים'ל דאַרפן חתונה האָבן אין אײַלעניש? און פאַרוואָס עפּעס אויסבאַהאַלטן זיך פון מענטשן?

אודאי לויערט עפּעס אַ געפאַר. אָבער דער צדיק האָט שוין געוויזן דעם וועג ווי די געפאַר צו פאַרמײַדן. אויף אים, זאָל לעבן, מעג מען זיך פאַרלאָזן.

האָט דער שוחט אָנגעהויבן זוכן אַ שידוך פאַר זײַן זון. אַ שידוך זוכט זיך אָבער ניט אַף אַזוי לײַכט. איז דער טשערנאָבילער באַלד אַליין געקומען צו הילף. ער האָט שוין אַלץ געהאַט פאַרטיג.

אַ פאַר וויאָרסט פון רעזשיצע, וואָלינער גובערניע, האָט זיך געפונען אַ רײַכער אַרענדאַר, דעם טשערנאָבילער'ס אַ חסיד.

דער דאָזיגער אַרענדאַר האָט געהאַט אַ טאָכטער, לא עלינו, ניט קיין געראָטענע. אי ניט קיין גרויסע יפי פיה און אי אַ קרענקלעכע און שוואַכע. איז זי „פאַרזעסן" געוואָרן. שוין געווען איבער אַכצן יאָר און נאָך אַלץ אַ מויד.

האָבן טאַטע-מאַמע זיך עס גענומען צום האַרצן. האָט דער אַרענדאַר געמאַכט אַ ספּעציעלע נסיעה קיין טשערנאָביל.

און ווי איבעראַשט איז דער אַרענדאַר געווען, ווען אַריבערטרעטנדיג דעם צדיק'ס שוועל, האָט דער טשערנאָבילער צו אים זיך געווענדעט מיט די ווערטער:

„גוט וואָס דו ביסט געקומען. איך האָב פאַר דײַן טאָכטער אַן אויסגעצייכנטן שידוך. פאַר גלײַך קיין וואסילקאָוו און זע זיך דאָרט מיטן שוחט. ער האָט אַ זון, חיים'ל, אַקאָרשט בר-מצוה געוואָרן. ער איז דײַן טאָכטער'ס זיווג".

איז דער אַרענדאַר געפאָרן קיין וואסילקאָוו און באַלד זײַנען געשריבן געוואָרן תנאים. אין אַ קורצער צײַט אַרום איז חיים'ל אין אַ מזל'דיגער שעה געפירט געוואָרן צו דער חופּה.

ווען דער ארענדאר איז שפעטער ווידער געווען ביים רבי׳ן, האט אים דער טשערנאבילער געזאגט מיט אזא נוסח:

„היט דיין אײדים ווי דיין אויג אין קאפ. גיב אים אפ א באזונדערן חדר צום לערנען און גיב אכטונג, אז קיין פרעמדער מענטש זאל צו אים ניט צוקומען. זאל ער תמיד זיין אין יחידות. עס זאל אים, רחמנא לצלן, קיין עין הרע ניט שאדן"...

האט דער ארענדאר געטאן וואס דער צדיק האט געהייסן. ער האט פאר חיים׳לען געלאזט אויסבויען א סאלקע, וואו ער איז געזעסן יומם ולילה און געלערנט.

די איינציגע צייט וואס חיים׳ל האט פארלאזן די סאלקע איז געווען ווען דער שווער האט אים אויף ימים טובים גענומען צום רבי׳ן אין טשערנאביל.

עטלעכע יאר זיינען אוועק און חיים׳ל איז שוין געווען א פול-אנטוויקלטער יונגערמאנטשיק, א הויך געוויקסיגער און באבערדלטער, וואס האט מיט זיין הדרת פנים געמאכט אן איינדרוק.

אין רבי׳נס הויף האט חיים׳ל מערסטנס פארבראכט מיט ר׳ דוד׳לען און צווישן זיי איז פארקניפט געווארן אן אמת׳ע פריינטשאפט.

איינמאל, קומענדיג מיט זיין אײדים קיין טשערנאביל, האט ר׳ מאטעלע מודיע געווען דעם ארענדאר, אז ער האט פאר חיים׳לען א פארטיגע רבנות שטעלע.

דער שווער און חיים׳ל האבן זיך אבער ווענן דעם געוואלט איבערלייגן.

דער שווער האט נאך ניט געוואלט אוועקלאזן זיין אײדים פון הויז. פרנסה איז געווען גענוג און נחת האט ער געהאט א סך, פארוואס זאל ער אים וועלן אוועקלאזן?

חיים׳ל אליין האט זיך אויך געקווייקלט. ער האט בעסער געוואלט נאך ווייטער לערנען תורה. צו ווערן א מנהיג וועט ער נאך האבן צייט. האט מען דעם רבי׳ן מודיע געווען אז חיים׳ל בלייבט אין דער היים.

דערווייל האט עפעס פאסירט אויפן פריצישן גוט, אויף וועלכן חיים׳לס שווער איז געזעסן. דער פריץ האט אויפגעשטעלט א צוקער-פאבריק.

דער ארענדאר איז געווען צופרידן. ער האט אנגעהויבן צושטעלן בוראקעס און אנדערע מאטעריאלן און געמאכט גרויסע רווחים.

פון דער גאנצער געגנט ארום איז מען געלאפן אנקוקן די פאבריק. חיים׳ל האט זיך אבער ניט גערירט פון ארט. וואס האבן אים געקענט

אינטערעסירן אזוינע הבל־הבלים׳ליגע זאכן ווען ער האט געהאט פאר זיך אזא קוואל פון חכמה ווי די תורה?

א חוץ די פאבריק אליין האט גרויס אויפמערקזאמקייט צוגעצויגן דער אינזשענער און הויפט־פארוואלטער פון דער פאבריק. דער דאזיגער פאר־שוין איז געבראכט געווארן פון אויסלאנד. מען האט געזאגט פון ווין. ער איז געווען מיט א פרוי און מיט א יונגער, שיינער טאכטער, מאריע.

אז אלע דריי ריידן א פרעמדן לשון און פירן זיך אויף מעשה פריצים, האט מען זיי געהאלטן פאר גוים. וועמען זאל דען איינפאלן, אז דער אינזשענער, וואס איז א גילוח און קוקט אויס ווי א דייטש, איז גאר א איד? דאס איינציגע האט נאר געקענט זיין, אז ער איז א משומד און דאס איז דאך ביי אידן נאך געווען ערגער ווי א גוי.

איינמאל אין א זומער פארנאכט איז דער אינזשענער געגאנגען אויף א שפאציר מיט זיין טאכטער, און זיי איז אויסגעקומען פארבייצוגיין דעם הויז, וואו דער ארענדאר האט געוואוינט. פלוצים איז דער אינזשענער געבליבן שטיין פארגאפט. צו זיינע אויערן האט זיך דערטראגן א זיסער געזאנג. דאס איז חיים׳ל געזעסן און געלערנט מיט גרויס התמדה. אלטע זכרונות זיינען ביי אים אויפגעשוואומען. זיין יוגנט האט פאר אים אויפגעלעבט.

ער איז אויך אמאל געווען א לערנער, א מתמיד, און פארבראכט עטלעכע יאר אין א ישיבה. דער גייסט פון השכלה האט אים אבער פארכאפט. ער האט פארלאזן די ישיבה און זיך גענומען צו וועלטלעכע בילדונג.

אלס משכיל האט ער געטראגן א האס צו דער אלטער אידישער וועלט און געקוקט אויף די וואס פארברענגען זייער צייט לערנענדיג תורה ווי אויף בטלנים.

חיים׳לס קול איז אבער אזוי זיס און אזוי פארכאפנדיג. עס ווילט זיך אים וויסן ווער דער בעל דבר איז.

„הערסטו דעם געזאנג?“ האט ער געפרעגט זיין טאכטער פאר׳חלומ׳ט.

„אט אזוי פלעג איך אמאל זיצן און לערנען“.

„א, ווי איך וואלט געוואלט זען ווי א ישיבה בחור קוקט אויס“, האט דאס מיידל אויסגערופן ענטוזיאסטיש. „איך וויל זען ווי דו, פאפא, האסט אויסגעקוקט אין דיינע יונגע יארן“.

דער אינזשענער האט זיך פארטראכט. ער איז געווען ניט ווייניגער נייגעריג פון זיין טאכטער אנצוקוקן דעם לערנער.

„לאָמיר זיך אַריינ'גנב'ענען אין זיין חדר און אים אָנקוקן", האָט זי ענטוזיאַסטיש אויסגערופן. און נאָך איידער דער פאָטער האָט געהאַט צייט עפּעס צו זאָגן, איז זי שוין ווי אַ יונג ציגעלע, מיט אַ שפּרונג, געווען ביים טיר פון הויז. דער אינזשענער האָט זי נאָכגעפאָלגט.

חיים'לס קול, וואָס האָט אָנגעפילט די בין השמשות'דיגע לופט, האָט דאָס מיידל דערפירט צום טיר פון דער סאַלקע. דער אינזשענער איז געווען הינטער איר. שטיל האָט זי געעפנט די טיר און זיך אַריינ-געגליטשט אינווייניג.

דער אינזשענער איז געבליבן שטיין אויפן שוועל אַריינקוקנדיג דורך דער האַלב-אָפענער טיר, זייענדיג פאַרינטערעסירט ניט בלויז אין דעם מתמיד נאָר אויך אין דער ווירקונג, וואָס די באַגעגעניש מיט אים וועט האָבן אויף זיין טאָכטער, וועלכע ער האָט געוואָלט זאָל זיך אָנזאַפּן מיט דער אַטמאָספערע פון אַ לערנער.

דאָס מיידל האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון חיים'לען.

זיין שיין באַבערדלטער פּנים, זיינע פייערדיגע אויגן, דער חדר פאַר-לייגט מיט ספרים און די גאַנצע אַטמאָספערע, האָבן געמאַכט דעם איינ-דרוק פון אַ הייליגן, וואָס האָט זיך אָפּגעזונדערט פון דער וועלט.

פּלוצים האָט זיך חיים'לס קול איבערגעריסן. ער האָט זיך אָפּגע-שטעלט. ער האָט דערפילט אימיצנ'ס בליק.

ער האָט זיך אַ דערשראָקענער אומגעקוקט. זיין בליק האָט זיך באַגעגנט מיטן בליק פונ'ם מיידל.

חיים'ל האָט אַ ציטער געטאָן.

ווער איז די אשה? ווער איז זי מיט די לאַכנדיגע אויגן און מיטן פּנים פון אַ לילית אָדער נאָר פון אַ שולמית?

זי איז געקומען אזוי פּלוצים. פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן. אודאי איז עס אַ לילית. עס באַפאַלט אים אַ שרעק און ער הויבט אָן שעפּטשן: „שמע ישראל"...

דאָס האַלב פאַר'גוי'אישט מיידל האָט ניט באַגריפן וואָס דאָ איז געשען.

דער אינזשענער האָט אָבער באַלד געכאַפּט וואָס עס איז פאָרגעקומען. אין אָנפאַנג האָט ער זיך צעלאַכט. עס איז געווען קאָמיש. זיין געלעכ-טער האָט חיים'לען נאָר צעמישט. ער האָט איצט געהאַט פאַר זיך צוויי פאַרשווינען.

„ווער זיינט איר?" האָט ער אויסגערופן.

„שרעקט אייך ניט", האָט דער אינזשענער אָנגעפאַנגען אין אַ ריינעם גאַליציִשן אידיש. „מיר זיינען ניט געקומען אייך איבערשרעקן. מיר מוזן זיך אָבער אַנטשולדיגן פאַר קומען אומגעבעטן. עס איז באמת אומפאַרצייליך. עס איז די שולד פון מיין טאָכטער, אַט דאָס מיידל וואָס איר זעט פאַר זיך". און ער האָט אָנגעצייגט אויף מאַריע'ן, וואָס האָט נאָך אַלץ ניט געקענט אָפּרייסן איר בליק פון דעם יונגנמאַנטשיק, וועלכער איז פאַר איר געווען אַזוי פרעמד און דאָך אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי טשיקאַווע.

דער אינזשענער האָט אים אויפגעקלערט, וואָס עס איז געשען און אים דערציילט, אַז אויך ער איז אַמאָל אַזוי געווען און דערפאַר טאַקע האָט זיין טאָכטער, וועלכע האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין אידן פון דעם סאָרט, געוואָלט אַזוינעם אָנקוקן.

„אַגב זיינען מיר דאָך שכנים און עס איז ניט מער ווי יושר'דיג, אַז מיר זאָלן זיך נעענטער באַקאַנען", האָט דער אינזשענער ווייטער גערעדט. „קומט אין פאַבריק, באַזוכט מיר אין הויז. מיר וועלן זיין צופרידן אייך אויפצונעמען".

דאָס מיידל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„בטול תורה", האָט חיימ'ל אַרויסגעשטאַמלט און עס האָט געקלונגען אי אַלס אַנטזאָגונג אויף זייער איינלאַדונג און אי אַלס פאַרוואורף פאַר זייער קומען אומגעבעטן.

דער אינזשענער האָט זיך ווידער אַנטשולדיגט און האָט מיט זיין טאָכטער פאַרלאָזן דעם צימער.

שוין זייענדיג אויפן צווייטן זייט שוועל, האָט ער אויסגערופן:

„פונדעסטוועגן קומט דאָך ביי אַ געלעגנהייט".

און דעם לעצטן בליק וואָס חיימ'ל האָט געכאַפּט פון זיי איז געווען פונעם מיידל'ס צושאָקלען מיטן קאָפּ און פונעם שמייכל וואָס האָט גע־שוועבט אויף אירע ליפּן...

כב.

שמד

וויַ חיים'ל האָט זיך איבערגעביטן. — דער טויט פון זיין ווייב און זיין ליבע צום אינזשענער'ס טאָכטער. — זיין טאַטנ'ס צער. — זיין צווייטע חתונה און זיין איבערגיין צום פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן.

פון יענעם אָוונט אָן האָט חיים'ל מער קיין רו ניט געהאַט. זיינע רעיונות זיינען געווען צעשטערט. ער האָט זיך מער ניט געקענט פאַר־טיפן אין לערנען. פאַר זיינע אויגן האָט תמיד געשוועבט דער לויכטנדיגער פּנים און די לאַכנדיגע אויגן פון דעם אינזשענער'ס טאָכטער און אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען די ווערטער פון איר טאַטן:

„קומט אָבער דאָך ביי אַ געלעגנהייט".

און חיים'ל איז געקומען. ער האָט געהאַט אַ לאַנגען און ביטערן געראַנגל מיט זיך. עס איז געווען אַן אמת'ער „מלחמת היצר". ער איז אָבער געווען מאַכטלאָז געגן דער געהיימער קראַפט, וואָס האָט ארומגענומען זיין גאַנצן וועזן און וואָס האָט אים געצויגן ווי אַ מאַגנעט צום אינזשענער און נאָכמער צו זיין שיינע טאָכטער...

און איינמאָל אַ נאָכמיטאָג האָט חיים'ל זיך אויפגעהויבן, צוגעמאַכט די גמרא, אַרונטער פון סאַלקע און איז אַוועק צו דער צוקער פאַבריק.

דער אינזשענער האָט אים אויפגענומען מיט פרייד, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן.

„עס טוט מיר הנאה וואָס איר זייט געקומען. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט קומען", האָט ער געזאָגט צו חיים'לען. „שוין־זשע וועט איר גאָר ניט וועלן זען די וואונדער פון דער נייער צייט? שוין־זשע וועט איר זיך ניט וועלן באַקאַנען מיט די גרויסע דערגרייכונגען פונם מענטשלעכן גייסט? תורה איז געווים אַ גרויסע און שיינע זאַך. בלייבט איר אָבער ביי תורה אַליין, בלייבט איר אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, זעט איר ניט דעם פּראָגרעס פון דער צייט".

ער וואָלט חיים'לען געוואָלט איבערצייגן, אַז דאָס וואָס ער זאָגט איז אמת. האָט ער אים גלייך גענומען פירן דורך דער פאַבריק און אָנ־

געהויבן צייגן די מאַשינען און די אַלע איינריכטונגען, וואָס זיינען געווען דאָס לעצטע וואָרט אין דער טעכניק פון יענער צייט.

חיים׳ל איז געווען פאַרגאַפט. אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט.

„זעט איר שוין, אַז מיט תורה אַליין קען מען זיך ניט באַגיין?" האָט דער אינזשענער זיך מיט חיים׳לען געוואָלט אויספּירן.

חיים׳ל האָט געשוויגן.

„איצט וועלן מיר אַריין צו מיר אין הויז און איר וועט זיך נענטער באַקאַנען מיט מיין משפּחה", האָט דער אינזשענער צו אים געזאָגט. „מיין טאָכטער קענט איר שוין. זי איז אין אייך שטאַרק פאַראינטערעסירט".

חיים׳לען האָט דאָס בלוט אַ שפּאַר געטאָן אין פּנים. ער איז געווען ווי געפאַנגען.

חיים׳ל האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ שיין צוגעקליבן הויז. מער פון אַלץ האָט אים אָבער אינטערעסירט דעם אינזשענער׳ס ביבליאָ־טעק — די שראַנקען מיט די ביכער, צווישן וועלכע עס זיינען אויך געווען העברייאישע ביכער און לומדישע ספרים.

„דאָס איז דער אוצר פון אַלע חכמות, דאָס שליסל צו דער מאָדערנער וועלט פון וועלכע די פאַבריק, וואָס איר האָט געזען, איז בלויז איינע פון די פאָלגן", האָט דער אינזשענער אים געהאַלטן אין אויפקלערן. „די העברייאישע ביכער זיינען פון מענטשן וועלכע האָבן אין זייער יוגנט געלערנט תורה ווי איר און איך. איר מעגט זיי לייענען. זיי וועלן עפענען אייערע אויגן".

און דער אינזשענער האָט אַרויסגענומען אַ העברייאישן בוך און דער־לאַנגט חיים׳לען.

חיים׳ל האָט צוערשט זיך געשראָקן. ער האָט זיך גע׳ישוב׳ט אויב ער זאָל נעמען דאָס בוך.

אַ טריף־פּסול! זיינע הענט טאָרן זיך ניט מטמא זיין! ער איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט.

„נעמט עס מיט זיך אהיים. לייענט עס איבער און ווען איר וועט זיין פאַרטיג קענט איר קומען פאַר אַנדערע ביכער. איך האָב זיי דאָ גענוג", האָט דער אינזשענער אים ניט אָפּגעלאָזט.

פון צווייטן צימער האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון אַ פאַרטעפּיאַן. דאָס האָט געשפּילט דעם אינזשענער׳ס טאָכטער. דער אינזשענער האָט אים דאָרט אַריינגעפירט. חיים׳ל איז געווען פאַרבלענדעט.

דאָס מיידל האָט אים באַגריסט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. זי איז צו אים געווען פריינטלעך, צוגעלאָזט. חיים'ל האָט זיך אָנגעהויבן פילן היימיש.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך פאַר חיים'לען אָנגעהויבן אַ נייע צייט. ער האָט שוין מער ניט פאַרבראַכט זיינע טעג און נעכט אין לערנען גמרא און אַנדערע הייליגע ספרים, נאָר אין לייענען העברייאישע ביכער, תמיד קריגנדיג נייע, ווען ער איז געוואָרן פאַרטיג מיט די פריערדיגע.

דער שווער האָט פון גאָרניט געוואוסט. ער האָט נאָך אַלץ געמיינט, אַז חיים'ל לערנט תורה. חיים'לס באַזוכן ביים אינזשענער זיינען געווען אין געהיים.

אָבער אויב דער שווער האָט ניט געוואוסט פון דער ענדערונג אין חיים'לען, האָט עס אָבער געוואוסט דער טשערנאָבילער. ווארום ווען דער אַרענדאַר איז אויף יום טוב געקומען צו רבי'ן אַליין, אָן זיין איידים, ווייל חיים'ל האָט זיך דעמאָלט געהאַט אַרויסגעדרייט פון פאָרן קיין טשערנאָביל, אָנגעבנדיג אַ תירוץ וואָס דער שווער האָט אָנגענומען פאַר גוט געלט, האָט דער רבי צו אים גערעדט מאָדנע דיבורים.

„דו האָסט ניט געהיט דיין חיים'לען ווי איך האָב דיר אָנגעזאָגט", האָט ער געזאָגט. „זאָל אים דער אייבערשטער באַשיצן און באַשירמען".

דער שווער איז צוריקגעפאָרן אַהיים מיט אַ שווער האַרץ. ער האָט אָבער ניט געקענט באַגרייפן, אַז עפּעס קומט פאַר הינטער זיינע פּלייצעס.

חיים'ל האָט שוין איצט סיסטעמאַטיש געלערנט פרעמדע לימודים. דער אינזשענער, מאַריע, און אפילו זיין פרוי, זיינען געווען זיינע לערער. האָט ער באַלד געוואוסט אַ פּאָר שפּראַכן און איז געווען גענוג פאָרבאַרייט, אַז ער זאָל אָנהויבן טראַכטן וועגן אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט.

דאָ האָט ער אָבער שוין געהאַט דערגרייכט אַ פּונקט ווען ער האָט געמוזט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, פאַרלאָזן זיין היים און פאָרן קיין קיעוו, ווי דער אינזשענער האָט אים געהאַט גע'עצה'ט. אָבער ווי מאַכט מען פּלוצים אַזאַ איבערברוך?

זאָל ער אַנטלויפן פון דער היים? זיין קראַנק און שוואַך ווייב איז איצט געווען אויף דער צייט. חיים'ל איז געווען פאַרלאָרן.

האָט אָבער עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט אים פּלוצים פריי געמאַכט. זיין ווייב איז געשטאָרבן אין קינפּעט. דאָס קינד, וואָס זי האָט געבאָרן, איז אויך געשטאָרבן. דער שווער האָט אים אפילו נאָך אַלץ באַטראַכט פאַר אַן אייגענעם. חיים'ל האָט זיך אָבער דערפילט אַן איבעריגער אין

הויז און ער האָט זיך באַלד געזעגנט מיט שווער און שוויגער און איז אַוועק. און וואו איז חיימ'ל אַוועק?

אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט. חיימ'ל איז אַוועק צום אינזשענער, אַרונטערגעוואָרפן פון זיך די חסידישע מלבושים, אָפּגעגאָלט די באָרד און אַרונטערגעהאַקט די פּאות.

אָנקוקנדיג זיך אין שפּיגל, האָט ער זיך אַליין ניט דערקענט. אַן אמת'ער „דייטש". דער אינזשענער און מאַריע האָבן פון אים אָנגעקוואָלן.

חיימ'ל איז אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו וואו, נאָך אַ קורצער פּאָרבאַרייטונג, האָט ער אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פאַרן אוניווערזיטעט פון „וולאָדימיר דעם היילינן". ער איז געווען דער ערשטער און איינציגער איד אַריינצוטרעטן אין יענער אוניווערזיטעט. קיין אַנדערע אידן זיינען משמעות צו יענער צייט ניט געווען פאַר אוניווערזיטעט-בילדונג, אַלענפאַלס ניט אין קיעוו און ניט אין יענער עכט-פּראַוואָסלאַווער אוניווערזיטעט.

דאָס איז געווען אין 1836. חיימ'ל איז געווען 21 יאָר אַלט. עס איז געווען פּונקט די צייט ווען ר' דוד'ל האָט געעפנט זיין הויף אין וואַסילקאָוו. חיימ'לס טאַטע, דער וואַסילקאָווער שוחט, האָט שוין פון זיין זון אַ לאַנגע צייט ניט געהערט. זינט חיימ'ל איז אַוועק פון זיין שווער, האָט ער אויפגעהערט שרייבן אַהיים. דער שוחט האָט אַוועקגעשריבן צום שווער. דער ענטפער וואָס ער האָט באַקומען איז געווען, אַז חיימ'ל איז פאַרשוואונדן און ער ווייסט ניט וואו ער איז אַהינגעקומען.

דער שוחט איז געווען אויסער זיך. ער איז אַוועק צו ר' דוד'לען.

„צו שפּעט. די קליפּה האַלט אים שוין פעסט אין די נעגל", האָט דער רבי געזאָגט. „אָבער לאָמיר האָפן, אַז פאַר זיין נשמה וועט נאָך זיין אַ תיקון", האָט ער צוגעלייגט.

דער שוחט איז געווען דערשלאָגן. וואָס האָט ער אָבער געקענט טאָן? האָט ער זיין צער פאַרשלאָסן ביי זיך אין האַרצן.

איינמאָל האָט ער פּלוצים באַקומען אַ בריוו פון חיימ'לען. אינם בריוו האָט חיימ'ל דערציילט, אַז ער איז אין קיעוו, וואו ער לערנט וועלטלעכע לימודים און האָט פּרובירט דערקלערן זיין טאַטן די וויכטיקייט פון וועלטלעכע חכמות. צו צייגן זיין טרייהייט האָט ער צוגעשיקט עטלעכע קערבלעך, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיינע פאַרדינסטן פון לעקציעס.

דער שוחט האָט אים באַלד צוריקגעשיקט דאָס געלט צוזאַמען מיט אַ בריוו אין וועלכן ער האָט זיין זון דערקלערט, אַז ער וויל פון אים ניט וויסן, סיידן ער וועט באַלד ווערן אַ בעל תשובה און זיך צוריקקערן אַהיים.

אויף דעם האָט חיימ'ל געענטפערט מיט אַ לאַנגן בריוו, אַנווייזנדיק, אַז זיין טאַטע מאַכט אין אים אַ טעות. ער איז נאָך אַלץ איד און וועט בלייבן איד. אַ איד דאַרף אָבער אויך זיין וועלטלעך.

פאַרן שוחט איז עס אָבער געווען אַן אַנדער באַווייז, אַז זיין זון איז פאַרזונקן אין די מ"ט שערי טומאה פון וואַנען ער וועט שוין ניט אַרויס און האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון אים.

פאַר חיימ'לען, ווי עס זעט אויס, איז עס געווען אַ ביטערער פּיל. ער האָט אָבער געהאַט אַ טרייסט — מאַריע. מאַריע איז צו אים אַלץ מער און מער צוגעבונדן געוואָרן. דאָס אייגענע ער צו איר. ער האָט זי געליבט מיטן גאַנצן פייער פון זיין נשמה.

אין די זומער מאָנאַטן און ביי אַנדערע געלעגנהייטן, ווען ער איז געווען פריי פון די לימודים, פלעגט ער אַרונטערקומען צום אינזשענער, וואו ער איז געווען ווי אַן אייגן קינד. עס איז שוין געווען באַשטימט, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט מאַריע'ן. צוערשט האָט חיימ'ל געהאַט בדעה וואַרטן ביז ער וועט פאַרענדיקן זיינע לימודים און דאַן חתונה האָבן. מאַריע'ס עלטערן האָבן זיי אָבער דערמוטיגט ניט צו וואַרטן אַזוי לאַנג און חתונה האָבן באַלד.

האָבן זיי חתונה געהאַט און חיימ'ל איז געווען אין זיבעטן הימל.

חיימ'ל איז שוין געווען ביים סוף פון זיינע לימודים, ווען דער רעקטאָר פון אוניווערזיטעט האָט אים אַמאָל אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט און אים געלאָזט וויסן, אַז פון פּעטערבורג האָט מען אים מודיע געווען, אַז מען איז דאַרט ניט צופרידן וואָס אַ איד איז אויפגענומען גע־וואָרן אַלס סטודענט. דער רעקטאָר האָט אים קלאָר געמאַכט, אַז זיין איינציגער אויסוועג איז צו בייטן זיין גלויבן.

חיימ'ל איז אין יענעם טאָג געקומען אַהיים אַ דערשלאָגענער. שמד, דאָס איז געווען אַן אוממעגלעכקייט. מאַריע האָט אים אויסגעהערט און זי האָט אים אויסגעלאַכט פאַר זיין „קליינשטעטלדיקייט" און „אַלט־מאָדישקייט".

און מאַריע האָט אָנגעהויבן איינ'טענה'ן מיט אים. אַ גרויסע צו־קונפט האָט זיי דערוואַרט אַלס פּראַוואָסלאַוונע. מאַריע איז געווען אַמ־ביציעז און חיימ'ל האָט זי אַזוי שטאַרק געליבט. ער האָט זיך געלאָזט איבעררייִדן.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען שוין חיימ'ל און מאַריע געווען פּראַוואָסלאַוונע. חיימ'ל איז געוואָרן יאָאַכים — יאָאַכים ציממערמאַן...

כג.

דער בעל תשובה

די טראַגעדיעס צו וועלכע חיימ'לס שמד האָט געפירט. — זיין אייגענע טראַגעדיע און די טראַגעדיע פון זיין ווייב. — זיין שתדלנות פאַר ר' דוד'לען און זיין באַגעגעניש מיטן רבי'ן. — זיין תשובה.

אַלס משומד איז יאָאַכימ'ס קאַריערע שוין געווען א באַשטימטע. פאַרענדיגענדיג דעם אוניווערזיטעט מיט גרויס אויסצייכענונג, איז ער באַלד באַשטימט געוואָרן פּראָפעסאָר פון יוריספּרודענץ אין אַן אוניווער-זיטעט אין א רוסישער פּראָווינץ־שטאָט. יאָאַכים און מאַריע זיינען געווען צופרידן. זיי וועלן זיין ווייט פון קרובים און קענען פון זיי באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז זיי האָבן זיך גע'שמד'ט, א זאַך, וואָס זיי האָבן געטאָן די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען געווען אין קיעוו.

חסידים זאָגן, אַז פאַר ר' דוד'לען איז עס אָבער ניט געווען קיין סוד. ווען חיימ'לס טאַטע איז צו אים געקומען, האָט דער צדיק צו אים געזאָגט, אַז ער זאָל רייסן קריעה און זיצן שבעה...

דאָס האָט דעם שוחט אַזוי דערשלאָגן, אַז א קורצער צייט שפּעטער איז ער געשטאָרבן פון האַרצווייטאָג. עס איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל נאָך אים זאָגן קדיש. האָט ר' דוד'ל אַליין, דערציילן חסידים, נאָך אים געזאָגט קדיש...

דעם אינזשענער'ס סוף איז געווען פיל טראַגישער. א לאַנגע צייט ניט געהערט פון דער טאָכטער און איידים, האָט ער באַשלאָסן זיי צו באַזוכן. געקומען איז ער צו זיי אין טאָג פון „פּאַסכא". אַריינקומענ-דיג צו יאָאַכימ'ס צימערמאַן אין הויז אָן צו מעלדן וועגן דעם אין פאָרויס, האָט ער דאָס פּאָרל ניט געפונען אין דערהיים. פון דער דינסט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער „האַר" מיט דער „האַרנטע" זיינען אין קירך.

אַרומקוקנדיג זיך דערווייל אין הויז, האָט ער געזען ווי אויפן טיש שטייט גרייט א געבראָטן חזיר'ל און, אַז דאָס גאַנצע הויז אָטעמט מיט קריסטלעכקייט. ער האָט זיך אָבער נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן, אַז עפּעס אויסערגעוויינלעכעס האָט פּאַסירט.

באלד זיינען אָבער אָנגעקומען מאַן און ווייב. דערזעענדיג פאַר זיך דעם טאַטן און שווער, זיינען ביידע אַריינגעלאָפן אין א צווייטן חדר און זיך פאַרשלאָסן. זיי האָבן זיך מיט אים ניט געוואָלט באַגעגענען.

„מיר נעמען ניט אויף קיין געסט היינט", האָט מאַריע געלאָזט וויסן דעם טאַטן דורך דער דינסט.

„איך בין דאָך אָבער איר טאַטע", האָט דער דערשלאָגענער אינזשענער נאָך ניט געקענט באַגרייפן, אַז טאָכטער און איידים ווילן זיך ניט לאָזן דערקענען.

„איך האָב ניט קיין טאַטן", האָט מאַריע אָפּגעענטפערט דורך דער דינסט. „הייס אים באַלד פאַרלאָזן דאָס הויז"...

דאָס האָט דעם אינזשענער געטראָפן ווי אַדונער. א מורא'דיגער ווייטאָג האָט אים אָנגענומען ביים האַרצן. עס האָט אים אָנגעהויבן קלאַפּן אין די שלייפן און בלענדן פאַר די אויגן. ער איז אומגעפאַלן. ער איז געווען טויט פון האַרצשלאַג...

ניט אַרויסקומענדיג פון חדר, האָט מאַריע געהייסן רופן פּאָליציי אַוועקצונעמען דעם קערפּער. דער אינזשענער איז אפילו צו קבר ישראל ניט געקומען...

דער טראַגישער טויט פון זיין שווער און לערער האָט יאָאַכים'ען דערשיטערט. נאָך מער האָט אים דערשיטערט די קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט פון זיין ווייב.

ער האָט זי אָבער שטאַרק געליבט. ער האָט אויך געהאַט א גרויסע אַמביציע אין לעבן — צו ווערן פּראָפעסאָר אין קיעווער אוניווערזיטעט, אין זעלביגן אוניווערזיטעט אין וועלכן ער האָט שטודירט. באַלד האָט ער אָבער געקראָגן צו וויסן, אַז יענע שטעלע קען ער ניט קריגן און דערוואוסט האָט ער זיך, אַז די אורזאַך איז, וואָס דער רעקטאָר פון אוניווערזיטעט, דער זעלביגער וואָס האָט אים אָנגערעדט צו שמד און איז געווען זיין טויף-טאַטע, האָט זיך אַרויסגעשטעלט געגן אים און אויפן איינציגן גרונט, וואָס ער איז א „איד"...

יאָאַכים איז געווען דערשלאָגן. מאַריע האָט געשטורמט. זי האָט אָנגערעדט יאָאַכים'ען צו ווענדן זיך קיין פּעטערבורג.

„נישקשה, דאָרט וועט מען אַזאַ נבלה ניט פאַרשוויגן", איז זי געווען זיכער.

אָבער „פּעטערבורג" האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיג. יאָאַכים האָט העכער ניט געקענט שטייגן.

דאָס האָט יאָאַכימ׳ען אָנגעהויבן דריקן ווי אַ שווערע משא. זכרונות פון אַמאָל האָבן אָנגעהויבן דערוואַכן. אַ געפּיל פון חרטה האָט אים אָנגעהויבן פּלאָגן. בילדער פון אַמאָל האָבן אָנגעהויבן אויפשווימען.

דאָ איז עס געווען דער בית מדרש, דאָ דער רבי, דאָ זיין טאַטע, דאָ זיין שווער און דאָ ער אליין, ווי ער האָט אויסגעזען אַמאָל אין זיין חסידישער זשופּעצע און מיט זיין באַבערדלטן פּנים.

ביינאַכט איז ער געמאַטערט געוואָרן פון שרעקלעכע חלומות. אַלע פלעגן אים קומען צו חלום: זיין טאַטע, זיין מאַמע, זיין פאַרשטאָרבענע ערשטע פרוי מיט דעם אָקאָרשט געבאָרענעם עופה׳לע אין אירע אָרימס, זיין שווער און שוויגער. אַלע האָבן געמאָנט, געהאַט טענות.

זיין אייגן חסידישע געשטאַלט פלעגט אים קומען צו חלום...

„וואָס האָסטו געהאַט צו מיר, וואָס דו האָסט מיר פאַרניכטעט?" האָט די דאָזיגע געשטאַלט צו אים גע׳טענה׳ט און יאָאַכים פלעגט זיך אַ דערשראָקענער אויפכאַפּן פון שלאָף.

איינמאָל האָט ער אין חלום געזען דעם טשערנאָבילער רבי׳ן און ר׳ דוד׳ל טאַלנער. ביידע האָבן אים אָנגעקוקט אין שטילשווייגן, אָבער זייער קוק האָט מער געזאָגט ווי ווערטער.

איינמאָל איז מאַריע אויפגעוועקט געוואָרן אינמיטן נאַכט פון אַ האַרצרייסנדיגן געוויין, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו אירע אויערן פון אַ צווייטן צימער.

יאָאַכימ׳ס בעט איז געווען ליידיג. אין איר נאַכט העמד און מיט אַ ליכט אין האַנט איז זי אַריין אין צימער פון וואַנען דאָס געוויין איז געקומען.

מאַריע איז שיר ניט אומגעפאַלן אין חלשות.

יאָאַכים איז געזעסן אויף דער ערד, מיט אַש אויפן קאָפּ, און אָפּגעריכט חצות. ער האָט געוויינט מיט אַזאַ יאָמערלעכן געוויין, אַז דאָס האַרץ איז צעשפּרונגען געוואָרן...

„יאָאַכים, וואָס טוסטו?" האָט מאַריע אויסגעשריען, מיינענדיג, אַז ער איז אַרונטער פון זינען.

אַ שווערער וואָלקן האָט זיך געלייגט אויף מאַריע׳ס געמיט. די פריילעכע און די האָפנונגספולע מאַריע איז געוואָרן מרה שחורה׳דיג.

צוערשט האָט מאַריע געוואָלט געפינען אַ טרייסט אין דער פּראַוואָ-סלאַווענער קירך. זי פלעגט דאָרט גיין יעדן טאָג און אויסגיסן איר האַרץ אין תפילות.

אָבער ווען זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז דער „פּראַוואָסלאַוונער גאָט" העלפט ניט, איז איר באַפאַלן אַ מאָדנע אומרואיקייט און זי האָט אָנגעהויבן געמאַטערט ווערן פון די זעלביגע רעיונות און חלומות, וואָס איר מאַן יאָאַכים.

און איינמאָל אַ פרימאָרגן איז זי אַוועק אויפן בית הקברות. אויפגע־זוכט איר פאָטער׳ס קבר און געפאַלן אויף אים מיט אַ געוויין.

„טאַטע, טאַטע, פאַרגיב מיר מיין גרויסע זינד", האָט זי געיאָמערט.

אָבער וואָס איז געוואָרן פון איר מאַמע׳ן? צום ערשטן מאָל האָט מאַריע אָנגעהויבן טראַכטן פון דער מאַמען. אַ שטאַרקע בענקעניש האָט זי אַרומגענומען. זי איז אַוועקגעפאָרן קיין רעזשיצע. אָבער דאָרט האָט מאַריע געהערט די טרויעריגע בשורה, אַז איר מאַמע איז טויט. זי איז געשטאָרבן פון האַרצווייטאָג.

אַ דערשלאָגענע און אַ צעווייטאָגטע איז זי אַוועק אויפן בית עולם אין אַ דערבייאיג שטעטל, וואו די מאַמע איז געווען באַערדיגט, און זיך געוואָרפן אויפן קבר.

חסידים דערציילן ווי אַזוי מאַריע איז שעה׳ן לאַנג געלעגן אויסגע־צויגן אויפן קבר, געוויינט און גע׳טענה׳ט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט מתודה זיין אויף אירע זינד פאַר דער מאַמע׳ן. שעה נאָך שעה איז אַוועק. עס איז אָנגעקומען די נאַכט. אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן. די לבנה און די שטערן האָבן זיך באַהאַלטן אונטער וואָלקנס. מאַריע איז געווען ווי אין עולם התוהו.

נאָר פּלוצים האָט פאַר אירע אויגן אויפגעשטראַלט אַ בלענדענדיגעס ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון קבר אונטער איר. עס איז פאַר איר דערשינען איר מאַמע׳ס געשטאַלט.

„גוט וואָס דו ביסט געקומען, טאָכטער", האָט דאָס געשטאַלט צו איר גערעדט. „איך וועל דיר שוין פון האַנען ניט לאָזן אַוועקגיין... איך קען דיר מער פון זיך ניט אַוועקלאָזן"...

צוערשט האָט מאַריע געפילט שרעק. די ווערטער האָבן פאַרגליווערט דאָס בלוט אין אירע אָדערן. אָבער באַלד האָט זי דערפילט אַ מאָדנע פרייד, אַ רואיקייט און אַ וואַרימקייט. עס איז געווען מחיה׳דיג צו בלייבן מיט דער מאַמע׳ן"...

„מאַמע, איך וועל שוין פון דיר ניט אַוועק", האָט זי אַרויסגעשעפּ־טשעט, „איך בלייב מיט דיר"...

מאַריע האָט געזען ווי איר מאַמע עפנט פאַנאַדער אירע אָרימס.

„קום, טאכטער“, האט זי צו איר געזאגט. „קום, דריק זיך צו צו מיין ברוסט“.

מאריע האט זיך פון איר ארט אויפגעהויבן. זי האט געמאכט א באוועגונג ווי זי וואלט געדארפט פאלן אויף אימיצנס האלז, און זי איז צוריקגעפאלן, אויסגעשפרייט איבערן קבר. מאריע איז געווען טויט...

נאך מאריע׳ס טויט איז יאאכים געבליבן עלנט און אליין. אים האט אנגעהויבן ציען צוריק צו אידן, אבער ער האט ניט געוואגט קומען צו זיי. וועלן זיי אים דען ניט פארשטויסן? האט ער כאטש געוואלט זיין לעבן זיי, ווי דאס וואלט געווען דער איינציגער וועג ווי צו שטילן דעם ווייטאג פון זיין פארוואונדעטע נשמה.

אזא געלעגנהייט האט ער ענדלעך געקראגן. דאס איז געווען דעמאלט ווען ער איז געווארן דירעקטאר פון דער זשיטאמירער ראבינער שול. צימערמאן האט אפיציעל געשפילט די ראל פון א גוי. ער האט עס גע־מוזט טאן. ער האט אבער געפילט אן אינערלעכע פרייד, וואס ער איז צווישן אידן און קען טאן גוטעס אידן.

אבער די אמת׳ע געלעגנהייט צו טאן גוטעס און געפינען א תיקון פאר זיך האט ער ערשט געהאט ווען ר׳ דוד׳ל טאלנער איז געווען אין א צרה.

געשען איז עס אויף אזא אופן:

ר׳ דוד׳ל האט זיך געפונען אונטערוועגס. ער איז געפארן צוריק אהיים פון א חתונה אין טריסק.

אויפן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט אין רעזשיוועצעו. טויזנטע חסידים זיינען זיך אנגעלאפן אין שטעטל און דעם צדיק איז צוגעטיילט געווארן גרויס כבוד.

עס ווערט דערציילט, אז חסידים האבן אין די גאסן געשריען „דוד מלך ישראל חי וקים“, באציענדיג זיך צום טאלנער ווי ער וואלט געווען זייער מלך...

פארשטייט זיך, אז די חסידים זיינען מיט דעם, רחמנא לצלן, ניט געווען קיין מורדים במלכות. האבן זיך אבער געפונען מוסרים, וואס האבן עס איבערגעגעבן צו דער פאליציי און עס האט זיך אנגעפאנגען א חקירה ודרישה.

טאלנער חסידים האבן געלייקנט שטיין אוןביין. דאס האבן זיי ניט געשריען קיין „דוד מלך ישראל חי וקים“ נאר מחדש געווען די לבנה, און

דער גאנצער פאראד אין גאס און דער געלאף האט ניט געהאט צו טאן מיטן טאלנער נאר מיט דער לבנה...

די דערקלערונג איז אבער ניט אנגענומען געווארן און פון דער „הויך" איז געקומען א באפעל, אז מען זאל דעם טאלנער ארעסטירן.

איז ר' דוד'ל ארעסטירט געווארן און אפגעפירט געווארן קיין קיעוו.

די שמחה אין רעזשיוועצעו איז פארוואנדלט געווארן אין א טרויער. טייכן טרערן זיינען פארגאסן געווארן. דער טרויער האט ארומגעכאפט די גאנצע טאלנער „מלוכה".

עס האט זיך אנגעפאנגען א לויפן קיין קיעוו, שיקן בקשות קיין פעטערבורג. עס האט אבער ניט געהאלפן. דער טאלנער איז געבליבן אין תפיסה.

האט זיך די נייעס וועגן ר' דוד'לס ארעסט פארשפרייט איבער אידישע שטעט און שטעטלעך און האט אויך דערגרייכט די אויערן פון יאאכים צימערמאן אין זשיטאמיר.

צימערמאן האט דערפילט א ווייטאג אין הארצן. ר' דוד'ל, זיין אמאליגער חבר, ארעסטירט! ער מוז אים קומען צו הילף. אפשר וועט דאס זיין א תיקון פאר זיין נשמה.

און צימערמאן האט זיך גלייך ארויסגעלאזט אין וועג אריין נאך קיעוו. אין קיעוו האט צימערמאן געהאט א סך פריינט, הויכע רעגירונגס באאמטע, אמאליגע תלמידים זיינע. זיי זיינען געווען גרייט פאר אים צו טאן אלץ אין דער וועלט.

האט אים לאנג ניט גענומען און ער האט אויסגעווירקט, אז דער טאלנער זאל באפרייט ווערן.

צימערמאן האט זיך געפילט אין זיבעטן הימל. ענדלעך האט ער געטאן אזוינס, וואס האט אים פארשאפט גרויס נחת רוח.

און צימערמאן האט באשלאסן אליין צו ברענגען ר' דוד'לען די בשורה פון זיין באפרייאונג. ער האט עס אגב אויך געוואלט אויסנוצן אלס געלעגנהייט זיך צו באגעגענען מיט זיין אמאליגן חבר.

מיט א קלאפנדיגס הארץ איז יאאכים אריין צום צדיק אין חדר. חסידים דערציילן, אז דער טאלנער איז דעמאלט געשטאנען און געדאווענט מנחה. צימערמאן איז געבליבן שטיין ביים טיר און געווארט. דערינערונגען פון אמאל האבן אין אים דערוואכט. זיינע אויגן זיינען אים פארלאפן געווארן מיט טרערן.

צימערמאן איז אזוי צענומען געווארן, אז ער האט גאר ניט באמערקט,

אז ר׳ דוד׳ל האט שוין געענדיגט דאווגען און, אז ער האט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו אים. ער האט אויך ניט באמערקט ווי ר׳ דוד׳לס פנים איז באלויכטן געווארן.

„שלום עליכם, חיימ׳ל“, האט דער טאלנער אויסגערופן.

דערהערנדיג ווי זיין אלטער אידישער נאמען ווערט דערמאנט, האט צימערמאן א ציטער געטאן. ער איז געבליבן אן לשון.

צימערמאן האט זיך שוין מער ניט געקענט איינהאלטן, און האט אויסגעבראכן אין א געוויין.

„רבי, איך זייט פריי, אבער איך פיל ווי די ווענט פון מיין אייגענער געפענגנים ווערן אלץ איינגער ארום מיר, ווי די לופט שטיקט מיך. איך ווער צעדריקט פון א מורא׳דיגער משא“, האט ער געכליפעט. „רבי, איר ווייסט אלע באהאלטענע זאכן, אפשר ווייסט איר אויך ווי צו היילן די וואונדן פון מיין הארצן, ווי גאנץ צו מאכן מיין צעריסענער נשמה?“

ר׳ דוד׳ל איז א ווײַלע געווען פארטראכט. דאן האט ער געענטפערט:

„וואס פאר א טרייסט קען איך דען געפינען פאר איינעם וועמעס אייגן הארץ פילט די בייגקעניש צו זיין פאלק און וועמעס קייטן זיינען אזוי שטארק און שווער, אז ער קען זיך ניט באפרייען פון זיי? דיין זינד איז גרויס. דו קענסט אבער אויך טאן גוטעס. דאס וואס דו האסט געטאן פאר מיר איז נאך ניט גענוג. וואס פאר א באטרעף האב איך דען? א איד ווי אלע אידן... עס איז אבער דא א גאנצער אידישער כלל. פאר אים קענסטו פיל טאן און אפשר מער טאן איצט אלס משומד. אידן ווערן גע׳רודפ׳ט. זיי זיינען בארויבט פון זייער רעכט. נעם אויף זיך צו ווערן זייער מליץ יושר. און זאל דאס זיין דיין תשובה“.

צימערמאנ׳ס פנים איז באלויכטן געווארן. ער האט א ניי ליכט דערזען. ער האט געקראגן א גרויסע שליחות דורכצופירן.

א דערמוטיגטער און געקרעפטיגטער האט צימערמאן זיך געזעגנט מיט ר׳ דוד׳לען און זיך צוריקגעקערט קיין זשיטאמיר מיט א פעסטן באשלוס, אז ער זאל ווערן א מליץ יושר פאר אידן.

צימערמאן איז געווען א גרויסער קענער אויף רוסישער יוריספרודענץ. ער האט געוואוסט ווי אויפצוהויבן די אידישע פראגע פון א יורידישן שטאנדפונקט. און ער האט עס טאקע באלד געטאן מיט גרויס גע־שיקטקייט און קענטנים.

ער האט אנגעהויבן פארעפנטלעכן פאמפלעטן, אין וועלכע ער האט

פארטייליגט די אידן און געזוכט צו באווייזן די עוולה וואס ווערט געגן זיי באגאנגען פאר רויבן זיי פון זייער רעכט.

די פאמפלעטן זיינען געווען אונטער א פסעוודאנים. צימערמאן האט זיין אייגענעם נאמען ניט געוואלט אנגעבן דערפאר, וואס ער האט מורא געהאט, אז ווען מען זאל וויסן ווער דער שרייבער איז, וועט עס אידן מער שאדן ווי טאן גוטס.

זיינע פאמפלעטן, זאגט מען, האבן אנגעמאכט א רושם און צוגע־צויגן אויפמערקזאמקייט אין די אפיציעלע קרייזן אין פעטערבורג.

צימערמאן איז שוין פאר די פירער פון ראבינער שול מער ניט געווען קיין באהאלטענער. זיי האבן שוין געוואוסט, אז ער איז א געוועזענער איד און נאענטע פריינט האבן אפילו געוואוסט, אז ער איז אויך א בעל תשובה און איז גערן צו טאן זאכן, וואס קענען זיין א טובה פאר אידן.

אין א קורצער צייט ארום איז אנגעקומען פון פעטערבורג די בשורה וועגן צאר אלעקסאנדער'ס הנחות פאר אידן.

עס ווערט דערציילט, אז צימערמאן האט די דאזיגע ידיעה אליין פארגעלייענט אין ראבינער שול און האט זיך צעוויינט פון פרייד...

ער האט געגלויבט ווי פיל אנדערע האבן געגלויבט, אז א נייע תקופה פאנגט זיך אן פאר אידן אין לאנד פון די צארן. נאך גרעסער איז געווען זיין שמחה, וואס ער האט געגלויבט און געווען איבערצייגט, אז דאס איז געווען א רעזולטאט פון זיינע פאמפלעטן.

ארום תרכ"ה האט זיך צימערמאן צוריקגעצויגן אלס דירעקטאר פון ראבינער שול און האט זיך באזעצט אויף א קליינער גוט ניט ווייט פון זשיטאמיר, וועלנדיג פארענדיגן זיינע יארן ווייט פון מענטשן.

ווארשיינלעך האט ער געפילט, אז זיין תשובה איז נאך ניט פולקאם.

חסידים דערציילן, אז שטילערהייט פלעגט ער פון צייט צו צייט ארונטערקומען קיין טאלנע זיך צו זען מיט ר' דוד'לען.

עס ווערט אפילו דערציילט, אז ער איז שפעטער אינגאנצן געווארן א איד, זיך פארקלייבנדיג צווישן אידן, צווישן וועמען ער האט פארענדיגט זיינע יארן אונטער אן אנדער נאמען, מורא האבנדיג, אז אלס משומד קען ער נאך האבן צרות.

אז די דאזיגע געשיכטע האט אויך א גרונט, איז אפשר צו דרינגען פון דעם, וואס עס איז ניט באקאנט ווען און וואו צימערמאן איז גע־שטארבן און ווי ער האט פארבראכט זיינע לעצטע טעג...

כד.

אַ רבי׳אישע חתונה

די דאָפּלטע חתונה אין טשערנאָביל. — דעם בעלזער׳ס צוויי זין און די מחלוקה איבער קעסט. — דעם בעלזער׳ס זיברת. — „חצות" ביי דער חופּה־וועטשערע. — דער בעלזער פּסק׳נט אַ שאלה.

יעדער חסידישער הויף האָט צו באַצייכענען גרויסע שמחות, „הילולא׳ס". אָבער די שמחות, וואָס מען האָט דאָרט געזען ביי חתונות גייען איבער אַלע גרעניצן פון חסידישער חדוה.

האָבן טאַקע חסידים אַ סך צו דערציילן וועגן דער חתונה אין טשערנאָבילער הויף אין יאָר תרכ״ז. ווארום דאָס איז ניט געווען איין חתונה, נאָר צוויי מיט אַמאָל. די חתונות זיינען געווען צווישן ר׳ אהר׳על׳ע טשערנאָבילער׳ס אייניקלעך און דער בעלזער רבי׳נס קינדער.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען אַזוינע באַרימטע הויפן ווי בעלז און טשערנאָביל זיינען זיך משדך, גייט די גאַנצע חסידישע וועלט אויף רעדלעך, לויפן זיך אָן חסידים פון ארבע פינות העולם. שאַצט מען טאַקע, אַז ניט ווייניגער פון דרייסיג טויזנט חסידים זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן קיין טשערנאָביל צו די דאָזיגע חתונות.

און עס האָט זיך טאַקע געלוינט. עס איז געווען וואָס צו זען און וואָס צו הערן. עס זיינען זיך אָנגעפאָרן רביים ממש פון דער גאַנצער וועלט; ר׳ אהר׳על׳עס אַלע ברידער, און בתוכם אויך דער טאַלנער; דערצו גרויסע און באַוואוסטע רבנים, לומדים, גבירים און אַזוי נכבדים.

פאַר טאַלנער חסידים זיינען די דאָזיגע חתונות געווען פון ספּעציעלער באַדייטונג און זיי זיינען דאָרט געווען שטאַרק פאַרטראַכטן.

דער טשערנאָבילער הויף איז געווען דער כלה׳ס צד און דערפאַר זיינען דאָרט געפּראַוועט געוואָרן די חתונות. איין חתונה איז געווען צווישן ר׳ יהושע׳לע בעלזער׳ס זון, ר׳ ישכר בער, שפּעטער זיין ממלא מקום, און דעם טשערנאָבילער׳ס אייניקל, בתיה נחמה, אַ טאָכטער פון ר׳ אהר׳על׳עס זון, ר׳ זיסעלע, און די צווייטע חתונה — צווישן דעם

בעלזער'ס צווייטן זון, ר' לייבוש און דעם טשערנאָבילער'ס אייניקל, א טאָכטער פון זיין זון ר' נחום.

לכתחילה האָט עס געזאָלט זיין בלויז איין שידוך. נאָר ר' ישכר בער האָט געזאָלט חתונה האָבן אין טשערנאָביל. אָבער שפּעטער, ממש ערב ר' ישכר בער'ס חתונה, איז באַשלאָסן געוואָרן אויף אַ צווייטער חתונה, צווישן ר' לייבוש'ן און דעם טשערנאָבילער'ס אַ צווייט אייניקל, און די צווייטע חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן אַ וואָך נאָך דער ערשטער.

אַז צווי באַרימטע רבי'אישע הויפן זיינען זיך צווייפאַך משדך, צייגט עס אויף די פריינטלעכע באַציאונגען וואָס עס האָט געהערשט צווישן די דאָזיגע הויפן. די פריינטשאַפט האָט זיך נאָך געצויגן פון יאָרן פריער, פון די צייטן פון ר' יהושע'לעס טאַטע, ר' שלום, דער גרינדער פון בעלזער הויף.

ווערט דערציילט, אַז ווען ר' ישראל'טשע ריזשינער איז אָנגעקומען קיין גאַליציען, וואו ער האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין סאַדיגורע, א געשעעניש וואָס האָט בשעתה מרעיש עולם געווען, האָבן צו אים אָנגעהויבן פאָרן די גאַליצישע רביים אים מקבל פּנים צו זיין. דער ריזשינער האָט זיך פאַר אַ קורצער צייט אָפּגעשטעלט אין לעמבערג און די רביים פון יענער געגנט זיינען צו אים געקומען. בלויז ר' שלום בעלזער איז ניט געקומען.

די בעלזער רביצין, מלכה'לע, וועלכע איז געווען באַרימט פאַר אירע ווערטלעך, האָט געפרעגט איר מאַן, ר' שלומ'ען, אויב ער האָט ניט בדעה צו פאָרן קיין לעמבערג זיך זען מיטן ריזשינער.

אויף דעם, דערציילט מען, האָט דער בעלזער געענטפערט מיט די ווערטער:

„עס איז אזוי ווייט פון בעלז קיין לעמבערג, ווי עס איז ווייט פון לעמבערג קיין בעלז"...

עס איז געווען קלאָר, אַז ער און דער ריזשינער קענען זיך ניט צוזאמענקומען.

דערביי האָט דער בעלזער צוגעלייגט:

„זעסטו, ווען אָבער ר' מאָטעלע טשערנאָבילער זאָל זיין אין מיין געגנט, דאַן וואָלט איך אפילו צופוס געגאַנגען אים זען"...

פונדעסטוועגן, האָט ר' שלום, אויף די עלטערע יאָרן, ווען עס איז געווען אַ סגי נהור און ניט געקענט זען אויףביידע אויגן, געזאָגט:

„איין אויג האָב איך אויסגעוויינט ווען דער ריזשינער איז געזעסן

אין תפיסה און דאָס צווייט אויג ווען ר׳ מרדכי ניסכיזער איז נסתלק געוואָרן"...

אַן אַנדער געלעגנהייט, וואָס ר׳ שלום האָט געצייגט, אַז ער האַלט פון טשערנאָבילער, איז געווען ווען ער האָט צום טשערנאָבילער געשיקט אַ קוויטל.

ווי ס׳איז ידוע פלעגן חסידישע רביים גאַנץ אָפט שיקן קוויטלעך איינע צו די אַנדערע. אין בעלז האָט מען אָבער תמיד מקפּיד געווען, אַז צו קיין פרעמדע רביים זאָל מען קיין קוויטלעך ניט שיקן.

האָט ר׳ יהושע׳לע חתונה מיט אַ טאָכטער פון דעם אַפּטער רבי׳נס אייניקל און זיצט יאָרן לאַנג אין אַפּט אויף קעסט. ער קומט אָבער אָפט באַזוכן דעם טאַטן אין בעלז.

איינמאָל, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים צוריקפאָרן קיין אַפּט, האָט אים ר׳ שלום דערלאַנגט אַ קוויטל און אָנגעזאָגט, אַז אויפן וועג קיין אַפּט זאָל ער אַרונטערפאָרן קיין טשערנאָביל און עס איבערגעבן דעם טשערנאָבילער מגיד, ר׳ מאָטעלע.

שפּעטער, ווען ר׳ יהושע׳לע איז נאָכאַמאָל געווען אין בעלז, האָט אים ר׳ שלום געפרעגט וואָס דער טשערנאָבילער האָט געטאָן מיטן קוויטל:

„ר׳ מאָטעלע האָט גענומען דאָס קוויטל, עס צוזאַמענגעקייקלט און עס אַריינגעפלאָכטן צווישן די פינגער", האָט ר׳ יהושע׳לע איבערגעגעבן זיין טאַטן. „ער האָט דאַן, מיטן קוויטל צווישן זיינע פינגער, זיך געזעגנט מיט די חסידים, וואָס זיינען געקומען צו אים פאַר זיין ברכה".

אויף דעם האָט דער בעלזער באַמערקט:

„אוודאי, מיט מיין נאָמען קען מען פועל׳ן ישועות"...

און בעלז האָט געהאַלטן פון דער גאַנצער טשערנאָבילער גזע. ווערט דערציילט, אַז צו ר׳ יהושע׳לן איז אַמאָל געקומען אַ טאַלנער חסיד, וועלכער, פאָרנדיג קיין אויסלאַנד פאַר מסחר, האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצן געלט. וויים פון זיין אייגענעם רבי׳ן, איז ער געקומען צום בעלזער, וויסנדיג, אַז בעלז און טאַלנע זיינען אין פריינטלעכע באַציאונגען.

דער בעלזער האָט אויסגעהערט דעם טאַלנער חסיד, און נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

„כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", וואָס מיינט אין פשוט׳ן זין, אַז וואָס דער אייבערשטער טוט איז צום גוטן.

דער טאַלנער האָט עס גלייך אָנגענומען, אַז דער בעלזער מיינט

איינפאך צו זאגן, אז ער האט פאר אים קיין ישועה ניט, און ער דארף זיין צופרידן מיט אלץ וואס האט פאסירט.

עס איז אים אבער געווען אזוי ביטער אויפן הארצן, ער האט זיך געפונען אין אזא שווערער לאגע. ער האט זיך בשום אופן ניט געקענט פארשטעלן, אז ער זאל זיך צופרידנשטעלן און פארן אהיים מיטן בייטש.

„רבי'ניו," האט דער טאלנער אנגעפאנגען, „געוויס בין איך, חס־וחלילה, ניט מתרעם אויף גאט ברוך הוא. מן הסתם ווייסט ער וואס ער טוט און מן הסתם קומט מיר אזא שטראף. אבער איר קענט דאך בטל מאכן די גזירה און אויסווירקן, אז דאס רעדל פון הצלחה זאל זיך ווידער א דריי טאן פאר מיר".

„דאס וויל איך טאקע", האט דער בעלזער אים געענטפערט. „איך בין טאקע מתפלל, אז דו זאלסט האבן הצלחה. איך האב מיך אבער געפרעגט אין וועמעס זכות דאס זאל אלץ געשען. אין מיין אייגענעם זכות, האב איך מורא איז צופיל אזוינס צו פארלאנגען. בעט איך אין דעם זכות פון אונזביידן, דיין אייגענעם רבי'ן און פון מיר אליין און דאס מיין איך טאקע מיטן כל מה דעביד רחמנא לטב עביד — זאל דער אייבערשטער עס טאן פאר דיר „לטב", צוליב „טב" — די ראשי תיבות פון טאלנע־בעלז"...

דער טאלנער חסיד איז אוועק א פריילעכער, און חסידים, וואס דערציילן די מעשה, פארענדיגן דערמיט, וואס דעם חסיד האט באלד מצליח געווען און ער האט צוריקגעקערט אהיים נאך א גרעסערער עושר ווי ער איז געווען פריער...

מיט אזוינע גוטע באציאונגען צווישן טשערנאביל און בעלז, האט דער דאפלטער שידוך געזאלט זיין דער אויסדרוק פון דער העכסטער פריינטשאפט.

ר' אהר'על איז שוין דעמאלט געווען א בן שמונים. ר' יהושע'לע איז געווען א סך יינגער.

דערציילט מען, אז ר' יהושע'לע, ווען ער האט זיך געגרייט אין וועג אריין קיין טשערנאביל, האט געהאלטן אין ריידן, אז ער גרייט זיך פאר א „מלחמה" מיט דעם טשערנאבילער.

חסידים איז עס געווען קשה. מען האט ניט פארשטאנען דעם מיין פון בעלזער'ס ווערטער.

שפעטער האט דער בעלזער אליין מסביר געווען וואס ער מיינט.

ער האָט מיט דעם פשוט נאָך געוואָלט אָנהאַלטן דעם טשערנאָבילער ביים לעבן...

ווארום ביי חסידים איז פאַראַן אַ מסורה, אַז דער קריג, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן ר׳ ברוכ׳ל מעזשבושער, דער אייניקל פון בעל שם, און ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, איז געווען נאָר כדי דער לעצטער זאָל מאריך ימים זיין...

אַזוי האָט ר׳ ברוכ׳ל אַליין געהאַט געזאָגט. ער איז נאָר אויסן געווען דעם בערדיטשעווער צו האַלטן אויף דער וועלט...

ביז דער לעצטער מינוט האָט מען ניט געוואוסט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן צוויי חתונות. מען האָט געמיינט, אַז ר׳ לייבוש, דעם חתנ׳ס ברודער, ווערט מיטגענומען נאָר אַלס מחותן. אָנקומענדיג אין טשער־נאָביל איז אַלץ קלאָר געוואָרן. ר׳ אהר׳על׳ע האָט פון אָנפאַנג געוואָלט, אַז די צוויי חתונות זאָלן געפּראַוועט ווערן צוזאַמען. דאָס האָט אָבער דער בעלזער ניט געוואָלט. איז דען זיין ר׳ לייבוש ניט אַזוי חשוב, אַז מען זאָל פאַר אים פּראַוון אַ באַזונדערע חתונה?

איז געבליבן, אַז ר׳ לייבוש׳עס חתונה זאָל פאָרקומען אין אַ וואָך אַרום. איז דער עולם געבליבן אַ גאַנצע וואָך אין טשערנאָביל און מען קען זיך משער זיין, אַז דאָס איז געווען אַ וואָך פון גרויס שמחה. מען האָט געהוליעט אין די גאַסן. מען האָט געטאַנצט אין אַלע שטיבלעך און בתי מדרשים, אויף אַלע אכסניות און אין אַלע שיינקן.

אין דער אמת׳ן האָט דער ברייטער עולם צו די חתונות גופא גאָרניט געקענט צוקומען. צו דער חופּה־וועטשערע איז געווען אָרט נאָר פאַר די רביים מיט זייערע זין און אייניקלעך, רבנים, כלי קודש און די געקליבנסטע פון די געקליבענע חסידים פון ביידע צדדים.

איז עס געווען אַ מסיבה, וואָס איז נאָך קוים פריער ווען געזען געוואָרן. אַ טיש פון גאָלע שטריימלעך און זיידענע בעקעשעס...

דערציילט מען, אַז האַלבע נאַכט, צו דער ערשטער חתונה, ווען אַלע זיינען געזעסן ביי דער חופּה־וועטשערע, גיט ר׳ אהר׳על׳ע אַ קלאַפּ אין טיש און רופט אויס:

„שאַ, דער בעלזער ריכט אָפּ חצות!"...

אַלעמענס בליקן זיינען געריכטעט געוואָרן אויפן בעלזער צדיק, וועלכער איז דאַכט זיך געזעסן ווי אַלע, פאַרטראַגן אין עולמות.

ר׳ אהר׳על׳עם אויג האָט אָבער געזען דאָס, וואָס אַנדערע האָבן ניט געזען...

צום חופה־מאַלצייט פון דער צווייטער חתונה האָט עפּעס אַנדערש פּאַסירט. מען האָט מיט אַמאָל אַנטדעקט, אַז אַביינדל פון אַן עוף איז צעבראָכן. עס איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. אַלע רביים, רבנים און געסט האָבן אויפגעהערט עסן און מען האָט זיך אָנגעהויבן מתעסק זיין מיט דער שאלה וועגן צעבראָכענעם ביינדל, אויב דאָס איז כשר אָדער טריף. דער גאַנצער מאָלצייט האָט נאָך געקענט טריף ווערן.

„וואו איז דער רב?" האָט ר' אהר'עלע אַ פרעג געטאָן, וועלנדיג איבערלאָזן די שאלה צום רב פון שטאָט. ווארום די אוקראַינער און פּוילישע רביים האָבן אַליין ניט גע'פּסק'נט קיין שאלות. דאָס האָבן געטאָן רבנים און מורא הוראה'ס פון זייערע שטעט. אויף אַזאַ אופן איז דאָס רבי'איזם אינגאַנצן געווען אָפּגעטיילט פון רבניזם.

„זאָל דער ביינדל געבראַכט ווערן אַהער", האָט דער בעלזער געזאָגט צום טשערנאָבילער. „אייער מחותן האָט מיט זיך זיין אייגענעם רב".

מיט דעם האָט דער בעלזער געוואָלט זאָגן, אַז ער אַליין קען פּסק'ן די שאלה און דאַרף ניט וואַרטן אויפן טשערנאָבילער רב.

צי דער בעלזער האָט עס געזאָגט מיט אַ פאַרוואורף אָדער ניט איז ניט באַקאַנט. דער פאַקט איז דאָס דער בעלזער, וועלכער האָט זיך גע־רופן „רב" און ניט „רבי", איז ניט נאָר געווען אַ גרויסער למדן נאָר האָט זיך אַליין אָפּגעגעבן מיט אַלע רבנישע אָנגעלעגנהייטן.

דאָס ביינדל איז אים געבראַכט געוואָרן. דער בעלזער האָט אים באַטראַכט און גע'פּסק'נט „כשר".

דער עולם האָט געקענט ווייטער עסן.

דערווייל האָט זיך אָפּגעזוכט דער טשערנאָבילער רב. ער האָט זיך אויך געהייסן צייגן דעם ביינדל און גע'פּסק'נט טריף.

איז געוואָרן אַ היציגער פּלפּול צווישן דעם בעלזער און דעם רב. דער בעלזער האָט אָבער מנצח געווען. ער האָט קלאָר געציינט, אַז זיין פּסק איז דער ריכטיגער. דער עולם האָט ווייטער געקענט עסן.

פאַרענדיגט די צווייטע חתונה און אָפּגע'פּטר'ט די שבע ברכות פון ר' יששכר בער'ן, האָט זיך צווישן בעלזער און טשערנאָבילער אָנגעפאַנגען אַ היציגער וכוח.

עס איז אויפגעשוואומען די פראַגע פון קעסט. דער בעלזער האָט איצט געהאַט זיינע ביידע זין אַלס איידימס אין טשערנאָבילער הויף און ר' אהר'עלע האָט געוואָלט, אַז ביידע זאָלן בלייבן ביי אים אויף קעסט. דער

בעלזער האָט אָבער גע׳טענה׳ט, אז ביידע זין איבערלאָזן אויף קעסט אין דער פרעמד איז צופיל.

זיינען ביידע רביים געווען פאַר׳עקשנ׳ט. האָט זיך צעטראָגן צווישן די טויזנטע חסידים אין שטאָט וועגן דער חלוקי דעות צווישן די צוויי רביים און חסידים זיינען געוואָרן צעטיילט אין צוויי מחנות.

עס איז געווען דאָנערשטאָג, פאַר ר׳ לייבוש׳עס שבע ברכות. דער בעלזער איז מיט זיינע מקורבים און גבאים ארוים שפּאַצירן. ר׳ ישכר בער איז אויך מיטגעגאנגען. זייענדיג הינטערן שטאָט האָט דער בעלזער מיט אַמאָל געגעבן א באַפעל, אז מען זאָל ברייגנען פיאַקערס און מען זאָל זיך גלייך ארויסלאָזן אין וועג.

חסידים ארום זיינען נשתומם געוואָרן צו הערן אזוינע רייד. סטייטש, ווי פאָרט מען עס עפּעס אוועק פאַר שבע ברכות? און נאָך אוועקפאָרן אָן צו געזעגענען זיך מיט די מחותנים?

אָבער, אז דער בעלזער האָט געזאָגט פאָרן תיכף ומיד האָט מען קיין פראַגעס געשטעלט און באַלד זיינען געווען פיאַקערס אויפן פּלאַץ און אלע האָבן זיך ארייַנגעזעצט אין זיי און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין, אוועקפאָרנדיג אפילו אָן א „זיי געזונט“...

א גאַנצן טאָג איז מען געפאָרן אין דער ריכטונג פון גרעניץ. מען איז אויך געפאָרן א שטיק אין דער נאַכט. מען איז אָנגעקומען אין א דאָרף און דער בעלזער האָט דערקלערט, אז דאָרט וועט מען האלטן שבת.

האָט מען דאָרט אויפגעזוכט א אידישן ישוב׳ניק און דער צדיק און זיינע באַגלייטער זיינען צו אים אריינגעפאָרן אויף שבת.

מוצאי שבת, גלייך נאָך הבדלה, ניט וואַרטנדיג אויף מלוה מלכה, האָט דער בעלזער געהייסן שפּאַנען די פערד און זיך ווייטער געלאָזן אין וועג אריין.

עס איז געווען קענטיג, אז דער בעלזער וויל, אז מען זאָל וואָס שנעלער אריבער די גרעניץ. פאַרוואָס, פאַר ווען, האָט קיינער ניט געוואוסט.

מאָנטאג פרי איז מען שוין געווען ביי דער גרעניץ, און האָבנדיג די נויטיגע פאַספּאָרטן, איז מען אָן שוועריקייטן אריבער די גרעניץ.

ערשט ווען דער בעלזער און זיינע באַגלייטער זיינען שוין געווען אויפן צווייטן זייט גרעניץ איז אָנגעלאָפן א שטאַפעט מיט א דעפּעשע פון פעטערבורג, אז מען זאָל דעם בעלזער ארעסטירן... דער בעלזער איז שוין אָבער געווען אויפן צווייטן זייט...

ערשט דאן האבן חסידים פארשטאנען פארוואס דער בעלזער האט זיך אזוי געאיילט צום גרעניץ און פארוואס ער איז אוועק פון טשער-נאביל גאר זיך ניט צו האבן געזעגנט מיט די מחותנים.

דאס וואס זיי האבן פריער געהאט אנגענומען פאר א פשוט'ן ברוגז איז גאר געווען צוליב א פיל ערנסטערע אורזאך. דער בעלזער האט ברוח הקודש געוואוסט, אז א געפאר לויערט אויף אים און ער האט זיך באצייטנס געוואלט ראטעווען.

אפילו ר' אהר'עלע, וועלכער איז פון אנפאנג געווען שטארק אנגעשטויסן אויפן בעלזער פאר אפטאן אזא שפיצל ווי אוועקפארן ערב די שבע ברכות, האט שפעטער געזאגט, אז ער פארגיט ר' יהושע'לען פאר אלץ.

„ער האט געוואוסט וואס ער האט געטאן", האט דער טשערנאבילער געזאגט. „זיין אויג האט געזען פיל ווייטער. זיין כוונה איז געווען א פיל העכערע און טיפערע"...

דאס וואס די חתונה האט צוגעצויגן אזוי פיל חסידים און וואס דארט זיינען זיך אנגעפארן אזוי פיל רביים און רבנים, האט מען אין רעגירונגס קרייזן אנגענומען פאר א „קאנספיראציע".

אויפן צווייטן זייט גרעניץ, האט דער בעלזער צדיק איבערגעלאזט דעם יונגן בעל הבית'ל, ר' ישכר בער, ביי א דארטיגן חסיד.

„זאל ער דא געהאלטן ווערן", האט דער בעלזער אנגעזאגט דעם חסיד, „ביז וואנען זיי וועלן ברייננען אהער פון טשערנאביל לייבוש'ן. ווען זיי וועלן דא איבערלאזן לייבוש'ן, דאן זאל ישכר בער זיי צוריק ארויסגע-געבן ווערן. צוויי זין וועל איך זיי ניט לאזן האלטן אין טשערנאביל אויף קעסט"...

דער בעלזער איז מיט זיינע באגלייטער צוריק געפארן קיין בעלז און ר' ישכר בער איז געבליבן ווארטן.

דעם בעלזער'ס פארלאנג איז דערווייל איבערגעגעבן געווארן אין טשערנאביל, און ניט האבנדיג קיין אנדער ברירה, האט מען געמוזט טאן, וואס דער בעלזער האט געהייסן.

ר' לייבוש מיט זיין ווייבל זיינען געבראכט געווארן אין דער גרעניץ שטעטל, וואו ר' ישכר בער האט זיך געפונען. ערשט דעמאלט איז ר' ישכר בער צוריקגעפארן קיין טשערנאביל.

אט אזוי איז געמאכט געווארן שלום צווישן די צוויי הויפן. די מלחמה איבער קעסט איז געווען פאריבער.

כה

דעם רבי'נס בן יחיד

ר' דוד'ל און זיין זון ר' מאָטעלע. — ר' מאָטעלע'ס נייער דרך און ווי חסידים האָבן עס אויפגענומען. — זיין „דייטשע" הלבשה און ווי מען האָט אויף דעם געקוקט. — דער „פאַרשטעלטער דייטש".

פאַרן צער וואָס ר' דוד'ל האָט געהאַט זייענדיג אין וואַסילקאָוו, וואו עס האָבן זיך ביי אים ניט געהאַלטן קיין קינדער, רחמנא לצלן, האָט ער אין טאַלנע געהאַט נחת. זיין יענטע דבורה'לע האָט אים געבאָרן טעכטער און א זון, און זיי האָבן אַלע מאריך ימים געווען.

איז עס פאַר ר' דוד'לען געווען א גרויסע שמחה און טאַקע אויך פאַר די טויזנטע טאַלנער חסידים. דער רבי איז איצט געווען פאַרזאָרגט מיט א ממלא מקומו. טאַלנער חסידים וועלן ניט דאַרפן בלייבן פאַר־יתומ'ט לאחר מאה שנים. די טאַלנער „מלוכה" וועט האָבן א קיום.

ר' מאָטעלע האָט מען גערופן דעם טאַלנער'ס בן יחיד (געבאָרן אין יאָר תר"ן), א נאָמען נאָכן זיידן, ר' מאָטעלע טשערנאָבילער. האָט מען געוואַרט און געהאָפט, אַז ר' מאָטעלע זאָל אויסוואַקסן וואָס ר' דוד'ל טאַלנער'ס א זון און ר' מאָטעלע טשערנאָבילער'ס אַן אייניקל דאַרף און מוז זיין — א גרויסער צדיק, א גרויסער חכם, א גרויסער בן תורה.

איז אָבער מעשה שטן ר' מאָטעלע ניט געווען וואָס חסידים האָבן פון אים דערוואַרט. טאַקע א גרויסער חכם און אויך א גרויסער בן תורה. עס האָט אָבער געפעלט די צדקות. אזוי אמווייניגסטנס האָט עס אויס־געקוקט פאַר זייטיגע מענטשן.

עפּעס האָט ר' מאָטעלע ניט געלערנט מיט געגוג התמדה, עפּעס האָט ער ניט געדאַוונט מיט דער געהעריגער התלהבות און פאַר'דבקה'טקייט און עפּעס איז זיין הילוך ניט געווען ווי פאַר א רבי'איש קינד, בפרט נאָך איינער, וואָס האָט אַליין שפּעטער געדאַרפט ווערן רבי און מנהיג פון אזוי פיל חסידים.

זיין הלבשה איז גאָר ניט געווען לויט דעם דרך פון טאַלנע. האָט געטראָגן גלאַנציגע שטיוועלעך און פיין־געניייטע בגדים, לויט זיינעם אַן

אייגנאַרטיגן שניט; דאָס בערדל געבאַרשטן און געקעמט און די פּאות, אָנשטאָט אַרונטערצוהייגען ווי הבדלה־ליכט, זיי פאַרקאַמט הינטער די אויערן...

געזאָגט האָט מען, אַז ער האָט אין דעם בלויז געוואָלט נאָכטאָן דעם ריזשינער'ס קינדער, וועלכע זיינען אויך געגאַנגען שיין און „מאָדערנע" געקליידעט. פאַר טאַלנע איז עס אָבער געווען צופיל. חסידים האָבן עס ניט געקענט דולדן. עס האָט ממש געשמעקט מיט „היינט־וועלטישקייט", מיט „בערלין", מיט „השכלה".

און אויב דאָס איז נאָך ניט געווען געננג, האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז ר' מאָטעלע גיט זיך אָפּ מיט אַלע שבע חכמות אין דער וועלט.

ער האָט ליב געהאַט מוזיק און אַליין געשפּילט פידל. מען האָט געזאָגט, אַז ער שפּילט אפילו גוי'אישע שטיקלעך. ער האָט אויך זיך אינטערעסירט מיט אַלע נייע דערפינדונגען און אַנטדעקונגען...

ניט מיט אַזאַ לייכטן האַרצן האָבן חסידים געקענט קומען צו דער מסקנא, אַז עפּעס איז „ניט גלאַטיג" מיט זייער רבי'נס בן יחיד. אַ רבי'איש קינד שטייט העכער פון חשד. מען קען אים ניט מעסטן מיט דער זעלביגער מאָס, וואָס מען מעסט פּראָסטע בשר ודם'ניקעס.

אָבער ווען די אויגן האָבן שוין ממש געשטאָכן און עס האָט שוין געקענט דוכטן, אַז ער איז, רחמנא לצלן, אַרונטער פון דרך החסידות, האָבן חסידים זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן און זיינען געקומען צו ר' דוד'לען זיך באַקלאָגן אויף זיין בן יחיד.

„איר האָט קליינע השגות", האָט זיי דער טאַלנער אָפּגעענטפערט, און די חסידים האָבן מער ניט געוואַגט זאָגן אַ וואָרט.

אויב דער צדיק באַציט זיך אַזוי צו זיין זון, ווייס ער געווים פאַרוואָס. אודאי איז זייער פאַרדאַכט אַ פאַלשער. זיי האָבן פשוט ר' מאָטעלע'ן ניט פאַרשטאַנען. זיינע דרכים זיינען פאַר זיי צו הויך...

האָבן זיך טאַקע באַלד געפונען חסידים וואָס האָבן אין אַלץ וואָס ר' מאָטעלע האָט געטאָן געזען גרויסע זאַכן. ר' מאָטעלע האָט פון אַלץ געוואוסט, איז עס געווען אַ באַוויז, אַז קיינע חכמות זיינען פון אים באַהאַלטן, און אַז ער ווייסט די דאָזיגע חכמות ממש ברוח הקודש. פון וואַנען דען וואָלט ער אָט די אַלע זאַכן געוואוסט, ווען מען וואָלט אים עס ניט אַנטפּלעקט מן השמים?...

אָבער ניט אַלע חסידים האָבן געוואָלט אָננעמען אַזאַ מיינונג. אַ סך האָבן געזען אין ר' מאָטעלע'ס דרך אַ געפאַר, דערהויפּט ווען דער טאַלנער

צדיק האָט תמיד באַקעמפט די השכלה און האָט געהאַט ביטערע צוזאַ־מענשטויסן מיט די, וואָס האָבן געוואָלט, אַז אידישע קינדער זאָלן זיך לערנען פרעמדע חכמות.

איז אָבער באַלד געקומען די פאַרזיכערונג, און מען האָט געזאָגט, אַז דאָס קומט פון ר׳ דוד׳לען אַליין, אַז ר׳ מאָטעלע איז גאָר אין דער אמת׳ן א נסתר — א פאַרבאָרגענער. דאָס, וואָס ער ציינט זיך אין דרויסן אויס אַנדערש פון אַנדערע איז עס בלויז לפנים...

עס איז דערציילט געוואָרן, אַז גאַנצע נעכט זיצט ער מיט זיין טאַטן און לערנט תורה, און אַז ר׳ דוד׳ל לאָזט אים בכלל ניט אָפּ פון זיך.

מען איז געגאַנגען אַזוי וויט ווי צו דערציילן, אַז ר׳ מאָטעלע קומט צו זיין טאַטן אין חדר האַלבע נאַכט און זיצט דאָרט מיט אים ביז א שפּראָץ אויף טאָג, ווען ער גנב׳עט זיך אַרויס כדי קיינער זאָל עס ניט באַמערקן...

דאָס איז חסידים שטאַרק געפעלן געוואָרן. עס איז געווען אַזוינס, וואָס האָט אַפּעלירט צו חסידישע הערצער...

איז אָבער דערווייל פאַרשפּרייט געוואָרן א קלאַנג, אַז אין די אינער־לעכע קרייזן פון הויף איז מען אויך ניט אינגאַנצן צופרידן מיט ר׳ מאָטעלע׳ס אויפפירונג, אַז זיינע דרכים זיינען אומפאַרשטענדלעך און טאַקע אויך דערווידער.

מען האָט אפילו דערציילט, אַז פאַרזוכן, וואָס זיינען געמאַכט גע־וואָרן ר׳ מאָטעלע׳ן צו ברענגען אויפן אמת׳ן טאַלנער דרך, האָבן צו גאָרניט געפירט. ר׳ מאָטעלע האָט זיך צו קיינעם ניט געוואָלט צוהערן.

האָט מען אָבער געזאָגט, אַז נאָכדעם ווי ער וועט חתונה האָבן וועט ער זיך ענדערן, וועט ווערן געזעצטער.

איז ר׳ מאָטעלע שוין מיט מזל א בעל הבית׳ל געוואָרן און ער איז נאָך אַלץ געווען דער אייגענער וואָס פריער.

חתונה געהאַט האָט ער מיט יוכבד׳לען, אַן אייניקל פון סאַוורא־נער רבי׳ן. דאָס אַליין איז געווען ניט פון קיין קליינער וויכטיקייט. דער טאַלנער און דער סאַווראַנער זיינען פאַר א צייט ניט געווען בשלום. טאַלנער חסידים און סאַווראַנער האָבן געפירט ביטערע מחלוקות׳ן צווישן זיך.

ר׳ מאָטעלע׳ס חתונה מיטן סאַוואַראַנער׳ס אַן אייניקל, האָט געזאָלט שאַפן שלום צווישן די ביידע רבי׳אישע הויפן. אָבער ווי האָט די טאַלנער

חסידים געקענט איינגיין די שמחה מיטן שלום פון די צוויי הויפן, אז פון ר' מאָטעלע'ן אליין האָבן זיי קיין נחת ניט געהאַט?

ר' מאָטעלע האָט מיט זיין הנהגה, דער עיקר מיט זיין הלבשה, ממש אויפגעריסן די אויגן. כל זמן דאָס איז געווען צווישן אייגענע מענטשן, איז עס נאָך געווען א האַלבע צרה. מאַכט זיך אָבער, אז מען דאַרף מיט ר' מאָטעלע'ן אַרויספאָרן אין דער פרעמד. מען האָט געדאַרפט פאָרן קיין טשערנאָביל אויף די צוויי חתונות. איז ר' מאָטעלע מיט אַמאָל געוואָרן א פּראָבלעם.

מען האָט אין פאָרויס געוואוסט ווער עס וועט קומען אויף די דאָזיגע חתונות. די גאַנצע חסידישע וועלט האָט גערעדט וועגן די חתונות.

האָט מען קיין טשערנאָביל געמוזט קומען מיט דער געהעריגער פאַרבאַרייטונג, און מען האָט באַלד זיך אָנגעהויבן פרעגן אין טאַלנע ווי אזוי ר' מאָטעלע וועט זיך דאָרט צייגן אין זיינע „דייטשע" מלבושים! ער וועט דאָך פשוט מאַכן טאַלנע צו שאַנד פאַר דער גאַנצער וועלט!

האָט מען געשיקט צו ר' מאָטעלע'ן א שניידער ער זאָל אים נעמען א מאָס פאַר נייע מלבושים, לויט דעם טאַלנער שניט. האָט אָבער ר' מאָטעלע אָנגעזאָגט דעם שניידער, אז ער זאָל נייען די מלבושים ווי ער וועט הייסן, און געהייסן נייען האָט ער נאָך „מאָדערנערע" בגדים, ווי פריער.

איז אין הויף געוואָרן א בהלה. האָבן די נכבדים פון הויף אָנגעהויבן איינ'טענה'ן מיטן רבי'נס בן יחיד. ר' מאָטעלע האָט זיך אָבער ניט געלאָזט ריידן. האָט מען צו אים געשיקט זיין מאַמען, יענטע דבורה'לען. זאָל זי ריידן צו אים. ער האָט אָבער דער מאַמען אויך ניט געוואָלט הערן. האָט מען קיין ברירה ניט געהאַט און זיך געווענדעט צו ר' דוד'לען אליין.

ר' דוד'ל האָט אָבער דעם ענין אָוועקגעמאַכט מיטן האַנט.

„האָט אייך ניט קיין זאָרג", האָט ער געזאָגט. „זאָל ר' מאָטעלע טראָגן וועלכע מלבושים ער וויל. ער וועט זיך פאַר קיינעם ניט דאַרפן שעמען. שעמען וועלן זיך דאַרפן אַנדערע פאַר אים".

האָט מען מער ניט גערעדט וועגן דעם, אָבער מען האָט געפילט, אז עפּעס איז ניט גלאַטיג.

געקומען קיין טשערנאָביל, האָט מען דעם טאַלנער אָפּגעגעבן גרויס כבוד און מען האָט אויך זיין בן יחיד געגעבן כבוד.

ר׳ דוד׳ל האָט זיין בן יחיד געהאַלטן נאָר לעבן זיך, ווי ער וואָלט אים פון אויג ניט געוואָלט ארויסלאָזן.

עס איז געקומען צו דער ערשטער פון די צוויי חתונות — די חתונה פון דעם שפּעטערדיגן בעלזער רבי׳ן, ר׳ ישכר בער. עס איז געווען די נאַכט פאַר דער חופּה, ווען אין הויף איז געפּראַוועט געוואָרן וואָס איז באַקאַנט אַלס „חתן-מאָל", מיט א גרויסער סעודה פאַר די געהויבענע מחותנים. ביים „חתן-מאָל" איז געווען דער מנהג, אז די הויפּט מחותנים האָבן געטאַנצט מיט דער כלה.

צוויי גרויסע טישן זיינען געווען אויסגעשטעלט. איין טיש איז געווען פאַר די רביים און דער צווייטער פאַר די רבי׳אישע קינדער.

ווייבער און די כלה זיינען געווען אין א צווייטן חדר און געוואַרט פאַרן פּאַסיגן מאָמענט ווען די כלה וועט דאַרפן אריינגעפירט ווערן פאַרן טאַנץ מיט די געהויבענע מחותנים.

ר׳ דוד׳ל איז אריינגעקומען צום חתן-מאָל איז באַגלייטונג פון זיין זון ווען אַלע זיינען שוין געווען אויסגעזעצט ביי די טישן.

אַלע האָבן אויסגעשטעלט זייערע אויגן אויפן יונגען ר׳ מאָטעל׳ען, וועמעס הילוך האָט זיי איבערראַשט.

ביים רבי׳אישן טיש האָט מען נאָך ווי עס איז זיך געמאַכט ניט זעענדיג. ביים טיש פון די רבי׳אישע קינדער האָט מען זיך אָבער אָנגעהויבן איבערוואַרפן מיט ווערטלעך.

אַזאַ הילוך האָט מען נאָך גאָרניט געהאַט געזען צווישן רבי׳אישע קינדער.

דער טאַלנער האָט אַליין אַכטונג געגעבן, אַז זיין זון זאָל קריגן א פּלאַץ אויבן-אָן ביים טיש פון די רבי׳אישע קינדער. דאָס האָט די יונגע מחותנים פּשוט דערצאָרנט.

„אויבן-אָן קומט אים נאָך, ווען ער גייט אין אַזוינע מלבושים!" האָבן אייניגע אונטערגעבורטשעט.

ביים רבי׳אישן טיש איז מען געזעסן און געזאָגט תורה. עס זיינען געפלויגן פונקען. א קלייניקייט, אַזאַ מסיבה פון רביים!

ביים טיש פון די רבי׳אישע קינדער האָט מען אויך גערעדט תורה, אָדער אַזוי געשמועסט וועגן הויכע ענינים.

ר׳ מאָטעלע איז אָבער געזעסן און געשוויגן, ווי ער וואָלט געווען אַליין. דאָס האָט די אַנדערע אַרום טיש נאָך מער פאַרדראָסן.

נאָכן מאַלצייט איז אריינגעפירט געוואָרן די כלה.

זי איז געקומען אין באגלייטונג פון די מחותנת'טעס, און געבליבן שטיין ביים טיר, ניט וועלנדיג קומען צו נאָענט צו די מאַנסבילן.

לויטן מנהג האָט מען אָנגעהויבן אויסרופן די מחותנים צו טאַנצן מיט דער כלה, לויטן עלטער נאָך.

גדלות און צדקות קען מען ניט מעסטן. מען קען קיינמאָל ניט וויסן וועמען עס קומט מער כבוד. גייט מען לויט די יאָרן.

ווער עס איז אויסגערופן געוואָרן האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, געמאַכט עטלעכע שריט צו דער כלה און, האַלטנדיג א טיכעלע ביי איין עק, אין דער צייט וואָס די כלה האָט געהאַלטן דאָס טיכעלע ביים צווייטן עק, זיינע ביידע געגאַנגען א טענצל.

דער טאַנץ איז געווען לויט די יאָרן און הנהגה פון דעם, וואָס איז אויסגערופן געוואָרן.

עלטערע האָבן געטאַנצט לאַנגזאַמער, בלויז עטלעכע מאָל זיך א דריי געטאָן און יוצא געווען די מצווה. אינגערע און מער רירעוודיגע האָבן געטאַנצט מיט התלהבות, מאַכנדיג אלערליי באַוועגונגען און זשעס־טיקולאַציעס מיטן קערפּער און די הענט, אונטער דער באַגלייטונג פון כלי־זמר, אין דער צייט וואָס דער עולם אַרום האָט אונטערגעפּליעסקעט מיט די הענט.

אזוי האָט געטאַנצט דער בן־שמונים'דיגער ר' אהר'עלע, וועלכער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַקראָגן דעם כיבוד צוליב זיין עלטער. אזוי האָבן אויך געטאַנצט אַלע אַנדערע צדיקים.

צוערשט האָבן געדאַרפט טאַנצן די רביים און דערנאָך זייערע קינדער.

עס איז געקומען די ריי פון דעם טאַלנער. זיין נאָמען מיטן געהעריגן טיטול איז אויסגערופן געוואָרן און דער עולם האָט שוין געוואַרט אויף אים, ער זאָל זיך אויפהויבן און גיין צו דער כלה.

גרויס איז אָבער געווען די איבעראַשונג, ווען דער טאַלנער האָט גע־לאָזט וויסן, אז ער גיט אָפּ זיין פּלאַץ צו זיין בן יחיד.

„מיין פּלאַץ פאַרנעמט מיין בן יחיד, דער צדיק ר' מאָטעלע", האָט דער טאַלנער דערקלערט.

אַלע זיינען נשתומם געוואָרן.

די רביים האָבן געריכטעט זייער בליק אויפן יונגען ר' מאָטעלע. די רבי'אישע קינדער האָבן אויסגעשטעלט מויל און אויערן און זיך גע־וואונדערט וואָס אזוינס עס איז געשען.

ר׳ מאָטעלע איז אָבער געבליבן זיצן. ער האָט ניט געוואַגט פאַר־נעמען דעם פּלאַץ, וואָס האָט געהערט צו זיין טאַטן.

„טאַטע, ווי קען איך פאַרנעמען דיין פּלאַץ?" האָט דער יונגער ר׳ מאָטעלע זיך געבעטן.

„דו ביזט ראוי דערצו!" האָט דער טאַלנער געענטפערט. „דו האָסט עס פאַרדינט!"

„איך באַפעל דיר בגזירת כיבוד אב", האָט דער טאַלנער אַ זאָג געטאָן שטרייננג, זעענדיג, אַז זיין בן יחיד איז אומאַנטשלאָסן.

געהערט אַזוינע ווערטער, האָט ר׳ מאָטעלע שוין קיין ברירה ניט געהאַט און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ און איז געגאַנגען אַ טענצל מיט דער כּלה.

און זיין טאַנץ איז געווען אַזוינס, וואָס חסידים האָבן נאָך זיין גלייכן ניט געזען.

צוערשט מיט לאַנגזאַם און קוים הערבאַרע טריט, אָבער וואָס ווייטער מיט מער פייער און ברען, ביז מען האָט אָנגעהויבן פילן, אַז דאָס טאַנצט אַ מענטש מיט אַ פייערדיגם האַרץ, מיט אַ גרויסע נשמה — די אמת׳ע חסידישע נשמה...

דער עולם איז געזעסן פאַרגאַפט. די רבי׳אישע קינדער האָבן געקוקט מיט קנאה אויף דעם יונגען ר׳ מאָטעלע.

פאַרענדיגט דעם טאַנץ, האָט זיך דער אַלטער ר׳ אהר׳על אויפ־געהויבן, איז צוגעגאַנגען צו ר׳ מאָטעלע׳ן און האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אויפן פּלייצע.

„אָט אַזוי, פאַרשטעלטער דייטש", האָט ער אויסגערופן. „ציייג וואָס אַן אמת חסידישע האַרץ איז, צייג ווי אַזוי אמת חסידישע התלהבות קען זיין פאַרבאָרגן". און ווענדנדיג זיך צו די אַנדערע רבי׳אישע קינדער, האָט ער צוגעלייגט: „לערנט זיך, קינדער, פון אים, וואָס אמת׳ע חסידות איז".

און פון דעמאָלט איז ר׳ מאָטעלע נתפרסם געוואָרן אַלס אַ „נסתר", אַלס איינער, וועמעס דרכים זיינען אַנדערע, אָבער זיינען דאָך אמת חסידות׳דיג.

מען האָט שוין מער ניט גערעדט וועגן זיין הלבשה און וועגן דעם, וואָס ער גיט זיך אָפּ מיט אַנדערע חכמות.

ר׳ מאָטעלע איז אָבער נאָך אַליין געבליבן אַ גרויסע רעטעניש פאַר טאַלנער חסידים און אַ פּראָבלעם פאַרן טאַלנער הויף.

כו

ר׳ מאָטעלע׳ס פּטירה

ר׳ דוד׳לס בן יחיד אַנטזאָגט זיך צו זיין רבי. — די מהומה אין טאַלנער הויף. — ר׳ מאָטעלע׳ס חלאת און וואָס זיין טאַטע האָט דערצו געזאָגט. — ווי ר׳ דוד׳ל האָט געוואוסט פון זיין בן־יחיד׳ס פּטירה.

קיינער האָט שוין איצט מער ניט געצווייפלט אין ר׳ מאָטעלע׳ס צדקות. חסידים האָבן געפילט ווי א שטיין וואָלט זיי ארונטער פון הארצן. ר׳ דוד׳לס בן יחיד איז געווען א טאַטנס א קינד, אפילו ווען זייטיגע מענטשן האָבן ניט געקענט משיג זיין זיינע דרכים און זיי האָט זיך געקענט דוכטן, אז ער איז, רחמנא לצלן, ארונטער פון דרך החסידות.

איז עס געווען א גרויסע שמחה פאַר די טאַלנער חסידים. די שמחה האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ר׳ מאָטעלע האָט ווידער פארשאַפט ורוים עגמת נפש.

ר׳ מאָטעלע איז פאַר קיינעם געדאַכט געווען א חלוש. וואָס עלטער ער איז געוואָרן אַלץ שוואַכער איז ער געוואָרן אין געזונט. דאָס האָט אַלעמען שטאַרק מצער געווען.

אויב ר׳ מאָטעלע איז ניט בקו הבריאה, ווער ווייסט וואָס עס קען נאָך, אל תפתח פה, געשען? און ר׳ דוד׳ל איז שוין געווען צו אַלט, אז מ׳זאָל פון אים דערוואַרטן א צווייטן זון.

און ווי דאָס וואָלט נאָך ניט געווען גענוג צו פאַרשאַפן צער און עגמת נפש, האָט ר׳ מאָטעלע קלאָר און דייטלעך געלאָזט ווויסן, אז ער וועט בשום אופן ניט איבערנעמען די רבי׳סטווע לאחר מאה שנים, ווען דער טאַלנער וועט נסתלק ווערן!

דאָס האָט טאַלנער חסידים געטראָפן ווי א דונער פון קלאָרן הימל.

„וואָס מיינט עס, א מרידה, רחמנא לצלן?“ האָבן חסידים געפרעגט. „וויל ר׳ מאָטעלע חס וחלילה איבעררייסן די גאָלדענע קייט פון חסידות? וויל ער איבערלאָזן טאַלנער חסידים כצאן בלא רועה? וויל ער צעשטערן דעם גרויסן חסידישן בנין, וואָס זיין טאַטע האָט אויפגעבויט?“

איז עס גלאט א שגעון פון א יונגען צדיק, וואס האט א גאנץ אנדער שיטה אין חסידות, אדער איז עס פיל ערנסטער, א בגידה אין חסידיזם? זאל מען עס אויף די ליפן ניט ארויפברייננגען!

קיינער האט אויף די דאזיגע פראגען קיין קלארע תשובה ניט געקענט געבן. דער טאלנער הויף איז דערוויל געגאנגען אויף רעדלעך.

צוערשט האט מען וועגן דעם ניט געוואלט ריידן מיט ר׳ דוד׳לען. מען האט ניט געוואלט, אז צו זיינע אויערן זאל גרייכן אזא מורא׳דיגע זאך — א מרידה פון זיין אייגענעם בן יחיד.

אבער, אז מען האט וויט און ברייט געהאט צעטראגן די נייעס וועגן ר׳ מאטעלע׳ס אנטשלאסנהייט ניט צו זיין קיין רבי, האט מען וועגן דעם שוין געמוזט ריידן צו ר׳ דוד׳לען.

דאס מאל האט ר׳ דוד׳ל שוין ניט פרובירט מאכן צו קליין, ווי ער האט תמיד געטאן, ווען מען איז געקומען צו אים זיך קלאגן אויף ר׳ מאטעלע׳ן.

דאס אליין איז אנגענומען געווארן פאר א באווייז, אז עס האנדלט זיך וועגן א גאנץ ערנסטן ענין.

ביי דער ערשטער געלעגנהייט האט ר׳ דוד׳ל געהאט א שמועס מיט זיין בן יחיד.

וואס טאטע און זון האבן גערעדט צווישן זיך, ווייס קיינער ניט. חסידים זאגן, אז ביי דעם דאזיגן שמועס זיינען ממש געפלויגן פונקן... עס איז ניט געווען קיין מלחמה, נאר א פייערדיגער ויכוח פון צוויי גרויסע מוחות, וואס האבן דערגרייכט א פונקט פון וועלכן זיי האבן ווייטער ניט געקענט גיין צוזאמען...

איינער האט געוואלט מנצח זיין דעם צווייטן. דער סוף איז געווען, אז דער ויכוח האט זיך געענדיגט מיט גארניט. ר׳ מאטעלע האט זיך אפילו פון זיין גרויסן טאטן ניט געוואלט לאזן איבעררייידן. ער איז געבליבן ביי דאס זייניגע. ער וועט ניט ווערן דער יורש פון טאלנער חסידישן „טראן“.

ר׳ דוד׳ל האט אבער משמעות נאך ניט אויפגעגעבן די האפנונג, אז ר׳ מאטעלע וועט זיך פריער, שפעטער לאזן איבעררייידן און ניט איבער־רייסן די גאלדענע קייט.

ווארום דער טאלנער האט געדולדיג געווארט, און ווען די נכבדים פון הויף האבן מיט אים ווידער פארפירט א שמועס וועגן ר׳ מאטעלע׳ן, האט ער עס אוועקגעמאכט מיטן האנט און געזאגט:

„נישקשה, עס וועט נאָך זיין צייט צו ריידן וועגן דעם".

דערווייל האָט אָבער ר' דוד'ל ניט אויפגעהערט טראַכטן פון דער מעגלעכקייט, אַז אימיצער אַנדערש זאָל ווערן זיין ממלא מקום.

אויב ר' מאָטעלע, זיין בן יחיד, וויל ניט זיין דער „יורש עצר", דאַן זאָל עס זיין ר' מאָטעלע'ס אַ קינד, אַזוי, אַז די קייט זאָל ניט איבער-געריסן ווערן און די ירושה זאָל ניט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט.

האָבן אָבער ביי ר' מאָטעלע'ן לא עלינו, זיך ניט געהאַלטן קיין קינדער.

דערציילן חסידים, אַז יעדעס מאָל ווען ר' מאָטעלע'ס פרוי, יוכבד'ל, פלעגט געלעגן ווערן און געבאָרן אַ קינד, פלעגט ר' דוד'ל אַריינקומען, צוגיין צום אַקאָרשט געבאָרענעם עופה'לע און עס לאַנג און פאַרזיכטיג באַטראַכטן.

עטלעכע מאָל האָט ער אַזוי אָנגעקוקט די ניי-געבאָרענע קינדער און האָט יעדעס מאָל געמאַכט אַ זויערע מינע, ווי זיי וואָלטן אים ניט געפעלן...

ניט דאָס האָט ער דערוואַרט.

און די קינדער האָבן ניט מאריך ימים געווען...

ערשט, ווען עס איז געבאָרן געוואָרן ר' נחום'ל, האָט ר' דוד'ל ביים אָנקוקן אים געציינגט אַ פריילעכע מינע. זיין פנים האָט געשטראַלט פון פרייד...

חסידים האָבן שוין געוואוסט, אַז דאָס דאָזיגעס עופה'לע וועט ווערן זייער רבי...

און אַזוי איז געווען.

דערווייל אָבער איז נאָך אויך ניט אויפגעגעבן געוואָרן די האָפנונג אויף ר' מאָטעלע'ן. ער וועט נאָך חרטה האָבן. די צרה איז נאָר געווען מיט זיין שוואַכן געזונט. וואָס פון טאָג איז ער געוואָרן שוואַכער.

ר' מאָטעלע איז שוין געווען אויפן דרייסיגסטן יאָר ווען זיין צושטאַנד איז געוואָרן אַזוי ערנסט, אַז מען האָט אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר זיין לעבן.

מען האָט אַרונטערגעבראַכט גרויסע דאָקטוירים, מען האָט מתפלל געווען, אָבער דער חולה איז ניט בעסער געוואָרן.

אין הויף איז געוואָרן אַ מהומה.

מען מוז עפּעס טאָן.

„אָבער וואָס שווייגט דער רבי?" האָט מען געפרעגט. „פאַרוואָס

טוט פאַר אים גאָרניט זיין טאַטע? קען דען דער צדיק ניט העלפן זיין קראַנקן בן יחיד?"

ר' דוד'ל האָט אָבער זיך געמאַכט ווי ר' מאָטעלע וואָלט גאָרניט געווען קראַנק.

האָט מען אָנגעהויבן ריידן אין הויף, אַז מען מוז לויפן צום צדיק רעטן ער זאָל עפּעס טאָן פאַר זיין קינד.

אָבער ווער וועט וואַגן גיין צום צדיק? ווייס ער דען אַליין ניט, אַז זיין קינד נויטיגט זיך אין אַ ישועה? מסתמא שטעקט עפּעס אין דעם!

האָט זיך איינגעשטעלט ר' דוד'לס שוועסטער, שיינדעלע, די לאַיעווער רביצין, וועלכע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין טאַלנער הויף.

„דיין קינד ליגט אַ חולה מסוכן", האָט זי צו אים געזאָגט, „און דיר אַרט עס גאָרניט! פאַרוואָס בעטסטו ניט פאַר אים? דו דאַרפסט בלויז זיך איינשטעלן און ער וועט געהאָלפן ווערן".

ר' דוד'ל האָט איר אויסגעהערט און ניט געענטפערט.

„דו שווייגסט?" האָט שיינדעלע געפאָדערט. „דו אַנטזאָגסט זיך דיין אייגן קינד צו העלפן?"

זי האָט זיך צעוויינט.

„איך וועל פון דאַנעט ניט אָפּטרעטן ביז דו וועסט מיר ניט צוזאָגן, אַז דו וועסט פאַר אים אויסבעטן אַ רפואה שלמה", האָט זי דערקלערט אַנטשלאָסן.

ר' דוד'ל האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן. ער איז געבליבן זיצן אַ האַרטראַכטער. ער האָט דאַן געזאָגט צו שיינדעלע'ן בזה הלשון:

„גיי אַריבער צו ר' מאָטעלע'ן און זאָג אים: אויב ער וועט צוזאָגן, אַז ער איז מרוצה צו ווערן מיין ממלא מקום און פירן אַ רבי'סטווע ווי עס דאַרף צו זיין, זאָג איך צו אויסבעטן פאַר אים אַ רפואה שלמה"...

דערהערט די ווערטער, איז שיינדעלע געוואָרן מלא שמחה. דאָס מיינט דאָך, אַז ר' מאָטעלע וועט באַלד געזונט ווערן. ער וועט דען זיך אויסזאָגן טאָן וואָס זיין טאַטע פאַרלאַנגט פון אים? זי איז באַלד געווען ביי ר' מאָטעלע'ס קראַנקן-בעט.

„אַ רפואה שלמה איז נאָענט, מאָטעלע", האָט זי אים מיטגעטיילט און זי האָט אים איבערגעגעבן וואָס ר' דוד'ל האָט איר געזאָגט.

ר' מאָטעלע איז געלעגן אין בעט און קוים געקענט רירן מיט אַן אבר. ער האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט זיך ניט געאיילט מיט קיין ענטפער.

„דו ענטפערסט ניט, מאַטעלע?" האָט שיינדעלע זיך געוואונדערט. „ווילסטו דען ניט צוזאָגן, וואָס דיין טאַטע פאָדערט פון דיר?"

באַלד איז אָבער געקומען ר׳ מאַטעלע׳ס קלאָרע תשובה:

„זאָג דעם טאַטן איך וועל בעסער שטאַרבן און וועל קיין קוויטלעך ניט נעמען און קיין רבי׳סטווע ניט פירן"...

שיינדעלע האָט אָנגעהויבן וויינען.

„האָב רחמנות אויף דיינע יונגע יאָרן" — האָט זי גע׳טענה׳ט. „האָב רחמנות אויף אונז אַלעמען. גיב זיך אונטער. דו ביזט אין אַזאַ סכנה!"

ר׳ מאַטעלע איז אָבער געבליבן פאַר׳עקשנ׳ט.

שיינדעלע איז שוין מער צו ר׳ דוד׳לען ניט געגאַנגען. זי האָט גע־וואוסט, אַז איר ארבעט וועט זיין אַרויסגעוואָרפן. און ר׳ דוד׳ל האָט ווייטער געצייגט די זעלביגע גלייכגילטיקייט צו זיין זונ׳ס קראַנקהייט ווי פריער...

מען קען דאָך אָבער דעם יונגען ר׳ מאַטעלע׳ן ניט לאָזן אויסגיין. איז באַלד באַשלאָסן געוואָרן, מען זאָל זיך ווענדן צו אַנדערע רביים און צדיקים.

האָט מען געשיקט שלוחים מיט קוויטלעך צו די באַרימטסטע רביים פון יענער צייט, צו ר׳ דוד׳לס אַלע ברידער און צו אַנדערע רביים אין אוקראַינע, פוילן און גאַליציען.

אין אַלע רבי׳אישע הויפן האָט מען מתפלל געווען פאַר דעם חולה. פון דעם סאַדיגורער רבי׳ן, ר׳ אברהם יעקב, אַ זון פון ריזשינער, איז געקומען אַ טשיקאַווע תשובה, אַדרעסירט צו ר׳ דוד׳לען אַליין. זי האָט געלויטעט:

„איך בעט אייך, אַז איר זאָלט וועלן, אַז אייער בן יחיד זאָל געזונט ווערן"...

דער סאַדיגורער האָט געוואוסט וואו עס ליגט די ריכטיגע רפואה שלמה פאַרן חולה.

ר׳ דוד׳ל האָט בלויז געדאַרפט וועלן.. ער האָט עס אָבער ניט גע־וואָלט... טאַטע און זון זיינען געווען צעטיילט.

האָט זיך דערווייל די חלאת אַלץ גובר געווען איבער ר׳ מאַטעלע׳ן. ר׳ מאַטעלע איז געווען אַן אמת׳ער נוטה למות. דער זומער איז אַוועק. עס זיינען אָנגעקומען די אומעטיגע אלול׳דיגע טעג און איבערן טאַלנער הויף זיינען געהאָנגען שווערע וואָלקנס...

דער איינציגער וואָס האָט זיך געהאַלטן רואיג און האָט ניט משנה

געווען זיינע דרכים איז געווען ר׳ דוד׳ל. אָבער אויף זיין פּנים האָבן זיך געזען טיפע קנייטשן און אין זיינע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט גרויס צער.

מוצאי ראש השנה איז באַקאַנט געוואָרן, אַז ר׳ מאָטעלע׳ס צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט. אַ רופא איז ארויסגערופן געוואָרן, און זיין עצה איז געווען, אַז דער חולה זאָל געשיקט ווערן אויף „טרויבן״ — פאָרן אין אַ פּלאַץ, וואו עס וואַקסן ווייַנטרויבן און עסן זיי פרישע ווי זיי ווערן אַרונטערגענומען פון די ווייַנשטאָקן. דאָס איז געווען באַטראַכט פאַר אַ גרויסע רפואה צו פיל חלאת׳ן.

האָט מען באַשלאָסן ר׳ מאָטעלע׳ן נעמען קיין יאַלטע, קרים, וואו די טרויבן זיינען זאַפטיג און געשמאַק.

צום גדליה איז ר׳ מאָטעלע אַוועקגענומען געוואָרן פון טאַלנע.

פּאַטעטיש איז געווען דאָס זעגענען זיך מיטן חולה, ווי מען וואָלט געצווייפלט אויב מען וועט אים שוין זען צוריק אַ לעבעדיגן.

אויף שבת תשובה איז ר׳ מאָטעלע, אין באַגלייטונג פון אַ פּאָר גבאים און משמשים, אָנגעקומען קיין באַפּאַליא. ר׳ מאָטעלע איז געוואָרן שוואַכער. מען האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר אים.

פרייטאָג צונאַכט האָט ער זיך פּרובירט שטאַרקן און פון בעט מקבל שבת געווען, געדאַוונט מעריב און געמאַכט קידוש. אויף מאָרגן איז ער אָבער געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט שוין ניט געקענט דאַוונען. נאָך האַלבן טאָג, האָט מען שוין געזען, אַז זיינע מינוטן זיינען געציילטע.

עס איז געקומען דער פאַרנאַכט. עס איז געוואָרן טונקעל, די צייט ווען חסידים פּראַוון שלש סעודות. ר׳ מאָטעלע איז געלעגן אין גסיסה.

מיט אַמאָל כאַפּט ער זיך אויף ווי פון אַ טיפן שלאָף מיט אַן אויסגעשריי:

„פאַרוואָס מאַכט איר ניט ליכטיג אין הויז? איך האָב דאָ אַזאַ גרויסן גאַסט ביי זיך און אין הויז איז פינסטער!... דער טאַטע איז דאָ! וואָס פאַר אַ כבוד פאַר מיר!״

און ר׳ מאָטעלע האָט זיך פּרובירט אויפשטעלן מקבל פּנים זיין זיין „טאַטן״...

מען האָט אים מיט געוואַלד געמוזט צוריקהאַלטן.

„לאָזט מיר זיך אויפשטעלן פאַרן טאַטן!״ האָט ער זיך געריסן.

און ר׳ מאָטעלע איז צוריקגעפאַלן אויפן בעט, קוים אָטעמענדיג.

ווען די שטערן האָבן זיך געצייגט אויפן הימל, דער אָנזאָג פאַר

פרומע אידן, אז די מלכה שבת איז אוועק, האט ר' מאטעלע געהאלטן אין די לעצטע מינוטן פון זיין גסיסה...

אביסל שפעטער, ווען די חסידים זעצן זיך געוויינטלעך צו מלוה־מלכה, האט ר' מאטעלע אויסגעהויכט זיין לעצטן אטעם.

די מלכה־שבת האט זיין נשמה באגלייט אין הימל ארײַן...

חסידים דערציילן, אז אין דער צייט וואס ר' מאטעלע האט גע'גוסס'ט יענעם שבת פארנאכט, האט ר' דוד'ל אין טאלנע זיך געהאט איינגעשלאסן אין זיין חדר און זיך ניט געזייגנט פארן עולם.

אין גרויסן שאלאש איז געווען פארקליבן א ריזיגער עולם, וואס האט מיט גרויס שפאנונג געווארט אויפן רבי'ן.

די געדריקטע שטימונג אין הויף איבער ר' מאטעלע'ס קראנקייט, האט דעם עולם געמאכט נאך מער געשפאנט, דערווארטנדיג צו הערן פון רבי'ן עפעס אויסערגעוויינלעכעס. פון זיין ריר, פון זיין קער, פון זיין וואונק, האט מען געזאלט דערגיין וועגן גורל, וואס דערווארט זיין בן יחיד... ר' דוד'ל האט זיך אבער ניט געזייגנט.

„וואס איז געשען? וואו איז דער רבי?" האט דער עולם אנגעהויבן פרעגן. עס איז געקומען די תשובה, אז ר' דוד'ל האט זיך איינגעשלאסן אין זיין חדר.

דער עולם איז געווען נשתומם.

וואס זאל דאס באדייטן?

אין שאלאש האט געהערשט א טיפער טרויער. א געוויין האט אויסגעבראכן ווי פון קינדער וועמעס טאטע האט זיך פארשפעטיגט צו קומען...

אימיצער אנדערש האט פרובירט פראוון דעם שלש סעודות, אבער דעם עולם איז קיין זאך ניט איינגעגאנגען. טייכן טרערן זיינען פארגאסן געווארן... עס איז געווען אן אמת'ער תשעה באב. דער עולם איז זיך צעגאנגען ווי אבלים...

די נאענטע פון הויף זיינען דערהוייל געווען שטארק באזארגט

אויב דער צדיק האט זיך איינגעשפארט אין חדר, דארף מען אויסגעפינען וואס עס איז געשען. אפשר פילט ער זיך ניט מיט אלעמען. אפשר האט, חס וחלילה, מיט אים עפעס פאסירט.

אבער ווער וועט וואגן עפענען די טיר און דארט אריינקוקן?

די צייט פון שלש סעודות איז שוין געווען פאריבער. מען האט שוין אנגעצונדן ליכט און געמאכט הבדלה. דער רבי איז נאך אלץ געווען אין זיין חדר און קיין קלאנג און קיין שארך.

איז באשלאָסן געוואָרן מען זאָל אָנקלאַפּן אין טיר. אָבער אויפן קלאַפּן איז קיין ענטפער ניט געקומען. האָט מען שטאַרקער געקלאַפּט, אָבער עס איז אַלץ קיין ענטפער ניט געקומען.

איז מען שוין געוואָרן דערשראָקן.

איז געבליבן מען זאָל אויפברעכן די טיר. איז די טיר אויפגעבראָכן געוואָרן און מען איז אריין אין רבי'נס חדר.

ר' דוד'ל איז געלעגן אויסגעצויגן אויף זיין בעטל און זיך מיט קיין אבר ניט גערירט.

איז דער צדיק רחמנא לצלן אין חלשות געפאַלן?

וואָס זאָל מען דאָ טאָן?

האָט מען אָנגעהויבן רופן, שרייען, ליאַרמען, אָבער דער צדיק איז געלעגן אומבאַוועגלעך.

האָט מען אָנגעהויבן פּויקן אין טאַצן און אין אַנדערע מעטאַלענע כלים.

ענדלעך האָט זיך דער צדיק אָנגעהויבן באַוועגן... האָט געעפנט די אויגן, אָנגעקוקט די חסידים אַרום.

„וואָס ווילט איר פון מיר?" האָט ער זיך געבייזערט. „וואָס לאָזט איר מיר ניט צורו? פאַרוואָס לאָזט איר מיר ניט זיין מיט מיין קינד!"...

חסידים האָבן שוין געוואוסט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן ר' מאָטעלע'ן, אפשר וועגן זיין לעבן. אָבער קיינער האָט זיך גאָרניט פאַרגעשטעלט, אַז דער צדיק איז גאָר דעמאָלט געווען ביי דער יציאת הנשמה פון זיין בן יחיד...

שפּעט אין אָוונט האָט זיך געעפנט די טיר פון רבי'נס חדר און ר' דוד'ל האָט זיך באַוויזן.

זיין פּנים איז געווען בלייך. זיינע ליפּן האָבן געציטערט. אין זיינע אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

„ברוך דיין האמת", האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט מיט אַ ציטערנדיגע שטימע.

און בלייבנדיג שטיין אַ ווײַלע מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ, האָט ער געזאָגט:

„עס איז אַלץ פאַריבער. ר' מאָטעלע איז נסתלק געוואָרן"...

אויף מאָרגן פרי איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז ר' מאָטעלע איז נסתלק געוואָרן.



ר' אברהמ'עלע טריסקער, ברודער פון ר' דוד'ל טאלנער.

כז

דעם רבי'נס נסיעה

דעם טאלנער'ס נסיעה קיין גאליציען, וואס האט מרעיש עולם געווען. — זיין אנקומען קיין טולטשין און וואס דארט איז פאר־געקומען. — ר' דוד'ל האלט זיין נסיעה פאר א סוד.

אין דער חסידישער וועלט איז דעם טאלנער'ס נסיעה קיין גאליציען פאררעכנט געווארן אלס איינע פון די וויכטיגסטע, ווי אויך אינטערע־סאנטסטע פאסירונגען. חסידים ריידן וועגן דער נסיעה ווי וועגן א „וועלט געשעעניש", וואס האט בשעתה — דאס איז געווען אין יאר תרל"ח — באמת מרעיש עולם געווען.

עס איז ניט קיין קלייניקייט, אז אזא בארימטער צדיק ווי דער טאלנער, מיט א נאכפאלגערשאפט, וואס האט זיך ממש געציילט אין די הונדערטע טויזנטע, זאל פלוצים נעמען האק און פאק און זיך לאזן אין וועג אריין, ווי ער וואלט געדארפט זוכן א מקום מנוחה אין א נייער מדינה — אין גאליציען!

און אויסגעזען האט עס טאקע ווי דער טאלנער וואלט געהאט בדעה זיך צו באזעצן אין גאליציען און מער שוין קיינמאל ניט צוריקקערן קיין טאלנע.

סתם חסידים האבן זיך געריבן די אויגן און ניט געקענט געבן קיין דערקלערונג. טאלנער חסידים זיינען געווען ווי אין עולם התוהו, ווי פארבלאנדזשעטע שעפעלעך, ווען דער פאסטוך האט פארלאזן.

איז עס געווען צוליב די רדיפות מצד דער צאריסטישער ממשלה? איז דאך ר' דוד'ל עפעס שוין געווען אונטער ארעסט עטלעכע מאל און האט ער דאך עפעס געדארפט אויסשטיין כל ערליי צרות פון דעם צאר'ס נאטשאלניקעס.

מאנכע מיינען, אז די נסיעה איז געווען אויסצומיידן די רדיפות וואס זיינען געקומען אלס רעזולטאט פון דעם „טראן", וואס טאלנער חסידים האבן געבויט פאר ר' דוד'לען — די זילבערנע שטול מיטן אויפ־שריפט „דוד מלך ישראל חי וקים".

טאַלנער חסידים, וואָס זיינען באַקאַנט מיט די היסטאָרישע פאַקטן פון טאַלנער הויף, זאָגן אָבער, אַז דאָס איז ניט געווען דער פאַל.

זיי ווייזן אָן, אַז די געשיכטע מיטן „טראָן" האָט פּאַסירט לאַנג פאַר ר' דוד'לס נסיעה קיין גאַליציען. די ערשטע און אַנדערע רדיפות זיינען שוין געווען אַזוי גוט ווי פאַריבער. ר' דוד'ל איז שוין געווען אויף די עלטערע יאָרן, פיר יאָר פאַר זיין הסתלקות.

עס איז ניט געווען קיין באַשטימטע און קיין גענוי באַקאַנטע אורזאַך פאַרוואָס ער זאָל וועלן, און ווער רעדט, דאַרפן, פלוצים פאַרלאָזן טאַלנע.

און טאַקע דערפאַר איז עס פאַר דער חסידישער וועלט געווען אַזאַ פּלא און דערפאַר איז מען אין אַלע רבי'אישע הויפן געווען שטאַרק פאַרוואונדערט.

חסידים דערציילן, אַז ר' דוד'ל אַליין האָט די נסיעה געהאַלטן פאַר א סוד — א סוד, וואָס ער האָט קיינעם ניט געוואָלט אַנטפּלעקן.

דער טריסקער רבי, ר' אברהמ'ל, איינער פון ר' דוד'לס ברידער, האָט פּרובירט אָנגעבן אַן אורזאַך, וואָס איז שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן ר' דוד'לען.

דער טאַלנער האָט אויסגעהערט וואָס זיין ברודער האָט געזאָגט און א שמייכל געטאָן.

„שרפים ואופנים ווייסן ניט נאָך וואָס איך פאָר קיין גאַליציען", האָט ער געזאָגט, „און ער (דער טריסקער), וויל עס טרעפן אַזוי זיך, ניט מיר ניט דיר"...

ווען מען האָט מיטן טאַלנער פּרובירט ריידן וועגן דער נסיעה און אַרויסקריגן א דערקלערונג, האָט ער א מאַך געטאָן מיטן האַנט און גע-זאָגט:

„נאָר דער יעניגער, וואָס ווייס דעם סוד פון די מ"ב מסעות פון די אידן אין מדבר, דער ווייס דעם סוד פון מיין נסיעה"...

אָבער ניט קוקנדיג אויף די גרויסע סודות, וואָס חסידים ווילן אַריינלייגן אין ר' דוד'לס נסיעה, זיינען פאַראַן אַזוינע, וואָס פּרובירן מאַכן די זאַך גאַנץ פּשוט.

פאַר דרייסיג יאָר איז ר' דוד'ל שוין ניט געווען אַרויסגעפאָרן פון דערהיים. דאָס איז געווען צוליב א פאַרבאָט מצד דער צאַרישער רעגירונג. די ווירקלעכע רדיפות געגן דעם צדיק זיינען שוין טאַקע געווען אָפּגעשטעלט. דורך דער „פּראָטעקציע" פון די איינפלוסרייכע טאַלנער חסידים, האָט מען ענדלעך דעם טאַלנער צורו געלאָזט. ער איז אָבער געווען ווי א

מלך געפאנגען אין זיין אייגענעם פאלאץ. אויסער די גרעניצן פון טאלנע האט ער ניט געטארט ארויספארן.

צו זיין חסידישן רומל האט עס ר׳ דוד׳לען ניט געשאדט. זיין נאמען איז שוין געווען אזוי גרויס און זיין נאכפאלגערשאפט אזוי צאלרייך, אז דאס „פארעכץ“ קיין טאלנע האט זיך תמיד געהאלטן אין פארגרעסערן. דער טאלנער הויף האט תמיד געשוויבלט און געגריבלט מיט אנשי שלומנו.

ווי גרויס עס איז געווען דאס „פארעכץ“ קיין טאלנע, וועט זיין געגנוג אנצואווייזן אויף דעם, וואס חסידים ידענים גיבן איבער.

„דאס טישל“ רופט מען אין דער חסידישער וועלט, די הכנסה, וואס א רבי האט פון די פדיונות וואס ווערן געגעבן צוזאמען מיט די קוויטלעך, וואס חסידים ברענגען צום צדיק. פארשטייט זיך, אז וואס גרעסער דאס „פארעכץ“ אלץ גרעסער „דאס טישל“.

האבן חסידים געמאסטן די גרויס פון א רבי׳אישן הויף לויטן „טישל“.

דער סאדיגורער הויף איז געווען דער גרעסטער. „דאס טישל“ דארט האט אין דורכשניט אריינגעבראכט צוויי טויזנט קערבלעך א וואך. דער טאלנער האט נאכגעהאלטן סאדיגורע מיט דעם, וואס „דאס טישל“ האט דארט אריינגעבראכט אין דורכשניט א פופצן הונדערט קערבלעך א וואך...

א רבי מיט אזא גרויסער נאכפאלגערשאפט קען דאך אבער אייביג ניט בלייבן קיין „געפאנגענער“ אין זיין הויף. עס זיינען פאראן תיקונים וואס א צדיק דארף מתקן זיין אויסער זיין הויף...

טויזנטע חסידים קענען ניט „עולה רגל“ זיין צום רבי׳ן פשוט אוים ארימקייט. די „מלוכה“ אינטערעסן פאדערן, אז דער צדיק זאל זיך ציינגן אויף דער ברייטער וועלט.

האט דער טאלנער זיך געמוזט אייגמאל פאר אלעמאל פארמעסטן כחות מיט דער צארישער „סטרא אחרא“.

ר׳ דוד׳ל איז שוין געווען אלט. זיין בן יחיד, ר׳ מאטעלע איז געווען טויט. טאלנע האט דורכגעמאכט א שטילן קריזיס.

דער צדיק האט געגארט ארויספארן באקוקן זיינע חסידישע „באַזיצונגען“.

איז אבער געווען א געפאר מצד דער צארישער רעגירונג, וועלכע האט דעם צדיק געהיט אויף שריט און טריט. האט דער טאלנער באַשלאסן מאכן א נסיעה קיין אויסלאנד — טאקע מיט דער דערלויבניש

פון דער רעגירונג — און דערווייל אויפן וועג שוין אויך זיך זען מיט זיינע חסידים.

אגב דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז ר' דוד'ל איז לכתחילה געפאָרן קיין אויסלאַנד פאַר אַ באַשטימטן צוועק. — צו דער חתונה פון זיינעם אַן אייניקל, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען אין בעהוש, רומעניען. ערשט זייענדיג אויפן צווייטן זייט גרעניץ האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצייגן, אַז דער צדיק האָט אויך בדעה צו פאַרבלייבן אין גאַליציען אַ לענגערע צייט און אפשר מעגלעך דאָרט איינגאַנצן זיך באַזעצן.

אַרויסגעפאָרן איז ר' דוד'ל פון טאַלנע סוף חודש טבת. אָבער איידער ער האָט געקענט פאַרלאָזן טאַלנע האָט ער געמוזט האָבן אַ „גובערנאַטאָר־פּאַס“.

די צאַרישע רעגירונג האָט משמעות פאַרדעכטיגט, אַז ר' דוד'ל האָט בדעה זיך אָפּצושטעלן אונטערוועגנס, וואו חסידים אין די טויזנטע און צענדליגע טויזנטע וועלן אים קומען מקבל פנים זיין. איז דערפאַר אין „גובערנאַטאָר־פּאַס“ אַריינגעשריבן געוואָרן, אַז ר' דוד'ל טאָר זיך ניט אָפּשטעלן אויפן וועג, נאָר מוז דירעקט פאָרן צום גרעניץ.

די ערשטע סטאַנציע וואָס ר' דוד'ל האָט געדאַרפט פאַרבייפאָרן איז געווען טולטשין, פּאָדאָליע. טאַלנער חסידים האָבן שוין אין פאָרויס געוואוסט, אַז זייער רבי וועט דאָרט דורכפאָרן און עס איז באַלד געוואָרן אַ געלאַף קיין טולטשין.

פון נאָענט און פון ווייט איז מען אהין געלאָפן, און ווען מען זאָגט „געלאָפן“ מיינט עס טאַקע בפועל ממש. קיינער האָט ניט געוואוסט גענוי ווען דער צדיק דאַרף דאָרט אָנקומען. האָט מען דעריבער געוואָלט זיין לאַנג אין פאָרויס. איז מען געלאָפן הענדום פענדום, ווי נאָך אַ ירושה.

רייכע חסידים האָבן געכאַפּט דעם ערשטן צוג, וואָס האָט זיך גע־מאַכט, איבערלאָזנדיג זייערע געשעפטן אויף גאָט'ס באַראָט, פאַרגעסנדיג אפילו זיך צו געזעגענען מיט ווייב און קינדער. געכאַפּט דעם טלית זעקל אונטערן אָרים און זיך געלאָזט קיין טולטשין.

אָרימע חסידים זיינען געפאָרן „אונטערן באַנק“, און אַז אַ רשע מרושע'דיגער קאָנדוקטאָר האָט אויפן וועג אַרונטערגעוואָרפן, האָט מען זיך געלאָזט צופוס, אָדער מיט די לעצטע פרוטות באַצאָלט אַ בעל עגלה, אַז ער זאָל פירן קיין טולטשין.

איז טולטשין לאַנג אין פאָרויס אָנגעפּאַקט געוואָרן מיט חסידים — אַן אמת'ער יאַריד.

און אז ר׳ דוד׳לס צוג איז אָנגעקומען, איז די פּלאַטפאָרמע געווען שווארץ מיט חסידישע שטריימלעך, קאַשקעטלעך און פשוט׳ע היטעלעך. טויזנטע הענט זיינען געווען אויפגעהויבן אין דער הויך, טויזנטע אויגן האָבן געפינקלט, טויזנטע בערד און פּאות האָבן זיך געהוידעט מיטן ווינט. א ים פון מענטשן קעפּ.

דער טאלנער איז באַגעגנט געוואָרן מיט אזא פּאַראַד און מיט אזא שמחה, וואָס לאָזן זיך גאָרניט באַשרייבן. עס איז געווען די אויפנאַמע פון א מלך...

דער טאלנער, געדיינקנדיג, וואָס אין זיין פּאַספּאָרט איז געשריבן, האָט געוואָלט פאָרן ווייטער, אפילו זיך ניט געוואָלט ציינגן פאַרן עולם. ווי שטעלט מען זיך דען אָפּ געגן דעם שטריינגן פאַרבאָט פון דער ממשלה? דינה דמלכותא דינה...

האָבן אָבער חסידים זיך א לאָז געטאָן צום צוג, זיך א לייג געטאָן אויף די רעלסן... זיך אָנגעכאַפּט אָן די רעדער... אָנגעכאַפּט זיך אָן די טירלעך און די פענסטערלעך פון די וואַגאָנען.

„מיר וועלן זיך לאָזן צערייבן פון די רעדער, וועלן שטאַרבן אויפן אָרט און ניט לאָזן דעם רבי׳ן פון אונז אוועקפאָרן“.. האָבן חסידים גע־שריען און זיי האָבן עס גאָרניט געמיינט אויף קאַטאָוועס...

אזא לאַנגע צייט ניט געזען דעם רבי׳נס פּנים, וועלן זיי דען אים איצט לאָזן פון זיך אוועק אָן זיך מיט אים אָנצופרייען? דערהויפּט נאָך ווען דער צדיק לאָזט זיך אויף א ווייטער נסיעה און קיינער ווייס ניט אפילו אויב מען וועט אים שוין ווען זען נאָכאַמאָל?

ווער וויל זיך דען רעכענען, וואָס צארישע דעספּאָטן האָבן דעם צדיק פאַרבאָטן זיך אָפּצושטעלן. חסידים האָבן אויך א דעה!...

עס איז געוואָרן אָן אמת׳ע „מרידה“ רחמנא לצלן.

פון פאָרן ווייטער האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין. גיי פאָר ווייטער, אז חסידים האַקן ממש די רעדער, זאָגן אָפּן, אז זיי וועלן זיך לאָזן איבערפאָרן...

אָבער ווי בלייבט מען, אז דער פּאַספּאָרט פאַרבאָט אזא זאַך? איז געפונען געוואָרן אַן עצה. אויף דעם זיינען דאָך עפּעס אידישע קעפּ...

דער „גובערנאַטאָר־פּאַס“ האָט דעם צדיק פאַרבאָטן זיך אָפּצושטעלן אויפן וועג. דאָס האָט דאָך אָבער געמיינט נאָר פריוווילינג זיך אָפּשטעלן. ווען ער ווערט פאַרהאַלטן און חסידים לאָזן אים ניט פאָרן ווייטער, ווי

דער פאל איז דארט געווען, איז עס שוין א גאנץ אנדער ענין. איז פאר דעם צדיק גאנץ לייכט געפונען געוואָרן א „היתר".

איז ר׳ דוד׳ל ארונטער פון באן און איז אריינגעפאָרן אין שטאָט אריין. אין טולטשין איז געוואָרן ששון ושמחה. די איבערגעבנהייט און געוואגטקייט פון די טאלנער חסידים האָבן מנצח געווען.

צען טעג האָט ר׳ דוד׳ל זיך אויפגעהאלטן אין טולטשין און אין די דאָזיגע צען טעג זיינען אריין צוויי שבתים. צוויי פרייטאג צונאכטס האָבן חסידים געקענט זיצן ביים טאלנער׳ס טיש, צוויי מאָל געקענט עסן טשאָלנט ביי אים און געזען אים פראוון צוויי פון זיינע בארימטע, אומפארגעסלעכע שלש-סעודות׳ן.

אָבער אויך די וואָכעדיגע טעג זיינען געווען הייליגע, באגייס-טערנדיגע, דערהויבנדיגע.

חסידים זיינען געשטאנען קעפ אויף קעפ, ווארטנדיג אויף א גע-לעגנהייט דעם רבי׳ן צו געבן שלום, אים צו דערלאנגען א קוויטל און אים געבן א פדיון.

אָבער אפילו צען טעג ווארטעניש, שפארן און דריקן זיך אין גרויסן געדרייעניש האָט נאָך ניט אלעמען געהאט געגעבן די געלעגנהייט דעם רבי׳ן מקבל שלום צו זיין. אזוי גרויס איז דער עולם געווען.

דערהווייל האָבן זיך אָבער געפונען בייזע צינגער און מוסרים, וואָס האבן „דאָנאָסעוועט", אז ר׳ דוד׳ל האָט עובר געווען אויפן פארבאָט פון גובערנאטאָר און, אז עס איז בלויז אן אויסרייד, כדי ער זאָל קענען קריגן קעניגלעכן כבוד פון זיינע חסידים, וועלכע קוקן אויף אים ווי אויף זייער מלך...

האָט זיך דערטראָגן צו ר׳ דוד׳לען און זיינע מקורבים, אז מען האָט גע׳מסור׳ט און עס איז ביי זיי געבליבן ניט צו ווארטן ביז וואנען די רעגירונג וועט נעמען שריט נאָר גלייך פארלאָזן טולטשין. בלייבן לייגנער קען ווערן צושפעט. עס האָט געדראָעט מיט א נייעם ארעסט, מיט צונעמען דעם פאספאָרט.

אָבער ווי פארלאָזט מען טולטשין?

פון דער דערפארונג, וואָס ר׳ דוד׳ל האָט געהאט ביים אנקומען, האָט ער שוין געוואוסט, וואָס פאר ביטערע יונגען זיינע חסידים זיינען. זאָלן זיי זיך איצט דערוויסן, אז ער האלט זיי ביים פארלאָזן, וועלן זיי ווידער מאכן א „מרידה", וועלן ווידער זיך ווארפן אונטער די רעדער פון צוג...

האָט מען ווידער געמוזט זוכן אַן עצה.

טולטשין האָט געהאַט געעפנט אַ נייעם בית עולם. האָט מען, ווי דאָס איז תמיד דער פאַל ביי אַזוינע געלעגנהייטן, געדאַרפט „געמען פעלד". אַזוי ווי ר' דוד'ל איז געווען אין שטאָט, האָט מען זיך געוואָלט באַנוצן מיט דער געלעגנהייט און מכבד זיין דעם צדיק מיט דער מצווה פון „נעמען פעלד". פאַר טולטשין האָט עס געדאַרפט זיין אַ גאָר גרויסער כבוד און פאַר חסידים נאָך אַ גרעסערער כבוד צו קענען ליגן לאחר מאה שנים אויף אַזאַ בית עולם...

האָט מען געלאָזט פאַרשפרייטן צווישן חסידים אַ ידיעה, אַז אין דעם און דעם טאָג, וועט דער טאַלנער פאָרן אויפן נייעם בית עולם „נעמען פעלד".

פאַר די טויזנטע און טויזנטע אָנגעפאָרענע חסידים האָט עס געזאָלט זיין אַ גרויסער דערהאייגנים, און גלייך אינדערפרי האָט זיך שוין דער עולם אָנגעהויבן לאָזן צום בית עלמין. ר' דוד'ל איז אָבער אויפן בית עלמין קיינמאָל ניט געקומען.

אין דער צייט וואָס די חסידים זיינען געווען פאַרזאַמלט אויפן בית עלמין, איז ר' דוד'ל, אין באַגלייטונג פון זיינע גבאים און משמשים, געפאָרן צום וואָקזאַל, וואו אַ צוג האָט שוין אויף אים געוואַרט און איז אַפּגעפאָרן פון טולטשין.

ווען דער צוג איז שוין געווען אַרויס פון וואָקזאַל, האָט זיך די ידיעה דערטראָגן צו די חסידים אויפן בית עולם. דער עולם איז געווען געטראָפן ווי פון אַ דונער. מען האָט זיך באַלד אַ לאָז געטאָן צום וואָקזאַל.

מיט פאַרקאַשערטע זשופּעצעס זיינען חסידים געלאָפן דורך די גאַסן, געלאָפן מיט די פּאָלעס טראָגנדיג זיך אין ווינט ווי פליגל. מיט בערד און פּאות'ן פלאַטערנדיג...

אָבער עס איז געווען אומזיסט זייער לויפן. דער צדיק איז שוין געווען ווייט פון טולטשין.

איבערן גרעניץ, איז ר' דוד'ל אַריינגעפאָרן אין פּאָדוואָלאָטשיסק, וואו ער איז פאַרבליבן איבער שבת.

דערווייל איז גאַליציען געגאַנגען אויף רעדלעך. אַזאַ געשעהעניש סומט ניט פאָר אַלע טעג.

חסידים אין די הונדערטע האָבן אָנגעהויבן קומען דעם גאַסט מקבל פּנים זיין.

אין גאַליציען זיינען נאָך פון פריער געווען פאַרערער און טאַקע

אמת'ע חסידים פון טאלנער. מיט זיין אנקומען האט זיך די צאל זייערע אנגעהויבן פארגרעסערן.

אבער וואס זיינען געווען דעם טאלנער'ס כוונות? איז ער געקומען זיך דארט צו באזעצן, צו באריייכערן גאליציען מיט נאך א חסידישן הויף?

דער טאלנער איז אייגנטלעך געפארן קיין בעהוש, צו זיין אייניקל'ס חתונה, וואס האט געזאלט פארקומען אין אדר. דער חתן איז געווען מרדכי זישא, א זון פון ר' דוד'לס טאכטער, חיה'לע, וועלכע איז געווען ייזח טריסקער רבי'נס א שנור. די כלה איז געווען דעם בעהושער רבי'נס ר' איציקל'ס א טאכטער.

ר' איציקל איז געווען איינער פון דעם ריזשינער'ס קינדער, און דער פאקט, אז ר' דוד'ל איז זיך מתחתן מיטן ריזשינער'ס קינדער, איז שוין אליין געווען פון גרוים וויכטיקייט.

ארויסגעפארן איז ר' דוד'ל פון טאלנע אליין. די פאמיליע איז גע־בליבן אין דערהיים. אבער מען האט געוואוסט, אז אויך די פאמיליע סלייבט זיך אין וועג אריין, און אז עס איז שוין אראנזשירט געווארן, אז די פאמיליע זאל זיך באגעגענען מיטן צדיק אין בעהוש.

אונטער אזוינע אומשטענדן האט די נסיעה געמוזט אנהויבן באטראכט צו ווערן אלס אן איבערקלייבן זיך און די גאליציאנער חסידישע וועלט איז געווען שטארק געשפאנט. אין די רבי'אישע הויפן האט מען אנ־געהויבן קוקן אויף ר' דוד'לען ווי אויף א קאנקורענט.

האט מען אין די רבי'אישע הויפן אנגעהויבן וועגן און מעסטן און זיך ישוב'ן ווי אזוי מען זאל זיך פארהאלטן צום טאלנער.

מאנכע רביים האבן בדעה געהאט ארויסצופארן דעם טאלנער צדיק מקבל פנים זיין. זיי האבן געוואוסט, אז אזא כבוד קומט אים.

„די הויף לייט" האבן ניט דערלאזט. אבער אויב די רביים זיינען אליין ניט געפארן צו ר' דוד'לען, זיינען דא און דארט געשיקט געווארן צו אים שלוחים, גאנצע חסידישע „דעלעגאציעס", וואס האבן דעם טאלנער געגעבן זיין כבוד אלס גאסט און טאקע געוואלט אליין זען זיין גרויסקייט און נהנה זיין פון זיין תורה.

ווען דער טאלנער איז אנגעקומען אין קאלאמעא, זיינען אהין געשיקט געווארן שלוחים פון פילע באוואוסטע גאליצישע הויפן, דארונטער אויך דער וויזשניצער הויף.

מיר דערמאנען באזונדערס דעם וויזשניצער דערפאר, וואס מיטן

וויזשניצער הויף איז ר׳ דוד׳ל געשטאנען אין באזונדערס פריינטלעכע באציאונגען. א שידוך, וואס איז שוין לאנג געווען געשלאסן צווישן די הויפן האט איצט געזאלט פארענדיגט ווערן. דאס איז געווען דער שידוך פון דעם טאלנער׳ס אייניקל, ר׳ מאטעלע (דער איצטיקער טאלנער־וויזשניצער רבי אין ניו יארק) מיט דער טאכטער פון וויזשניצער רבי׳ן, ר׳ ברוכ׳ל.

ר׳ דוד׳ל האט נאך ערשט געדארפט אנקוקן די כלה, וועלכע איז טאקע צו אים געשיקט געווארן.

אבער ניט קוקנדיג אויף די דאזיגע באציאונגען, האט דער וויזשניצער רבי געהאט „עכובים" (אפהאלטן) און האט אליין ניט געקענט, אדער ניט דערלאזט געווארן, פארן צו ר׳ דוד׳לען.

ר׳ דוד׳ל איז משמעות צוליב ענלעכע אורזאכן אויך ניט איינגעלאדן געווארן אין קיין גאליציש-רבי׳אישן הויף, כאטש די גאנצע גאליצישע חסידישע וועלט איז מיט אים אויף געווען.

איין אויסנאם איז געווען דער סאדיגורער הויף. ר׳ דוד׳ל האט געקראגן אן איינלאדונג קיין סאדיגורע, צו ר׳ אברהם יעקב׳ן, דער ממלא מקום פון ריזשינער.

ר׳ דוד׳ל האט אנגענומען די איינלאדונג, און איז געקומען קיין סאדיגורע — א פאסירונג וואס האט אין יענער צייט ניט ווייניגער מרעיש עולם געווען ווי ר׳ דוד׳לס גאנצע נסיעה קיין גאליציען.

כח

צוויי בערג

ר׳ דוד׳לס אויפנאַמע אין סאַדיגורער הויף. — דער שמועס צווישן די רביים. — די זון און די לבנה. — חסידישע אמונה.

חסידים ריידן וועגן דער באַגעגעניש פון דעם טאַלנער און סאַדיגורער ווי וועגן צוויי בערג, באַנוצנדיג זיך מיט דאָס גמרא ווערטל: „טורא בטורא לא פגע, אבל אינוש באינוש פגע“, אז א בארג מיט אַ בארג באַגעגענען זיך ניט, אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטש באַגעגענען זיך יאָ. אין דעם פאַל איז עס געווען אַזאַ חידוש ווי אַ בארג מיט אַ בארג וואָלטן זיך געהאַט באַגעגנט... האָבן זיי דאָך עפּעס יאָרן לאַנג געפירט מלחמה צווישן זיך.

דער שליח וואָס האָט געבראַכט ר׳ דוד׳לען די איינלאַדונג פון דעם סאַדיגורער, האָט איבערגעגעבן, אַז ר׳ אברהם יעקב אַליין וואָלט בכבודו ובעצמו ארויסגעפאָרן אים באַגעגענען אין טשערנאָוויץ. אָבער צוליב אַן אַלטן בלבול האָבן די סאַדיגורער רביים זיך נוהג געווען ניט אריבערצו־פאָרן די טשערנאָוויצער בריק.

אָבער אויב דער סאַדיגורער איז אַליין ניט געפאָרן דעם טאַלנער אנטקעגן, האָט ער געשיקט קיין טשערנאָוויץ זיינע קינדער, די זין און די איידימס און די אָנגעזעענסטע חסידים פון סאַדיגורער הויף.

וואָס איז שייך חסידים זיינען זיי געקומען אין די טויזנטער. די טשערנאָוויצער באַן־סטאַנציע איז געווען שוואַרץ מיט מענטשן, — אַ וואַלד פון בערד און פאות. דעם טאַלנער׳ס באַזוך אין סאַדיגורע האָט ארויסגערופן דעם גרעסטן אינטערעס.

חסידים האָבן דעמאָלט געשמועסט, אַז פון אַזאַ באַגעגעניש מוז ארויסקומען אַ גרויס זאַך, אפשר ניט קיין קלענערע ווי די גאולה...

זייערע טאַטעס זיינען ניט געווען שוה בשוה און אויך זיי, די קינדער, זיינען לאַנגע יאָר ניט געווען בשלום. ווען אַזוינע צדיקים לעבן ניט גוט צווישן זיך, קען די וועלט ניט האָבן איר תיקון... איצט איז אָבער

די האָפנונג געווען גרויס, אז די וועלט וועט ענדלעך באַקומען איר תיקון...
און דאָס האָט געמיינט ניט אַנדערש, אַז די גאולה איז נאָענט...

די נסיעה פון טשערנאָוויץ נאָך סאַדיגורע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פער אַקס, איז געווען פאַרן טאַלנער אַ גרויסער טריאומפס-צוג. ר׳ דוד׳ל איז געווען אַרומגערינגלט ניט בלויז פון זיינע אייגענע „ששים גבורים“, זיינע גבאים און משמשים און אַלע אַנדערע, וואָס האָבן אים באַגלייט קיין גאַליציען, נאָר אויך פון דעם סאַדיגורער׳ס זין און איידימס און די „גוואַרדיע“ פון סאַדיגורער הויף. דערצו זיינען צוגעקומען די טויזנטע און טויזנטע חסידים אין ווענגער און צופּוס, וואָס האָבן דעם צדיק נאָכגעפאָלגט קיין סאַדיגורע.

דער וועג איז געווען שוואַרץ מיט מענטשן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיגע אַרמיי וואָלט מאַרשירט — אַן אַרמיי פון באַגייסטערטע חסידים.

אַ חוץ אמת׳ע נאָכפאָלגער פון דעם טאַלנער און אַזוי חסידים, וואָס האָבן אים פאַרערט, זיינען די סאַדיגורער חסידים אַליין געווען שטאַרק באַגייסטערט. זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ באַזונדער גרויסן כבוד פאַר זייער רבי׳ן, וואָס דער טאַלנער קומט אַרונטער קיין סאַדיגורע, פילנדיג, אַז מיט דעם ווערן אָפּגעווישט אַלע אַלטע חשבונות און עס ווערן פאַרגעסן אַלע אַלטע חלוקי דעות.

עס איז געווען אַ מאָמענט פון שלום און חסידים האָבן געפילט די גרויסע ברכה פון שלום אין זייערע רייען.

אָנגעקומען איז דער טאַלנער אין סאַדיגורער הויף ערב שבת. אַלץ איז שוין דאָרט געווען צוגעגרייט פאַרן גרויסן גאַסט. די הכנות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן זיינען געווען ווי פאַר אַ חתונה. מען האָט געקאָכט און געבאַקן, געשייערט און געראַמט ווי ערב אַ גרויסן יום טוב.

דער רבי ר׳ אברהם יעקב איז אַרויס פון זיין חדר מיוחד אין דרויסן און איז געגאַנגען צום טויער באַגעגענען דעם טאַלנער. דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער כבוד.

די באַגעגעניש איז געווען אַ האַרציגע און פריינטלעכע.

דער סאַדיגורער איז מיטן טאַלנער געבליבן שטיין אין הויף. ר׳ דוד׳ל האָט דערווייל געוואָרפן אַ בליק אויף די שיינע געביידן, אמת׳ע פּאַלאַצן, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם סאַדיגורער הויף.

שפּעטער האָט דער סאַדיגורער געפרעגט דעם טאַלנער זיין מיינונג וועגן גאַליציען בכלל און וועגן סאַדיגורע בפרט.

דער טאַלנער האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און געענטפערט :

„אין תוך איז אומעטום דאָס אייגענע. די זעלביגע חסידים ביי אייך ווי ביי אונז. דיזעלביגע פייערדיגע הערצער, דיזעלביגע גרויסע אמונה אין צדיק. דער חילוק פון חסידות אין רוסלאַנד און גאַליציען איז דער: אין רוסלאַנד איז דאָס חסידות ווי אַ פּערל וואָס ליגט נאָך אין מושעל. אין גאַליציען איז דאָס חסידות ווי אַ פּערל, וואָס איז ארויס-גענומען פון מושעל"...

דעם טאַלנער'ס פאַרגלייך איז פאַר די זייטיגע צוהערער געווען אומ-פאַרשטענדלעך. דער סאַדיגורער האָט אָבער גלייך געכאַפּט דעם באַדייט, און האָט געשמייכלט. חסידים האָבן שפּעטער געפרעגט דעם סאַדיגורער וואָס דער טאַלנער האָט געמיינט.

„טיפע ווערטער", האָט דער סאַדיגורער געזאָגט באַגייסטערט. „ר' דוד'ל איז אַ גרויסער חכם און זיין אויג כאַפּט אויף דאָס, וואָס אַנדערע זעען לגמרי ניט. אין רוסלאַנד, דאָס לאַנד פון אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג, וואו די רביים אליין זיינען ווי געפאַנגענע אין זייערע הויפן, מוז דאָס חסידות נאָך זיין האַלב באַהאַלטן, גלאַנצט ער ניט דארום מיט זיין אויסערלעכקייט, ווערן נאָך ניט געבויט אזוינע פּראַכטפולע הויפן ווי ביי אונז.

„אין גאַליציען, וואו מיר האָבן אַ דאַנק השם ישברך אַלע פרייהייטן און חסידים קענען טאָן וואָס זייער האַרץ גלוסט, האָט דאָס חסידות אויך אָנגעהויבן גלאַנצן מיט זיין אויסערלעכקייט. דער פּערל איז ארויס-גענומען געוואָרן פון מושל און די גאַנצע וועלט קען אים אָנקוקן און זיך מחיה זיין מיט זיין שיינקייט און גלאַנץ. האָבן מיר דאָ אַזאַ הויף ווי דער סאַדיגורער, וואָס פאַרשיינט די גאַנצע וועלט הן מיט זיין תוך און הן מיט זיין אויסערלעכן גלאַנץ"...

דער סאַדיגורער האָט איצט עפּעס געדאַרפט זאָגן וועגן די נייע באַציאונגען צווישן אים און דעם טאַלנער. ער האָט געזאָגט בזה הלשון:

„טאַלנער רבי, אייך איז דאָך ידועה די גמרא, וואו עס ווערט דערציילט וועגן די „שני המאורות הגדולים", די צוויי גרויסע ליכטער, די זון און די לבנה, וועלכע גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן און וועלכע האָבן אין אָנ-פאַנג געלויכטן מיט דער זעלביגער שטאַרקייט, ווייל ביידע האָבן גע-דאַרפט זיין גלייך. איז אָבער די לבנה זיך געקומען קלאָגן צום בורא עולם: סטייטש ווי וועלן צוויי מלכים טראָגן איין קרוין. האָט דער רבונו של עולם אויסגעהערט די לבנה און האָט איר געענטפערט: אויב

דו באקלאגסט זיך אויף דעם, דאן ווער קלענער און לאז די זון אליין קעניגן מיט איר ליכט איבער דער וועלט.

„עס איז געווען א צייט, פריער טשערנאָביל און ריזשין און שפּעטער טאלנע און סאדיגורע, ווען די דאזיגע הויפן האבן געקוקט איינע אויף די אנדערע מיט קנאה און געוואלט איינע די אנדערע פארטונקלען, איבער־שטייגן. האט רחמנא לצלן געקענט פאסירן דאס, וואס האט פאסירט מיט דער לבנה, אז איינער פון די הויפן זאל פארטונקלט ווערן. די קנאה די קאנקורענציע איז שוין אבער לאנג פארשוואונדן. טאלנע און סאדי־גורע אגערקענען איינער דעם צווייטנס גדלות און ביידע קענען שיינען מיט דער זעלביגער גרויסער ליכט ווי די זון און די לבנה האבן געשיינט אין אנפאנג פון דער יצירה"...

מיט דעם האט דער סאדיגורער איינגאנצן באזייטיגט די אלע מעגלעכע תרעומות, וואס האבן נאך געקענט בלייבן צווישן די צוויי הויפן. דער שלום צווישן די דאזיגע צוויי חסידישע „מלוכות" איז געווארן באפעסטיגט שוין קיינמאל מער ניט געבראכן צו ווערן.

דער שמועס האט זיך דאן ווייטער געצויגן. ר' דוד'ל האט עפּעס געהאט צו זאגן וועגן סאדיגורער חסידים.

„וואויל איז צו אייך, סאדיגורער רבי", האט ער געזאגט, „וואס איר האט חסידים, מיט אזא שטארקע אמונה אין אייך. פארנדיג פון איין גאליצישע שטאט אין דער צווייטער, האב איך געזען אויפן וועג א איד א קאראבעלניק מיט א גרויסן פאק אויף די פּלייצעס. איך האב אויפן אידן רחמנות געהאט און אים אריינגענומען צו זיך אין קארעטע אים אונטערצופירן. דער איד האט זיך אריינגעזעצט אין קארעטע, האט מיר אפגעגעבן שלום און מער א ווארט ניט גערעדט, ווי אים וואלט גארניט אינטערעסירט צו וויסן ווער איך בין.

„דאס האט מיר שטארק פארוואונדערט און איך האב דעם אידן א פרעג געטאן, אויב ער וויל גארניט וויסן ווער איך בין.

„— מסתא א רבי, — האט דער איד קאלט געענטפערט.

„איך האב אים געפרעגט, אויב ער וויל גאר ניט וויסן וועלכער רבי און אויב ער האט ניט עפעס א קשה.

„דער חסיד האט אויף דעם געענטפערט:

„—מיר ארט ניט וואס פאר א רבי איר זייט. פאר מיר איז דא נאר איין רבי: דער סאגידורער. ער איז דער איינציגער צו וועמען איך קום מיט קשות" . . .

און דער טאַלנער האָט פאַרענדיגט מיט די ווערטער:

„אַט מיט אַזוינע חסידים קען מען עפּעס אויפטאָן„...

„אמת, טאַלנער רבי," האָט דער סאַדיגורער געענטפערט. „איך נעם מיך טאַקע שטאַרק איבער מיט מיינע חסידים. איך שעץ מיך גליקלעך. אָבער אויך איר האָט זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן. אָט וועל איך אייך דערציילן פון דעם וואָס איך וויים.

„אַ טאַלנער חסיד, אַ רייכער סוחר, וואָס איז געווען אין גאַליציע פאַר מסחר, איז פון מיינעם אַ חסיד אַרונטערגעבראַכט געוואָרן אַהער אויף שבת. דער סאַדיגורער חסיד האָט אים מיט שטאָלץ געוואָלט ציינן די גרויסקייט פון סאַדיגורער הויף.

„אַזאַ הויף האָסטו גאָר אין דיין חלום ניט געזען, — האָט אים מיין חסיד פאַרזיכערט. — דער טאַלנער הויף געגן סאַדיגורער, איז ווי אַן אָרים פויערשע הייזל געגן אַ פּריצישן פּאַלאַץ, — האָט זיך מיין חסיד געריממט.

„דער סאַדיגורער האָט אים אָנגעהויבן אַרומפירן איבערן הויף.

„האָסטו שוין געזען אַזאַ הויף? — האָט ער אים געפרעגט. — דער טאַלנער חסיד איז ניט נתפעל געוואָרן. ער האָט אַלץ געזוכט אַוועק־צומאַכן מיטן האַנט.

„צו טאַלנע קומט עס ניט, — איז געווען זיין ענטפער. דאָס האָט ער געזאָגט אויף אַלץ וואָס ער האָט געזען.

„ער איז געבראַכט געוואָרן אין גרויסן בית־מדרש.

„דאָס איז אַן אמת'ער בית־המקדש, — האָט דער סאַדיגורער געזאָגט מיט שטאָלץ.

„עט, — האָט דער טאַלנער געענטפערט, — צום טאַלנער בית-מדרש קומט עס ניט.

„ער האָט אים אָנגעצייגט אויף דער גרויסער עדה חסידים, וואָס האָבן מיט גרויס כונה מתפלל געווען.

„צום דאַווענען פון טאַלנער חסידים, דערהויפּט אין בית־מדרש פון מיין רבי'ן, קומט עס ניט, — איז געווען זיין ענטפער.

„דאָס איז אויך געווען זיין ענטפער, ווען דער סאַדיגורער האָט אים געבראַכט צו מיין טיש, שבת-צו-נאַכט, און דאַן צו שלש סעודות.

„האָסטו שוין געזען אַזאַ טיש, אַזאַ דבקות און התרוממות, און דער עיקר — אַזאַ רבי'ן?

„לגבי טאַלנע הויבט עס זיך גאָר ניט אָן, — איז דער טאַלנער חסיד באַשטאַנען.

„דער סאדיגורער האט דעם טאלנער חסיד געבראכט צו מיר און איך האב מיט אים גערעדט עטלעכע ווערטער, פריינטלעכע און הארציגע ווערטער.

„אבער ווען דער סאדיגורער חסיד האט אים געפרעגט, וואס זיין מיינונג איז וועגן מיר, האט ער א מאך געטאן מיטן האנט און דערקלערט, אז צום טאלנער רבי'ן קום איך ניט...

„דער סאדיגורער חסיד האט עס שוין מער ניט געקענט אויסהאלטן. ער איז געווארן אנגע'ברוגז'ט.

„ווילסטו דען וואגן צו פארגלייכן דעם פראכט און גלאנץ פון סאדי־גורער הויף צום טאלנער הויף?

„דער טאלנער איז אבער געבליבן ביי דאס זייניגע.

„דער סאדיגורער חסיד איז שפעטער געקומען צו מיר אן אנגע־צונדענער.

„געזען אזא חוצפה פון א טאלנער חסיד! — האט ער זיך געהיצט. — האלט אין איין טענה'ן, אז צו טאלנע קומט עס ניט, און גיי מאך מיט אים!

„איך האב מיין חסיד בארואיגט.

„האסט גאר ניט וואס צו זיין ברוגז, — האב איך אים געזאגט. — דער טאלנער חסיד איז באמת ערלעך און אויפריכטיג ווען ער זאגט, אז צו טאלנע קומט עס ניט. פאר אים קען קיין זאך ניט פארגליכן ווערן צו טאלנע. אין זיינע אויגן איז טאלנע אומאיבערטרעפלעך. דאס איז די אמת'ע הויכע מדרגה פון חסידות, די אמונה אין צדיק. . . .

„דער חסיד זעט אלץ מיט אנדערע אויגן. וואס גרעסער זיין אמונה אין צדיק, אלץ מער איז ער באהעפט צו אים. אויסער זיין רבי עקזיסטירט פאר אים גאר ניט. דאס האט געצייגט דער טאלנער חסיד, און איך בין אייך, טאלנער רבי, פשוט מקנא וואס איר האט אזוינע חסידים" . . .

כט.

„פ י ט ש אַ“

דער טאַלנער פירט דעם טיש אין סאַדיגורער הויף. — אַ מעשה מיט „פיטשאַ“. — תורה מיט אַ רמז. — דאָס געזעגענען זיך.

דער שבת, וואָס דער טאַלנער האָט פאַרבראַכט אין סאַדיגורער הויף, איז לאַנג פאַרבליבן אין זכרון פון די חסידים וואָס זיינען זיך דאָרט צונויפ־געקומען פון אַלע עקן גאַליציע.

אָבער נאָר ניט חסידים אַליין זיינען געווען אין גרויס התפעלות. אויך דער סאַדיגורער רבי האָט געצייגט גרויס באַגייסטערונג. ער האָט ממש געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון טאַלנער'ס מויל. ער האָט אין טאַלנער'ס ווערטער ניט בלויז געזען גרויס חכמה, נאָר אויך רמזים, אַפילו דעמאָלט ווען דער טאַלנער האָט גערעדט דאָס וואָס האָט פאַר אַנדערע אויסגעזען צו זיין ניט מער ווי דברים פשוטים.

וועגן די גרויסע הכנות אין סאַדיגורער הויף פאַר יענעם שבת, דער־ציילן חסידים, אַז דער סאַדיגורער האָט אָנגעזאָגט, אַז לכבוד דעם גרויסן גאַסט זאָל שבת געפּראַוועט ווערן לויט דער הנהגה פון טאַלנער הויף. דאָס האָט אַזוי געזאָלט זיין בנוגע דער אַלגעמיינער הנהגה און אויך בנוגע די מאכלים.

האָט מען געקאָכט פיש לויט'ן שטייגער פון טאַלנער הויף, וואָס איז געווען כדרך טשערנאָבּיל — שטאַרק געפעפערט. מען האָט אויך געקאָכט דעם יויך און אַלע אַנדערע שבת'דיגע פּאַטראַוועס כמנהג טאַלנע.

דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען קלייניגקייטן לגבי די „פיטשאַ“ וואָס חסידים און אַפילו מתנגדים עסן צו שלש סעודות. די „פיטשאַ“ איז געווען ווי אין טאַלנע, און דאָס האָט געמיינט אַ גאָר גרויסע אָפּווענדונג פון סאַדיגורער מנהגים. וואָרים אין טאַלנע האָט מען „פיטשאַ“ געמאַכט פון „רגל בהמה“, פון די „פוסנאָגעס“ פון קי און אָקסן. אין סאַדיגורע האָט מען זיך אָבער נוהג געווען צו מאַכן „פיטשאַ“ פון די פיסלעך פון עופות. די דאָזיגע מנהגים זיינען פאַר די צוויי הויפן געקומען בירושה, און זיי האָבן זיך פעסט געהאַלטן ביי זייערע טראַדיציעס.

טאַלנער און סאַדיגורער חסידים פלעגן גאַנץ אָפט אַריינגיין אין גאָר היציגע ויכוחים וועגן דעם, וועמענס „פיטשאַ“ עס איז בעסער. יעדער האָט זיך געהאַלטן ביים דרך פון זיין רבי'ן בנוגע „פיטשאַ“, ווי בנוגע אַלע אַנדערע זאַכן אין וועלכע די צוויי הויפן האָבן זיך אונטערשיידט.

„אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ חסידות איז עס, אַז מען עסט ביי אייך פיטשאַ פון בהמות“, פלעגט דער סאַדיגורער חסיד זאָגן מיט ביטול, ווי עס וואָלט וועגן אַזוינע חסידים ווי די טאַלנער זיך ניט געלוינט איינ־גאַנצן צו ריידן.

„דו ביזט אַליין אַ בהמה,“ פלעגט דער טאַלנער חסיד אויפגעבראַכט ווערן, „ווען דו פאַרשטייסט ניט, אַז אמת'ע פיטשאַ קען נאָר זיין פון רגל־בהמה. ווי דען זשע מאַכן פיטשאַ, ווי ביי דיין רבי'ן, פון עופות? דאָס איך דאָך ניט געהערט געוואָרן! ס'איז פשוט אין די הויפנס צו לאַכן!“...

און דער טאַלנער חסיד פלעגט זיך דערביי פאַנאַנדערלאַכן, ווי דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער חוזק...

חסידים האָבן אפילו אין דעם געזען גרויסע סודות... שוין־זשע איז עס אומזיסט, וואָס דאָ האַלט מען זיך ביי „רגל בהמה“ און דאָ דוקא ביי „רגל עופות“?... געווים ליגט אין דעם עפּעס אַ טיפער סוד, וואָס איז איבער דער השגה פון דורכשניטלעכן חסיד...

איז עס דערפאַר געווען אַ גאָר וויכטיגע הנחה מצד דעם סאַדיגורער, ווען ער האָט לכבוד ר' דוד'לען געהייסן מאַכן „פיטשאַ“ פון „רגל בהמה“.

האָט מען אין שלאַכט־הויז פון סאַדיגורער הויף געלאָזט קוילען אַן אָקס ספּעציעל פאַר „פיטשאַ“. האָט אָבער דער אָקס געהאַט אַ סרחא און דער פּסק איז געווען, טריף. האָט מען געשאָכטן אַ צווייטן אָקס און אויך דער צווייטער איז טריף געוואָרן.

האָט מען געקוילעט אַ דריטן און ווידער טריף. האָט דער הויף־שוחט פאַרקאַטשעט די אַרבל און געשאָכטן אַ פערטן, אָבער ווידער אַמאָל טריף. האָט מען גענומען אַ פינפטן, און אַלץ טריף.

איז די מעשה געוואָרן ניט גלאַטיג. מען האָט דאָך שוין געזען, אַז דאָס איז דעם שטנ'ס אַ שטיקל אַרבעט... אָבער מען האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט. אין סאַדיגורער הויפ'ס שטאַלן זיינען געווען גענוג אָקסן גרייט פאַר דער שחיטה.

האָט מען געבראַכט אַ זעקסטן, אָבער ווידער טריף. איז געוואָרן ענג אין מח. וואָס זאָל עס באַדייטן? איז מען געגאַנגען ווייטער. מען האָט געשאָכטן אַ זיבעטן און אַן אַכטן, אַ ניינטן און אַ צענטן, און אַלץ טריף.

מען האט שוין געהאלטן ביים אכצענטן, ביי וועלכן מען האט גע-האפט אז מען וועט האבן מער מזל. איז דאך עפעס „ח'י" אלע מאל א סגולה. אבער אויך דער אכצענטער איז געווארן טריף.

וואס וועט דא זיין? האט מען זיך אנגעהויבן פרעגן. האט דער שטן זיך געשטעלט אין וועג און וויל, רחמנא לצלן, ניט דערלאזן, אז דער סאדיגורער זאל אנטאן דעם געהעריגן כבוד זיין גרויסן גאסט, אדער מיינט עס גאר, אז סאדיגורע טאר פשוט ניט ברעכן אן אלטן מנהג און מאכן „פיטשא" פון עפעס אנדערש ווי פון עופות?

איז מען געלאפן צום רבי'ן אליין. עס איז דאך ניט קיין קלייניקייט צו האבן אוועקגעלייגט אכצען אקסן און אלע זאלן טריף ווערן!

אויסגעהערט וואס עס האט פאסירט, האט דער סאדאגורער פאר-קנייטשט דעם שטערן.

„דער בעל דבר וועט ביי מיר ניט אויספירן", האט דער רבי ענדלעך געזאגט. „שעכט וויפיל אקסן עס געפינען זיך אין די שטאלן, און ווען אלע וועלן טריף ווערן גייט קריגט אנדערע. דער טאלנער רבי מוז צופרידנ-געשטעלט ווערן"...

געהערט אזוינע דיבורים, האט מען זיך ווידער גענומען שעכטן אקסן. מען האט געשאכטן איינס נאכן אנדערן און איינס נאכן אנדערן זיינען זיי געווארן טריף.

מען האט שוין געהאלטן ביים ניין-און-צוואנציגסטן אקס. בלויז נאך איין אקס איז פארבליבן אין דעם רבי'נס שטאל. אבער אויך דער ניין-און-צוואנציגסטער איז טריף געווארן.

מיט פלאטערדיגע הערצער האט מען געבראכט דעם דרייסיגסטן, — דער לעצטער אקס אין שטאל. דער שוחט האט מער ווי פריער זיך גע-צאצקעט מיטן חלף, האט געשעפטשעט א תפילה. זאל כאטש דער לעצטער אקס ניט טריף ווערן. ער האט אבער דעם אקס אנגעהויבן בודק זיין, אריינגערוקט די האנט אין די געדערים און — ווידער א סרחא, און אזא סרחא, וועגן וועלכער עס האט גאר קיין שאלה ניט געקענט זיין. עס איז געווען טריף לכל הדעות...

וואס וועט איצט זיין? מען האט שוין אבער געהאט דעם סאדי-גורער'ס אנזאג, אז מען זאל דעם „בעל דבר" ניט נאכגעבן. האט מען זיך ארויסגעלאזט צו די שטאטישע קצבים און צו די הענדלער מיט בהמות און מען האט אנגעהויבן ברענגען נייע אקסן.

וועט מען אבער אזוי כסדר האלטן אין שעכטן אקסן ביז ליכט-בענטשן? ווער וועט דא פארלירן, דער סאדיגורער אדער דער „בעל דבר"?

אין הויף איז מען געוואָרן געשפּאַנט. אַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרקליבן אין און אַרום שלאַכט־הויז און זיך צוגעקוקט מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס. אַזוינס האָט נאָך ניט פּאַסירט!

מען האָט געבראַכט דעם איין־און־דרייסיגסטן אָקס צו דער שחיטה. דער שוחט האָט זיין אַרבעט אָפּגעטאָן. עס איז געקומען צו דער בדיקה. דער שוחט שטעקט אַריין די האַנט אין דער אויפגעשניטענער ברוסט. ער פאַרקנייטשט דעם שטערן און דער עולם אַרום קוקט אויף אים און וואַרט ווי אויף עפּעס פון דער גרעסטער וויכטיגקייט.

אויפן שוחט'ס פּנים באַווייזט זיך אַ שמייכל. דעם עולם ווערט לייכטער אויפן הארצן. מען כאַפּט אָפּ דעם אָטעם. דער שוחט ציט אַרויס די האַנט און רופט אויס אַ פריילעכער:

„מזל טוב, אידן, כשר!"...

און דער עולם אַרום ענטפערט מיט אַ פריילעכן „מזל טוב".

דער סאַדיגורער האָט מנצח געווען...

און ווען די פריילעכע בשורה ווערט געבראַכט צום סאַדיגורער, גיט ער אַ זאָג פאַרטראַכט:

„איך האָב געזאָגט, אַז ער וועט ביי מיר ניט אויספירן... איין־און־דרייסיג איז ל—א און ל—א איז „לא" — ניט. דער בעל דבר האָט ביי מיר ניט אויסגעפירט!"...

דעם סאַדיגורער'ס ווילן איז געשען. דער טאַלנער האָט געהאַט אַלץ ווי ביי זיך אין הויף, אפילו זיין אייגענע „פּיטשאַ"...

דער טיש פון די אַלע דריי מאָלצייטן האָט יענעם שבת געפירט דער טאַלנער. דער סאַדיגורער האָט אים זיין פּלאַץ אָפּגעטראָטן.

פרייטאָג־צו־נאַכט האָט דער טאַלנער דערציילט אַזאַ מעשה'לע:

„איך האָב געהאַט אַן אָנטרייבער, איז ער געווען אַ גרויסער גנב. בין איך אַמאָל געווען מיט אים אונטערוועגנס. האָט ער מיר פאַרפירט ערגעץ אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג, האָט אַוועקגענומען מיינע אייגענע פערד, מיר איינגעשפּאַנט גע'גנב'עטע פערד און איז נעלם געוואָרן. איך האָב געמוזט צוריקקערן די גע'גנב'עטע פערד, וואָס האָט מיר נאָך געקאָסט צייט און מי, און אַליין געמוזט זוכן דעם ריכטיגן וועג ביז איך האָב דער־גרייכט דאָס פּלאַץ וואו איך האָב געדאַרפט."

און מיט אַ טיפן זיפץ, וואָס האָט אויך געבראַכט טרערן אין זיינע אויגן, האָט דער טאַלנער פאַרענדיגט מיט די ווערטער:

„יאָ, רבותים, מען מוז זיין זייער געהיט מיט אַן אָנטרייבער"...

די ריזיגע עדה חסידים, וואָס איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ, מיט

אָנגעשטריינגטע אויערן אויפצוכאַפּן יעדעס וואָרט וואָס קומט אַרויס פון טאַלנער׳ס מויל, איז געווען נשתומם.

עפּעס האָט גאָר דער טאַלנער גערעדט אַזוינע פּשוט׳ע ווערטער; דער־ציילט אַ געוויינלעכע מעשה׳לע פון אַן אומערלעכן אַנטרייבער. דער עולם האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. האָט דער טאַלנער גאָר ניט קיין תורה צו זאָגן?

די בליקן פון די חסידים זיינען געפאַלן אויף זייער אייגענעם רבי׳ן, דעם סאַדיגורער. וואָס פאַר אַן איינדרוק האָבן דעם טאַלנער׳ס ווערטער אויף אים געמאַכט?

דער סאַדיגורער איז געווען פאַר׳דבקה׳ט. זיינע אויגן האָבן געברענט. דעם טאַלנער׳ס ווערטער האָבן אים אַריינגעבראַכט אין גרויס התלהבות. דער עולם האָט שוין געקענט זען, אַז דאָס זיינען געווען ניט קיין פּשוט׳ע ווערטער.

און ווי דער סאַדיגורער וואָלט געוואָלט געבן אַ פּירוש אויף דעם טאַלנער׳ס ווערטער, האָט ער באַלד אונטערגעכאַפּט מיט אַ וויינענדיגן טאָן.

„יאָ, דאָס וויכטיגסטע איז צו האָבן אַן ערלעכן אַנטרייבער, אַ ריכ־טיגן וועג־ווייזער אין לעבן. מען מוז תמיד נאָכגיין דעם יצר־טוב און קיינמאָל זיך ניט לאָזן פירן פון יצר־הרע, רחמנא לצלן. ווען דאָס פּאַסירט, חס וחלילה, ווערט מען איבערגעלאָזט שטעקן אין אַ בלאָטע. מען בלייבט זיצן אויף אַ פור געשפּאַנט צו פרעמדע, גע׳גנב׳עטע פערד... דער יצר־הרע, וואָס רעדט צו אייך אַזוי זיס און פאַרזיכערט אייך, אַז ער וועט תמיד זיין ביי אייער זייט, פאַרלאָזט אייך אין מיטן וועג...

„וואויל איז נאָר צו דעם וואָס, ווען מיט אים פּאַסירט אַזאַ זאַך, האָט ער דעם כח צו פאַרריכטן זיינע פעלערן, צו טאָן תשובה ווי עס באַדאַרף צו זיין... מען דאַרף דעמאָלט טאָן וואָס דער טאַלנער רבי האָט אונז געזאָגט, — זיך נעמען די מי, ווי שווער דאָס זאָל ניט זיין, גוט צו מאַכן אַלע פעלערן, אַוועקגעבן די גזלה אויב מ׳האָט אימיצן באַ׳גזל׳ט, אָפּווישן די טרערן פון די אלמנות און יתומים, וועמען מען האָט באַ־עוול׳ט, און מער זיך ניט לאָזן פירן פון יצר־הרע“...

פון סאַדיגורער׳ס אויגן האָט אָנגעהויבן טריפן טרערן — אַ סימן אויף הרהור תשובה — תשובה ניט בלויז פאַר זיך, נאָר פאַר אַלע חסידים און פאַר כל ישראל...

אויף אים קוקנדיג האָט אויך די עדה חסידים אָנגעהויבן וויינען און געהאַט הרהור תשובה.

שפעטער האט דער סאדיגורער, שמועסנדיג מיט זיינע זין און איידעמס וועגן דעם טאלנער, געזאגט מיט גרויס התלהבות:

„א גאלדענע צונג האט דער טאלנער. האט איר שוין געזען, אז מיט א פשוט'ער מעשה'לע זאל מען קענען אזוי פיל זאגן? אז אין אזוינע פשוט'ע ווערטער זאל זיין אזא טיפקייט?"

צו שלש סעודות האט דער טאלנער שוין געזאגט תורה, ווי ער איז עס געווען געוואוינט צו טאן ביי זיך אין דער היים, מיטן גאנצן פייער און מיט דער גאנצער טיפקייט.

ווי תמיד האט דער עולם ניט אין גאנצן משיג געווען דעם טאלנער'ס תורה, אבער עס איז געווען די פארם, ווי ער האט די תורה געזאגט, וואס האט דעם עולם שטארק צעגומען.

ביי איין שטעלע האט דער עולם געפילט, אז ער פארנעמט דעם פולן באדייט פון דעם טאלנער'ס ווערטער.

דאס איז געווען דעמאלט, ווען ער האט גערעדט וועגן דער וויכטיגקייט איבערצולאזן א זון, א ממלא מקום...

דער עולם האט געפילט, אז דאס רעדט דער טאלנער וועגן זיין גרויסן אומגליק, וואס ער האט פארלארן זיין בן יחיד, ר' מאטעלע...

די וואונד איז נאך געווען פריש. קיינער האט נאך ניט געהאט פאר־געסן דאס הסתלקות פון ר' דוד'לס בן יחיד.

האט דער עולם ארויסגעלאזט א טיפן קרעכץ און א סך טרערן זיינען פארגאסן געווארן. עס איז געווען א בראך וואס האט גערירט יעדע חסידישע הארץ, אפילו פון די וואס האבן געהערט צו אנדערע רביים.

מער ווי אלע אנדערע איז אבער געווען גערירט דער סאדיגורער אליין. ער האט ארונטערגעבויגן דעם קאפ און שטראמען טרערן האבן זיך געגאסן פון זיינע אויגן.

האט דער עולם געמיינט, אז דאס איז בלויז אויפן טאלנער'ס אומ־גליק. דאס איז אויך געווען די דערקלערונג וואס מען האט געגעבן פאר דעם, וואס דער סאדיגורער האט זיך שטארק נאכגעפרעגט וועגן די פרטים פון דעם טאלנער בן יחיד'ס טויט.

דער סאדיגורער האט וועגן דעם ניט בלויז גערעדט מיטן טאלנער אליין, נאר אויך מיט דעם טאלנער'ס גבאים און מקורבים.

ערשט אין דריי יאר ארום, ווען דעם סאדיגורער האט געטראפן אן ענלעכער אומגליק און ער האט פארלארן זיין ממלא מקום, איז חסידים קלאר געווארן פארוואס ער האט אזוי געוויינט און האט זיך אזוי שטארק אינטערעסירט מיטן טאלנער'ס אומגליק... ער האט שוין געוואוסט, וואס

אים דערוואַרט...

פאַרן אוועקפאָרן האָבן זיך די צוויי רביים איינגעשלאָסן אין אַ חדר מיוחד און געהאַט אַ לאַנגן שמועס צווישן זיך. קיינער איז אין חדר ניט אַריינגעלאָזט געוואָרן, אַפילו ניט דעם סאַדיגורער׳ס קינדער.

ווען די טיר האָט זיך געעפנט און די צוויי רביים זיינען אַרויסגעקומען, זיינען זייערע פנים׳ער געווען צעפלאַמט. ביידע האָבן קוים געקענט שטיין אויף די פיס, ווי זיי וואָלטן געהאַט צוזאַמען מיחד געווען יחודים און פאַרמאָסטן זיך צו טאָן גרויסע זאַכן...

דער סאַדיגורער האָט דעם טאַלנער באַגלייט צו זיין קאַרעטע.

שפּעטער, ווען דער טאַלנער איז שוין געווען אַוועקגעפאָרן און די קינדער האָבן דעם סאַדיגורער געפרעגט וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן „אַלטן“, ווי זיי האָבן גערופן דעם טאַלנער, האָט דער סאַדיגורער אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט און געזאָגט:

„וואָס פרעגט איר אויף אַ צדיק וואָס איז שוין מיט לאַנגע יאָר צוריק געשטאַנען מיט די פאַנטאָפל אויפן הימל!“...

ל

גאָלד און בלאָטע

ר׳ דוד׳ל דערציילט אַ מעשה׳לע פון ריזשינער. — אַ משל מיט אַ נמשל. — טאַטע און זון.

ווען דער טאַלנער איז אוועקגעפאָרן פון סאַדיגורע, זיינען חסידים, ספּעציעל סאַדיגורער חסידים, געווען נייגעריג צו הערן זיין מיינונג וועגן סאַדיגורער הויף בכלל און וועגן דעם סאַדיגורער רבי׳ן בפרט.

פון אָנפאַנג האָט דער טאַלנער ניט געוואָלט ריידן. אָבער אַז חסידים זיינען פון אים ניט אָפּגעטראָטן, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אויף אַזאַ אופן:

„סאַדיגורע איז אַ צירונג פאַר דער חסידישער וועלט. וואָס איז שייך דעם סאַדיגורער רבי׳ן, קען איך עדות זאָגן, אַז אויב ביי זיין הייליגן טאַטן איז בלאָטע געווען גאָלד איז ביי אים גאָלד בלאָטע"...

זיינע ווערטער זיינען געווען אומפאַרשטענדלעך פאַר די חסידים, און דער עולם האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

האָט מען ווידער אָנגעהויבן שטעלן דעם טאַלנער פראַגן. האָט דער טאַלנער פאַרקנייטשט זיין הויכן שטערן, זיך פאַרטראַכט, און דאַן אָנגעפאַנגען:

„איך וועל אייך פאַרציילן אַ מעשה׳לע — אַ מעשה׳לע וואָס דער ריזשינער האָט אַמאָל פאַרציילט, און פאַרציילט האָט דער ריזשינער די מעשה׳לע ביי אַזאַ שעת הכושר:

„דער ריזשינער איז געווען אונטערוועגנס, געפאָרן ערגעץ אויף אַ ווייטער נסיעה.

„האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אַ שטעטל און פאַרפאָרן צו זיינעם אַ חסיד, אַ איד אַ נגיד, וואָס האָט געהאַט אַ שיין און רייך הויז, ממש מעשה פּריץ.

„האָט דער חסיד אויפגענומען דעם צדיק מיט גרויס כבוד, אים אָפּ־געגעבן דעם שענסטן חדר און אָנגעשטעלט דינער אים צו באַדינען, געלאָזט

מאכן די בעסטע מאַלצייטן און אויף אַלע אַנדערע אופנים אים צוגעטיילט גרויס כבוד.

„איז דעם חסיד'ס הויז באַלד פול געוואָרן מיט הונדערטע חסידים פון שטעטל און פון אַרום שטעטל, ווי דאָס איז תמיד געווען דער פאַל ווען דער ריזשינער האָט זיך ערגעץ געצייגט. חסידים פול אין אַלע חדרים — אַן אמת'ער יאַריד.

„דאָס גבירישע הויז, וואָס איז תמיד געווען ווי געהעריג צוגעקליבן, מיט געוועקסטע דילן און מיט טעפּיכער אויף די דילן, איז באַלד געוואָרן ווי אַ שענק. דער עולם האָט אָנגעטראָגן בלאָטע אויף די דילן און די טעפּיכער. מען האָט געטראָטן אויף האַלב־אָפּגערויכערטע פּאַפּיראָסלעך.

„אַז דער גביר האָט עס דערזען, איז ער געוואָרן אש להבה. ער האָט ליב געהאַט ריינקייט און זויבערקייט. ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן קיין בלאָטע. עס איז שיר ניט געוואָרן קיין תל פון זיין הויז.

„האָט ער זיך אָנגעהויבן בייזערן אויפן עולם, דערהויפּט אויף די אָרימע חסידים, וואָס זיינען געקומען מיט זייערע פאַרבלאָטיגטע שטיוול און האָבן ווייניג געוואוסט ווי זיך צו האַלטן אין אַזאַ גבירישע הויז, און טאַקע זיך אויך ניט געקימערט. ער האָט זיי ממש אָנגעהויבן טרייבן פון הויז.

„דאָס האָט זיך דערטראָגן צום ריזשינער, און דעם צדיק האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן.

„האָט ער געלאָזט רופן דעם בעל הבית צו זיך און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

„איך וועל דיר דערציילן אַ מעשה'לע, וואָס האָט זיך אַמאָל פאַר־לאָפן:

„ערגעץ אין אַ דאָרף האָט געלעבט אַ איד, אַ גרויסער אָרימאַן, לא עליכם. ער האָט געטאָן כל עבודת פרך צו פאַרדינען כאָטש אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט פאַר ווייב און קינדער.

„אָבער אַ גאַנץ יאָר ווי אַ גאַנץ יאָר. געקומען ערב פסח, האָט ער מיט אַלע זיינע אָנשטריינגונגען ניט פאַרדינט גענוג אויף מצות און אַנדערע זאַכן וואָס מען דאַרף האָבן פאַרן יום־טוב.

„איז דער איד אַוועקגעפאָרן אין אַ דערבייאיג שטעטל, וואו עס איז געווען אַ אידישער ישוב, מיט דער האָפנונג, אַז ער וועט דאָרט האָבן הצלחה און פאַרדינען אויף פסח. וואָרים צו מענטשן האָט ער ניט גע־וואָלט אָנקומען. געהאַלטן פון דעם בזיעת אפיך תאכל לחם.

„און אין שטעטל האָט ער טאַקע געהאַט מער הצלחה. דער אייבערש־

טער האָט געהאָלפן און ער האָט פאַרדינט עטלעכע קערבלעך.

„איז דער איד געווען מלא שמחה און ער איז באַלד געלאָפן און גע־קויפט מעל און געלאָזט באַקן מצה.

„ער האָט אויך איינגעקויפט אַלע אַנדערע זאַכן וואָס מען דאַרף אויף פסח און האָט זיך, מיט אַ פריילעכן הארצן, געלאָזט צוריק אַהיים, צו ווייב און קינדער, וואָס האָבן שוין אויף אים אַרויסגעקוקט מיט נייגעריג־קייט.

„עס איז שוין געווען סאַמע ערב פסח. דער איד האָט ניט געוואָלט פאַרלירן קיין צייט, איז ער אַרויסגעפאָרן אין דער נאַכט פון בדיקת חמץ, ווען אין דרויסן האָט גערעגנט און דער וועג איז געווען בלאָטיג.

„זיין פערד איז געווען אַלט און אויסגעמאַטערט. זיין וועגל קליין און די רעדער ניט געשמירט.

„עס איז געווען חושך, זיך ממש אַן אויג אַרויסצונעמען. דער וועג איז געווען שווער, בלאָטע און לוזשעס. דאָס אַלט און שוואַך פערדל האָט זיך קוים געשלעפּט. דער שמייסענדיגער רעגן האָט אים דורכגענעצט ביזן לייב. די קעלט האָט דורכגענומען ביזן ביין. עס האָט אים אָנגעהויבן קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן.

„אָבער דער געדאַנק, אַז ער איז דאָך באַזאָרגט מיטן פסח, האָט אים געמוטיגט און געוואַרימט, און, פאַרגעסנדיג אַלץ אַרום זיך, האָט ער נאָך אונטערגעזונגען אַ פריילעכן ניגונ׳דל.

„די בלאָטעס זיינען אָבער געוואָרן טיפער, די פינסטערניש געדיכטער. די רעדער האָבן זיך אַלע ווייל־ע אָנגעהויבן פאַרהאַקן. דאָס קוים זשיפּענדיג פערדל האָט זיך אַלע ווייל־ע געמוזט אָפּשטעלן צו כאַפּן אָטעם.

באַלד זיינען דעם פערדל אויסגעגאַנגען די לעצטע כחות. די רעדער האָבן זיך אַריינגעזעצט אין בלאָטע, און זיך מער ניט גערירט פון אָרט.

„דער איד האָט דאָס פערדל אָנגעהויבן שמייסן און טרייבן. עס האָט ניט געהאָלפן. דאָס פערדל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. איז דער איד אַרויסגעקראָכן פון וואָגן און אַליין אָנגעהויבן שלעפּן דעם וואָגן פון בלאָטע. אָבער עס איז ניט געווען פאַר זיינע כחות.

„איז דעם איד געוואָרן ענג אין מח. מען קען אַזוי בלייבן פאַרהאַקט אין בלאָטע ביז צום סדר. די נאַכט איז געווען אַ מורא׳דיגע, ממש סכנות נפשות. וואָס האָט אים נאָך מער באַקימערט איז געווען די מורא, אַז דער רעגן וועט דורכנעצן די מצות און וועט קאַליע מאַכן די אַנדערע פסח׳דיגע מאכלים וואָס ער האָט געפירט.

„האָט דער איד זיך איינגעוויקלט אין זיין אָרים, פאַרלאַטעט קאַפּאָטע

און זיך פאנאנדערגעווײנט. קוים זיך באזארגט מיטן פסח, און צום סוף קען נאך אלץ גיין לאיבוד!...

„איז דערווייל אנגעפארן א רייכער איד, מיט א פאר פייערדיגע סוסים — א איד א סוחר, וואס איז געפארן אהיים פון מסחר. געפארן איז ער מיט א משרת און מיט א קוטשער. פאר זיינע סוסים איז די בלאטע קיין אפהאלט ניט געווען.

„האט דער גביר אין דער פינסטערניש דערהערט דאס געוויין און ער האט געשיקט זיין משרת אויסצוגעפינען וואס עס האט פאסירט.

„אויסגעפונען וואס עס איז געשען, האט ער גלייך געלאזט צובינדן דעם ארימאנ'ס וועגעלע צו זיין וואגן און זיינע סוסים האבן לייכט דעם וועגל ארויסגעשלעפט פון בלאטע.

„דער גביר האט דעם ארימאן שוין ניט אפגעלאזט ביז ער האט אים געבראכט אהיים, און דארט, ווען ער האט דערזען די ארימקייט אין הויז, אים נאך איבערגעלאזט א שיינע נדבה אזוי, אז דער ארימאן האט ניט נאר געהאט גענוג צו פראווען פסח בהרחבה, נאר האט אויך געהאט גענוג צו באקליידן זיינע קינדער, זיין ווייב און זיך אליין. עס איז אים נאך עפעס איבערגעבליבן פאנאנדערצונעמען די הענט נאך פסח.

„דער גביר איז אין א קורצער צייט ארום, לא עליכם, נפטר געווארן.

„געקומען אויפן עולם האמת, האט מען גענומען וועגן זיינע מעשים. האבן זיך אנגעהויבן אנלויפן מלאכי חבלה פון אלע זייטן און האבן דער־ציילט פו די שרעקלעכע זאכן וואס דער דאזיגער גביר האט אפגעטאן אויפן עולם התחתון.

„פלעגט ניט דאוונען בציבור און אפטמאל אין גאנצן פארפעלט דאוונען. האט זיך ניט געוואשן צום עסן און פארגעסן בענטשן נאכן עסן. און מיט די אכילות אליין אויך ניט געווען שטארק אפגעהיט. גאר ניט זעלטן ארייגעכאפט ניט קיין כשר'ן ביסן.

„אין משא ומתן אודאי ניט געווען שטארק אפגעהיט. דעם אפ־גענארט, יענעם גלאט אפגעטאן א שפיצל. הכלל, ס'זיינען אויף אים געווען גענוג חטאים, און אז מען האט די חטאים געלייגט אויף איין וואגשאל און די מעשים טובים אויפן צווייטן, האבן די חטאים שטארק ארונטער־געוואויגן. איז געווען קלאר, אז דער גביר מוז, רחמנא לצלן, באלד געשיקט ווערן אין גיהנום אריין.

„האט זיך אבער באלד אפגעזוכט א יונג מלאכ'ל, וואס האט פרובירט זיין א מליץ יושר פארן גביר.

„ער האט דערציילט, וואס דער גביר האט געטאן אין יענער פינסטערער

נאכט ווען ער האט געהאלפן דעם אָרימאַן, וועמעס וועגעלע איז געווען אַריינגעזעצט אין בלאָטע.

„געהערט אַזאַ געשיכטע, האָט מען גלייך גענומען דעם מלאכ׳ל און אים אַרויפגעלייגט אויפן שאָל פון די מעשים טובים, אָבער זיין געוויכט איז געווען אַזוי לייכט, אַז ער האָט די חטאים ניט אַרונטערגעוואויגן...

„האָט מען געלאָזט ברענגען דעם אָרימאַנ׳ס פערדל און זיין וועגעלע און טאַקע דעם אָרימאַן אַליין אויך, און מען האָט זיי אַרויפגעלייגט אויפן וואָגשאָל. אָבער אויך מיט זיי האָט דאָס געוויכט נאָך ניט אַרונטער־געוואויגן אויפן זייט פון די מעשים טובים.

„איז געבליבן מען זאָל אויך ברענגען דעם גביר׳ס וואָגן, זיינע צוויי סוסים און זיין משרת און קוטשער, וואָס האָבן אַלע מיטגעהאָלפן אין דער מצוה. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. די חטאים האָבן נאָך אַלץ אַרונטער־געצויגן די וואָגשאָל.

„וואָס טוט מען? אַ איד וואָס האָט געטאָן אַזאַ מצוה קען מען ניט שיקן אין גיהנום אַריין. מען מוז געפינען אַן אויסוועג.

„האָט מען געלאָזט ברענגען די בלאָטע אין וועלכער דעם אָרימאַנ׳ס וואָגן איז געווען אַריינגעזעצט, און עס געלייגט אויפן וואָגשאָל. און וואָס מיינט איר איז געשען? די וואָגשאָל האָט ענדלעך אַריבערגעוואויגן אויפן זייט פון די מעשים טובים...

„דער גביר איז געראַטעוועט געוואָרן פון גיהנום. מען האָט אים געשיקט אין גן עדן אַריין. די בלאָטע האָט אים געראַטעוועט...

„היינט זעט איר שוין, — האָט דער ריזשינער געזאָגט צום בעל הבית, — ווי טייער עס איז אידישע בלאָטע! ס׳איז טייערער פון גאָלד...

„דער גביר האָט זיך פאַרשעמט און האָט דעם ריזשינער געבעטן מחילה, צוזאָגנדיג אַז ער וועט שוין מער קיין וואָרט ניט זאָגן, זאָלן אַפילו חסידים אַנטראָגן אין הויז גאָר די בלאָטע פון שטעטל.

„און איצט, אַז איך האָב אייך פאַרציילט די מעשה׳לע פון ריזשינער", האָט ר׳ דוד׳ל פאַרענדיגט, „וועט איר שוין אויך פאַרשטיין וואָס איך האָב אייך געזאָגט וועגן ריזשינער און זיין זון, ר׳ אברהם יעקב׳ן.

„ביים ריזשינער איז אידישע בלאָטע געווען גאָלד. ביי זיין זון, איז אָבער גאָלד בלאָטע... די עשירות פון זיין הויף, דאָס גאָלד וואָס זיינע חסידים ברענגען אים, האָבן זיין צדקות ניט אָנגערירט אויף דאָס מינדעסטע"...

לא

עולם הבא

דער סאַדיגורער דערציילט מעשה׳לעך פון ר׳ נחום טשערנאָבילער און פון טאַלנער, אַלס ענטפער צו ר׳ דוד׳לען.

די מעשה׳לע וואָס דער טאַלנער האָט דערציילט פון ריזשינער, צו־זאַמען מיט די שבחים וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן אויפן סאַדיגורער רבי׳ן, זיינען שפּעטער פון די סאַדיגורער חסידים איבערדערציילט געוואָרן פאַר זייער רבי׳ן.

דער סאַדיגורער האָט זיי אויסגעהערט מיט אַ שמייכל, קענטיק אַז אים האָט הנאה געטאָן וואָס דער טאַלנער האָט אַזאַ גוטע מיינונג פון אים.

„דער אַלטער", האָט דער סאַדיגורער באַמערקט, „איז אַ גרויסער פּזרן. ער זשאַלעוועט ניט קיין שבחים. ער גיט זיי מיט אַ ברייטער האַנט. ער איז אָבער אויך פּונקט אַזוי ניט קאַרג אויף מצוות און מעשים טובים. ער איז אַפילו גרייט צו שטעלן אין קאָן זיין חלק עולם הבא"...

ווען חסידים האָבן געוואָלט וויסן די באַדייטונג פון די דאָזיגע ווער־טער, האָט דער סאַדיגורער עס מסביר געווען מיט צוויי מעשה׳לעך, איינע פון ר׳ נחום טשערנאָבילער, דעם טאַלנער׳ס זיידע, און די צווייטע פון דעם טאַלנער אַליין.

„אין הימל איז אַמאָל אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ גזר אויפן כלל ישראל," האָט דער סאַדיגורער דערציילט. „עס האָט, רחמנא לצלן, געזאָלט קומען אַ כליה אויף אידן. דער שטן האָט שוין געפונען גענוג פאַר וואָס מקטרג צו זיין אויף אידן. און ער האָט זיינס אויסגעפירט. דער גזר איז שוין געווען אַרויסגעגעבן.

„האָט זיך ר׳ נחום פון דעם דערוואוסט, און אַז ר׳ נחום האָט זיך דערוואוסט, האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט געשוויגן.

„ער האָט געהאַט עלית נשמה און איז פאַר דער פמליא של מעלה געוואָרן אַ מליץ יושר פאַר אידן.

„דער גזר איז שוין אָבער געווען אַרויסגעגעבן און מען האָט זיך מער צו קיינעם ניט געוואָלט צוהערן, אַפילו ניט צו אַזאַ צדיק ווי ר׳ נחום.

„אָבער ר׳ נחום האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער פמליא של מעלה. ער וועט בשום אופן ניט דערלאָזן, האָט ער געזאָגט, אז עס זאָל אידן חס וחלילה עפּעס שלעכטס געשען. און ער האָט געמאַכט אַ גרויסן רעש אין הימל.

„געזען, אַז דער צדיק לאָזט ניט אָפּ, האָט מען אָנגעהויבן קלערן וואָס מען זאָל טאָן. האָט מען דעם טשערנאָבילער געלאָזט וויסן, אַז מען איז גרייט בטל צו מאַכן די גזרה אָבער בתנאי, עס זאָל געשען איינס פון די ביידע: אָדער די גאולה זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אומבאַשטימטע צייט, אָדער אידישע געווינערינס זאָלן אָנהויבן אויסשטאַרבן.

„איז דעם צדיק ענג געוואָרן אין מח. וואָס טוט מען דאָ? איינגיין, אַז די גאולה זאָל אָפּגעצויגן ווערן, האַנדלט זיך עס דאָך וועגן גאַנצן כלל ישראל. מיינט דאָס דאָך, אַז די שכינה אַליין וועט דאַרפן בלייבן לייַנגער אין גלות.

„איז ביים צדיק געבליבן, אַז בעסער זאָל ליידן דער פּרט, זאָלן אומקומען איינצעלנע, איידער עס זאָל רחמנא לצלן ליידן דער כלל, דאָס גאַנצע פאָלק ישראל.

„און ר׳ נחום האָט באַלד דערקלערט דעם הימלישן בית דין וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן, און ווי ער האָט געזאָגט אַזוי איז געשען...

„דער גזר אויפן כלל ישראל איז בטל געוואָרן און אַנשטאָט דעם האָבן אָנגעהויבן געווינערינס אויסשטאַרבן. עס האָט, רחמנא לצלן, אויס־געבראָכן אַ מגפה...

„איז ביי אידן געוואָרן אַ יללה, אַ לויפן אין בית מדרש, אַ פאַלן אין אָרון קודש. עס האָט ניט געהאָלפן. מען האָט גוזר תענית געווען, אָבער עס האָט אַלץ ניט געהאָלפן. מען האָט געטאָן אַנדערע סגולות, אָבער די געווינערינס האָבן ניט אויפגעהערט שטאַרבן. די מגפה האָט אָנגעהאַלטן.

„ר׳ נחום איז זיך געזעסן אין זיין חדר על התורה ועל העבודה און האָט אַ וואָרט ניט געזאָגט. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געמאַכט ניט ווייסנדיג פון דעם וואָס קומט פאָר אַרום אים.

„האָבן אָבער טאַטעס און מאַמעס, מענער און קינדער אָנגעהויבן לויפן צו אים.

„רבי, איר מוזט אונז ראַטעווען, — האָבן זיי געשריען. — איר מוזט אָפּשטעלן די מגפה, ווען ניט זיינען מיר פאַרלאָרן. אַלע יונגע ווייבלעך וועלן פון דער וועלט אַוועק, און וואו וועט זיין אַ פייער דור איבערצונעמען אונזער תורה, אויסצופאָלגן אונזערע געבאָטן?

„דער צדיק האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס און געענטפערט,

אז ער קען גאר ניט טאָן. פארפאלן. דער גזר קען ניט בטל ווערן.

„איז באלד צו אים אין הויז געקומען אן עלטערע אידענע. אירס א טאָכטער איז געגאנגען שווער צו קינד. מען האָט זיך געשראָקן, אז ווי פיל אנדערע געווינערינס, זאָל זי פון דער וועלט אוועקגיין.

„איר מוזט ראטעווען מיין טאָכטער! — האָט די אידענע געוויינט פארן צדיק, — דאָס איז דאָך דיזעלביגע מיט וועלכער איר אליין, רבי'ניו, האָט מיר געבענטשט. איר האָט מיר פארזיכערט, אז זי וועט מאריך ימים זיין, וועט זיין א געטריי ווייב צו איר מאן און א גוטע מאַמע צו אירע קינדער. דאָס איז דאָס ערשטע קינד וואָס זי דארף געבוירן. וועט איר זי לאָזן שטארבן, רבי'ניו? וואָס וועט זיין פון אייער ברכה? וואָס וועט זיין פון אייער הייליג וואָרט?

„ר' נחום איז געווען אין א גרויסער פארלעגנהייט. די אידענע האָט אים ניט אָפּגעלאָזט און זיין הארץ איז ממש צעגאנגען פון רחמנות.

„אָבער דער צדיק האָט ניט געענטפערט. עס איז געווען ערב שבת און ר' נחום האָט דער אידענע געהייסן גיין אהיים און וואַרטן. אפשר וועט השם יתברך העלפן.

„פרייטאָג־צו־נאכט האָט דער צדיק מקבל שבת געווען מיט גרוים כונה. שבת פרי איז ער ווידער געווען שטארק פאר'דבקה'ט.

„דאָס יונגע ווייבל האָט דערווייל זיך געפּייניגט אין אירע ווייטאָגן און די געפאר איז געוואָרן גרעסער, אז זי זאָל אוועק פון דער וועלט נאָך איידער דאָס קינד דערזעט די ליכטיגע זון.

„עס איז געווען צו שלש סעודות. דער צדיק איז געזעסן ביים טיש מיט די חסידים ארום אים. ער האָט געזאָגט תורה.

„אָבער עפּעס האָט די תורה דענסטמאָל ניט געהאט אזא טעם ווי אלעמאָל. אין אזא צייט, ווי קען זיך זאָגן תורה?

„מיט אמאָל ווערט די לופט אויפגעציטערט פון א יאָמערלעכן געוויין. די אידענע רייסט זיך אריין אין חדר.

„רבי, מיין טאָכטער גוסס'ט, — שרייט זי און ברעכט מיט די הענט. — איך וועל פון דאנען ניט אָפּטרעטן ביז איר ראטעוועט ניט מיין טאָכטער. איך וועל ניט לאָזן, אז איר זאָלט בלייבן א ליגנער, חס וחלילה.

„זיצט ר' נחום מיט אויגן פארריסן אין דער הויך, מיט א שמערצלעכן אויסדרוק אויף זיין פנים און ווייס ניט וואָס צו זאָגן...

„מיט אמאָל גיט ער א זאָג צו ר' ליבוש'ן, זיין חזן:

„ליבוש, זינג עפּעס אויף, אָבער אזוינס וואָס זאָל צענעמען דאָס הארץ,

פון וואָס מען זאָל קענען פאַרגיסן טרערן. טרערן זיינען אַ סגולה צו דער־וועקן רחמים.

„האָט ר' ליבוש מיט זיין זיסער שטים אָנגעהויבן זינגען אַ ראש־השנה־דיגס, טאַקע דעם אַלטן בראש השנה יכתבון. פון וואָס דען, האָט ער זיך געטראַכט, וועט מען וויינען, אויב ניט פון בראש השנה?

„ר' נחום שטעלט אים אָפּ אין מיטן.

„אַ קונץ צו מאַכן וויינען מיט אַ בראש השנה? — רופט אויס דער צדיק. — זינג עפּעס אַזוינס, פון וואָס מען וויינט געוויינלעך ניט, און ציִיג מיר, אַז מיט דיין זינגען זאָל מען אַזוי צענומען ווערן, אַז עס זאָל זיך אָנהויבן וויינען...

„מען האָט געזען, אַז דער צדיק זוכט דאָ גרויס התעוררות. האָט ר' ליבוש זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער פּאַטילניצע און באַלד אַ זונג געטאָן „בשלוש עשרה מדות". אַזוי איז אים איינגעפאַלן, גאָר ניט וויסנדיג, אַז ער וועט מיט דעם צוטרעפן זיין רבי'ן.

„פּשוט'ע און טרוקענע ווערטער, פון וועלכע מען קען וויניג צענומען ווערן. אָבער ר' ליבוש האָט זיי אַזוי געזונגען, האָט אַרייַנגעגעבן אַזאַ טעם און אַזאַ טיפקייט אין זיי, אַז באַלד האָט זיך ר' נחום געבאָדן אין אַ טייך פון זיינע אייגענע טרערן.

„ר' ליבוש איז געקומען צו די ווערטער פון כלל און פרט, און ר' נחום'ס התלהבות האָט אַלץ געשטיגן, ביז מען האָט אַפילו אין דעם שלש־סעודות'דיגן בין השמשות געקענט זען אַז זיינע אויגן ברענען און אַז זיין פּנים פלאַמט...

„און פּלוצים האָט ער איבערגעהאַקט ר' ליבוש'ן.

„ יאָ, איך האָב עס. — האָט דער צדיק אויסגערופן. — כלל ופרט. — עס שטייט דאָרט, אַז „אין בכלל אלא מה שבפרט", אַז אין כלל איז ניטאָ מער ווי דאָס וואָס עס איז דאָ אין פרט. הייסט עס דעריבער, אַז אויב דער גאַנצער כלל ישראל איז פריי פון דער גזירה דאַן טאָר די גזירה אויך ניט חל זיין אויפן פרט, אויף אייַנציגע, און איך זאָג דאַרום, אַז די גזירה אויף געווינערינס מוז בטל ווערן. די מגפה מוז אָפּגעשטעלט ווערן!... עס איז לכתחילה געווען אַ טעות צו מיינען, אַז מען קען ראַטעווען דעם כלל, פאַר־קוקנדיג דעם פרט!...

ווען ר' נחום האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך געהערט אַ קנאַל פון דונערן. עס איז געווען אַן ענטפער פון אויבן, אַז זיין אויס־טייטש איז אָנגענומען געוואָרן...

„און תוך כדי דיבור איז די געווינערין בעסער געוואָרן. ווען מען

האָט אָנגעצונדן פייער האָט זי שוין געהאַט געבוירן דאָס קינד און ביידע זיינען געווען פריי און מונטער. פון דעמאָלט אָן איז די מגפה אָפּגעשטעלט געוואָרן. ר׳ נחום האָט געראַטעוועט אי דעם כלל און אי דעם פּרט...

„און איצט הערט וואָס דער טאַלנער האָט געטאָן! אפשר איז ער נאָך געגאַנגען ווייטער ווי זיין הייליגער זיידע.

„דאָס האָט זיך אויך געהאַנדלט וועגן א געווינערין. ס׳איז געווען די טאָכטער פון טאַלנער׳ס א לאַנג-יעריגן חסיד.

„איז די טאָכטער געגאַנגען שווער צו קינד. מען האָט גערופן די הייבאַם און אויך געלאָזט רופן א רופא, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. איז דער חסיד, און מיט אים אויך זיין פלונית׳טע, געקומען צום טאַלנער.

„רבי, ראַטעוועט אונזער טאָכטער, — האָבן זיי געבעטן רחמים.

„דער טאַלנער האָט שוין אָבער געוואוסט, אַז דאָס איז זעהר א שווערער ענין. דער גזר אין הימל איז שוין געווען אַרויסגעגעבן, אַז דאָס ווייבל זאָל שטאַרבן.

„האָט דער טאַלנער אָנגעפרעגט אין דער הויך, אויב עס איז גאָר ניטאָ קיין זכות, אַז זי זאָל בלייבן לעבן. האָט מען אים געענטפערט, אַז ניין.

„האָט דער טאַלנער מיט א פאַרטרויערטן פּנים איבערגעגעבן טאַטע-מאַמע, וואָס איז נגזר געוואָרן.

„איז געוואָרן א געוויין. דער טאַלנער איז שטאַרק גערירט געוואָרן. ער איז תמיד א גרויסער בעל רחמים און קען ניט צוזען קיינעמס טרערן.

„אָבער וואָס טוט מען? אין הימל איז שוין דער גזר געווען אַרויס-געגעבן און דער צדיק האָט שוין געהאַט דעם ענטפער.

„האָט דער טאַלנער א פרעג געטאָן, אויב דאָס ווייבל קען ניט גע-ראַטעוועט ווערן אין זיין אייגענעם זכות.

„האָט מען אים געענטפערט, אַז זכות אַליין איז ניט גענוג. איבער-צואוועגן די חטאים מוזן געלייגט ווערן אַנטקעגן א סך מצוות און מעשים טובים.

„געהערט אַזוינע ווערטער, איז דער טאַלנער געוואָרן בייזלעך. — שוין-זשע האָט ער גאָרניט קיין מצוות און מעשים טובים, אַז מען זאָל פון זיי ניט קענען אַרונטערנעמען גענוג צו שיינקען דאָס לעבן פון ווייבל?

„האָט מען געענטפערט, אַז מען מוז נעמען א וואָג און וועגן — אויף איין זייט די עבירות פאַר וועלכע ווייבל דאָס האָט געזאָלט אַוועק-גענומען ווערן פאַר דער צייט און פון צווייטן זייט די מצוות און מעשים

טובים, וואס דער טאלנער האט געהייסן נעמען פון זיין אייגענעם גייסטיגן פארמעגן.

„האט מען אנגעהויבן שלעפן פעק מיט מצוות און מעשים טובים, אבער וויפיל מען האט ניט געהאלטן אין לייגן, האט ניט אריבערגעוואויגן די עבירות פון דער צווייטער זייט וואגשאל.

„דער טאלנער האט אבער געהייסן לייגן מער און מער. — זשאלעוועט ניט. — האט ער געזאגט.

„אבער וויפיל מען האט ניט געלייגט איז ניט געווען געגוג, אזא בארג מיט חטאים איז געווען פון צווייטן זייט...

„דעם טאלנער'ס מלאכי יושר האבן אנגעהויבן ציטערן. דער טאלנער וועט נאך רחמנא לצלן מוזן אוועקגעבן זיין גאנצן הימלישן פארמעגן, האבן זיי מורא געהאט.

„דער טאלנער האט אבער געהייסן זיך ניט אפשטעלן. — לייגט ביז מיין לעצטע מצוה. גיט אוועק מיין גאנצן חלק עולם הבא, — האט ער געזאגט. דאס לעבן פון א אידישע טאכטער איז אלץ ווערטה...

„האט מען געבראכט דעם טאלנער'ס גאנצן חלק עולם הבא און די וואגשאל האט ענדלעך אריבערגעוואויגן. די גזירה געגן דאס ווייבל איז בטל געווארן. זי איז געבליבן לעבן...

„אין הימל איז אבער געווארן א רעש. וועט דער טאלנער, רחמנא לצלן, בלייבן אן עולם הבא?

„האט זיך אבער באלד געפונען א מליץ יושר און דערקלערט, אז עס שטייט דאך בפירוש, אז „כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא", אז דער וואס ראטעוועט אן איינציג אידיש לעבן, איז פונקט ווי ער וואלט געראטעוועט א גאנצע וועלט. הייגט האט דאך דער טאלנער שוין מיט דעם אליין זיך פארדינט דעם גרעסטן שכר. און פאר דעם איז אים טאקע צוריקגעגעבן געווארן, נאך מיט פראצענט, זיין חלק עולם הבא.

„אבער דאס איז שוין א נעבן זאך", האט דער סאדיגורער פארענדיגט זיין מעשה'לע. „דער עיקר איז דא ניט, וואס דער טאלנער האט צוריק־געקראגן זיין חלק עולם הבא, נאר וואס ער איז געווען אזוי ברייטהארציג, אזוי פזרנות'דיג צו שטעלן עס אין קאן און בלויז פאר א זינדיגע אידישע טאכטער! הייגט קען מען אפשאצן די גרויסע צדקות פון אט דעם אלטן?"...

לב

שמחה און צער

ר׳ דוד׳ל טאלנער׳ס נסיעה איבער גאליציע. — די באגעגעניש מיט זיין פאמיליע. — די חתונה אין בעהוש. — זיין מיינונג וועגן גאליציע און רוסלאנד.

נאך זיין באזוך ביים סאדיגורער רבי׳ן, האט ר׳ דוד׳ל טאלנער זיך ארויסגעלאזט קיין בעהוש צו דער חתונה פון זיין אייניקל.

חסידים דערציילן, אז דער טאלנער איז געפארן צו דער חתונה מיט א שווערן הארצן, און, אז אנקומענדיג אין בעהוש איז ער געווען שטארק פארזארגט.

חסידים זיינען אומגעגאנגען פאר׳חשכ׳טע. עס האט אויסגעזען ווי דער רבי וואלט געהאט ארייגעפאלן אין עצבות, רחמנא לצלן, און דאס איז אנגענומען געווארן פאר ניט קיין גוטן סימן. די וואס זיינען געווען נאענט צום טאלנער האבן געוואוסט פארוואס דער צדיק איז געווען פארזארגט.

ר׳ דוד׳ל האט געווארט אויף זיין הויזגעזינד און ער האט נאך ניט געוואוסט אויב זיי וועלן בשלום אנקומען קיין בעהוש.

אים אליין איז שוין אויך געווען גענוג שווער אנגעקומען צו פארלאזן רוסלאנד. ער האט געהאט שוועריגקייטן מצד דער ממשלה און טאקע אויך מצד זיינע חסידים, וואס האבן אים ניט געוואלט אוועקלאזן אין א פרעמדער מדינה.

עס זעט אויס, אז דער טאלנער האט באלד פון אנפאנג געוואלט מיטנעמען די פאמיליע מיט זיך, אבער דאס וואלט געווען צו ריזיקאליש. ווער ווייסט אויב מען וואלט זיי צוזאמען ארויסגעלאזט?

דער פלאן איז דעריבער געווען, אז צוערשט זאל פארן ר׳ דוד׳ל אליין און נאכער זאלן אונטערקומען די רביצין, די קינדער און די אייניקלעך.

די פראגע איז אבער געווען אויב די פאמיליע וועט ניט האבן קיין

שטערונגען, אויב מען וועט זי ארויסלאָזן פון טאלנע און אויב שפּעטער וועט מען זי ניט אָפּשטעלןביים גרעניץ.

ביז וואנען די פאמיליע איז ניט געווען איבערן גרעניץ האָט מען ניט געקענט זיין זיכער.

צוויי מעת לעת האָט ר׳ דוד׳ל געוואַרט אויף זיין אכסניא אין בעהוש אויף א ידיעה פון דער פאמיליע. דער צדיק האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט. ווי תמיד אין שווערע מאָמענטן, האָט ער ניט געצייגט קיין באַזונדערע צעטראָגנקייט, האָבנדיג בטחון, אז אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן. באַזאָרגט איז ער אָבער געווען, און אז דער רבי איז געווען באַזאָרגט, זיינען חסידים ממש אומגעגאַנגען אָן קעפּ.

דער צדיק האָט פאַר די צוויי מעת לעת מיט קיין אויג ניט צוגעטאָן. ערשט אויפן דריטן טאָג איז געקומען די בשורה, אז די רבי׳אישע פאמיליע איז בשלום אריבער דעם גרעניץ.

ר׳ דוד׳לס פּנים האָט זיך באַלויכטן. ער האָט אויפגעהויבן די הענט אין אַ שבח והודיה פאַר די חסדים פון השם יתברך.

איצט האָט געדאַרפט נעמען אַ קורצע צייט ביז וואנען די רבי׳אישע פאמיליע וועט אָנקומען אין בעהוש.

חסידים האָבן זיך ארויסגעלאָזט אין וועגענער און צופוס צו באַגעגענען דער רביצין און די גאַנצע פאמיליע. עס איז געווען אַ גרויסע שמחה.

און אָט זיינען שוין די רביצין און די אַנדערע פון דעם טאַלנער׳ס פאמיליע געווען אין בעהוש. קינד און קייט זיינען זיך אָנגעלאָפן זען די „מלכות׳דיגע“ משפחה, וואָס איז געקומען פון מרחקים.

דער טאַלנער איז זיך אָבער געזעסן אין זיין חדר מיוחד און זיך קיין ריר ניט געטאָן. די טיר איז געווען פאַרריגלט.

די רבי׳אישע פאמיליע איז ענדלעך געווען ביים הויז. חסידים זיינען פון גרויס שמחה געגאַנגען אַ טענצל. מען האָט געזונגען זמר׳לעך. עס איז געווען ליהודים.

ר׳ דוד׳ל איז נאָך אַלץ געווען אין זיין חדר אַ פאַרשלאָסענער.

אין הויז איז געוואָרן אַ גערודער. מען האָט געגרייט טישן. מען האָט יעדן פון דער פאמיליע איינגעאָרדנט. ר׳ דוד׳ל איז אָבער געבליבן אין זיין חדר מיוחד און זיך פאַר קיינעם ניט געוויזן.

חסידים האָבן זיך געוואונדערט. אפשר ווייס גאָרניט דער צדיק, אז די פאמיליע איז שוין אָנגעקומען? אפשר וואָלט מען אים געדאַרפט

אַנזאָגן? אָבער קיינער האָט ניט געוואַגט אים צו שטערן אין זיין התבודדות.

איז דער טאַלנער אַזוי פאַרבליבן אין זיין חדר איבער נאַכט. ערשט אויף מאָרגן, ווען אַלע זיינען שוין געווען ווי ביי זיך אין דערהיים, באַזאָרגט מיט אַלץ און באַרואיגט פון דער נסיעה, האָט זיך די טיר פון ר׳ דוד׳לס חדר געעפנט. דער צדיק איז געווען גרייט אויפצונעמען זיין פאַמיליע.

צוערשט זיינען אַריינגעקומען די זכרים. דער טאַלנער האָט זיי באַקוקט און באַטראַכט. נאָכער זיינען געקומען די נקבות, די רביצין, די טעכטער, די שניר און די אייניקלעך, אַלע מיט טיכלעך איבער זייערע קעפּ — אפילו די מיידלעך — קיינער האָט זיך פאַרן רבי׳ן ניט געטאָרט צייגן מיט די אייגענע האָר. זיי האָבן אויסגעהערט וואָס דער צדיק האָט זיי געהאַט צו זאָגן, געענטפערט אויף די פראַגן, וואָס ער האָט געהאַט צו שטעלן.

דער טאַלנער איז געווען אַזוי רואיג, גלייכגילטיג און געלאַסן, ווי ער וואָלט זיי אָקאָרשט נעכטן געהאַט געזען.

חסידים האָבן געזאָגט, אַז מיט דעם האָט דער טאַלנער ווידעראַמאָל געצייגט ווי אַ מענטש דאַרף זיך באַהערשן און דאַרף ניט אַרויסצייגן קיין צופיל צער אין מאָמענטן פון טרויער, ווי דאָס איז געווען דאַמאָלס, ווען זיין בן יחיד איז נפטר געוואָרן, און אויך ניט קיין צופיל פרייד אין מאָמענטן פון גליק, ווי דעמאָלט ווען זיין פאַמיליע איז אָנגעקומען.

דערפאַר האָט דער טאַלנער אַרויסגעצייגט גרויס פרייד צו דער חתונה. דאָס איז דאָך שוין געווען אַ דבר מצוה, און ביי אַ דבר מצוה איז ניטאָ קיין גרעניץ פאַר דער שמחה, וואָס מען דאַרף אַרויסווייזן.

דער טאַלנער איז געווען שטאַרק פאַר׳דבק׳עט ווען ער האָט געטאַנצט מיט דער כלה און ווען עס איז געקומען צו דער גרויסער סעודה האָט ער ניט נאָר געזאָגט תורה מיט פייער און ברען, נאָר איז אויך שפּעטער געגאַנגען אַ רקוד׳ל. חסידים, וואָס האָבן דעם דאָזיגן רקוד׳ל צוגעזען, האָבן געזאָגט, אַז נאָר שמחת תורה צו די הקפות פלעגט מען דעם טאַלנער זען אַזוי טאַנצן.

דער טאַלנער איז איצט געווען אין אַ נייער וועלט. ניט קוקנדיג אויף זיין עלטער, האָט ער געפילט, אַז ער קען נאָך גרויסעס אויפטאָן, אַז ער קען זיך נאָך אַ נייעם „כסא מלכות“ אויפשטעלן.

ער איז געווען פריי פון דער „ממלכת הרשעה“, ווי די טאַלנער האָבן

גערופן די רוסישע מלוכה. ער איז געווען אין א מדינה, וואו אידן האָבן געהאַט אַלע זייערע פרייהייטן און חסידים און זייערע רביים האָבן קיינע שטערונגען ניט געהאַט.

דער טאלנער איז געווען שטאַרק אַנטציקט פון גאַליציע. ער האָט געזען נייע מעגלעכקייטן און נייע געלעגנהייטן.

אונטער דער צאַריסטישער ממשלה האָבן אידן געדאַרפט מורא האָבן פאַר זייערע אייגענע שאָטנס. חסידישע רביים האָבן געדאַרפט אויסשטיין רדיפות, אָבער אין גאַליציע איז געווען פראַנק און פריי און חסידות האָט געבליט, חסידות איז געווען שטאַרק איינגעפעסטיגט.

חסידים דערציילן, אז דער טאלנער האָט גאַנץ אָפן גערעדט וועגן די גרויסע געלעגנהייטן פאַר חסידות בפרט און אידישקייט בכלל אין גאַליציע.

„איך זע איין, אז פרייהייט איז גאָרניט קיין שלעכטע זאַך", האָט ער געזאָגט".

חסידים האָבן איצט גאַנץ אָפן גערעדט צום טאלנער וועגן באַזעצן זיך אין גאַליציע.

„איר זעט דאָך ווי גרויס עס איז אייער נאָכפאָלגערשאַפט דאָ, רבי", האָבן זיי אים געזאָגט.

דער טאלנער האָט געשוויגן. ער האָט נאָך דערצו ניט געקענט צושטימען.

עפעס האָט אים געדריקט אויפן הארצן. ער האָט נאָך ניט געקענט שלום מאַכן מיט זיך אַליין.

ביי אים אַליין וואָלט מען שוין אפשר געקענט האָבן גע'פועל'ט צו מאַכן גאַליציע פאַר זיין נייעם מקום מנוחה. ער האָט שוין געקענט זען, אַז ער וועט דאָרט זיין פאַרזאָרגט און וועט זיך קענען אויסבויען א נייעם גרויסן הויף.

עס איז אָבער ניט געווען קיין פראַגע וועגן אים אַליין, נאָר וועגן זיינע חסידים.

„אָה, ווען אוקראַינע וואָלט געקענט איבערגעטראָגן ווערן קיין גאַליציע!" האָט דער טאלנער אַמאָל באַמערקט.

דער טאלנער האָט זיך געזאָרגט מער פאַר זיינע חסידים ווי פאַר זיך. ער איז דאָך זייער מנהיג געווען. האָבן זיי דאָך אַלע אַרויפגעקוקט צו אים, ווי קינדער צו א טאַטן. זאָל ער בלייבן אין גאַליציע און זיי וועלן זיך פילן כצאן בלא רועה.

ער האָט זיינע חסידים ניט געקענט איבערלאָזן אליין אין דער וועלט. אויב דער כלל ישראל אין רוסלאַנד ליידט, דאַרף ער דאָרט אויך בלייבן און ליידן.

און ווי וועט עס דען אויסקוקן ווען ער זאָל זיך באַזעצן אין גאַליציע און מער שוין ניט צוריקפאָרן קיין טאַלנע? מען וועט זאָגן, אַז ער האָט נאָר געוואָלט זיך אליין ראַטעווען פון פאַרפאָלגונג און זיינע חסידים און דעם גאַנצן כלל ישראל איבערגעלאָזט אויף גאָט'ס באַראָט!

האָט מען געקענט זען ווי דער טאַלנער ווערט געדריקט פון אַ שווערער משא. עס איז געווען שווער צו באַשליסן וואָס צו טאָן. עס איז געווען אַ גרויסער נסיון...

חסידים האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן זען אַ טעם אין דעם, וואָס ר' דוד'ל האָט געהאַט געזאָגט וועגן זיין נסיעה קיין גאַליציע, אַז זי איז אַזאַ סוד ווי די מסעות וואָס אידן האָבן געמאַכט אין זייער וואַנדערן דורכן מדבר אויפן וועג נאָך ארץ ישראל.

די דאָזיגע מסעות זיינען דאָך געווען בלויז אַ פּראָבע. די אידן זיינען נאָך ניט געווען זיכער ווען און ווי אַזוי זיי וועלן געפינען זייער מקום מנוחה. ארץ ישראל איז געווען זייער פאַרשפּראָכן לאַנד, אָבער דאָרט זיינען נאָך געווען די כנענים און די אַנדערע פעלקער. מען האָט נאָך געדאַרפט וואַרטן אויף אַן עת רצון ביז מען וועט קענען אַריין אין לאַנד, וואָס איז פאַרשפּראָכן געוואָרן צו אברהם, יצחק און יעקב.

ר' דוד'ל איז געווען אַוועק פון רוסלאַנד, אָבער ער האָט נאָך ניט געקענט זיין זיכער וואו ער וועט האָבן זיין נייעם מקום מנוחה. די מסעות זיינען ניט געווען געענדיגט...



ר׳ יעקב יצחק, דער רבי פון מאָקאַראָוו.

לג

די מסירה

ר׳ דוד׳ל באַזעצט זיך אין בראָד. — ווי אַזוי מען האָט אים גע׳מסר׳ט און דער שטורם וואָס די מסירה האָט אַרויסגערופן אין גאַליציע.

די גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט וואָס ר׳ דוד׳ל האָט זיך געוואונען אין גאַליציע גלייך ביי זיין אַריבערקומען דאָרט, איז אין יענער צייט געווען פאַר חסידים נאָך אַ גרעסערער חידוש ווי זיין פּלוצימדיגע נסיעה קיין גאַליציע.

און אַ חידוש איז עס געווען דערפאַר, וואָס גאַליציע איז געווען אַזוי פאַרטיילט צווישן אירע אייגענע חסידישע רביים, אַז עס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט ממש מער ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַ נייעם רבי׳ן.

פון אָנפאַנג האָט מען געמיינט, אַז בלויז אַזוינע חסידים, וועלכע קענען באַצייכנט ווערן אַלס „תלוים ועומדים", וואָס וויגן זיך צווישן איין רבי׳ן און דעם צווייטן, האָבן ניט קיין צו שטאַרקן צובונד צו וועלכן עס איז רבי׳ן און זיינע תמיד להוט צו זוכן עפּעס נייעס, וועלן צוגעצויגן ווערן צום טאַלנער. וואָרום נאָר אַזוינע האָבן געזאָלט זיין גרייט צו ווערן די נאָכ־פאָלגער פון אַ נייעם רבי׳ן.

באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער טאַלנער האָט צו זיך צוגעצויגן חסידים אפילו פון די אַלט איינגעפעסטיגטע רביים.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אַרויסגערופן קנאה שנאה מצד די חסידים פון אַנדערע רביים, דערהויפּט מצד די „פּאָליטיקער" פון די גאַליצישע רבי׳אישע הויפן. פון אָנפאַנג האָט מען געשוויגן. מען איז נאָך ניט געווען זיכער אויב דער טאַלנער האָט בדעה זיך צו באַזעצן אין גאַליציע. אַלס גאַסט האָט מען אים געגעבן זיין כבוד. באַלד האָט מען אָבער אָנ־געהויבן פאַרדעכטיגן, אַז ער איז געקומען זיך אויפשטעלן אין גאַליציע אַ נייעם „כסא המלוכה" און מען האָט אין אים דערזען אַ קאָנקורענט.

אָפּגעפאַרטיגט זיך מיט דער חתונה אין בעהוש, האָט דער טאַלנער

אריבערגעשיקט זיין משפחה קיין לעמבערג און נאכער דאָרט אליין גע־קומען. אריינגעפאָרן איז ער דאָרט צו זיין חסיד ר׳ שמעון ברפ״ז־ראפאפארט, וועלכער האָט געוואוינט אינם הויז פון ר׳ שמואל מארגאָשעס, דער טאטע פון שרייבער יוסף מארגאָשעס, אויף סיקסטוסקא גאס, נומער 3.

טויזנטע חסידים האָבן באלאגערט דעם טאלנער. גאליציע איז געגאנגען כאָדאָראָם. ווי גרויס עס איז געווען דעם טאלנער׳ס נאָכפאָלגערשאפט באמת האָט מען אָבער ערשט געקענט זען ווען ער איז אָנגעקומען קיין בראָד.

דאָרט האָט ר׳ דוד׳ל, לויט אלע סימנים האָבן געצייגט, זיך באזעצט אויף תמיד. ער האָט אָנגעהויבן נעמען קוויטלעך און פירן א רבי׳סטווא מיט אלע קליפּערלעך.

די אָנהייבער פון אנדערע רביים און די פירער פון אנדערע רבי׳אישע הויפן, איז געוואָרן ענג אין מח. זיי האָבן זיך אָן ר׳ דוד׳לען מתקנא געווען. האָט מען וועגן טאלנער אָנגעהויבן ריידן ווי וועגן א מסיג גבול, רחמנא לצלן...

באזעצט האָט זיך דער טאלנער אין בראָד פאַר פסח און ער איז דאָרט אָפּגעווען א קארגן יאָר.

א חודש נאָך א חודש איז פארגאנגען און דער טאלנער איז נאָך אלץ געווען אין בראָד. איז געווען קלאָר, אז ר׳ דוד׳ל האָט בדעה דאָרט צו בלייבן. דאָס האָט די קנאה שנאה צו אים פארשטארקט.

אָבער ווי גרויס עס איז ניט געווען די קנאה־שנאה צו אים מצד די חסידים פון אנדערע גאליצישע רביים, וואָלט אָבער קיין חסיד ווארשיינלעך ניט געוואגט טאָן עפּעס קעגן דעם טאלנער.

ר׳ דוד׳ל וואָלט יעדנפאלס מצד די חסידים פון די אנדערע רביים קיין אומאנגענעמלעכקייטן ניט געהאט. אזוי אמווייניגסטנס זאָגן טאלנער חסידים און אזוי זאָגן אויך גאליצישע חסידים, וואָס גיבן צו די אָנגעצויגענע באציאונגען אָבער ווילן ניט צוגעבן, אז אירגענד וועלכער חסיד זאָל האָבן געטאָן, וואָס ניט איז קעגן טאלנער, ווער רעדט פון מסור׳ן אים.

ווערט דערפאר די שולד פאר דער מסירה קעגן טאלנער, וואָס האָט אין יענער צייט אויפגעשטורמט גאליציע, אינגאנצן געוואָרפן אויף די משכילים.

די משכילים, זאָגט מען, זיינען געווען נאָך גרעסערע און ביטערערע שונאים פון טאלנער, ווי דאָס האָבן געקענט זיין אפילו די שטארקסטע חסידים פון אנדערע רביים. גאליציע איז דעמאָלט געווען פול מיט משכילים. ספּעציעל אין אזא שטאָט ווי בראָד. דער קאמף צווישן די משכילים און די חסידים איז געווען א ביטערער, א פארצווייפלטער.

ווערט געזאָגט, אַז די משכילים האָבן זיך שטאַרק מתקנא געווען אין טאַלנער. זיי האָבן אים ניט פאַרגונען זיין גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט. מער פאַר אַלץ האָבן זיי אין אים געזען אַ געפאַר פאַר דער השכלה.

חסידים זאָגן אויך, אַז דער טאַלנער, מיט זיין גרויס חכמה, האָט ממש פאַרטונקלט די משכילים מיט אַלע זייערע גוי׳אישע קענטניסן. זיי זאָגן, אַז זייענדיג אין בראָד האָט דער טאַלנער אָנגעהויבן ציען צו זיך ניט בלויז הונדערט-פּראָצענטיגע חסידים, נאָר אויך „האַלב-געכאַפּטע“, אַזוינע וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אָנגעשטעקט מיט השכלה.

עס דאַרף הייסן, אַז דער טאַלנער האָט אפילו שוין געהאַט געמאַכט פאַר בעלי תשובה פולשטענדיגע משכילים, אַזוינע, וואָס זיינען שוין געווען רחמנא לצלן, פאַרזונקען אין די „מ״ט שערי טומאה“ פון דער השכלה.

האָבן משכילים זיך פאַר אים דערשראָקן. דער טאַלנער וואָלט נאָך זיי, רחמנא לצלן, איבערגעלאָזט אָן אַ קנעלונג.

איז ביי די משכילים געוואָרן אַ „הבה נתחכמה“. מען האָט אָנגעהויבן זוכן עצות. דער טאַלנער האָט געמוזט ארויסגעשיקט ווערן פון גאַליציע. זאָל ער דאָרט בלייבן לייִנגער און אַלץ וועט זיין קאַפּוט. דער לעצטער שטיינדל, וואָס האָט נאָך אונטערגעהאַלטן דעם משכיל׳ישן בנין וועט ארויספאַלן.

און אַז די משכילים האָבן אָנגעהויבן זוכן עצות האָבן זיי באַלד געפונען וואָס צו טאָן

צו הילף איז זיי געקומען דער דאַמאָלסדיגער אידישער אָפּגעאָרדענטער פון עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, נתן קאַליר.

דער דאָזיגער קאַליר, דערציילן חסידים, איז אויסער אַן אַסימילאַנט און אַזוי אַ שונא ישראל, רחמנא לצלן, געווען אַ ביטערער געגנער פון חסידים.

האָט קאַליר, אויפן ראַט פון די משכילים, מיט וועמען ער איז געווען אין איין חברותא, באַשלאָסן מאַכן אַ מסירה אויף ר׳ דוד׳לען.

און די מסירה איז געווען אַ גאַר פּשוט׳ע:

„דער טאַלנער איז אַ פאַרשפּרייטער פון פינסטערניש“, האָט די מסירה געלויטעט. „ער איז געגן אויפקלערונג און ער פאַרדרייט די קעפּ פון המון, אָנגעבנדיג זיך פאַר אַ נביא און משיח, און ווער ווייסט פאַר וואָס נאָך“...

און געפאָדערט האָט מען, אַז דער טאַלנער זאָל וואָס שנעלער אַרויס-

געשיקט ווערן פון לאנד, ווייל ער איז א געפאר פאר די אינטערעסן פון דער מדינה.

די משכילים, מיט נתן קאליר אויפן שפיץ, האבן זיך שוין געריבן די הענט פון פרייד. אט באלד און דער טאלנער וועט קריגן א פאראָרדנונג צו פארלאזן גאליציע. די השכלה וועט פייערן איר גרויסן זיג איבערן חסידישן פאנאטיזם.

אבער די משכילים האבן געטראכט און דער, הענט-ניט-געוואשן, האט געלאכט...

די מסירה האט נתן קאליר אריינגעגעבן צום שטאטהאלטער אין לעמ־בערג, וועלכער זאל האבן געהייסן מיטן נאמען פאטאצקי, א שטרייננגער און צו אידן ניט קיין באזונדערס פריינטלעכער.

געטאן געווארן איז עס אין דער שטיל, אזוי אז קיינער האט פון דעם קיין ידיעה ניט געהאט.

די משכילים האבן געהאט גוט אויסגערעכנט דעם עסק. זאלן חסידים זיך דערוויסן באצייטנס און זיי וועלן פארלויפן דעם וועג. זיי וועלן שוין געפינען א מיטל ווי די מסירה בטל צו מאכן.

פאסירט אבער אזא געשיכטע:

נתן קאליר שיקט ארויס פון בראד א טעלעגראמע קיין לעמבערג און אין דער דאזיגער טעלעגראמע ווערט דערציילט פון אלץ מיט אן אנדער.

די טעלעגראמע וואלט געווים געוועזן א סוד, פונקט ווי די גאנצע מסירה. האט שוין אבער די „השגחה" אויך געזאגט דעם באווארנט. קאליר האט אויסגעקליבן פארן שליח, אפצוטראגן די טעלעגראמע צו דער טעלע־גראף סטאנציע, א געוויינלעכן אידן, וואס פלעגט געוויינלעך ווערן פאר שליחות'ן פון דעם סארט.

עס איז אים גארניט איינגעפאלן, אז דער דאזיגער איד קען לייענען די שפראך, אין וועלכער די טעלעגראמע איז געווען געשריבן און נאך וויינינגער איז אים איינגעפאלן, אז דער דאזיגער איד איז א פארברענטער חסיד פון טאלנער.

דער חסיד האט געקראגן א מאדנע תשוקה אריינצוקוקן אין דער טעלעגראמע. מסתמא האט זיך אים בלויז געוואלט זען, אויב ער וועט פארשטיין וואס דארט איז געשריבן.

ער האט אבער נאר געדארפט אפלייענען עטלעכע שורות און עס איז אים קלאר געווארן, אז עס האנדלט זיך וועגן א וויכטיגן ענין.

ניט טויט, ניט לעבעדיג איז דער חסיד געקומען צו לויפן צום טאלנער און אים מודיע געווען וואָס ער האָט אויסגעפונען.

דער סוד איז געווען אַנטפּלעקט. דער טאלנער האָט געוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט.

די נייעס וועגן דער מסירה האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער בראָד און פון דאָרט איבער אַנדערע גאַליציאַנישע שטעט, ביז אַלע אידן אין גאַליציע האָבן געוואוסט וועגן דער נבלה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן.

איז געוואָרן א רעש. דער סקאַנדאַל איז געווען גרויס. די גאַליציאַנישע-אידישע וועלט האָט געשטורמט.

מען האָט אָנגעהויבן זוכן עצות, תחבולות, ווי צו צעשטערן די פּלענער פון נתן קאַליר און די אַנדערע משכּילים. באַוואוסטע גאַליציאַנישע חסידישע נכבדים, וואָס האָבן געהאַט אי געלט און אי איינפלוס, האָבן אָנגעבאָטן דעם טאלנער זייער הילף.

און ווי א פּייאַיגע און געניטע האַנט וואָלט די חסידים געהאַט אָר-גאַניזירט, זיינען אויף די בראָדער גאַסן פּלוצים אויסגעוואַקסן טישלעך אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעשפּרייט פּאַפּירן מיט פּעטיציעס צו די געהעריגע רעגירונגס פאַרשטייער, אַפּעלירענדיג, אַז מען זאָל דעם טאלנער צורו לאָזן און, אַז קיין שריט זאָל ניט געמאַכט ווערן אים צו טאָן שלעכטס.

חסידים זיינען געשטאַנען ביי די דאָזיגע טישלעך און געבעטן ביי יעדן פאַרבייגייער ער זאָל געבן זיין חתימה.

זיינען חסידים געשטאַנען אין לאַנגע שורות פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט און צוגעלייגט זייערע חתימות צו די פּעטיציעס.

און די חתימות זיינען געווען פון אַלע מינים, אין אידיש און ניט-אידיש, אפילו אויך אַזוינע, וואָס זיינען באַשטאַנען בלויז פון צייכנס, פון מענטשן, וואָס האָבן ניט געקענט שרייבן, אָבער האָבן געוואָלט אויס-דריקן זייער אַנטריסטונג געגן די מוסרים.

טעג נאָכאַנאַנד זיינען די טישלעך געשטאַנען אין די גאַסן פון בראָד. און ווי עס ווערט אָנגעגעבן פון די, וואָס זיינען באַקאַנט מיט דער דאָזיגער פּאַסירונג, זיינען אין בראָד אַליין געזאַמלט געוואָרן ניט ווייניגער פון דרייסיג טויזנט חתימות.

אין דעם איינגן קרייז פון טאלנער'ס מקורבים האָט דערווייל גע-הערשט חשך. בלויז דער צדיק אַליין האָט זיך פאַרהאַלטן גלייכגילטיג.

אין א שיינעם פרימאָרגן האָט דער טאלנער באַקומען א צושריפט,

אז ער ווערט אויפגעפאָדערט זיך צו מעלדן צום שטאטהאלטער אין לעמבערג.

די פעטיציע מיט די טויזנטער אונטערשריפטן איז שוין געווען אריינגעגעבן. אָבער ווי עס האָט אויסגעזען האָט די דאָזיגע פעטיציע א קליינע ווירקונג געהאַט. אזוי אַמווייניגסטנס האָבן געפילט די חסידים. דער באַווייז איז געווען, וואָס טראָץ די פעטיציע האָט מען דעם טאַלנער אַרויסגעפאָדערט קיין לעמבערג.

זיינען חסידים געווען פאַרטרויערט און פאַרביטערט, און משכילים האָבן זיך געריבן די הענט פון פרייד. אזוי אַמווייניגסטנס ווערט באַהויפּטעט פון די, וואָס ווילן די גאַנצע מסירה צושרייבן נאָר צו די משכילים.

דער טאָג ווען דער טאַלנער האָט געדאַרפט אַרויספאָרן פון בראָד קיין לעמבערג, איז פאַר טויזנטע חסידים געווען אַ תשעה באב.

און דער טאַלנער איז ניט געפאָרן אַליין קיין לעמבערג. עס זיינען מיט אים ניט בלויז מיטגעפאָרן זיינע מקורבים, זיינע מיעצים און גבאים, — עס זיינען אויך מיטגעפאָרן טויזנטע חסידים, וואָס האָבן דעם רבי'ן ניט געוואָלט אַפּלאָזן פון אויג, ספּעציעל אין אַן עת צרה.

עס איז געקומען דער טאָג ווען ר' דוד'ל האָט זיך געדאַרפט מעלדן צום שטאַטהאַלטער. דער צדיק האָט פאַרלאַנגט, אַז בלויז אַ דאָלמעטשער זאָל מיט אים מיטפאָרן. קיין אַנדערע באַגלייטער האָט ער ניט געוואָלט.

דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט, ניט פאַרלאַנגטערהייט, אַ ריזיגע צאָל באַגלייטער צום שטאַטהאַלטער'ס הויז. ר' דוד'ל איז באַגלייט געוואָרן פון אַ מחנה חסידים ביז צום טיר.

צו די טויזנטע, וואָס האָבן אים באַגלייט ביז לעמבערג זיינען צוגעקומען נאָך טויזנטע פון לעמבערג גופא און פון די שטעט און שטעטלעך אַרום לעמבערג.

און ווען דער טאַלנער האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון זיין אכסניא צום שטאַטהאַלטער אין זיין קאַרעטע, איז ער נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון אַזאַ ריזיגע מחנה חסידים, אַז עס האָט אויסגעזען ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט זיך אַרויסגעלאָזט אין די גאַסן אין אַ מעכטיגער פּראָצעסיע.

עס ווערט דערציילט, אַז נאָך איידער דער טאַלנער איז אריין צום שטאַטהאַלטער, האָט פּאָטאָצקי שוין געזען די ריזיגע מחנה חסידים פון פענסטער.

„וואָס איז עס פאַר אַ פּראָצעסיע? האָט ער געפרעגט פאַרוואונדערט.

מען האָט אים אינפאָרמירט, אַז דאָס זיינען די חסידים וואָס באַגלייטן דעם טאַלנער רבי׳ן.

„און מיר האָט מען געזאָגט, אַז דער טאַלנער האָט דאָ גאָרניט קיין חסידים, און אַז ער איז געקומען בלויז אַרויסרופן קנאה־שנאה ביי די אַנדערע חסידישע רביים!" האָט פּאָטאָצקי זיך געוואונדערט.

דער שטאַטהאַלטער האָט זיך פאַרטראַכט.

ווען די פּעטיציע מיט די טויזנטע און טויזנטע אונטערשריפטן איז אים איבערגעגעבן געוואָרן, האָבן די מוסרים אים פּרובירט איינרעדן, אַז די אונטערשריפטן זיינען געפעלשטע און ציילן לחלוטין ניט אויף דעם טאַלנער׳ס גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט.

איצט האָט ער שוין אָבער געזען, אַז דער טאַלנער האָט באמת אַן אומגעהויער גרויסע צאָל חסידים.

באַלד האָט דער שטאַטהאַלטער געהאַט פאַר זיך דעם טאַלנער אַליין. דער רבי האָט אויף אים געמאַכט אַ גרויסן רושם.

דאַכט זיך קליין אין וואוקס, אָבער מיט זיין הויכן שטריימל און מיט זיין קליין שפּיציג בערדל און זיינע דורכדרינגענדיגע אויגן און אויסדרוקספולן פּנים, האָט ער גלייך אויפן אויגנבליק אַרויסגערופן דעם גרעסטן יראת הכבוד אפילו ביי ניט־אידן.

אַריינקומענדיג צום שטאַטהאַלטער אין קאַבינעט, איז דער טאַלנער ניט געבליבן שטיין ביים טיר מיט הכנעה, ווי אַ פאַרשולדיגטער. ער איז געגאַנגען שטאָלץ און מיט פעסטע טריט גלייך צום שטאַטהאַלטער׳ס שרייבטיש, האַלטנדיג זיין בליק געריכטעט אויף פּאָטאָצקי׳ן.

פּאָטאָצקי׳ס פּנים האָט זיך אָנגעהויבן רויטלען. ער האָט דעם טאַלנער׳ס דורכדרינגענדיגן בליק ניט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט אָנגעהויבן פילן ווי דער צדיק וואָלט געלייענט זיינע באַהאַלטענע געדאַנקען.

דער שטאַטהאַלטער איז אויפגעשפּרונגען. ער איז געבליבן שטיין גלייך, ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַן אָפיציער. ער האָט דערפילט ווי ער האָט דאָ פאַר זיך איינעם, וועמען ער דאַרף ניט נאָר אָפּגעבן כבוד, נאָר וועמען ער איז עפּעס שולדיג.

דער טאַלנער איז שוין געשטאַנען געגנאיבער אים און ביידע האָבן זיך איינע די אַנדערע אָנגעקוקט, שווייגנדיג. ר׳ דוד׳ל האָט געוואַרט דער שטאַטהאַלטער זאָל אָנפאַנגען. פּאָטאָצקי האָט אָבער פאַרלאָרן לשון. באַלד אָבער האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן. ער האָט גענומען אַ שטול,

צוגעטראָגן צום טאלנער און מיט גרויס יראת הכבוד עס אוועקגעשטעלט פאַר אים.

„זעצט אייך!" האָט ער געזאָגט הכנעה'דיג.

דער טאלנער האָט זיך אוועקגעזעצט. ער האָט נאָך אַלץ געוואַרט.

האָט פּאָטאָצקי זיך אָנגעהויבן פילן אומאנגענעם.

„ווי איך פארשטיי, האָט איר מיר גערופן פאַר עפּעס!" האָט דער טאלנער געזאָגט און זיינע ווערטער זיינען פאַרן שטאטהאלטער איבערזעצט געוואָרן.

„איר וועט מיר אנטשולדיגן. איך האָב אייך בלויז געוואָלט איבער־געבן, אַז מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז די מסירה געגן אייך איז פאַלש און אומבאַגרינדעט, און אַז איר דאַרפט פאַר קיין זאַך ניט מורא האָבן. קיינער וועט אייך אין גאַליציע ניט שטערן. איך האָב אייך אפשר פאַר דעם ניט געדאַרפט מטריח זיין, אָבער איר וועט מיר אנטשולדיגן, וואָס איך האָב געהאַט דעם באַגער אייך צו האָבן פאַר זיך, און וואָס אנבאַלאַנגט אייער קומען אַהער באַטראַכט איך עס פאַר א גרויסן כבוד".

דער געשפּרעך וואָס האָט זיך האָן אנטוויקלט צווישן פּאָטאָצקי'ן און ר' דוד'לען, איז געווען א העכסט פריינטלעכער.

ווען דער געשפּרעך איז געווען צו ענד, האָט דער שטאטהאלטער דעם צדיק באַגלייט אין דרויסן און האָט געוואַרט ביז וואַנען דעם טאלנער'ס קארעטע איז פארשוואונדן פון אויג...

לד

דער משפט

דעם טאַלנער'ס אַפּפאָר פון גאַליציע. — זיין צווייטער באַזוך אין לעמבערג. — לעמבערגער טשיקאַווע רביים. — ווי ר' דוד'לס אַ חסיד האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַ צרה.

אַ קאָרגן יאָר האָט זיך ר' דוד'ל טאַלנער אויפגעהאַלטן אין בראָד. פלוצים האָט ער געהייסן זיך פּאַקן אין וועג אריין, צוריק קיין טאַלנע.

דאָס האָט ווידער אויפגעשטורמט די „וועלט". זיין פאָרן צוריק נאָך טאַלנע איז געווען פונקט אַזאַ איבעראַשונג ווי זיין פאַרלאָזן טאַלנע. עס איז אויך געווען פונקט אַזאַ „סוד".

חסידים שמועסן אָבער, אַז גראָד דערפאַר, וואָס דער טאַלנער האָט געהאַט אַזאַ וואונדערלעכע אויפנאַמע אין גאַליציע און דערפאַר, וואָס ער האָט דאָרט זיך געוואונען אַזאַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט, האָט ער דאָרט ניט געוואָלט פאַרבלייבן. עס דאַרף הייסן, אַז דער טאַלנער האָט מיט זיין נסיעה נאָך גאַליציע, צווישן אַנדערס, הויפּטזעכלעך געוואָלט אָפּריכטן גלות...

אַ צדיק ווי ער און שוין אויף די עלטערע יאָרן, האָט שוין ניט גע-קענט זיך אַרויסלאָזן אָפּריכטן גלות ווי דאָס האָבן געטאָן אַנדערע, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און מיט אַ שטעקן אין האַנט, שלעפּנדיג זיך פון שטאָט צו שטאָט צופוס. האָט ער כאָטש געוואָלט פאַרלאָזן זיין פראַכטפולן הויף אין טאַלנע, אַוועקלאָזנדיג זיך אין אַ פרעמדער מדינה.

דער טאַלנער האָט דערוואָרט, אַז אין גאַליציע זאָל אים אויסקומען ליידן דחקות. און מיטאַמאָל אַזאַ כבוד און אַזאַ גדולה! ר' דוד'ל האָט פון דעם געהאַט עגמת נפש.

זייטיגע מענטשן האָבן אָבער אַן אַנדער דערקלערונג. די לאַגע אין רוסלאַנד האָט זיך געהאַט פאַרבעסערט. טאַלנער חסידים האָבן געהאַט אויסגעווירקט, אַז מען זאָל זייער רבי'ן מער ניט רודפ'ן, און ר' דוד'ל האָט מער ניט געהאַט קיין אורזאַך זיך אויפצוהאַלטן אין אויסלאַנד.

דערהויפּט נאָך, ווען טויזנטער חסידים אין אוקראַינע זיינען ממש אויס־געגאַנגען פון בייַנקעניש נאָך אים.

מחנות גאַליצישע חסידים זיינען דעם טאַלנער נאָכגעפאָרן ביזן גרעניץ, און ווען ער איז אריבער דעם גרעניץ, האָבן אים אויפן צווייטן זייט אָפּגעוואַרט נייע מחנות חסידים, וועמעס שמחה האָט גאָר קיין מאָס ניט געהאַט. עס איז געווען ווי דאָס צוריקקערן פון א טאַטן צו זיינע פאַרלאָזענע און עלנטע קינדער.

איידער דער טאַלנער האָט פאַרלאָזן גאַליציע, האָט ער נאָכאַמאָל געהאַט באַזוכט לעמבערג און ווי אויפן ערשטן באַזוך, איז ער איינגעשטאַנען ביי ר׳ שמעון ברפ״ז-ראַפּאַפּאָרט, איינער פון די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים פון שטאָט.

פון טאַלנער׳ס אויפהאַלט אין לעמבערג ווערט דערציילט אַזאַ מעשה:

אַז דער טאַלנער איז געווען אין לעמבערג, איז די שטאָט געגאַנגען אויף רעדלעך. אין ר׳ שמעונ׳ס הויז שטענדיג געווען באַלאַגערט פון חסידים. ר׳ שמעון אַליין איז געווען פאַרהאַוועט און פאַרשמייעט, זאָרגענדיג זיך, אַז דעם רבי׳ן זאָל גאָרניט פעלן.

איז ר׳ דוד׳ל געווען איינגעשלאָסן אין זיין חדר מיוחד, האָט ר׳ שמעון, בכבודו ובעצמו, באַוואַכט די טיר, קיינער זאָל דעם צדיק ניט שטערן.

האָט פּאַסירט אַזאַ געשיכטע:

אין א וואָכעדיגן טאָג, ווען דער באַזוך ביים טאַלנער איז געווען קלענער ווי געוויינלעך, איז איינמאָל שפּעט נאָכמיטאָג דאָס הויז אינגאַנצן געווען ליידיג פון באַזוכער. דער רבי האָט זיך אומגעשטערט געקענט פאַר־טיפן אין זיינע ספרים.

מיטאַמאָל רוקט זיך אריין אין הויז אַן אומבאַקאַנטער איד. אויפן אָנבליק האָט מען געקענט זען, אַז ער איז ניט קיין אָרימער, אָבער זיין פּראָסטקייט איז אים געלעגן אויפן פּנים, אויף זיינע רויטע און אָפּגע־געסענע באַקן און אויף זיינע ברייטע און פליישיגע פּלייצעס.

פאַר ר׳ שמעונ׳ען איז מסתמא אַ קליינער אונטערשייד געווען ווער און וואָס דער אומבאַקאַנטער איז. ער האָט אים אויפגענומען מיט אַן אומצופרידענער מינע. ער האָט ניט געוואָלט, אַז אין דעם מאָמענט, ווען דער צדיק זיצט פאַרטיפט, זאָל אַ פרעמדער זיך ארומדרייען אין הויז און שטערן אים אין זיין התבודדות.

ער האָט צום פרעמדן אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט אַלס וואָרנונג, אַז

ער זאָל שווייגן און בלייבן שטיין וואו ער איז און ניט מאַכן קיין אומזיסטיגן גערויש מיט זיינע שווערע שטיוול, וואָס ער האָט געטראָגן.

דער פּרעמדער האָט אָבער ווייניג אויפמערקזאַמקייט געשיינקט ר' שמעון'ען. ער האָט מיט אַן אַנטשלאָסענער מינע זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צום טיר פון צדיק'ס חדר.

„איך וויל זען דעם רבי'ן", האָט ער אויסגערופן מיט אַ שטאַרקער באַסאָווער שטימע, וואָס האָט אָפּגעקלונגען פון איין עק צימער ביזן צווייטן.

„איך האָב דיר דאָך געהייסן שווייגן!" האָט ר' שמעון אויסגערופן מיט כעס אָבער איינגעהאַלטן, ניט וועלנדיג, אַז זיין שטימע זאָל געהערט ווערן אויפן צווייטן זייט טיר.

„מאַלע וואָס דו האָסט מיר געהייסן", האָט דער פּרעמדער געענט-פערט נאָך אַלץ הויך אויפן קול. „איך בין געקומען זען דעם רבי'ן און ניט זיך אויס'טענה'ן מיט דיר!"

ר' שמעון איז געווען אַ כהן און באַוואוסטער כעסן. די חוצפּה פון דעם פּרעמדן איז געווען פאַר אים צופיל, אומפאַרצייליך.

ער האָט אָבער נאָך אַלץ געוואָלט, אַז דער צדיק זאָל ניט געשטערט ווערן, אפילו ניט מיט קיין הויך וואָרט. האָט ער פאַרביסן די ליפּן און ווידער פּרובירט דעם פּרעמדן וואָרענען, אַז ער זאָל שווייגן.

„דער רבי נעמט איצט קיינעם ניט אויף. עס איז ניט די צייט פאַר דעם. ער טאָר איצט ניט געשטערט ווערן. גיי דיך געזונטערהייט אַהיים. וועסט קומען אַן אַנדערט מאָל!"

„ווער ביזטו דאָס אַזוינער, וואָס דו זאָגסט מיר דעות וואָס צו טאָן?" האָט דער פּרעמדער זיך צעשריען. „געהערט אַביסל, איך בין געקומען צום רבי'ן, וויל אים געבן אַ קוויטל און דערצו טאַקע אויך געבן אַ פיינעם פּדיון און ער שיקט מיר גאָר צוריק אַהיים! מיינסטו אפשר אַז איך בין פון די שנאָרער, וואָס קענען קיין פּדיון ניט געבן? אָט זע, איך האָב אַ פולן בייטל מיט געלט!"

פאַר ר' שמעון'ען איז עס שוין געווען צופיל. אַזאַ חוצפּה פון אַ גראָבן יונג האָט ער ניט געקענט פאַרלייד'ן. עס איז געווען אַ באַליידיגונג פאַר זיין רבי'ן און פאַר אים.

און ר' שמעון האָט אויפגעהויבן די האַנט און דעם אומבאַקאַנטן אַרונטערגעלאָזט אַ פּאָר פּעטש און אים אַרויסגעוואָרפן פון הויז.

עס איז אָבער ניט אַוועק קיין פּאָר טעג און ר׳ שמעון קריגט אַ מעלדונג, אַז מען פאַדערט אים אין געריכט אַריין.

ער לייענט איבער די מעלדונג און ער געפינט אויס, אַז דער קלעגער איז דער יעניגער וועמען ער האָט אויסגעפּאַטשט און אַרויס־געוואָרפן פון הויז. ער לייענט ווייטער און עס ווערט אים פינסטער אין די אויגן. דער טאָג פאַר וועלכן ער איז גערופן געוואָרן איז שבת. דאָס קען שוין ר׳ שמעון ניט אַרונטערשלינגען.

וואָס הייסט עס דען, ער וועט מיט זיין זיידענע בעקעשע און מיט זיין שטריימל גיין אין געריכט זיך אויס׳טענה׳ן מיט אַזאַ חצוף, און דערצו נאָך שבת?

ר׳ שמעון האָט אָנגעהויבן פרעגן באַקאַנטע וואָס ער זאָל טאָן. קיינער האָט אים קיין עצה ניט געקענט געבן. אויב מען רופט אים אין געריכט שבת וועט ער מוזן קומען.

אָבער ווער איז זיין קלעגער?

דער נאָמען פון קלעגער איז געווען אין דער מעלדונג. מען האָט זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן ווער ער איז, און באַלד איז געקומען דער ענטפער. ער איז געווען אַ רייכער קצב, וואָס האָט אין זיין קרייז געשפּילט אַ באַדייטנדיגע ראָל, געווען אַ איד אַ תקיף און אַזוינער וואָס לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאַשע. זיכער האָט ער קיינמאָל ניט פאַרגעבן קיינעם, וואָס האָט אים אַרונטערגעלאָזט אַ קלאַפּ.

ר׳ שמעונ׳ען איז אייננ געוואָרן אין מח. זיך צו האָבן פאַרטשעפּעט מיט אַזאַ נפש איז ניט געווען קיין געשמאַקע זאַך. עס איז אויך ניט געווען קיין כבוד פאַר אים. נאָך וויינינגער כבוד איז געווען זיך צו דאַרפן משפּט׳ן מיט אים. און די שאַנדע פאַר אים איז געווען גאָר גרויס, וואָס ער האָט געדאַרפט גיין אין געריכט שבת.

ר׳ שמעון האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. עס איז געווען אַ שאַנדע אין פּנים און אַ ווייטאָג אין האַרצן.

האָבן פריינט אים גע׳עצה׳ט ער זאָל זיך מיטן קצב איבערבעטן, איידער דער טאָג פון משפּט קומט אָן.

דאָס איז פאַר שמעונ׳ען געווען אַ ביטערער פּיל אַרונטערצושלינגען. ווי קומט אַזאַ חשוב׳ער בעל הבית ווי ער צו גיין זיך איבערבעטן מיט אַזאַ גראָבן יונג?

האָבן זיינע פריינט באַשלאָסן, אַז זיי וועלן עס טאָן פאַר אים. אפשר

וועט זיי געלינגען מפצה צו זיין דעם קצב. זיי זיינען צו אים אריבער, אבער יענער האט פון גארניט געוואלט הערן און זען.

„איך וועל אים אנלערנען!" האט ער זיך געקאכט. „און זאל ער טאקע שבת געשלעפט ווערן אין געריכט אין זיין זיידענער בעקעשע און שטריימל!"

דער קצב האט געוואלט נקמה.

האט מען אנגעהויבן טראכטן פון אנדערע מיטלען. מען האט זיך דערוואוסט, אז דער קצב איז א חסיד פון רבי פאטראנטאש און עס איז באשלאסן געווארן זיך צו ווענדן צו זיין רבי'ן כדי דורך אים ווירקן, אז דער קצב זאל צוריקציען זיין קלאגע.

רבי פאטראנטאש איז געווען איינער פון א גרופע מערקווירדיגע רביים, וואס האבן אין יענער צייט געשפילט א ראל אין לעמבערג, אדער בעסער געזאגט אין די לעמבערגער הינטער־געסלעך.

זיי האבן זיך אלע אויסגעצייכנט מיט דעם, וואס זיי זיינען געווען די רביים פון המון־עם און האבן באמת געקענט אנגערופן ווערן די רביים פון די שוסטערס, שניידערס, קצבים, בעלי עגלות און סתם ארימעלייט, וואס האבן צוליב פארשידענע אורזאכן, דער עיקר צוליב זייער פראסט־קייט, ניט געהאט קיין השגות פון א העכערן סארט חסידות און פון די באוואוסטערע חסידישע רביים ארום וועמען עס האבן זיך גרופירט די חסידישע „אריסטאקראטן".

די דאזיגע רביים זיינען ניט נאר געווען די מנהיגים פון המון־עם, נאר זיינען אליין געווען געוועזענע שוסטער, שניידער, בעלי עגלות און אזוי אידן פון א גאנץ יאר, וועלכע האבן זיך צוליב דער אדער יענער אורזאך דערהויבן צו גוט־אידישקייט.

מאנכע פון זיי האבן זיך אפילו געהאט גערופן מיט נעמען, וואס האבן אנגעצייגט אויף זייערע אמאליגע באשעפטיגונגען.

אזוי, למשל, איז רבי פאטראנטאש גערופן געווארן מיט דעם דאזיגן נאמען דערפאר, וואס ער איז אמאל געווען א זעלנער. אלס א זעלנער האט ער געטראגן א טאש מיט פאטראנען (קוילן) און אויף אזא אופן איז געשאפן געווארן דער נאמען „פאטראנטאש".

דער רבי פאטראנטאש, ווי די אנדערע רביים פון זיין מין, האבן ניט גע'שמ'ט פאר זייער לומדות. מען האט געוואוסט גאנץ גוט, אז זיי זיינען פראסטע מענטשן, אבער די אמונה איז געווען גרויס אין זייערע צדקות.

דער רבי פאטראנטאש האט געהאט זיין „הויף" אויף דער שול גאס.

דער גרעסטער למדן פון די דאזיגע רביים אין לעמבערג איז אפשר געווען ר' לייבעלע קיליקיווער.

דעם נאמען קיליקיווער האט ער געקראגן דערפאר, וואס ער איז געקומען פון שטעטל קיליקיוו, לעבן לעמבערג, וואו עס האבן געוואוינט א סך בעקער און פון וואנען לעמבערג האט געקראגן דעם גרעסטן חלק פון איר ברויט.

„קיליקיווער ברויט" איז אין לעמבערג געווען א שם דבר.

ר' לייבעלע קיליקיווער האט געוואוינט דארט, וואס איז געווען באוואוסט אין לעמבערג אלס „בוהך", א מין אפענער שטאטישער רינשטאק.

פון ר' לייבעל'ן האט מען שוין געהערט אפט א שטיקל תורה און אפילו מער לומדישע חסידים האבן געקענט הנאה האבן פון זיינס א זאגעכץ. ער איז אבער אלץ געבליבן דער רבי ניט פון די חסידישע מיוחסים, נאר פון די ארימע און פראסטע בעלי מלכות.

דער מערקווירדיגסטער און טאקע אויך אינטערעסאנטסטער פון אט די דאזיגע רביים איז ווארשיינלעך געווען ר' אלקנה דראנזשניק.

דעם נאמען דראנזשניק האט ער געקראגן פאר זיין פריערדיגע באשעפ־טיגונג אלס „דראנזשניק", וואס האט געמיינט איינפאך בעל עגלה.

א דראנזשניק איז אפשר געווען דער פראסטעסטער מין בעל עגלה און אויך דער ארימסטער.

זיין גאנצער פארמעגן איז געווען א שקאפע מיט א וואגן, וואס איז באשטאנען פון פיר רעדער מיט דראנגען, אויף וועלכע ער האט געפירט צום און פון באן משא.

איז ר' אלקנה כל ימיו געווען א דראנזשניק און קיינער וואלט זיך אויף אים אודאי ניט אומגעקוקט. ער האט אבער צו זיך צוגעצויגן אויפמערקזאמקייט פאר זיין פרומקייט און דער עיקר פאר צוויי מצוות, וואס ער האט גענומען אויף זיך אפצוהיטן.

די ערשטע מצווה איז געווען שמירת שבת.

פלעגט קומען פרייטאג צוועלף אזייגער, אזוי האט ר' אלקנה אויס־געשפאנט זיין פערד און זיך גענומען צוגרייטן פאר דער מלכה שבת.

באזארגט דאס פערד אין שטאל און אוועקגעשטעלט דעם וואגן, איז ער געגאנגען אין מרחץ אריין און באלד האט מען געהערט זיין קלינגענדיגן קול זינגענדיג שיר השירים מיט גרוים התלהבות.

און ר' אלקנה איז געווען אזוי פינקטלעך אין דעם, אז האט נאר דער

שטאַט-זייגער געשלאָגן צוועלף, האָט עס געקענט דונערן און בליצן, ער האָט די אַרבעט אַוועקגעלייגט. ער איז געוואָרן אויס בעל עגלה, אויס דראָנזשניק. האָט זיך אָנגעטאָן אין די בגדי שבת און ווי אַ חתן איז ער אַרויס מקבל פּנים זיין די כלה — דעם הייליגן שבת...

ר' אלקנה האָט ניט געקוקט וואו ער געפינט זיך. אויב דער שטאָט-זייגער האָט געשלאָגן צוועלף און ער האָט זיך געפונען אינמיטן גאַס, אָדער אויסער שטאָט, ווייט פון דער היים, האָט ער דאָרט איבערגעלאָזן פערד און וואָגן און איז אַוועק אַהיים צוצוגרייטן זיך פאַר שבת.

ניט איינמאָל האָבן זייטיגע מענטשן געמוזט פאַרנעמען ר' אלקנה'ס פערד און וואָגן און זיי ברייגנען אין שטאַל אַריין כדי ניט צו לאָזן זיי פאַרלאָרן גיין אָדער גע'גנב'עט ווערן.

אים אַליין האָט ניט געאַרט. דער הייליגער שבת איז ביי אים געווען בילכער, וויכטיגער ווי אַלע געשעפטן, ווי אַלע פּרנסות.

פאַרשטייט זיך, אַז שוין פאַר אַזאַ סאָרט מצווה אַליין האָט ר' אלקנה זיך קונה שם געווען.

ער האָט אָבער געהאַט אַ צווייטע מצווה. ער איז אויך געווען אַ גרויסער מכנים אורח.

זיין היים, ווי אָרים און ווי קליין זי איז ניט געווען, איז געווען אָפן פאַר יעדן אָרימאַן, פאַר יעדן עלנטן און הונגעריגן.

יעדער איינער, וואָס האָט ניט געהאַט וואו איבערצונעכטיגן האָט געוואוסט, אַז ביי ר' אלקנה'ן וועט ער געפינען וואו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ, צו אויף אַ האַרטן באַנק, צו אויף אַ „שעניק", צו גאָר אויף דער ערד, אַבי מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַבי ניט אין דרויסן.

און ביי ר' אלקנה'ן האָט מען אויך געקראָגן וואָס איבערצובאַפּן. עס איז תמיד געווען פאַר אָרימען און הונגעריגן מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער.

שבת איז ביי ר' אלקנה'ן גאָר געווען אַ גן־עדן. קיין איינציגער, וואָס איז אַריבער זיין שוועל, איז אַרויס אַ הונגעריגער.

ר' אלקנה האָט זיין לעצטע פּרוטה אַוועקגעגעבן פאַר דעם. דאָס וואָלט אָבער ווייט ניט געקלעקט צו שפּייזן אפילו אַ דריי-פיר אָרימע לייט. האָט ר' אלקנה שוין אָבער געוואוסט וואָס ער האָט צו טאָן.

לעמבערג איז דאַך עפּעס געווען אַ גרויסע אידישע קהלה און לעמ־בערג האָט דאַך עפּעס געהאַט געגוג גוטע אידישע הערצער. עס האָט

בלויז געדאַרפֿט זײַן אײנער, וואָס זאָל די דאָזיגע הערצער דערוואַרימען, וואָס זאָל זײ קומען דערמאָנען זײער חוב.

פֿלעגט ר׳ אלקנה יעדן דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג זיך אַרויסלאָזן איבער די הײזער קלײבן פּרוטות־ווײַס פֿאַר שבת — ניט פֿאַר זיך, נאָר צו העלפֿן שפּײַזן די אָרימעלײַט וואָס, מען האָט געוואוסט, קומען צו אים אין הויז אין די צענדליגע.

א מידער און א הונגעריגער פֿלעגט ר׳ אלקנה קומען פֿון א טאָג שווערע אַרבעט, אָבער ער פֿלעגט ווי טאַנצנדיק גײן איבער די גאַסן, קלאַפּן אין די טירן און בעטן אידן געבן לויט זײער וואונטש און לויט זײער מעגלעכקײט פֿאַר די, וואָס ווערן שבת אַנדערשוואו ניט געפֿינען קײן מאַלצײַט.

און די אידן האָבן געגעבן.

און ווי דאָס איז נאָך ניט געווען גענוג, פֿלעגט ר׳ אלקנה יעדן פֿרײַטאָג, טאַקע נאָכדעם ווי ער האָט אָוועקגעלײגט די אַרבעט, נעמען א זאַק אויפֿ׳ן פּלײצע און זיך אויף דאָס נײַ אַרויסלאָז איבער די הײַזער.

דאָנערשטאָג האָט ער גענומען פּרוטות, מטבעות. פֿרײַטאָג האָט ער שוין אָבער גענומען חלות, פֿלײש, פֿיש און וואָס אײנער אָדער אײנע האָט געגעבן.

און אָרימעלײַט האָבן שוין ניט געדאַרפֿט וואַרטן, אז מען זאָל זײ בעטן. זײ האָבן אַלײן געוואוסט וואו ר׳ אלקנה וואוינט. זײַן הויז האָט זיך געפֿונען אויף דער זונען גאַס, וואָס איז דעמאָלט געווען אין אַן אָרימען און פֿאַרלאָזענעם טײל פֿון שטאָט. (איצט איז זי אײנע פֿון די פֿאָראַדנע גאַסן פֿון שטאָט).

פֿלעגן זיך יעדן פֿרײַטאָג צונאַכט צוזאַמענקלײבן א גאַנצע עדה אידן און אידענעס, קראַנקע און צעבראָכענע, קרומע און לאָמע און אַנדערע לא יוצלח׳ס, וואָס האָבן אפֿילו בעטלען ניט געקענט, און בײַ ר׳ אלקנה׳ס טיש הנאה געהאַט פֿון הײליגן שבת.

ווען דער פֿרײַטאָג צונאַכטיגער מאַלצײַט איז געווען פֿאַריבער, ווען די זמירות זײַנען אָפּגעזונגען געוואָרן און דער זיסער שבת׳דיגער שלאָף איז אָנגעפֿאַלן, האָט מען זיך צעלײגט אויף בענק, אויף דער ערד און וואו נאָר מען האָט פּלאַץ געפֿונען און מען האָט געשמאַק געשלאָפֿן, חלום׳נדיג זיסע חלומות.

פון אנפאנג איז ר' אלקנה געווען ניט מער ווי דער מכנים אורח פון אט די דאזיגע ארימעלייט.

ביסלעכווייז האט ר' אלקנה אויך אנגעהויבן פילן די נויטווענדיקייט ניט בלויז צו פארזארגן דעם גוף פון די ארימעלייט, וואס זיינען געקומען צו אים אויף שבת, נאר אויך זייערע נשמות.

אידן זעצן זיך ביים טיש, דארף מען פאר זיי מאכן קידוש. איז עס געפאלן אויף ר' אלקנה'ן, און ר' אלקנה האט געקענט מאכן א שיינעם, פאר'דבקה'טן קידוש. עס איז געווען דער אויסגוס פון זיין נשמה. עס איז געווען א שבח והודיה צום רבונו של עולם, וואס אויף אים איז געפאלן דאס פארזארגן פון אזויפיל ארימעלייט. עס איז געווען א תפילה, אז די ארימעלייט זאלן אליין געהאלפן ווערן, ווארום ר' אלקנה'ס הארץ האט באמת ווי געטאן פאר זיי אלעמען.

און שפעטער, ווען דער עולם האט זיך שוין געזעטיגט און אנגעהויבן פילן בגילופנדיג, ווי אידן פילן זיך פרייטאג צונאכט ביים טיש, האט ר' אלקנה געפילט די נויטווענדיקייט צו זינגען פאר זיי זמירות. ווארום ווי זינגט מען עס ניט ביים טיש זמירות?

דאס איז אים שוין ניט געווען אזוי לייכט. אפשר איז ער גאר געווען שטומפיג אויף דער עברי. אבער זיין הארץ איז געווען פול. עס האט זיך אליין געזונגען פון הארצן ארויס און ר' אלקנה'ס קול האט זיך גע־טראגן הויך און געדריידלט און אנגעפילט דעם חלל פון זיין הויז און זיך צעטראגן ווייט אויסערן הויז, אפקלינגענדיג איבערן גאנצן הויף און ווייט אויפן גאס.

עס איז געווען א זיס געזאנג, א הימליש געזאנג און די עדה ארימע־לייט האט התלהבות'דיג מיטגעזונגען.

אז מען האט געענדיגט דאס זינגען, האט מען געבענטשט און ר' אלקנה האט געמוזט פאר זיי בענטשן און ווידער מיט גרויס כוונה און מיט גרויס דבקות.

און אז מען איז שוין געווען פארטיג מיט דעם, ווי לאזט מען עס גלאט אידן זיצן ליידיג?

האט ר' אלקנה געעפנט א חומש און אנגעהויבן פארטייטשן די סדרה פון דער וואך. אפשר האט ער דערפאר געדארפט אנקומען צו א טייטש־חומש, אבער ער האט געקענט זאגן אזוי געשמאק, מיט אזא זיסן ניגון, אז דער עולם איז צעגאנגען פון מתיקות.

אויף מארגן האט ער שוין פרובירט זאגן עפעס אנדערש, און צו שלש

סעודות איז געווען דער תהילים די בעסטע שטיקל סחורה.

איז ר׳ אלקנה געוואָרן אַ זאָגער פון תורה, און אַז איינער זאָגט תורה איז ער אַ רבי, און באַלד האָט ער אָנגעהויבן שם׳ען אַלס אַ רבי.

אַ לאַנגע צייט איז ער נאָך אָבער אַלץ געבליבן דערזעלביגער בעל עגלה.

ביסלעכווייז, וואַרשיינלעך, ווייל די חסידים זיינע אַליין האָבן עס שוין ניט געוואָלט, האָט ר׳ אלקנה אָנגעהויבן פּראַווען רבי׳סטווע. מען האָט אָנגעהויבן טראָגן צו אים קוויטלעך און די קוויטלעך פלעגן מוזן זיין געשריבן אין „כתיבה“, עס הייסט מיט געדרוקטע אותיות, ווייל געשריבענע האָט ר׳ אלקנה ניט געקענט לייענען.

שפּעטער האָט ר׳ אלקנה שוין געהאַט אַ „הויף“ מיט אַלע קליפּערלעך, מיט אַ גבאי און קוויטל־שרייבער און אַלץ מיט אַנאַנדער.

אָבער אַפילו אין זיין רבי׳שאַפט האָט ער ניט אויפגעגעבן די אַלטע מצווה פון הכנסת אורחים, און איז יעדן דאָנערשטאָג געגאַנגען קלייבן איבער די הייזער געלט און יעדן פרייטאָג מיט אַ זאַק איבער די פּלייצעס קלייבן שפּייז פאַר די אָרימעלייט, וואָס פלעגן, ווי פריער, קומען צו אים אויף שבת. . .

פאַרשטייט זיך, אַז צו אַזאַ רבי׳ן ווי רבי פּאַטראַנטאַש איז ר׳ שמעון׳ען ניט אָנגעשטאַנען צו גיין בעטן, אַז ער זאָל שלום מאַכן צווישן אים און דעם קצב. האָבן עס פאַר אים געטאָן זיינע פריינט, און איינער פון די וואָס זיינען געגאַנגען צו רבי פּאַטראַנטאַש זיך משתדל זיין פאַר אים איז געווען ר׳ שמואל מאַרגאָשעס, איינער פון די לעמבערגער ראשי הקהל.

רבי פּאַטראַנטאַש האָט זיך געפילט שטאַרק געשמייכלט, וואָס אַזוינע געהויבענע חסידים זיינען געקומען צו אים, און ווען ער האָט געהערט וואָס זיי פאַרלאַנגען פון אים, איז ער געווען גרייט צו דערפילן זייער בקשה.

האָט ער באַלד געלאָזט רופן דעם קצב און אויפן שטעל אים געהייסן צערייסן דעם „פּאָזעוו“ — דאָס שריפט פון געריכט מיט וועלכן ער האָט געזאָלט קומען צום פּראָצעס, — וואָס איז געווען אַ צייכן, אַז די קלאָגע איז צוריקגעצויגן.

דער קצב האָט זיין רבי׳ן געפאָלגט און אַלץ איז געווען צו ענד. רבי פּאַטראַנטאַש האָט אָבער אַרויסגעגעבן אַ קנס פאַר ר׳ שמעון׳ען.

„ר׳ שמעון מעג זיך זיין אַ גרויסער מיוחס, אָבער פּאַטשן מיינעם אַ חסיד טאָר ער ניט, און דערפאַר קנס׳ע איך אים מיט צען פונט ליכט“, האָט דער רבי געזאָגט, און דער קנס איז טאַקע באַלד באַצאָלט געוואָרן.

לח.

ימים נוראים

ערב ראש השנה און ראש השנה אין טאַלנער הויף. — ר׳ דוד׳לס הכנות פאַרן יום הדין. — פאַר וואָס מען דאַרף געבן צדקה ערב ראש השנה און ערב יום כפור. — דעם קאָזניצער מגיד׳ס כל נדרי. — דער פּריץ און זיין הונט. — סמאל און מיכאל.

דאָס איבערגיין פון אַלטן יאָר צום נייעם איז געווען אַ גרויסע געשעעניש אין טאַלנע. ר׳ דוד׳ל האָט געוואוסט וואָס עס מיינט זיין אַ מליץ יושר פאַר חסידים, און ניט פאַר זיינע חסידים אַליין, נאָר אויך פאַר אַלע חסידים און טאַקע פאַר כל ישראל.

ר׳ דוד׳ל האָט זיך געהאַט זיין אייגנאַרטיגן דרך אין אַזעלכע זאַכן. ער האָט ניט געוואָרט ביז דער יום הדין וועט קומען צו פאַלן בעטן פאַרן רבונו של עולם. מען האָט געדאַרפט זיין פאַרבערייט אין פאָרויס, אָפּ־ענדיגן דעם אַלטן יאָר אַזוי, אַז מען זאָל ניט דאַרפן זיין אין שרעק פאַרן יום הדין.

אַ פּשוט׳ער חשבון: אַז מען קומט פאַרן רבונו של עולם אַ פאַרטיגער בעל תשובה האָט מען פאַר גאָר ניט וואָס מורא צו האָבן. מען איז דעמאָלט זיכער, אַז מען וועט פאַרשריבן ווערן „לאלתר לחיים“...

האָט זיך ר׳ דוד׳ל ניט געפירט ווי אַנדערע רביים, וואָס פלעגן ראש השנה אַליין דאַווענען פאַרן עמוד, אָדער פּראָווען ספּעציעלע עבודות. ער האָט זיינס אָפּגעטאָן ערב ראש השנה.

אַ גאַנץ חודש אלול געווען פאַרטראָגן אין הימלישע זאַכן. מען האָט געקענט זען בפועל ממש, אַז ער לייגט איין וועלטן, אַז מען זאָל אידן שיינקען זייערע חטאים, אָפּטמאָל אונטערשטעלנדיג זיינע אייגענע פּלייצעס און גענומען אַלץ אויף זיך...

דעם אמת׳ן חשבון הנפש האָט אָבער דער צדיק געמאַכט ערב ראש השנה צו מנחה. די לעצטע תפילה פון אַלטן יאָר, האָט ער דעמאָלט גע־וואָלט אָפּווישן די חטאים פון פאַרגייענדיגן יאָר און קומען פאַר גאָט ברוך הוא מיט אַ ריינעם צעטל. עס זאָל מער קיין תביעות ניט זיין...

ערב ראש השנה אין דער פרי איז שוין דער חסידישער עולם געווען אין טאַלנע. אויב זיין ראש השנה ביים רבי'ן, האָט קיין חסיד ניט געוואָלט פאַרפעלן די איינדרוקספולע צערעמאָניע פון „התרת נדרים" וואָס איז יעדן ערב ראש השנה אין דער פרי געפּראַוועט געוואָרן פון ר' דוד'לען אַליין.

דאָס וואָס דער „התרת נדרים" איז געפּראַוועט געוואָרן ערב ראש השנה און ניט ערב יום כפור איז געווען אַן אַנדער סימן, אַז מען האָט אין טאַלנע געוואָלט קומען צום יום הדין ריין און פריי פון אַלע זינד.

דער „התרת נדרים" איז געפּראַוועט געוואָרן אין רבי'נס הויז, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן הויף.

ערב ראש השנה זיינען די טירן פון רבי'נס הויז געעפנט געוואָרן פאַר אַלע חסידים. דער גרויסער זאַל פאַרן רבי'נס חדר מיוחד איז געווען דאָס פּלאַץ וואו דער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט גלייך נאָכן דאַווענען און מיט גרוים יראה און פחד געוואַרט אויפן רבי'ן, וועלכער איז נאָך געווען אין זיין חדר.

אַלעמענס בליקן זיינען געווען געריכטעט אויפן טיר פון רבי'נס חדר. ענדלעך האָט זיך די טיר געעפנט, אַ טישל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן און דער צדיק איז אַרויסגעקומען אַ פאַר'מח'טער און פאַר'דבק'טער.

געוויינלעך פירט זיך, אַז צו „התרת נדרים" האָט מען דריי — אַ בית דין פון דריי. ר' דוד'ל איז אָבער געווען אין דער בחינה פון אַ „יחיד מומחה" און עס איז געווען גענוג אַז ער אַליין זאָל דעם עולם מתיר נדר זיין.

ווי עס פירט זיך, איז די צערעמאָניע געווען אַ דאָפּלטע. צוערשט האָט ר' דוד'ל מתיר נדר געווען דעם עולם און נאָכער האָט דער עולם אים אַליין מתיר נדר געווען.

פאַרענדיגט דעם „התרת נדרים", האָט דער עולם געפילט ווי אַ שווערע משא וואָלט אַרונטערגעפאַלן פון די פּלייצעס. מען איז געווען פריי פון אַלע שבועות און נדרים וואָס מען האָט אויף זיך גענומען אין פאַרלויף פון יאָר.

נאָך „התרת נדרים" האָט זיך דער רבי צוריק איינגעשלאָסן אין זיין חדר און געבליבן אין התבודדות עטלעכע שעה.

שפּעטער צו האָט מען זיך צו אים אָנגעהויבן לאָזן מיט קוויטלעך. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין געוויינלעכער טאָג פון יאָר, ווען יעדער איד וואָס האָט געהאַט אַ בקשה איז צוגעלאָזט געוואָרן צום רבי'ן. ר' דוד'ל האָט ערב ראש השנה געוואָלט אויסהערן בקשות נאָר פון אַ העכערן סאָרט, פון אַ מער גייסטיגן און כלל ישראל'דיגן כאַראַקטער.

פארשטייט זיך, אז בקשות וואס האבן געהאט צו טאן מיט פקוח נפש זיינען פון רבי׳ן תמיד אויסגעהערט געווארן.

אפגעפארטיגט זיך מיט אלץ, האט ר׳ דוד׳ל זיך אנגעהויבן צוגרייטן פאר מנחה.

אין בית מדרש, וואו עס האבן געקענט אריין א פאר טויזנט מענטשן, האט זיך שוין געהאט פארזאמלט א גרויסער עולם. ווער וועט דען פאר־פעלן דעם רבי׳נס מנחה?

באלד ווערט שטיל, ממש א פארע ניט צו הערן. דער רבי איז שוין אין זיין חדר מיוחד, וואס איז צוגעבויט צום בית מדרש.

די טיר עפנט זיך און מיט לאנגזאמע טריט, איינגעוויקלט אין א טלית, גייט דער צדיק גלייך צום עמוד. עס הערט זיך באלד דעם רבי׳נס „אשרי".

דאכט זיך א געוויינלעכע און וואכעדיגע מנחה. דער רבי פאנגט אן שטיל, כמעט שעפטשענדיג מיט זיין דינעם קול, אבער וואס ווייטער צע־ווארימט ער זיך אלץ מער און זיין קול ווערט שטארקער, מעכטיגער, ביז עס צעפלאקערט זיך, ווערט פלאם־פייער. חסידים פלעגן זאגן, אז ווער עס האט ניט געהערט ר׳ דוד׳לען דאווענען די לעצטע מנחה פון יאר, האט ניט געוואוסט וואס אמת׳ע תפילה איז, וואס השתפכות הנפש איז, וואס עס מיינט דאווענען מיט הארץ!

ביי פארשידענע שטעלן האט זיך ר׳ דוד׳ל צעוויינט און זיין געוויין איז געווען הארצרייסנד, דורכנעמענד. דער עולם איז ממש צעגאנגען, פילנדיג די אמת׳ע באדייטונג פון „בטול היש".

ערטערווייז איז זיין שטימע געווען ווי אין א געבעט און ערטערווייז ווי אין א באפעל. דא האט ער זיך געבייזערט און דא האט ער זיך גע־בויגן מיט הכנעה. דא האט מען געפילט ווי ער טענה׳ט זיך אויס מיטן רבונו של עולם; מאכט אים פארוואורפן וואס ער האט פארגעסן אן זיינע קינדער וואס וואלגערן זיך שוין הונדערטער יארן אין גלות, און דא האט ער געבעטן תחנונים, אז דער אייבערשטער זאל זיך ניט פירן מיטן מדת הדין נאר מיטן מדת הרחמים.

דער רבי איז צוריק אריין אין זיין חדר מיוחד, וואו עס האבן זיך ארום אים געפונען די קינדער און אייניקלעך און די גאר נאענטע, בכבוד׳יגע חסידים, וואס האבן מיט אים געדאווענט דעם גאנצן ראש השנה און יום כפור.

דער עולם האט שוין דעם רבי׳ן ניט געזען ביז נאך מעריב, ווען אלע האבן זיך אויסגעשטעלט אין דרויסן אין לאנגע רייען, מאכנדיג א „ווארע"

און ווינטשענדיג דעם רבי'ן א „לשנה טובה תכתבו". פארשפעטיגטע חסידים האבן דעמאלט אויך געגעבן דעם רבי'ן שלום און דערלאנגט אים קוויטלעך וואס זיי האבן צוגעגרייט ערב יום טוב.

אזוינע קוויטלעך פלעגן אויך פון די חסידים אריינגעווארפן ווערן אין רבי'נס באזונדערן חדר אין בית מדרש אין פארלויף פון דאוונען.

דער רבי האט יעדן געענטפערט א פריינטלעכן „לשנה טובה תכתבו". יעדער חסיד האט דעמאלט באזונדערע אויפמערקזאמקייט געשיינקט דעם רבי'ן, געקוקט אויף זיין מינע, געהיט יעדע באוועגונג פון זיין פנים, ווי אזוי ער זאגט ארויס דעם „לשנה טובה". ווארום אין די אלע זאכן האט מען געזוכט רמזים אויף דעם וואס דאס נייע יאר וועט ברענגען...

א האלבן שחרית פלעגט ר' דוד'ל דאוונען ביי זיך אין הויז. נאך דער ערשטער שמונה-עשרה, צו חזרת הש"ץ, פלעגט ער גיין אין בית מדרש אריין און דער בעל תפילה האט ניט אנגעפאנגען ביז וואנען דער רבי איז ניט געווען אין זיין חדר.

געוויזן זיך פארן עולם האט דער רבי צו תקיעות. ער איז דעמאלט ארויס פון זיין חדר, און חסידים פלעגן זאגן, אז ר' דוד'ל האט דעמאלט אויסגעקוקט ווי דער כהן גדול...

ארויף אויף דער בימה, האט דער רבי געזאגט „מזמור לדוד" און פארגעזאגט דעם בעל-תקיעה דעם „תקיעה, שברים, תרועה". דער עולם איז דעמאלט געווען אין גרויס פחד, פילנדיג ווי דער צדיק ראנגלט זיך מיטן שטן, וועמעס מאכט ער ברעכט מיט די תקיעות, און פארשטייט זיך, אז דער צדיק האט תמיד מנצח געווען...

איינער פון די מנהגים אין טאלנער הויף איז געווען, וואס תשליך פלעגט מען דארט ניט גיין ראש השנה, נאר אין פארלויף פון די עשרת ימי תשובה, באזונדער א פאר טעג פאר יום כפור, ווען מען זאגט די סליחות פון „שלש עשרה מדות".

אין טאג פון די „שלש עשרה מדות" פלעגט ר' דוד'ל ארויספארן קיין מאנדעוונעסקא, א דארף, א פאר ווירסט פון טאלנע, באגלייט פון די קינדער, אייניקלעך, הויפלייט און א גרויסע צאל חסידים.

אין מאנדעוונעסקא איז געווען א טייך, וואס איז געהאלטן געווארן אין ארענדע פון א געוויסן ר' אליה, א חשוב'ער חסיד. דער דאזיגער ר' אליה איז געווען א פישער און האט דעם טייך געהאט אפגעדונגען פון פריץ פאר די פיש וואס זיינען דארט געווען. ער האט אויך געהאלטן די מיל.

אט צו דעם טייך פלעגט עם ר' דוד'ל פארן צו תשליך. פארשטייט

זיך, אז ר' אליה האָט עס ניט נאָר געהאַלטן פאַר אַ גרויסער זכיה, נאָר האָט אויך געהאַלטן, אַז דעם רבי'נס ארויספאָר צום טייך איז די אורזאַך פון דער גרויסער מזל ברכה וואָס ער האָט געהאַט. די פיש האָבן זיך, אַ דאַנק דעם, געפּרוכפּערט און געמערט, און ר' אליה איז געווען באַזאָרגט מיט פּרנסה. די פיש פון ר' אליה'ס טייך האָבן צוליב דעם אויך געהאַט אַ באַזונדערן שם צווישן חסידים. עפּעס אַ קלייניקייט צו זיין אונטערן רבי'נס השפעה!

ר' אליה האָט אויך געהאַט אַ חזקה, וואָס דער רבי פלעגט נאָכן תשליך אריין צו אים אין הויז און מאַכן ברכה, נעמען עפּעס אין מויל און צוריקפאָרן אין הויף. די חסידים פלעגן שוין אָבער בלייבן ביי ר' אליה'ן און מען פלעגט זיך לאָזן וואויל באַקומען. מען האָט געזונגען און געגאַנגען אַ ריקוד'ל. עס איז געווען אַן אמת'ער יום טוב.

אַ גאַנץ חודש אלול, באַזונדער ערב ראש השנה און ערב יום כפור, האָט ר' דוד'ל שטאַרק מדקדק געווען ניט צו פאַרפעלן צו פאַרטיילן צדקה צו אָרימעלייט, וואָס ער פלעגט טאָן מיט דער אייגענער האַנט.

„זאָל דער שטן קיין אויסרייד ניט האָבן", פלעגט ער זאָגן.

און אַז מען האָט אים געפרעגט וואָס ער מיינט מיט דעם, האָט ער דערציילט אַ מעשה'לע פון קאָזניצער מגיד.

דער קאָזניצער — האָט דער טאַלנער דערציילט — האָט זיך נוהג געווען ימים נוראים אליין צו דאַווענען פאַרן עמוד.

איינמאָל צו כל נדרי שטעלט זיך דער קאָזניצער ביים עמוד. דער עולם וואַרט מיט גרויס יראה ער זאָל אָנפאַנגען, אָבער דער קאָזניצער שווייגט. ער שטייט מיטן טלית איבערן קאָפּ ווי פאַרגליווערט.

עס גייט אַוועק אַ פערטל שעה, אַ האַלבע שעה, אַ גאַנצע שעה און דער צדיק שווייגט נאָך אַלץ.

דער עולם ווערט אומרואיג. וואָס זאָל עס באַדייטן?

אין בית מדרש הערשט אַ טויטע שטילקייט. דער עולם וואַרט, וואָס עס וועט ווייטער זיין.

צוויי שעה גייען אַוועק, און דער קאָזניצער דרייט זיך אויס צום עולם. זיין פּנים איז בלייך. די אויגן פול מיט טרערן.

„געפינט זיך דאָ אימיצער פון פילעווע?" פרעגט דער מגיד מיט אַ ציטערדיגער שטימע.

צווישן עולם ווערט אַ גערודער. עס איז קיינער ניטאָ פון פילעווע. עס איז אָבער דאָ אַ איד פון ראַווניץ, אַ דאָרף ניט ווייט פון פילעווע.

דער דאָזיגער איד האָט דאָרט דעם פּאַכט און פירט זיין סחורה קיין פּילעווע. ער איז מיט פּילעווע גוט באַקאַנט.

„זאָל ער צוקומען", באַפעלט דער קאָזניצער.

דער פּאַכטער קומט צו אין ציטערניש.

„ביזטו גוט באַקאַנט מיט פּילעווע?" פרעגט אים דער קאָזניצער.

„און ווי נאָך!" ענטפערט דער פּאַכטער.

„האָסטו געהערט פון דעם דאָרטיגן חראַביע (אַ טיטול פון אַ פּוילישן פּריץ) שאַטרינסקי?"

„געוויס", ענטפערט דער ראַווניצער איד.

„ווייסטו עפּעס וועגן זיין הונט?" פרעגט דער צדיק.

„איך זאָל עס זאָגן", פלייסט זיך ישוין דער איד.

„דערציי׳ל וואָס דו ווייסט!" באַפוילט דער מגיד.

און דער ראַווניצער איד דערציילט הויך אויפן קול:

„שאַטרינסקי איז באַוואוסט פאַר זיין עשירות און נאָך מער פאַר זיין הולטאַיעווען און זיין פאַרשווענדריי.

„ער איז באַזונדערס באַוואוסט פאַר זיינע כלבים, פון וועלכע ער איז אַ גרויסער ליבהאָבער. האָט אַ גאַנצע מחנה פון זיי, און פון אַלע מינים און גרויסן. גאָר לעצטנס האָט ער זיך איינגעהאַנדלט אַ נייעם כלב, גרויס ווי אַ קאַלב, וואָס האָט געטאָן אַלץ וואָס מען האָט אים געהייסן.

„דער חראַביע האָט אים געבראַכט פון אויסלאַנד, זאָגט מען, און האָט פאַר אים באַצאָלט ניט ווייניגער פון טויזנט רענדלעך.

„געבראַכט דעם כלב קיין פּילעווע, האָט ער געוואָלט צייגן פאַר אַנדערע פּריצים די וואונדער פון דעם הונט און האָט זיי איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ הוליאַנקע.

„געקומען צו דער הוליאַנקע, האָט שאַטרינסקי אָנגעהויבן געבן באַ־פוילן זיין הונט צו טאָן געוויסע זאַכן. אָבער מיט אַמאָל פאַר׳עקשנ׳ט זיך דער כלב און וויל ניט טאָן וואָס ער הייסט אים. ווערט דער חראַביע מלא רציחה און טרייבט דעם כלב אַרויס פון הויז און וויל פון אים מער ניט וויסן.

„וואַלגערט זיך איצט דער כלב אַרום אין שטעטל און שפּייזט זיך אויף דעם, וואָס אידן וואַרפן אים צו."

דער ראַווניצער איד פאַרענדיגט זיין געשיכטע און רוקט זיך אויף צוריק. עס איז אַן אימה צו שטיין פאַרן קאָזניצער מגיד.

דעם קאָזניצער׳ס פּנים פלאַמט.

ער דרייט זיך צוריק אוועק פון עולם און מיט גרויס התלהבות רופט ער אויס:

„האסטו געהערט, מלאך מיכאל?" און גלייך נאכדעם פאנגט ער אן זאגן „כל נדרי", ווי עס וואלט גאר ניט געשען...

מוצאי יום כפור רוקן זיך בכבוד'ע חסידים צו צום צדיק און בעטן אים ער זאל דערקלערן וואס עס האט פאסירט. זיי גייען אויס פון נייגעריגקייט.

דער קאזניצער איז גוט אויפגעלייגט און דערציילט אזא מעשה:

אין א ווייטן שטעטל איז געווען א איד מיטן נאמען מענדל. איז ער געווען א גרויסער ארימאן, לא עלינו.

האט מענדל געהאט א טאכטער א בוגרת, אבער עס האט אים געפעלט דער נדן און דער אויסשטייער איר חתונה צו מאכן.

איז געווען א גרויסער צער אויפן מיידל און א גרויסער צער אויף טאטע מאמע.

די מאמע, מענדל'ס פלונית'טע, איז גאר געווען אויסער זיך און איז איר מאן דערגאנגען די יארן.

„זיץ ניט מיט קיין פארלייגטע הענט! טו עפעס!" האט זי כסדר געהאלטן אין מאנען.

„וואס זאל איך אבער טאן?" האט זיך מענדל געבעטן. „קיין פרנסה איז ניטא און בארגן וויל מיר קיינער ניט, און וואס צו פארזעצן האב איך ניט."

„לאז זיך ארויס איבער דער וועלט", איז געווען איר עצה. „א מיידל קען ניט פארזיצן ביז גרויען צאפ. אויב עס איז קיין אנדער ברירה ניטא, מוז מען פשוט גיין איבער די הייזער. אידן זיינען תמיד גרייט צו העלפן אין אזוינע פאלן."

האט זיך מענדל געלאזט צוריידן און זיך ארויסגעלאזט איבער דער וועלט. איז ער געגאנגען פון שטעטל צו שטעטל און מיט א פנים וואס האט אים געפלאמט פון בושה האט ער אויסגעשטרעקט א האנט און גע־בעטן נדבות, כדי ער זאל קענען חתונה מאכן זיין דערוואקסענע טאכטער.

אבער וויפיל שטעטלעך ער איז ניט אויסגעווען, האט ער נאך אלץ ניט געהאט גענוג זיין טאכטער חתונה צו מאכן. אידן האבן זיך ניט אפגערופן אזוי גערן מיט נדבות.

עס איז שוין געווען נאענט צו די ימים נוראים. מענדל האט שוין געדארפט זיך צוריקקערן אהיים, און דא האט ער נאך קוים געהאט אן

אַנפאַנג פון דעם וואָס ער האָט געדאַרפט.

ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין פּילעווע. עס איז געווען דאָס לעצטע שטעטל וואָס ער האָט נאָך צייט געהאַט צו באַזוכן. אָבער דורכ-גייענדיק פּילעווע האָט ער בלויז צוגעקראָגן נאָך עטלעכע גילדן.

מיט אַ פאַרקלעמטן האַרצן האָט ער פאַרלאָזן פּילעווע און, ווען ער איז געווען אויסן שטעטל, האָט ער שוין מער זיין צער ניט געקענט דער-שטיקן אין זיך. ער האָט זיך אַרונטערגעזעצט ביים זייט פון וועג און זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט.

אין דער צייט וואָס מענדל איז געזעסן און געוויינט, איז אָנגעפאָרן דער חראַביע שאַטרינסקי אין זיין קאַרעטע. דער פריץ האָט באַמערקט דעם וויינענדיגן אידן און געהייסן דעם קוטשער זיך אָפּשטעלן. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, מענדל זאָל צו אים צוקומען.

איז מענדל צוגעקומען.

דער פריץ האָט געוואָלט וויסן פאַרוואָס ער וויינט, און מענדל האָט אים אַץ דערציילט פון אָנגאַנג ביזן סוף.

„וויפיל געלט וואָלסטו, אַ שטייגער, געדאַרפט האָבן חתונה צו מאַכן דיין טאָכטער?“ האָט דער חראַביע געפרעגט.

„אַ הונדערט רענדלעך“, האָט מענדל געזאָגט.

דער פריץ האָט אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ בלייפעדער און האָט עפּעס אָנגעשריבן. ער האָט דעם צעטל דערלאַנגט מענדל'ען.

„דאָ האָסטו דיר אַ קוויטל אויף הונדערט רענדלעך. אַז דו וועסט קומען צו מיין קאַסירער און אים געבן דאָס קוויטל וועט ער דיר אויסצאָלן דאָס געלט.“ און מיט די דאָזיגע ווערטער איז דער חראַביע אַוועקגעפאָרן.

מענדל איז געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער. ער האָט זיך אַליין ניט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס זאָל זיין אַווירקלעכקייט.

„עס איז ניט מעגלעך“, האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. „ער האָט נאָר שפּאַס געמאַכט, און זאָל איך קומען צו זיין קאַסירער וועט ער אויף מיר אָנרייצן די הינט. אַ שיינע זאַך, אַ גוי וועט זיין אַזאַ בעל צדקה!“

און מענדל האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אין אַ קרעטשמע ניט ווייט פון פּילעווע. ער האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט מיטן קרעטשמער און אים דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט.

„ציייגט מיר נאָר דאָס קוויטל“, האָט דער קרעטשמער פאַרלאַנגט.

מענדל האָט אים געצייגט דאָס קוויטל.

„דער חראַביע האָט שוין גאָר ניט געטריבן קיין שפּאַס“, האָט דער

קרעטשמער דערקלערט. און ער האָט אַליין גענומען מענדלען צו שאַט־רינסקי'ס קאַסירער און יענער האָט אָן פרעגן אים אויסגעצאָלט די גאַנצע הונדערט רענדלעך.

מענדל איז געווען אין זיבעטן הימל.

„און איצט, אַז עס איז געקומען צו כל נדרי", האָט דער קאָזניצער דערציילט זיינע חסידים, „האָב איך דערהערט ווי אין הימל קומט פאַר אַ קטרוג געגן אידן.

„דער מקטרג סמאל האָט זיך צעלאָזט מיט זיין גאַנצן גאַל געגן אידן. — אָט זע, רבונו של עולם, וואָס פאַר אידעלעך דו האָסט, — האָט ער גע'טענה'ט. — מענדל האָט זיך צעבראָכן די פיס גייענדיג איבער אידישע שטעטלעך, האָט געקלאַפּט אין הונדערטע אידישע טירן און האָט אפילו קיין אָנפאַנג ניט געהאַט פון די הונדערט רענדלעך וואָס ער האָט געדאַרפט חתונה צו מאַכן זיין טאָכטער, און דאָ קומט אַ גוי און דערלאַנגט אים דאָס געלט מיט אַמאָל! איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז אידן זיינען גאָר ניט קיין בעלי צדקה און אַז מען האָט זיי אומזיסט באַצייכנט אַלס רחמנים בני רחמנים. — אָט אַזוי האָט גע'טענה'ט דער מקטרג...

„דער מלאך מיכאל, דער מליץ יושר פאַר אידן, איז געשטאַנען מיט אַ געפּענטעטער צונג. וואָס האָט ער געקענט ענטפערן? עס איז געווען אַ שווערע אָנקלאַגע.

„האָב איך געוויינט, געבעטן, אָבער דעם מקטרג'ס שווערע טענות האָבן ניט געקענט פאַרענטפערט ווערן, ביז איך האָב געהערט פון דעם ראַווניצער אידן די מעשה מיטן הונט.

„— זעסט, מיכאל! — האָב איך אויסגערופן. — דער חראַביע איז גאָר ניט אַזאַ בעל צדקה ווי סמאל מאַכט אים. ער איז אַ פּשוט'ער פאַר־שווענדער. אויף אַ ליאַדען כלב לאָזט ער זיך מער קאָסטן. און אַז ער וואַרפט אַן אומ'חן אויפן כלב טרייבט ער אים אין גאַנצן פון הויז אַרויס. געלט האָט ביי אים בכלל קיין באַטרעף ניט. אידן גיבן אָבער לויט זייערע מעגלעכקייטן און אויב זיי גיבן ניט פיל איז עס נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט מער...

„און מיכאל האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן מיינע ווערטער און מיט דעם איז אים געלונגען צו צעשטערן דעם מקטרג'ס טענות"...

„און איצט פאַרשטייט איר שוין", האָט דער טאַלנער פאַרענדיגט די מעשה'לע, „פאַרוואָס עס איז אַזוי נויטיג, אַז יעדער איד זאָל געבן צדקה ערב ראש השנה און ערב יום כפור? זאָל דער מקטרג אויף אידן גאָר ניט קענען אויסזעצן"...

לו

נאַפּאָלעאָנ׳ס מאַנטל

דער באַזוך פון אַן ארץ־ישראל איד ביים טאַלנער. — דעם צדיק׳ס פרייד און די מתנה וואָס ער האָט געקראָגן פון הייליגן לאַנד. — דער פרוכת.

ווי ביי עולם׳שע אַזוי ביי חסידישע אידן האָט ארץ־ישראל פאַרנומען אַ באַזונדערן פּלאַץ אין זייערע הערצער. חסידישע רביים האָבן תמיד גערעדט מיט גרויס בענקשאַפט וועגן הייליגן לאַנד, און ניט איינער פון די חסידישע מנהיגים האָט פאַרלאָזן זיין היים און זיין משפחה און אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל.

די וואָס האָבן ניט געקענט, צוליב אומשטענדן, אויסוואַנדערן נאָך ארץ־ישראל, האָבן תמיד גע׳חלומ׳ט פון דעם.

די חסידישע רביים פון די שפּעטערדיגע יאָרן האָבן כמעט אַן אויסנאַמען געשטיצט די אידן אין ארץ־ישראל. זאַמלען געלט פאַר ארץ־ישראל איז געווען איינע פון די הייליגסטע אויפגאַבן פון פיל חסידישע רביים.

דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט ר׳ דוד׳ל טאַלנער, וועלכער האָט געגעבן זיין פּערזענלעכע השגחה אויף די זאַמלונגען פאַרן הייליגן לאַנד.

און ר׳ דוד׳ל האָט געציינגט אַ באַזונדערע ליבע צו ארץ־ישראל. אַלץ וואָס איז געקומען פון ארץ־ישראל איז ביי אים געווען הייליג. און איז צו אים אַמאָל אַרונטערגעקומען אַן ארץ־ישראל איד, איז עס ביי אים געווען אַ גרויסער יום־טוב. דער צדיק האָט זיך מיט אים געצאַצקעט ווי מיט אַן אבן טוב. און ווער רעדט נאָך, אַז דער גאַסט איז געווען אַ מיוחס און אַזוינער וואָס האָט געהאַט פּערזענלעכע פאַרדינסטן געערט צו ווערן!

אַזאַ בכבוד׳ער גאַסט פון ארץ־ישראל, וואָס האָט אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין טאַלנער הויף, איז געווען ר׳ נתנאל לוריא, אַ מיטגליד פון דער באַרימטער לוריא פאַמיליע פון מאָהילעוו, וואָס האָט געהאַט יחוס־בריוו אַזש פון רש״י.

דער דאָזיגער ר׳ נתנאל האָט אויסגעוואַנדערט נאָך ארץ־ישראל מיט זיין טאַטען, ר׳ זאב לוריא. זיי האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים, וואו דער

יונגער נתנאל איז שפעטער געווארן דער איידעם פון דעם דארטיגן גאון ר' ישעיה ברדקי.

וואס פאר א וויכטיגע ראל דער דאזיגער ר' ישעיה ברדקי האט גע־שפילט אין ירושלים, צייגט דער פאקט, וואס דער דאמאלסדיגער עסטרייך־אונגארישער קאנסול, גראף פיצאמאנו, איז געקומען צו נתנאל'ס חתונה און האט „געווארפן" דרשה־געשאנק א בעכער, אויף וועלכן עס איז געווען אן אויפשריפט אין העברייאיש.

ר' נתנאל איז געווען פון יענע פיאנערן פון אלטן ישוב, וואס זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל ניט בלויז צו לערנען תורה, נאר צו בויען און שאפן.

ער האט בשום אופן ניט געוואלט לעבן פון קהל, און האט זיך גע־נומען צו מסחר.

פאר א געוויסער צייט האט ער געהאט הצלחה. שפעטער זיינען אבער די געשעפטן אוועק שלעכט, און ר' נתנאל, ניט וועלנדיג אנקומען צו אימיצן, האט באשלאסן צו מאכן א נסיעה קיין מאהילעוו, וואו ער האט געוואלט פארבעסערן זיין מצב מיט דער הילף פון זיין משפחה און דאן צוריקקערן קיין ארץ־ישראל.

אויפן וועג נאך מאהילעוו איז ר' נתנאל פארפארן קיין טאלנע, דארט זיך צו זען מיט ר' דוד'לען.

דאס איז ניט געווען בלויז א באזוך צו צייגן זיין אכטונג פארן גרויסן צדיק, וועמעס שם האט שוין לאנג געהאט דערגרייכט ארץ־ישראל און וואו ער האט געהאט א סך חסידים, נאר אויך דערפאר, וואס ער האט געהאט א שליחות צום טאלנער.

ר' נתנאל האט געהאט געבראכט וויכטיגע מתנות פאר ר' דוד'לען. די דאזיגע מתנות זיינען אים מיטגעגעבן געווארן פון דעם טאלנער'ס פאר־ערער אין ירושלים.

דער באוואוסטער ירושלים'ער בעל־הבית און בויער פון פיל הייזער, ר' ניסן בק, האט געהאט געשיקט דורך ר' נתנאל'ן פאר ר' דוד'לען א קאפטאן, וואס איז געווען געווארן ספעציעל פאר אים אין דער וועבעריי אין ירושלים, וואס איז עטאבלירט געווארן פון משה מאנטעפיארע.

ווען ר' נתנאל איז אנגעקומען אין טאלנער הויף, איז ר' דוד'ל ארויס אים מקבל פנים צו זיין. דאס איז געווען א כבוד, וואס דער צדיק האט צוגעטיילט נאר צו גרויסע מכובדים.

ער האט ר' נתנאל'ן באגעגנט ווי אן אלטן באקאנטן. אריינפירנדיג

אים אין הויז, האט ער אים געזעצט ביי זיין רעכטער האנט און זיך מיט אים געפרייט, ווי א טאטע מיט א קינד.

די מתנות וואס ר׳ נתנאל האט אים געבראכט זיינען ביי אים געווען זייער אנגעלייגט.

דער טאלנער האט געהאלטן אין איין נאכפרעגן זיך וועגן ירושלים און ארץ־ישראל. אלץ האט אים דארט אינטערעסירט און יעדע זאך וואס דער ארץ־ישראל איד האט אים געהאט צו דערציילן איז געווען ביי אים א גרויסער חידוש.

עס איז געווען קלאר, אז דעם טאלנער קומט צו גרוים חיות פון דעם לעבעדיגן גרוס, וואס ער הערט פון הייליגן לאנד.

ר׳ דוד׳ל האט אויך געהאט ארויסגעצייגט א באזונדערן אינטערעס אין ר׳ נתנאל׳ס א פערזענלעכע געשיכטע וועגן א מערקווירדיגן פרוכת, וועלכער איז אין זיין פאמיליע איבערגעגאנגען פון דור צו דור און וועלכן ער האט געהאט געבראכט קיין ירושלים און עס ארייננגעגעבן אין א דארטיגער שול.

דער דאזיגער פרוכת עקזיסטירט נאך. ער איז דאס אייגנטום פון ר׳ נתנאל׳ס אן אייניקל, י. לוריא, וועלכער געפינט זיך אין פארט סאיד, עגיפטן.

די מעשה׳לע, וועלכע שיינט צו האבן א היסטארישן הינטערגרונט, דערציילט זיך אויף אזא אופן :

עס איז געווען אין 1812, ווען נאפאלעאן באנאפארט, דער גרויסער פראנצויזישער קריגער, האט מיט זיין ארמיי פארנומען האלב רוסלאנד.

ווי באקאנט, האט נאפאלעאן שוין געהאט דערגרייכט מאסקווע, וואו ער האט געהאט ארייננגעמארשירט מיט זיין ארמיי.

אבער ערשט דאמאלט איז געקומען זיין נידערלאגע.

מאסקווע איז אונטערגעצונדן געווארן און די פראנצויזן האבן אנגעפאנגען זייער קאטאסטראפאלן ריקצוג.

נאפאלעאן, אין שפיץ פון זיין צעשלאגענער ארמיי, האט אנגעהויבן לויפן אויף צוריק.

ער איז ניט נאר געווען אין געפאר צו פארלירן זיין גאנצע ארמיי, נאר אויך צו פארלירן זיין אייגענעם לעבן.

די רוסן זיינען איצט געלאפן נאך אים און אים געוואלט פאקן. ביז זיכער.

אין א קאלטן ווינטער אוונט האט נאפאלעאן מיט זיין שטאב דער־ער איז ניט געווען אויפן צווייטן זייט גרעניץ, איז נאפאלעאן ניט געווען

גרייכט מאהילעוו. אבער גראד דארט איז ער געווען אין א געפאר אריינצופאלן אין א פאסטקע, וואס די רוסן זאלן האבן פאר אים אונטערגעשטעלט.

אויסצומיידן די דאזיגע פאסטקע, האט נאפאלעאן געמוזט אוועקלאזן זיינע באגלייטער אויף איין וועג און ער אליין האט זיך גענומען אויף א צווייטן וועג.

אפגעמאכט איז געווען, אז זיי זאלן זיך טרעפן שפעטער אין א געוויסן דארף אויפן צווייטן זייט מאהילעוו. אויף אזא אופן האבן זיי געהאפט אויסצומיידן זייערע פארפאלגער.

נאפאלעאן איז איצט געווען איינער אליין. אין דער טונקלקייט פון דער אקארשט צוגעפאלענער נאכט איז ער אריין אין מאהילעוו. ניט וועלנדיג ציען קיין אויפמערקזאמקייט, האט ער זיין פערד נאך פריער געהאט איבערגעלאזט און איז אריין אין שטאט צופוס.

אלס פוס־גייער האט מען זיך אויף אים ווייניגער אומגעקוקט. ער איז אבער נאך אלץ ניט געווען זיכער. ער איז געווען אין זיין מיליטערישן מאנטל, וועלכער איז געווען באצירט מיט גאלדענע עפאלעטן און בלאנקענדיגע קנעפ — דער זעלביגער מאנטל, וועלכן ער האט געטראגן אריינמארשירנדיג אין מאסקווע.

דער מאנטל, וואס האט געזאלט אים דינען אין זיין גרויסן טריאומף, איז איצט געווען פאר אים א שטער אין דער שעה פון זיין גרעסטער נויט.

לויטן מאנטל האט ער געקענט יעדע מינוט דערקענט ווערן. אלענפאלס האט מען אים געקענט אננעמען פאר איינעם פון די וויכטיגע פראנצויזישע קאמאנדירן. און פאר דעם האט ער זיך שטארק געשראקן.

אבער ווי ווארפט מען ארונטער דעם מאנטל, ווען עס איז געווען אזוי קאלט? דערצו וואלט עס אים אויך ווייניג געהאלפן. אונטערן מאנטל האט ער געהאט א מונדיר, וואס האט געצייגט זיין ראנג, אלענפאלס אים באצייכנט אלס פראנצויזישער אפיצער, און מיט דעם אליין איז ער שוין געווען אין א גרויס געפאר.

אויסטאן זיך האלב-נאקעט, אוועקווארפנדיג אי דעם מאנטל און אי דעם מונדיר, וואלט דאך ווידער געווען ניט קיין זיכערע זאך און ניט ווייניגער אויפפאלענד אין אזא קאלטן וועטער.

צו דעם אלעם האט נאך נאפאלעאן ניט געוואוסט דעם וועג צו יענעם דארף, וואו ער האט געזאלט זיך באגעגענען מיט זיינע גענעראלן, מיט וועמען ער האט זיך געהאט געשיידט.

ער איז געווען אין א דעליקאטער לאגע.

די גאַסן זיינען געווען טונקל און דורכגייער זיינען געווען ווייניג, וואָס האָט אים גראָד שטאַרק הנאה געטאָן, אָבער קיין תרופה איז עס נאָך אַלץ ניט געווען. ער האָט באַלד געמוזט געפינען אַ מיטל ווי זיך צו ראַטעווען.

אָפּשטעלנדיג זיך ביי אַ קליינער הייזקע האָט זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן אַ זיסער געזאַנג.

דאָס געזאַנג איז געווען פרעמד, אָבער דאָך ניט אינגאַנצן אומבאַקאַנט. נאַפּאָלעאָן האָט זיך דערמאָנט. ער האָט פיל מאָל באַזוכט אידישע שולן. עס איז געווען דער געזאַנג פון אַ אידן, וואָס איז מתפּלל.

אים איז געוואָרן פרייליכער אויפן האַרצן. אויף אַ אידן האָט ער זיך געקענט פאַרלאָזן. ער האָט ניט געדאַרפט מורא האָבן זיך צו אַנט־פּלעקן פאַר אַ אידן.

ער איז אַריין אין הויז.

דאָס הויז איז געווען טונקל באַלויכטן. מיטן פּנים צום וואַנט איז געשטאַנען אַ איד און געדאַוונט מעריב מיט גרויס כוונה.

דאָס איז געווען ר' נתנאל'ס זיידע, ר' יוסף יונה.

נאַפּאָלעאָן איז געבליבן פאַרגאַפט. אַזאַ האַרציגע תפילה האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געהערט.

ער איז געבליבן שטיין ביים טיר און געוואַרט ביז ר' יוסף יונה וועט ענדיגן דאַוונען. פון זיין הילוך און פון זייער פייערלעכקייט אין דאַוונען, האָט שוין דער גרויסער קריגער געקענט זען, אַז ער האָט דאָ ניט צו טאָן מיט קיין פּשוט'ן אידן.

ר' יוסף יונה האָט געענדיגט זיין תפילה און האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים און דערזען פאַר זיך נאַפּאָלעאָן'ען.

ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער, ניט וויסנדיג וועמען ער האָט פאַר זיך און וואָס דער אומבאַקאַנטער שר וויל האָבן ביי אים אין הויז.

נאַפּאָלעאָן האָט אים אָבער לאַנג ניט געלאָזט בלייבן אין צווייפל.

„איך בין נאַפּאָלעאָן", האָט ער אים גלייך געזאָגט דרייסט און אַנט־שלאָסן, פילנדיג זיך זיכער, אַז ער קען זיך אין אים פאַרטרויען. „איך אַנטלויף פון מיינע שונאים. איך בין אויפן וועג צו אַ דאָרף און מוז האָבן אימיצן, וואָס זאָל מיר ציינגן דעם וועג. איך דאַרף אָבער אויך האָבן אַן אַנדער בגד, אין וועלכן זיך אָנצוטאָן, כדי ניט דערקענט צו ווערן."

ר' יוסף יונה איז פאַר אַ ווײַלע געבליבן שטיין אָן לשון. צו האָבן די זכיה צו זען פאַר זיך דעם גרויסן קריגער, וועמעס נאָמען האָט גע־קלונגען פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, האָט ער זיך קיינמאָל ניט

געהאט געריכט. צו האבן נאפאלעאן'ען ביי זיך אין הויז און דערצו נאך אז ער זאל ביי אים זוכן הילף, האט ער אודאי קיינמאל ניט געחלומ'ט.

„איך בין גרייט דיר צו דינען אין אלץ וואס דו וועסט פארלאנגען", האט ר' יוסף יונה געזאגט. „איך וועל דיר ציינגן דעם וועג צום דארף וואס דו דארפסט, און איך וועל דיר אויך געבן אן אלטן בגד מיינעם, אין וועלכן זיך צו פארשטעלן."

און ר' יוסף יונה איז אריין אין א צווייטן חדר און באלד ארויס־געטראגן זיינעם אן אלטן מאנטל.

נאפאלעאן האט אויסגעטאן זיין מאנטל און עס דערלאנגט צו ר' יוסף יונה'ן.

„מיר וועלן זיך בייטן מאנטלען", האט ער געזאגט.

ר' יוסף יונה האט ניט געוואלט אננעמען די מתנה.

„מיין מאנטל האט ניט דעם ווערט פון דיינעם", האט ער געזאגט.

„פאר מיר, אין איצטיגן מאמענט, האט דיין מאנטל א פיל גרעסערן ווערט", האט אים נאפאלעאן געענטפערט.

האבנדיג זיך איבערגעטאן, האט ר' יוסף יונה גענומען דעם גרויסן קריגער צום דארף, וואו ער האט געדארפט האבן און וואו ער האט שוין געפונען זיין שטאב ווארטנדיג אויף אים.

זיי זיינען ענדלעך געווען זיכער פון די רוסן, וואס האבן זיי געהאט נאכגעיאגט.

„דו האסט געראטעוועט מיין לעבן!" האט נאפאלעאן געזאגט ר' יוסף יונה'ן און אים געגעבן די האנט ביים צעשיידן זיך.

פון דעם מאנטל, וואס ר' יוסף יונה האט געקראגן פון נאפאלעאן'ען, האט ער געמאכט א פרוכת.

די מעשה'לע וועגן פרוכת, ווערט דערציילט, האט אויף ר' דוד'ל טאלנער געמאכט א גרויסן רושם, און ער האט זי שפעטער איינינגע מאל געהאט איבערדערציילט פאר זיינע מקורבים.

לז

דער „יורש עצר"

חסידישער קיום און רבי׳אישע נאָכפאָלגערשאַפט.— ווי ר׳ נחום׳ל איז באַשטימט געוואָרן אַלס ר׳ דוד׳לס ממלא מקום. — פרייד און צער פון טאַלנער חסידים. — דער טאַלנער „שבת אחים" און דער ראַכמיסטריווקער חסיד.

גרויס איז געווען די שמחה פון די טאַלנער חסידים, ווען ר׳ דוד׳ל איז צוריקגעקומען פון גאַליציע. זיי האָבן צוריק געהאַט זייער מנהיג לעבן זיך.

ר׳ דוד׳ל איז שוין אָבער געווען אַלט און מען האָט געקענט זען, אַז זיינע יאָרן זיינען געציילטע. איז די נייגעריגקייט פון די חסידים נאָך געוואָרן שטאַרקער צו זיין אַרום זייער רבי׳ן, ציהען פון אים זייער גייסטיגע יניקה, אנזאַפּן אַזוי פיל פון זיין תורה און חכמה ווי עס איז נאָר געווען מעגלעך.

ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט נעמען און ר׳ דוד׳ל וועט פון זיי אַוועק־גענומען ווערן!

איז יעדער טאָג געווען וויכטיג און טייער, און די פאַרעכץ קיין טאַלנע האָט זיך פאַרגרעסערט. אין דער זעלביגער צייט האָבן אָבער חסידים געפילט אַ שטאַרקע נאָגעניש אין האַרצן. וואָס וועט זיין נאָך זייער רבי׳נס פטירה?

ווער וועט פאַרנעמען זיין פּלאַץ?

כאָטש אַ סך חסידים האָבן גערעדט, אַז ר׳ דוד׳ל האָט שוין לאַנג באַשטימט ווער עס זאָל זיין דער ממלא מקומו, און אַז נאָך איידער זיין בן־יחיד, ר׳ מאָטעלע, איז נפטר געוואָרן, איז שוין אָנגעצייכנט געוואָרן, אַז ר׳ מאָטעלע׳ס זון, ר׳ נחום׳ל, זאָל זיין דער קינפטיגער רבי, זיינען נאָך ניט אַלע טאַלנער חסידים געווען אין דעם זיכער.

ר׳ דוד׳ל האָט אויך געהאַט אַנדערע איינִיקלעך און, ווי דאָס האָט שוין פּאַסירט פיל מאָל, האָבן זיך געשאַפן צדדים. דער פאַקט, אַז ר׳ מאָטעלע האָט זיך אַליין געהאַט אָפּגעזאָגט פון דער רבי׳סטוואָ און איז

געווען אזוי פאר'עקשנ'ט אפילו מקריב צו זיין זיין לעבן, איז פון מאנכע באנוצט געווארן אלס טענה פארוואס ר' נחומ'ל זאל ניט ווערן ר' דוד'לס ממלא מקום.

פאר ר' נחומ'לס געגנער האט אפילו ניט געהאלפן דאס, וואס עס איז דערציילט געווארן, אז ר' דוד'ל האט נאך ביי זיין געבורט געגעבן אן אנדייטונג, אז ער איז באשטימט צו זיין רבי אויף זיין פלאץ.

עס איז אבער געווען יוכבד'ל, ר' מאטעלע'ס אלמנה און ר' נחומ'לס מאמע, א ווייבל א בריה, מיט אן „אייזערנעם" קאפ, גאר מעשה מאנסביל, וואס האט לאנג אין פארויס אנגעהויבן צוגרייטן דעם באדן, אז איר זון זאל ווערן רבי.

דער העברייאישער שריפטשטעלער, דוד פרישמאן, האט פון דעם שפעטער געמאכט א „הויף-אינטריגע" און האט יוכבד'לס „פאליטיק" פארגליכן מיט דער פאליטיק פון אינטריגירענדיגע מלכים און מלכות ביי די אומות העולם.

פארשטייט זיך, אז חסידים האבן עס באטראכט פאר א שקר בלבול פון א משכיל'ישן שרייבער, וועלכער האט געזען נאר חסרונות אין חסידישע הויפן.

עס איז אבער ניט קיין סוד, אז יוכבד'לס איינפלוס האט פיל ביי־געטראגן צו דעם, אז איר זון זאל ווערן ר' דוד'לס ממלא מקום. דאס איז אבער ניט געטאן געווארן אן ר' דוד'לס צושטימונג, און עס איז קלאר, אז ר' דוד'ל האט נאך לאנג ביים לעבן געהאט געצייגט, אז ער האט אויס־געקליבן ר' נחומ'לען פאר דעם ממלא מקומו.

דערציילט מען, אז יוכבד'ל איז אמאל געקומען צו ר' דוד'לען און זיך באקלאגט אומגעפער מיט די ווערטער:

„מיין מאן, ר' מאטעלע, איז טויט. איך בין געבליבן א וויסטע אלמנה. איך פארהייליג דעם אנדענק פון מיין מאן, זוכנדיג א טרייסט אין מיין קינד. קען איך אבער האפן ווען פון אים צו האבן נחת?"

פון יוכבד'לס אויגן האבן געטריפט טרערן, די טרערן פון אן אלמנה אין טרויער, אן אלמנה וואס טראץ איר יוגנט איז געווען אנטשלאסן איר גאנץ לעבן צו בלייבן געטריי דעם אנדענק פון איר מאן און מיט קיין אנדערן ניט חתונה האבן.

ר' דוד'ל האט זיך פארטיפט אין זיינע מחשבות. ער האט א צייט געשוויגן.

„דיינע ווערטער האבן מיר גערירט", האט דער צדיק ענדלעך געזאגט. „איך בין דיר מבטיח, אז דו וועסט נאך האבן גרוים נחת פון דיין קינד,

און ניט נאָר דו אַליין, נאָר טויזנטער אַנדערע, וועמעס מנהיג ער וועט זיין.“

מער, זאָגן חסידים, האָט יוכבד׳ל ניט גערארפט. זי איז געווען זיכער, אַז דעם רבי׳נס הבטחה איז געווען פאַר דער קינפטיגער רבי׳סטווא, און אויב זי איז פון דעמאָלט אָן און ווייטער געווען טעטיגער, איז עס געווען די טעטיגקייט פון אַ מאַמע וואָס ווייסט, אַז איר קינד איז באַשטימט פאַר דער פירערשאַפט פון צענדליגע טויזנטע חסידים.

וואָס איז שייך ר׳ דוד׳לען, זאָגט מען, אַז ער האָט באַלד אָנגעהויבן צייגן אַ באַזונדערן אינטערעס אין זיין אייניקל, וועלכער איז נאָך געווען גאָר אַן עופה׳לע. ער האָט אים אָנגעהויבן האַלטן לעבן זיך און פון אים ממש קיין אויג ניט אַראָפּגענומען.

ר׳ נחום׳ל איז געווען אַ דריי־פיר יאָר אַלט, און דער זיידע האָט שוין מיט אים געלערנט. ר׳ דוד׳ל האָט איצט ממש קיין ריר זיך ניט געטאָן, ניט האָבנדיג זיין אייניקל לעבן זיך.

ר׳ דוד׳ל האָט זיך נוהג געווען יעדן נאָכמיטאָג אַרויסצופאָרן הינטערן שטאָט דאַוונען מנחה אין פעלד אָדער אין וואַלד. בלויז יחידי סגולה פלעגן מיט אים מיטפאָרן. ר׳ נחום׳ל איז איצט געווען תמיד מיט אים.

ר׳ דוד׳לס מנחות אין פעלד זיינען געווען באַרימט צווישן חסידים. מען האָט זיך אָנדערציילט וועגן די גרויסע כוונות, וואָס דער צדיק האָט אַריינגעלייגט אין די דאָזיגע תפילות, וועגן דער גרויסער התלהבות, וואָס ער האָט געצייגט אין דאַוונען, און וועגן די טייכן טרערן, וואָס ער האָט פאַרגאָסן.

צו דריי־פיר יאָר האָט שוין ר׳ נחום׳ל מיטגעדאַוונט מיטן זיידן און נאָכגעמאַכט ר׳ דוד׳לען אין אַלע זיינע תנועות און באַוועגונגען. קוקנדיג אויפן זיידן האָט דער יונגער ר׳ נחום׳ל אויך פאַרגאָסן טרערן און חסידים האָבן שוין געוואוסט, אַז דאָס אייניקל גייט אין די דרכים פון זיידן.

איינמאָל אַ נאָך מנחה האָט ר׳ דוד׳ל באַמערקט טרערן אויף זיין אייניקל׳ס בעקעלעך. ער האָט אים לאַנג באַטראַכט מיט בליקן פון ליבע און צערטלעכקייט און האָט ר׳ נחום׳לען צוגעטוליעט צו זיך.

„דו ביסט מיין טרייסט, מיין האָפענונג!“ האָט ער אויסגערופן גע־רירט.

האָט מען נאָך גערארפט אַ גרעסערן באַווייז, אַז ר׳ דוד׳ל זעט אין אים זיין יורש?

חסידים זיינען געווען צופרידן. טאַלנע וועט ניט בלייבן פאַר׳יתומ׳ט. דער קיום פון דער טאַלנער מלוכה איז ניט אין קיין געפאַר. אַ שווערער

שטיין האָט זיך אַרונטערגעקייקלט די טאַלנער חסידים פון הארצן. זיי האָבן זיך מער ניט געדאַרפט זאָרגן פאַר דער צוקונפט.

ר׳ דוד׳ל אַליין האָט זיך אויך געמוזט פילן בארויִגט. די וואונד, וואָס די טראַגעדיע מיט זיין בן־יחיד האָט איבערגעלאָזט אין זיין האַרץ, האָט אָנגעהויבן פאַרהיילט צו ווערן.

וואָרום געליטן האָט ר׳ דוד׳ל ניט בלויז אַלס טאַטע, וואָס האָט פאַר־לאָרן זיין איינציגן זון, נאָר אויך אַלס מנהיג פון אַ גרויסער עדה חסידים, וועמען ער האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן כצאן בלא רועה.

איז דאָך עפּעס דער קיום פון חסידות שטאַרק פאַרבונדן מיט דעם קיום פון אַ רבי׳אישער גזע.

די גאָלדענע קייט פון חסידות האָט זיך פאַר אַ משך פון קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר ניט איבערגעריסן, הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס אָרום די רב׳אישע גזע׳ס האָבן זיך גרופּירט די נאָכפאָלגער פון דער חסידישער לערע און האָבן דורך די רבי׳אישע הויפן געצויגן זייער יניקה.

האָט אַ חסידישער רבי ניט איבערגעלאָזט קיין יורש נאָך זיך, און טאַקע איינעם פון זיינע „יוצאי חלציו", זיינס אַ קינד, אַן אייניקל אָדער אפילו אַן איידעם (ווי דאָס האָט פּאַסירט אין אייניגע פאַלן. דער ראָפּ־שיצער, צום ביישפּיל), האָט דער חסידישער בנין, וואָס ער האָט געהאַט אויפגעבויט בחיו, רחמנא לצלן, קיין קיום ניט געהאַט.

איז דער חסידישער רבי נסתלק געוואָרן און קיינער האָט זיין פּלאַץ ניט פאַרנומען, זיינען זיך זיינע חסידים פריער אָדער שפּעטער צעלאָפן, און ווי פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלעך, וועלכע האָבן ניט קיין פּאַסטוך וואָס זאָל זיין צוזאַמענעמען, זיינען זיי אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען.

וואָס האָט דען פּאַסירט מיט די חסידים אפילו פון אַזאַ גייסטיגן ריז ווי ר׳ נחמן בראַצלאַווער?

דער גרויסער ר׳ נחמן האָט ניט איבערגעלאָזט קיין יורש. זיינע חסידים זיינען אים געבליבן טריי אפילו נאָך זיין פּטירה. אָבער וואָס פאַר אַ קיום האָט אַזאַ חסידישע „מלוכה" געקענט האָבן? לעבעדיגע מענטשן קענען ניט זיין אונטער דער גייסטיגער השפּעה פון איינעם וואָס איז אויפן עולם האמת, האָט ער געמעגט זיין אַזוי גרויס ווי ר׳ נחמן.

און וואָס איז געוואָרן מיט די חסידים פון ר׳ אורי סטרעליסקער און פון די חסידים פון אַ רייע אַנדערע רביים, וואָס האָבן פאַר דער אָדער יענער אורזאַך ניט איבערגעלאָזט קיינעם וואָס זאָל איבערנעמען זייער גייסטיגע פירערשאַפט?

און טאַקע מהאי טעמא, אויב ניט אויך פאַר מער געשמיות׳דיגע

טעמים, האָבן חסידישע רביים תמיד געשטרעבט צו לאָזן נאָך זיך אַ יורש.

איז עס געווען אַ גרויסע טראַגעדיע אין דעם רבי׳נס לעבן, אויב ער האָט געוואוסט, אַז ער לאָזט קיינעם ניט איבער צו טראָגן די „קרוין“ פון זיין חסידישער מלוכה.

אין אַזאַ פאַל, וואו דער רבי האָט געהאַט מער ווי איין זון, האָט ער אָפט אַליין געמוזט טראַכטן און פּלאַנען צו וועמען איבערצולאָזן זיין רבי׳סטווע. אָפטמאָל האָט זיין אייגענער טראַכטן און פּלאַנען ניט גע־האָלפן. די קינדער האָבן אַליין געהאַט צו זאָגן וועגן דעם, און ניט זעלטן זיינען איבער דעם ארויסגעקומען מחלוקת׳ן, גרויסע חסידישע מלחמות.

חסידישע מלוכות האָבן זיך צעטיילט און פון דער דאָזיגער צעטיילונג זיינען ארויסגעוואקסן נייע רבי׳אישע דינאַסטיעס.

ר׳ דוד׳ל איז פאַר אַ צייט געווען געדראָהט מיט אַ גרויס געפאַר. טאַלנע האָט געקענט אונטערגיין. ר׳ דוד׳ל האָט ניט געהאַט קיין „יורש עצר“.

דער אייבערשטער האָט זיך אָבער מרחם געווען. דער יורש עצר איז געווען באַשטימט אין פאָרויס.

האָבן איצט חסידים מיט אַ לייכטערן הארצן געקענט קומען קיין טאַלנע און זיך משמח זיין. יעדער טאָג מיט ר׳ דוד׳לען איז געווען אַ געשאַנק, און ר׳ דוד׳ל אויף די עלטערע יאָרן איז געווען אַזוי גייסטרייך, אַזוי טיף, אַזוי השפעה׳דיג.

איז דער צובונד צו ר׳ דוד׳לען נאָך מער געוואקסן און חסידים האָבן ממש פון אים זיך ניט געקענט אָפּרייסן. זייערע געדאַנקען זיינען כסדר געווען פאַרנומען מיט זייער רבי׳ן, אַפילו ווען זיי זיינען געווען מיילן ווייט פון אים.

ווערט דערציילט אַזאַ עובדה:

שמיני עצרת און שמחת תורה פלעגן טאַלנער חסידים אין זייערע שטיבלעך האָבן אַ „שבת אחים“, וואָס איז ניט נאָר געווען זיך משמח צו זיין אויפן חסידישן שטייגער, נאָר הויפּטזעכלעך צו דערציילן די גדלות פון ר׳ דוד׳לען און קאָנצענטרירן אַלע געדאַנקען אויף דעם צדיק אין טאַלנע.

טאַלנער חסידים האָבן ביי אַזאַ „שבת אחים“ זיך געלאָזט וואויל באַקומען. וואָרום טאַלנער חסידים, פּונקט ווי זייער רבי, זיינען געווען פריילעכע און לעבעדיגע, און טאַקע אויך ברייט־הארציגע, אַזוי אַז ביי אַ שמחה׳לע איז געווען פון כל טוב.

געזונגען האָט מען די האַרציגסטע זמר׳לעך, פאַר וועלכע טאַלנע איז גע־

ווען מפורסם, ספּעציעל די וואָס ר' דוד'לס אייגענער טיש־חזן, ר' יאָסעלע, פלעגט זינגען ביי רבי'נס טיש. דער הויפּט־געזאַנג שמחת תורה איז געווען „צהלי ורני יושבת טאַלנע כי גדול בקרבך קדוש ישראל“.

איז ביי אַזאַ „שבת אחים“ פון טאַלנער חסידים אַמאָל אַריינגעפאַלן אַ ראַכמיסטריווקער חסיד. דער רבי ר' יוחנן פון ראַכמיסטריווקע איז געווען ר' דוד'לס אַ ברודער. ניט קענענדיג זיין ביים רבי'ן אויף שמחת תורה און ניט האָבנדיג אין יענעם שטעטל קיין אייגענע חסידים, האָט זיך דער ראַכמיסטריווקער חסיד צוגערוקט צו די טאַלנער, מיט זיי צו פאַרברייגען דעם יום־טוב.

האָט דער ראַכמיסטריווקער געטראַכט פון זיין אייגענעם רבי'ן, ווען די טאַלנער האָבן געהאַט אין זינען זייער רבי'ן. ווען די טאַלנער האָבן זיך צעזונגען מיטן „צהלי ורני יושבת טאַלנע“, האָט דער ראַכמיסטריווקער געבעטן, אַז מען זאָל אויך אַ זונג טאָן „צהלי ורני יושבת ראַכמיסטריווקע“.

„עפּעס זיינען דאָך אונזערע רביים ברידער און מיר דאַרפן זיין נאָענט איינע צו די אַנדערע, דאַרפן געבן כבוד איינער דעם צווייטנס רבי'ן“, האָט דער ראַכמיסטריווקער חסיד באַגריינדעט זיין פאַרלאַנג.

די טאַלנער האָבן אָבער ניט געוואָלט הערן פון דעם.

„עס איז בלויז פאַראַן איין רבי אויף דער וועלט, ר' דוד'ל. פון קיין אַנדערן ווייסן מיר ניט און קענען קיין אַנדערן קיין כבוד ניט געבן, זאָל ער אפילו זיין אונזער רבי'נס אַ ברודער“. . .

און די טאַלנער זיינען טאַקע געבליבן ביי דאָס זייעריגע און ניט געזונגען קיין „צהלי ורני“ פאַר אַן אַנדער רבי'ן.

אָט אַזוי שטאַרק איז געווען זייער צובונד צו זייער רבי'ן אין טאַלנע.

לח

די עליה

ר׳ דוד׳לס לעצטער יום כיפור. — זיין שרעק פאַר „אחרי מות״.
—די יום־כיפור׳דיגע הנהגה אין טאַלנער הויף. — ליכט פאַר
טויטע און ליכט פאַר לעבעדיגע. — ר׳ דוד׳ל טוילט אויס לעקעד.

יום כיפור, דער הייליגסטער טאָג ביי אידן, איז אין טאַלנע געווען וואָס צו הערן און וואָס צו זען. ניט אומזיסט פלעגן זיך אויף יום כיפור אין טאַלנע צוזאַמענפאָרן די בכבוד׳יגסטע חסידים, די אמת׳ע פני. אויף יום כיפור פלעגן קומען די רייכסטע, די גרעסטע סוחרים, וועלכע האָבן צוליב געשעפט ניט געקענט זיך אָפּרייסן אויף ראש השנה און אנדערע ימים טובים. יום כיפור האָבן זיי אָבער קיינמאָל ניט פאַרפעלט.

האָט מען יום כיפור אין טאַלנע געזען די סאַמע סמעטענע פון ר׳ דוד׳לס גרויסע חסידישע מלוכה, די איינפלוסרייכסטע אידן פון צענדליגע אידישע קהלות.

דער עיקר זיינען אָבער ניט געווען די אָנגעקומענע חסידים, נאָר ר׳ דוד׳ל אליין, די „אספקלריא המאירה״, די גרויסע ליכט וואָס האָט געשיינט און באַלויכטן די טאַלנער חסידישע וועלט.

די ווירקלעכע פאַרבאַרייטונגען פאַר יום כיפור האָבן זיך אין טאַלנע אָנגעפאַנגען מיט אַ פאָר טעג פריער, אין דעם טאָג ווען מען זאָגט צו סליחות „שלש עשרה מדות״.

אין טאַלנע האָט מען זיך נוהג געווען צו גיין יעדן טאָג פון די עשרת ימי תשובה צום תשליך. דאָס האָט מען אויך געטאָן אין טאָג ווען מען האָט געזאָגט „של עשרה מדות״. פאַר פיל חסידים איז יענער טאָג אויך געווען אַ תענית. אלענפאַלס האָט מען געפאַסט ביז נאָך „גיסן ליכט״ פאַר יום כיפור.

ביי די טאַלנער חסידים, ווי ביי פיל אנדערע חסידים, פלעגט מען יענעם טאָג גיסן וואַקסענע ליט, אָנצוצינדן אין בית־מדרש יום כיפור. די עובדה פון גיסן ליכט איז געווען אינגאַנצן אַ ווייבערשע. עס איז געווען זייער מצווה. אָבער אויך די מענער פלעגן זיך אַרום דעם מתעסק זיין, אכטונג געבן, אז אלץ זאָל צוגיין ווי עס באַדאַרף צו זיין.

גיסן ליכט פלעגט מען צווייערליי, — פאר די לעבעדיגע און פאר די טויטע. וויפיל טויטע א פאמיליע האט געהאט, אזוי פיל קנייטלעך פלעגט מען האבן אין א ליכט. דאס אייגענע, להבדיל בין החיים ובין המתים, איז געווען מיטן ליכט פאר די לעבעדיגע. וויפיל לעבעדיגע נפשות עס זיינען אין דער פאמיליע געווען, אזוי פיל פעדים האט אנטהאלטן דער קנויט.

אין טאלנער הויף איז די עובדה פון ליכט גיסן געווען פאר דער רביצין. ר' דוד'ל אליין פלעגט זיך מיט דעם ניט מתעסק זיין, ווי דאס האבן געטאן אנדערע רביים, ווי דער בעלזער רבי, צום ביישפיל, וועלכער פלעגט דערביי זאגן א ספעציעלע תפילה און אויסרעכענען די נעמען פון די טויטע, פאר יעדן פון וועלכן א באזונדערער פאדים פלעגט זיין אין קנויט.

ווען מען איז פארטיג געווארן מיט די ליכט האט מען שוין געפילט די הייליגקייט פון אנקומענדיגן יום כיפור.

ערב יום כיפור איז טאלנע געווען פול מיט חסידים, און אין הויף האט געשוויבלט און געגריבלט. אין די גרויסע קיכן האט מען געהאלטן אין צוגרייטן דעם בייטאגעדיגן מאלצייט און ארום רבי'נס גרויס הויז האבן הונדערטער חסידים זיך פארזאמלט פאר לעקעך.

ר' דוד'ל האט זיך נוהג געווען יעדן ערב יום כיפור אין דער פרי אויסצוטיילן שטיקלעך לעקעך. ספעציעלע לעקעכלעך פלעגן געבאקן ווערן פאר דעם צוועק.

גאנצע קערב פלעגן אנגעלייגט ווערן מיט די ערב יום כיפור'דיגע לעקעכלעך, און די חסידים פלעגן קומען אין די הונדערטע בעטן ביים רבי'ן שטיקלעך לעקעך.

מיר זאגן „בעטן", ווייל דער עיקר איז טאקע דא געווען דאס בעטן. ווארום חסידים האבן געהאלטן דאס בעטן פאר א גרויסער סגולה — א סגולה פאר פרנסה. מיט „בעטן לעקעך" האט מען געזאלט אפקומען דעם עונש, אויב אזא עונש איז רחמנא לצלן באשערט געווען, אז מען זאל אויפן נייעם יאר ניט דארפן אנקומען צו מענטשן. עס האט געהייסן, אז דאס איז דאס איינציגע מאל וואס מען בעט, און דעם רבי'נס צו־וואונטש דערביי איז געווען די בעסטע פארזיכערונג, אז מען וועט מער ניט דארפן בעטן, אז מען וועט אויפן נייעם יאר זיין געזיכערט מיט פרנסה.

בעטן לעקעך פלעגן אפילו גיין דעם רבי'נס קינדער און אייניקלעך. דערביי האט מען, נאטירלעך, שטארק נאכגעקוקט וואס פאר א מינע דער רבי מאכט ביים געבן דעם לעקעך. אין יעדע באוועגונג זיינער האט מען געזען אן אנדער רמז.

מיטן לעקעך האָבן חסידים זיך דערנאָך שטאַרק משמח געווען. מען פלעגט זיך פאַרזאַמלען אויף די אכסניות, אין די שיינקן, אין די שטיבלעך און אין די פּריוואַט הייזער און מען האָט צום לעקעך געבראַכט משקה און זיך געלאָזט וואויל באַקומען. מען האָט זיך צוגעוואונטשן, אַז דעם רבי׳נס ברכה זאָל מקוים ווערן און אַז אין זכות פון דעם גרויסן צדיק זאָל מען זיין געזיכערט מיט אַ שנת חיים ושלום.

די סעודה בייטאָג איז געפּראַוועט געוואָרן אין גרויסן שאַלאַש. דער רבי האָט געפירט דעם טיש ווי געוויינלעך, אָבער די שטימונג איז דאַמאָלט אפשר געווען נאָך אַ מער געהויבענע, אַ מער פייערלעכע ווי אַ גאַנץ יאָר.

יום כיפור, ווי אַ גאַנץ יאָר, האָט ר׳ דוד׳ל געדאַוונט אין זיין באַזונדערן חדר, וואָס איז געווען צוגעבויט צום דרום-וואַנט פון בית-מדרש — צום דרום זייט דערפאַר, וואָס פון דרום קומט די גאַנצע חכמה, ווי די גמרא זאָגט: „הרוצה להחכים ידרים", דער וואָס וויל זיך דערווערבן חכמה זאָל ריכטן צו דרום, פונקט ווי דער וואָס וויל עשירות האָט געזאָלט זיך ריכטן צו צפון...

אין יענעם חדר האָט זיך געפונען ר׳ דוד׳לס באַרימטע זילבערנע שטול, אויף וועלכער דער צדיק איז געזעסן.

מיטגעדאַוונט האָט ר׳ דוד׳ל מיטן חזן ביים עמוד. די טיר פון רבי׳נס חדר איז געווען האַלב פאַרמאַכט. חסידים אין בית-מדרש האָבן דעם רבי׳ן ניט געזען. זיי האָבן אָבער געפילט זיין אַנוועזנהייט און זיינע דערפאַר געווען דורכגענומען מיט גרויס יראת הכבוד. עפּעס אַ קליינינקייט מיטצודאַווענען מיטן רבי׳ן!

געצייגט האָט זיך דער רבי יום כיפור פאַרן עולם בלויז צוויי מאָל — צו כל נדרי און צו קריאת התורה.

צו כל נדרי פלעגט ער אַרויסקומען פון זיין חדר, און חסידים האָבן געזאָגט, אַז מען האָט דאַמאָלט בפועל ממש געקענט זען, אַז די שכינה רוט אויף זיין פּנים. ער פלעגט זיך מיט אַ תורה אין די אָרעמס אַרומדרייען אַרום דער בימה און געזאָגט „אור זרועה לצדיק" מיט אַ טאָן וואָס האָט אַלעמען שטאַרק גערירט.

חסידים האָבן דעמאָלט געפילט גרויס פחד. דער גרויסער בית-מדרש איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. מען איז ממש געשטאַנען אויף די קעפּ. די בלייז-לאָמפּן האָבן פאַרבלענדט די אויגן און די גרויסע צאָל ליכט — פאַר טויטע און לעבעדיגע — האָבן געהיימניספול געפינקלט, ווי עס וואָלטן אַרום זיי געפלאַטערט די נשמות, פאַר וועלכע זיי האָבן געלויכטן.

דער עולם, אָנגעטאָן אין קיטלען און איבערגעדעקט מיט טליתים, האָט אויסגעזען ווי אַ מחנה גייסטער, וואָס זיינען אַרונטער פון עולם האמת.

דאָס צווייטע מאָל וואָס דער רבי האָט זיך געצייגט, איז געווען צו קריאת התורה, ווען ער פלעגט קריגן אַן עליה — שישי.

שישי איז געווען זיין שטענדיגע עליה שבת און יום כיפור, און חמישי — ימים טובים.

דערציילט זיין איניקל, דער טאַלנער-וויזניצער רבי, ר' מאָטעלע, אַזאַ מעשה'לע:

איינמאָל אַ יום כיפור, ווען ר' דוד'ל איז אויפגערופן געוואָרן צו שישי, ווי געוויינלעך, און איז אַרויף אויף דער בימה צו דער תורה, איז אים מיט אַ מאָל שלעכט געוואָרן און ער איז אַרונטער, ניט מאַכנדיג די ברכה.

האָבן חסידים געמיינט, אַז דאָס איז זיך עפּעס אַ צופאַל. אודאי שלעכט געוואָרן פון תענית. האָט אָבער ר' דוד'ל אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אים מהיום והלאה מער יום כיפור ניט אויפרופן, ניט צו שישי און ניט צו קיין אַנדער עליה.

האָט זיך דער עולם געוואונדערט. אודאי האָט עס געהאַט אַ ספּעציעלע באַדייטונג און אודאי האָט עס געצייגט, אַז דאָס וואָס עס איז אים שלעכט געוואָרן איז ניט געווען קיין צופעליגע זאַך. האָט מען זיך געבראָכן די קעפּ, געזוכט דערקלערונגען. אָבער גיי וויים די סודות פון צדיקים, ווען זיי אַליין זאָגן וועגן דעם קיין וואָרט ניט!

אָבער אויסער דעם סוד וואָס חסידים האָבן שטאַרק געוואָלט וויסן, האָבן זיי איצט אויך געהאַט גרויס עגמת נפש און קאָפּ־דרייעניש. וואָס טוט מען מיט דעם רבי'נס עליה, מיטן שישי? וועמען רופט מען אויף ר' דוד'לס פּלאַץ?

עס איז דאָך עפּעס ניט קיין קלייניגקייט! מען האָט די עליה ניט געקענט אוועקגעבן אבי וועמען. אגב, האָט גאָר אבי־וועמ די עליה ניט געוואָלט נעמען. מען האָט פּשוט מורא געהאַט. עס האָט געמיינט זיך שפּילן מיט פייער. אויב דער צדיק אַליין האָט זיך פון דער עליה אָפּ־געזאָגט, היינט ווי זאָל וואָגן אַ פּשוט'ער בשר ודם לאָזן זיך אויפרופן?

האָט זיך אָבער געפונען אַ געוויסער ר' פנחס נימינסקי, איינער פון די בכבוד'יגסטע חסידים, וואָס איז געווען ראוי די עליה צו נעמען און האָט עס אויך געוואָגט. ר' פנחס איז אַליין געווען אַ גרויסער צדיק. אויף זיינע עלטערע יאָרן איז ער אוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, וואו ער האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן.

האט דער דאזיגער ר׳ פנחס געקראגן די חזקה אויפגערופן צו ווערן יום כיפור צו שישי אויף ר׳ דוד׳לס פלאץ.

פארשטייט זיך, אז חסידים האבן געפילט אז עפעס וועט זיך נאך מיט דער עליה ניט ענדיגן גלאטיג.

דערהוייל איז זיך אין טאלנע פארלאפן אן אנדער געשיכטעלע, וואס האט ביים חסידישן עולם ארויסגערופן פארוואונדערונג.

עס איז צו ר׳ דוד׳לען געבראכט געווארן א יונגער מאן, וואס האט געליטן אויף א שטיקל שגעון. ער האט מורא באקומען פאר עפעס א געוויסער זאך. אזוי איז ער געווען, דאכט זיך, נארמאל — א מענטש ווי אלע מענטשן, האט גערעדט ווי אלע, געגעסן און געשלאפן ווי אלע און האט זיך אין קיין זאך ניט אונטערשיידט פון אלע אנדערע. אבער די שרעק פאר דער געוויסער זאך האט אים ניט אפגעלאזט, און עס האבן ניט געהאלפן קיין רייד און קיין פארזיכערונגען, אז עס איז זיך גאר ניטא פאר וואס צו שרעקן.

צו ר׳ דוד׳לען פלעגן געבראכט ווערן א סך אזוינע און אנדערע מינים חולאים און זיי פלעגן תמיד צוריקפארן געזונטע. פארשטייט זיך, אז דאסמאל האט ר׳ דוד׳ל דעם יונגן מאן אויך געגעבן א רפואה שלמה, פארזיכערן חסידים.

אבער ווען דער יונגער מאן איז צום ערשטן מאל געבראכט געווארן צו ר׳ דוד׳לען און ער האט אליין אנגעהויבן אויסדערציילן, וואס אים פעלט, ווי אזוי ער שרעקט זיך פאר א געוויסער זאך, האט ר׳ דוד׳ל צו אים א זאג געטאן בזה הלשון:

„און וואס־זשע איז, אז מען שרעקט זיך יא? אט א שטייגער שרעק איך זיך אליין פאר אחרי מות, נו, איז וואס?“

האבן חסידים אויפגעכאפט דאס, וואס ר׳ דוד׳ל האט געזאגט און עס איז געווארן א גרויסע פלא.

וואס אזוינס האט דער צדיק געמיינט מיט דעם? וואס הייסט עס דען, אז ער שרעקט זיך פאר „אחרי מות?“

האבן א סך אנגענומען, אז דאס איז זיך געווען סתם א ווערטל, און אז דער רבי, וועלכער האט תמיד ליב געהאט צו זאגן א חכמה, האט דא פשוט געמיינט צו זאגן, אז ער שרעקט זיך פארן טויט, ווי אלע מענטשן שרעקן זיך פארן טויט און עס איז ניט אזא גוואלד. הייסט עס אז דער יונגער מאן האט אויך ניט, וואס זיך צו נעמען צום הארצן

איבער דעם, וואָס ער שרעקט זיך פאַר עפּעס. וואָרום פאַר עפּעס זיך שרעקן מוז יעדער מענטש.

מילא, אַז עס איז ניט געווען קיין בעסערע דערקלערונג, איז אַזאַ פּירוש אויפן רבי'נס ווערטער אויך גוט געווען.

די פקחים פון טאַלנער הויף האָבן אָבער זיך קיינמאָל ניט צופרידן געשטעלט מיט דער דאָזיגער דערקלערונג און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט ווען זיי וועלן הערן אַ דערקלערונג, וואָס זאָל זיך בעסער לייגן אויפן שכל.

עס איז געווען ר' דוד'לס לעצטעס יאָר פון זיין לעבן. ער איז שוין געווען אַלט און שוואַך.

ער האָט ווי תמיד געדאַוונט אין זיין חדר מיוחד, אין דעם „קודש הקדשים", ווי חסידים האָבן גערופן דעם דאָזיגן חדר, און געקוקט אויפן רבי'ן, וואָס דאַוונט דאָרט ווי אַמאָל אידן, אויפן כהן גדול.

עס איז געקומען צו קריאת התורה און דער שמש האָט, ווי פאַר פיל יאָר פריער, אויפגערופן צו שישי ר' פנחס'ן. ר' פנחס איז שוין געווען אויף דער בימה, פאַר דער אָפענער ספר תורה, ווען מיטאַמאָל דערהערט דער עולם ווי די טיר פון רבי'נס חדר עפנט זיך און ר' דוד'ל קומט אַריין, איינגעוויקלט אין טלית און גייט מיט לאַנגזאַמע טריט גלייך צו דער בימה.

אַ מאָדנע אימה איז געפאַלן אויפן עולם. וואָס באַדייט עס? ווי קומט דער רבי איצט, ווען מען האָט אים ניט אויפגערופן? און וואָס וויל ער טאָן?

ר' פנחס איז געבליבן שטיין, וואַרטנדיג מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, און ניט געמאַכט די ברכה. דער בעל קורא איז געשטאַנען מיט ברייט צעעפנטע אויגן, פאַרוואונדערט.

און ר' דוד'ל גייט מיט לאַנגזאַמע טריט צו דער בימה און שטייגט אַרויף די טרעפּלעך און גייט גלייך צו דער ספר תורה.

ער קוקט זיך אויף קיינעם ניט אום, זעט קיינעם ניט און הערט קיינעם ניט. ער זעט אפילו ניט ר' פנחס'ן,

ר' פנחס רוקט זיך אָפּ אָן דער זייט און מאַכט אַ וועג פאַר ר' דוד'לען, און דער צדיק קומט צו צו דער תורה און מיט אַ פאַר'דבקה'טן קול מאַכט ער די ברכה...

עפּעס קלינגט זיין שטים אַזוי שמערצלעך, עפּעס פילט זיך אין איר אַ געוויין, — אַ געוויין אויסגעמישט מיט אַ שבח והודיה צום רבונו של עולם...

אַפּזאָגנדיג די ברכה, האָט דער בעל קורא געלייענט די פּרשה און ר׳ דוד׳ל האָט געמאַכט די צווייטע ברכה.

ר׳ דוד׳ל, ווי עס וואָלט גאָרניט געהאַט פּאַסירט, איז צוריק אַרונטער פון דער בימה און מיט די זעלביגע לאַנגזאַמע טריט ווי פריער, איז ער צוריק אַריין אין זיין חדר מיוחד.

די געשעעניש האָט אויף דעם עולם אָנגעיאָגט גרוים פּחד. בלי ספק האָט עס אַ גאַנץ באַזונדערע באַדייטונג, האָבן חסידים געזאָגט. ניט אומזיסט האָט דער רבי זיך לאַנג צוריק געהאַט אָפּגעזאָגט פון דער עליה און ניט אומזיסט האָט ער איצט גאָר פּלוצים זיין עליה צוריקגענומען.

מיינט עס חלילה, אַז דאָס איז זיין לעצטע עליה? מיינט עס, אַז דער צדיק האָט שוין לאַנג צוריק געוואוסט, אַז דער יום-כיפור׳דיגער שישי וועט זיין זיין לעצטע עליה און האָט דארום מדחה געווען דעם סוף אויף אזוי לאַנג ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט?

דער געדאַנק, אַז דאָס איז ר׳ דוד׳לס לעצטעס יאָר, האָט די חסידים אַריינגעטריבן אין גרוים עצבות און מען האָט יענעם יום כיפּור פאַרגאַסן פיל טרערן און פון דאַן אָן און ווייטער געשראָקן זיך פאַר יעדן טאָג, מורא האָבנדיג, אַז דאָס וועט שוין זיין דער לעצטער פון ר׳ דוד׳לס לעבן.

און דער עולם האָט קיין טעות ניט געמאַכט. יענע עליה איז טאַקע געווען די לעצטע יום-כיפּור עליה פאַר ר׳ דוד׳לען.

ער איז יענעם יאָר נסתלק געוואָרן, און נסתלק געוואָרן איז ער דעם שבת צונאַכט, ווען מען האָט געלייענט די סדרה „אחרי מות"...

פאַר די חסידים איז ערשט דעמאָלט אויפגעקלערט געוואָרן דער גאַנצער סוד פון דער עליה און אויך פון דעם רבי׳נס ווערטל, וואָס ער האָט געהאַט געזאָגט צום יונגן מאַן, אַז אויך ער שרעקט זיך פאַר עפּעס, פאַרן „אחרי מות".

ר׳ דוד׳ל האָט לאַנג אין פאָרויס געוואוסט, אַז „אחרי מות" וועט זיין זיין סוף — דער טאָג פון זיין פּטירה...

לט

דער נייער רבי

ווי ר' נחום'ל איז געוואָרן רבי צו בר מצוה. — די הכנות צו ר' נחום'לס בר מצווה און ר' דוד'לס פטירה. — דער טאַנץ צו ר' דוד'ל לאה'קעס „הילולא". — טאַלנער הויף־פּאָליטיק.

חסידים האָבן שוין געוואוסט, אַז ר' דוד'לס טעג זיינען געציילטע. דער צדיק איז געוואָרן שוואַכער פון טאָג. אָבער וואָס שוואַכער דער גוף אַלץ שטאַרקער דער גייסט. דאָס פּנים האָט געשטראַלט און די אויגן האָבן געברענט. האָבן חסידים ביז דער לעצטער מינוט נאָך געהאָפט, אַז דער צדיק וועט מיט זיי בלייבן לייגגער און לייגגער.

עס איז געווען פּסח, אין יאָר תרמ"ב, אין טאַלנער הויף איז די שמחה געווען ניט קלענער ווי אַלעמאָל.

דער צדיק איז געווען שוואַך, אָבער ער האָט גאָרניט אויסגעלאָזט פון זיין שטענדיגער הנהגה. די טישן זיינען געפירט געוואָרן ווי אַלעמאָל.

בלויז שביעי של פּסח האָבן חסידים באַמערקט אַזוינס, וואָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן שרעק.

יענער טאָג איז דער יאָרצייט פון ר' דוד לאה'קעס דער זיידע פון ר' דוד'לס רביצין.

דער דאָזיגער יאָרצייט פלעגט אין טאַלנער הויף תמיד געפּראַוועט ווערן מיט גרויס פּאַראַד. עס איז געווען איינע פון די דריי גרויסע ימים טובים אין טאַלנער הויף, ווען ר' דוד'ל האָט געצייגט באַזונדערע דעהויבנקייט און שמחה, און אַליין געגאַנגען אַ רקוד'ל.

פאַרשטייט זיך, אַז צו זען דעם טאַלנער גיין אַ רקוד'ל איז געווען אַזוינס, וואָס קיין חסיד האָט ניט געוואָלט פאַרפעלן. פלעגט דאַרום אויף די צווייטע טעג פּסח דער עולם זיין נאָך גרעסער ווי אויף די ערשטע.

יענעם מאָל האָט דער טאַלנער געפירט דעם טיש אויפן געוויינלעכן אופן און ווען עס איז געקומען צום רקוד'ל האָט דער עולם געשפּאַנט געקוקט אויפן צדיק.

ר' דוד'ל איז געבליבן אַ מאָמענט זיצן ווי ער וואָלט זיך גע'ישוב'ט

אויב ער זאָל זיך אויפשטעלן. משמעות אז דאָס איז אים שוין ניט אָנגעקומען לייכט. דער צדיק איז שוין געווען אַלט און שוואַך. אויפ־צוהויבן זיך איז שוין פאַר אים ניט געווען גרינג.

וועט אָבער דער צדיק נאָכגעבן די שוואַכקייט פון זיין גוף? וועט ער לאָזן זיין אַלטקייט אים גובר זיין? פּלוצים האָט זיך דער צדיק א הויב געטאָן מיט באַנייטע כחות און מיט באַנייטער אַנטשלאָסנהייט.

זיין פּנים האָט זיך צעפלאַמט. א פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט א טענצל.

דער צדיק האָט צוערשט געטאַנצט מיט גרויס פייער און ברען. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך איינגאַנצן געהאַט ארויסגעהויבן פון דער גשמיות'דיגער וועלט און ווי דער גוף וואָלט איינגאַנצן געווען באַ־הערשט פון דער נשמה.

האָט זיך דער צדיק געדרייט געהויבן זיינע פיס און די חסידים ארום האָבן באַגייסטערט צוגעפּליאסקעט מיט די הענט, זינגענדיג א גוט־באַקאַנטן טאַלנער זמר'ל.

אָבער באַלד האָט דער צדיק אָנגעהויבן ארויסווייזן שוואַכקייט. עס איז געווען ווי א גרויסער פלאַם, וואָס גיט זיך פּלוצים א הויב און באַלייכט אַלץ ארום, אָבער פאַלט באַלד צוריק און הויבט אָן צאַנקען און האַלט ביים אויסגיין...

ר' דוד'ל איז געוואָרן שוואַך, ווי דאָס טאַנצן וואָלט אים איינגאַנצן דערשעפּט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אָנגעהויבן וואַקלען. ווען ניט פאַר די גבאים, וואָס האָבן אים געכאַפּט אונטער די אָרימס און אים לאַנגזאַם צוריקגעפירט צו זיין שטול, וואָלט ער זיכער אומגעפאַלן.

אריינזעצנדיג זיך אין שטול האָט דער רבי ברייט פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן און זיך ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט ביי אימיצן געוואָלט געפינען א דערקלערונג פאַר דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט.

די נשמה האָט ניט געקענט איבערוועלטיגן דעם גוף. דער צדיק האָט מיט זיין גאַנצער גרויסקייט ניט געקענט בייקומען דאָס, וואָס קיין אַנדער שטערבלעכער מענטש האָט נאָך ווען געקענט בייקומען.

אין זיינע גרויסע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן און זיי האָבן זיך ווי גרויסע פּערל אַרונטערגעקייקלט אויף זיינע באַקן און זיך פאַרלאָרן אין זיין קליין שפּיציג בערדל.

האָט דער רבי געוויינט אויף דעם אומפאַרמיידלעכן סוף, וואָס ער האָט שוין דעמאָלט געזען פאַר זיך גאָר נאָענט, אָדער אויף דער שוואַכ־

קייט זיינער, וואס ער האט דעמאלט מער ניט געהאט בכח איבערצו־געוועלטיגן? חסידים האבן אבער געפילט, אז דאס איז אן אנזאג אויף דעם, פאר וואס זיי האבן זיך געשראקן. זיי האבן צוגעזען דעם רבי׳נס לעצטן טאנץ.

אלעמענס פנימ׳ער זיינען פארצויגן געווארן מיט א וואלקן פון טרויער. טרערן האבן אנגעהויבן פלייצן, די שמחה איז פארוואנדלט געווארן אין א טרויער.

דער צדיק אליין האט זיי אבער לאנג ניט געלאזט זיצן באזארגט און פארטרויערט. ער האט ניט געוואלט דערלאזן צו קיין עצבות.

„עס איז א גרויסע שמחה און זאל די דאזיגע שמחה מיט גארניט פארשטערט ווערן. דער רצון פון רבונו של עולם איז תמיד לטובה און מיר מוזן אלץ וואס ער וויל מקבל זיין באהבה. א זמר׳ל און דעם פריילעכסטן וואס איז ווען געזונגען געווארן דא ביים טיש!"

באלד איז דער שאלאש פארקלונגען געווארן פון א פריילעכן געזאנג. דעם רבינ׳ס פנים האט צוריק אנגענומען דעם אויסדרוק פון שמחה, חדוה. דער עולם האט זיך א לאז געטאן אין א טענצל און דאס מאל האט שוין דער טענצל זיך ניט געענדיגט אזוי טרויעריג ווי דעם רבי׳נס טענצל. דער עולם האט זיך אלץ מער און מער צעברענט און געטאנצט ממש עד כלות הנפש.

שפעטער האט מען שוין צווישן די טאלנער חסידים גערעדט, אז דער רבי איז שוואך, און אז מען קען דערווארטן דאס ערגסטע. דער טאלנער האט זיך אבער משמעות נאך ניט געוואלט אונטערגעבן. ער האט געוואלט דינען דעם אייבערשטן און באשירמען זיינע חסידים ביז דאס סאמע לעצטע.

האט זיך איבער דער ליינג און ברייט פון דער טאלנער „מלוכה" באלד צעטראגן די גרויסע נייעס, אז אין הויף גרייט מען זיך פאר דער בר מצווה פון דעם צדיק׳ס אייניקל ר׳ נחומ׳ל.

י"ח אייר האט ר׳ נחומ׳ל געזאלט ווערן בר מצווה און דאס האט געזאלט זיין איינע פון די גרעסטע שמחות, וואס טאלנער חסידים האבן ווען געהאט.

האט מען אין טאלנער הויף אנגעהויבן מאכן גרויסע הכנות, און ניט נאר אין טאלנער הויף, נאר אין אלע שטעט און שטעטלעך, וואו עס האבן זיך געפונען טאלנער חסידים.

חסידים האבן זיך אנגעהויבן אויסריכטן אין וועג אריין און די

וואָס האָבן געהאַט ביכולת האָבן זיך באַצייטנס אַוועקגעלאָזט קיין טאַלנע.

מען האָט ניט נאָר געוואָלט זיין ביי דער שמחה גופא נאָר טאַקע בייוואוינען די הכנות צו דער שמחה, און די הכנות זיינען געווען גרויסע. דער טאַלנער הויף איז געגאַנגען אויף רעדלעך.

שניידער האָבן גענייט דעם גאַנצן הויף נייע מלבושים. שוסטער זיינען געווען פאַרנומען ביי זייערע וואַרשטאַטן. די שטאַלן פון הויף זיינען באַצייטנס אָנגעפילט געוואָרן מיט בהמות און עופות.

אין די אָזערעס אַרום האָבן שוין פישער געהאַלטן אין שפּרייטן נעצן.

און ר׳ דוד׳ל? פון אים אַליין איז געקומען דער אָנזאָג, אַז מען זאָל מאַכן די שמחה אַזוי גרויס ווי עס לאָזט זיך, אַז עס זאָלן קיין טאַלנע קומען אַזויפיל חסידים וויפיל עס האָבן נאָר די מעגלעכקייט.

דערווייל איז דער צדיק אַליין געזעסן מיט ר׳ נחום׳לען אין א חדר מיוחד און געלערנט.

פאַרוואָס דער צדיק האָט זיך פּלוצים גענומען מיט אַזא אויסער-געוויינלעכע התמדה לערנען מיט זיין אייניקל, האָט קיינער ניט געקענט דערקלערן. אפשר דערפאַר, וואָס ערב בר מצווה האָט ער געוואָלט, אַז ער זאָל אַריינגעמען אין זיך אַזוי פיל תורה ווי נאָר מעגלעך.

שפּעטער האָט מען זיך שוין געהאַט געכאַפּט, וואָס דער אמת׳ער טעם איז געווען.

עס איז געווען אַכט טעג פאַר ר׳ נחום׳לס בר מצווה, דער צענטער טאָג אין אייר, תרמ״ב, ווען די טאַלנער חסידישע וועלט איז אויפגע-טרייסלט געוואָרן פון די טרויעריגע נייעס, אַז ר׳ דוד׳ל איז נסתלק געוואָרן.

די שמחה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טרויער. אנשטאָט זיך צו גרייטן צו א בר־מצווה, האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו א לויה.

די גרויסע צאָל חסידים, וואָס זיינען שוין געווען אין טאַלנע, די וואָס זיינען באַצייטנס געקומען צו ר׳ נחום׳לס בר מצווה, זיינען פון בעלי שמחה געוואָרן אבלים, און טויזנטע אַנדערע חסידים אין אַלע ווינקלעך פון דער גרויסער טאַלנער חסידישע „מלוכה" האָבן זיך פּלוצים דערפילט פאַר׳יתומ׳ט, איינזאַם און עלנט.

אָבער ווי אין אַלע „מלוכות" פּירט זיך, האָט מען ממש א טאָג ניט געקענט בלייבן אָן א מלך. „דער מלך איז טויט, לעבן זאָל דער מלך!" אויפן פּלאַץ פון פאַרשטאָרבענעם מוז באַלד זיין א נייער.

חסידים קענען נית בלייבן אָן אַ מנהיג. דער גלאַנץ און די גדולה פון דעם טאַלנער הויף קענען זיך נית אָפּטאָן.

און ווען ר' דוד'ל איז נאָך געלעגן אויף דער טהרה ברעט און מען האָט זיך געהאַלטן אין צוגרייטן פאַר דער קבורה, האָט זיך שוין צווישן די טויזנטע און טויזנטע חסידים, וואָס האָבן אָנגעפילט טאַלנע, געהאַט צעטראָגן, אַז עס איז דאָ אַ ממלא מקום — דער יונגער ר' נחומ'ל, דער זעלביגער ר' נחומ'ל, וועלכער דאַרף אין אַכט טעג שפּעטער ווערן בר מצווה...

אין דער צייט וואָס מען האָט נאָך געהאַלטן אין טרויערן אויף ר' דוד'לען האָבן שוין חסידישע הערצער אָנגעהויבן לעכצן נאָך דעם יונגן רבי'לע, דער נייער שטערן, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפשיינען אויף דעם טאַלנער הימל...

פאַרשטייט זיך, אַז אין הויף האָט זיך דערוויי גערודלט. הינטער די חסידיש-פּאָליטישע קוליסן איז פאָרגעקומען, אויב נית קיין ווירקלעכע מחלוקה, אַמווייניגסטנס אַ שטאַרקע חלוקי דעות וועגן דעם ווער עס זאָל ווערן דער ממלא מקום.

מען רעדט אפילו וועגן געוויסע צדדים, וואָס זיינען דאָרט געווען. עס זיינען אויך געווען אַנדערע אייניקלעך, וואָס זיינען געווען ראוי פאַר ר' דוד'לס פּלאַץ...

יוכבד'ל, ר' נחומ'לס מאַמע, האָט אָבער געצייגט איר שטאַרקע און פייאיגע האַנט. זי איז באַשטאַנען, אַז ר' דוד'ל האָט איר אויסדריקלעך פאַרשפּראָכן, אַז ר' נחומ'ל און נית קיין אַנדערער וועט זיין דער ממלא מקומו.

און ווי האָט דען אַנדערש געקענט זיין? האָט זי גע'טענה'ט. ווער אויב נית דער זון פון ר' דוד'לס בן יחיד איז ראוי צו פאַרנעמען דעם צדיק'ס פּלאַץ?

און צו צייגן, אַז ר' נחומ'ל איז דער אויסדערוויילטער פון ר' דוד'לען אליין, האָט מען דערציילט וואָס עס איז געשען פאַר דעם צדיק'ס פּטירה.

אַלע קינדער און אייניקלעך האָבן זיך געהאַט פאַרקליבן אַרום בעט פון צדיק, וועלכער האָט שוין קוים געקענט רירן מיט אַן אבר. עס זיינען געווען זיינע לעצטע מינוטן.

זיין פּנים איז געווען בלייך און אויסגעצויגן, זיינע אויגן צוגעמאַכט.

איז ער געווען פארזונקען אין זיינע מחשבות אָדער איז ער שוין מער ניט געווען ביי זיין באַוואוסטזיין?

איז מען געשטאַנען מיט פארטרויערטע פּנים׳ער, באַזאָרגטע און פאַרצווייפלטע און מען האָט געוואַרט.

און באַלד הויבט זיך דער צדיק אָן באַוועגן. ער עפנט צוערשט זיינע אויגן און זיי זיינען לויטער און קלאָר ווי תמיד.

ער קוקט זיך אַרום, ער באַטראַכט יעדן באַזונדער.

„אַלע זיינען דאָ", מורמלט ער ווי צו זיך אַליין. „גוט!"

און ער פאַנגט זיך אָן הויבן. מען העלפט אים אונטער און מיט קישנס אונטערגעשפּאַרט, זעצט ער זיך אויף.

איינציגווייז רופט ער צו די מיטגלידער פון זיין הויזגעזינד און גיט יעדן זיין ברכה. יעדער און יעדע שטייט פאַר אים מיט אַן אַרונטער־געלאָזטן קאָפּ. דער צדיק קוקט אים אָדער זי אָן מיט מילדע אויגן, פול מיט רחמנות און צער.

עס קומט צו ר׳ נחומ׳לען. דער יונגער ר׳ נחומ׳ל גייט צו מיט ציטערנדיגע טריט. ער קוקט דעם זיידן גלייך אין פּנים אַריין. דער צדיק באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס.

„עס איז אַזוי אויך גוט", זאָגט דער צדיק. „דו דאַרפסט מיר מער ניט האָבן. קענסט זיך באַגיין אָן מיר", און ער הויבט אויף די הענט און לייגט זיי אַרויף אויף ר׳ נחומ׳לס קאָפּ און בענטשט אים.

און די וואָס זיינען געשטאַנען אַרום האָבן שוין געוואוסט וועמען דער צדיק האָט אויסדערוויילט פאַר זיין ממלא מקום. ער האָט דעם יונגן ר׳ נחומ׳לען מסמיך געווען... ער האָט אים מיט אַרויפלייגן די הענט אויף זיין קאָפּ, די „קרוין" פון דער טאַלנער רבי׳סטווע אָנגעטאָן.

האָט מען גלייך נאָך דער קבורה פון גרויסן צדיק אָפּגעווישט די טרערן פון טרויער און מען האָט אָנגעהויבן ווענדן דעם בליק צו דעם יונגן צדיק, פאַר וועמעס „קאָראָנאַציע" מען האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן.

דאָס פּראָוון פון דער בר־מצווה האָט געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין דער „קאָראָנאַציע", אין אָנטאָן אויף אים די „קרוין" פון רבי׳סטווע.

האָבן חסידים אָנגעהויבן טאַנצן פאַר דעם דרייצן יאָריגן ר׳ נחומ׳לען, אים אָפּגעבן כבוד און אַרויפקוקן צו אים ווי צו זייער רבי׳ן.

דער יונגער ר׳ נחומ׳ל איז צוערשט ממש געווען דערשראָקן. ער האָט זיך געהאַט פאַרלאָרן.

„וואָס ווילט איר פון מיר?" האָט ער זיך קינדיש־נאאיוו געבעטן.

„לאָזט מיך אָפּ! איך וויל זיך שפּילן מיט מיינע חברים.“

„דו ביזט אונזער רבי, אונזער מנהיג, דו מוזט אונז בענטשן“, האָבן אים חסידים געענטפערט.

„איך וויל ניט זיין קיין רבי. איך וויל ניט טאָן וואָס דער זיידע האָט געטאָן“, האָט ער מיט טרערן אין זיינע יונגע אויגן אויסגעגאָסן זיין האַרץ.

חסידים האָבן אים אָבער ניט אָפּגעלאָזט.

„דער עול (יאָך) פון פירערשאַפט איז געפאַלן אויף דיינע יונגע פּלייצעס“, האָט מען אים פּרובירט מסביר זיין. „ר׳ דוד׳ל איז אויפן עולם האמת. עס איז געווען זיין וואונטש און עס איז די האַנט פון דער השגחה, אַז דו זאָלסט אונזער פירער זיין, קענסטו דעם יאָך פון זיך ניט אויסטאָן און מוזט איצט אויף דיינע יונגע פּלייצעס אָנהויבן טראָגן די שווערע משא“.

און ר׳ נחומ׳ל, דערציילט מען, האָט באַלד באַנומען די ערנסטקייט פון מאָמענט. זיין יונג האַרץ האָט אים טאַקע געצויגן אין דרויסן, צו זיינע חברים. ער האָט געוואָלט זיין פריי ווי אַלע קינדער. דער גורל האָט אים אָבער פאַר עפּעס אַנדערש באַשטימט... האָט זיין פּנים אָנגעהויבן שטראַלן, זיינע אויגן האָבן אָנגענומען אַ נייעם אויסדרוק. דער יונגער ר׳ נחומ׳ל איז פּלוצים געוואָרן אַ דערוואַקסענער...

און ווען ער איז געזעסן אויבן־אָן, ביים טיש, ביי זיין בר־מצווה, האָט ער שוין זיך געהאַלטן ווי ער וואָלט לאַנג געווען געוואוינט צו אַזוינע זאַכן.

ער האָט דעם טיש געפירט מיט אַלע פּיטשעווקעס ווי דער אַקאַרשט נסתלק געוואָרענער זיידע.

זיצנדיג מיט אַ גרויסן שטריימל אויף זיין יונגן קעפּל, אָנגעטאָן אין אַ זיידענע זשופּעצע, האָט ער נאָכגעמאַכט אַלע תנועות פון דעם גרויסן זיידן זיינעם.

ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיין גלאַטער, נאָך ניט באַוואַקסענער מאָרדע, זיך געגלעט מיטן הענטל, ווי ער וואָלט דאָרט אַ בערדל געהאַט...

און האָט ער אַ ברכה געמאַכט, תורה געזאָגט, האָט מען געהערט דעם זיידנ׳ס קול. עס זאָל פעלן אַ האָר... חסידים זיינען געווען אין זיבעטן הימל.

האָבן זיי אין איינִיקל געזען די אָפּשפּיגלונג פון דעם זיידן, האָבן זיי אין אים געזען די גדולה פון אַלטן צדיק...

און חסידים האבן ווידער געשטראמט קיין טאלנע און ווידער אפּ־געשלאגן די טיר פון דעם יונגן רבי׳לעס חדר מיט קוויטלעך און פּדיונות...

טאלנע איז נאך אלץ געבליבן טאלנע. די הנהגה איז געווען די זעלביגע. און חסידים האבן אפילו באלד שוין אנגעהויבן דערציילן מעשיות און מופתים פון דעם דרייצן־יאריגן רבי׳ן.

ווארום אויב ניט מיט זיין אייגענעם כח, האט ער דאך הינטער זיך געהאט דעם כח פון זיין גרויסן זיידן, און ווער האט דען געקענט צווייפלען, אז דער זיידע פון יענער וועלט איז משפיע אויף דעם יונגן צדיק׳ל און דורך אים אויף די אלע חסידים, וואס קומען צו אים?...

און דער יונגער ר׳ נחומ׳ל האט זיך טאקע תמיד באצויגן אויף זיין זיידן. „האסטו געהאט אמונה אין זיידן?" פלעגט ער אפט פרעגן א חסיד, וואס האט זיך צו אים געווענדעט מיט א בקשה. „האב ווייטער אמונה אין אים. דו וועסט געהאלפן ווערן", און אזוי פלעגט עס טאקע זיין, זאגן חסידים...

אין א יאר ארום האט דער יונגער רבי׳לע חתונה געהאט.

די כלה איז געווען סימעלע, אן אייניקל פון ר׳ יוחנן ראכמאסטריווער.

די כלה איז נאך אויסגעקליבן געווארן מיט יארן פריער, פון ר׳ דוד׳לען אליין.

די חתונה איז פארגעקומען אין ציצעלניק, וואו ביידע צדדים זיינען זיך צוזאמענגעקומען.

טויזנטע און טויזנטע חסידים זיינען געקומען צו דער חתונה, וועלכע איז געבליבן אין דער חסידישער געשיכטע היסטאריש. ווארום ווען האבן נאך חסידים געהאט אזא חתונה פון א פערצן יאריגן רבי׳ן?

צוויי וואכן האט מען געהוליעט אין ציצעלניק, און דאן איז דאס יונג פארל מיט גרויס פאראד געפירט געווארן צוריק קיין טאלנע, וואו דער יונגער צדיק האט פארטגעזעצט די רבי׳סטווא פון זיין זיידע. טאלנע האט שוין אבער פארלארן איר גלאנץ. עס איז מער ניט געווען, וואס אין ר׳ דוד׳לס צייטן...

מ

דאָס לעצטע קוויטל

פּרטים פון ר׳ דוד׳לס פּטירה. — די פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד. — דער פּאָגראָם אין באַלטאַ און דער טאַלנער חסיד. — דעם רבי׳נס צער.

ר׳ דוד׳לס הסתלקות איז פאָרגעקומען שבת אָוונט. דאָס איז געווען א צייט ווען אידן אין רוסלאַנד האָבן איבערגעלעבט שווערע טעג. א כוואַליע פון פּאָגראָמען האָט זיך געהאַט א הויב געטאָן איבערן לאַנד פון די צאַרן, באַזונדערס אין דרום רוסלאַנד, און האָט זיך אָנגעשלאָגן און זיך טאַקע אריינגעריסן אין די גרעניצן פון דער טאַלנער חסידישער „מלוכה״.

און געקומען איז עס גאָר אומגעריכטערהייט, ווי א דונער פון קלאָרן הימל.

אונטער דער הערשאַפט פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָבן די אידן אין רוסלאַנד געהאַט אָפּגעאָטעמט אביסל פרייער.

א סך האָבן שוין אפילו געהאַט גע׳חלומ׳ט פון א גאָר גליקלעכע צייט פאַר אידן. דאָס איז געווען באַזונדערס דער פאַל מיט די אויפגעקלערטע אידן, די משכילים. עס איז געווען די צייט ווען די השכלה באַוועגונג האָט זיך געהאַט פאַנאַנדערגעבליט, מיטברייננדיג מיט זיך א נייגונג צו רוסיפיצירונג אָדער איינפאַכע אסימילאַציע.

פאַר מאַנכע פון די אויפגעקלערטע איז דאָס לאַנד פון די צאַרן פלוצים געוואָרן א אידישער „גן-עדן״. זיי האָבן דערוואַרט פולע רעכט און אלע גלעגנהייטן. אידן האָבן בלויז פון זיך געדאַרפט אראָפּווארפן זייערע גלות-קליידער.

די פרומע אידן, באַזונדערס די חסידים, האָבן אַנדערש געקוקט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס חסדים. זיי האָבן אין דעם געזען א נייע געפאַר — די געפאַר פון דעם, וואָס אידן גייען אראָפּ פון דרך הישר, טוען זיך אויס פון אידישקייט און ווערן, רחמנא לצלן, גוים...

האָבן פרומע אידן געקוקט מיט שטוינען און מיסטרויען אויף די אלע

חסדים פון אלעקסאנדער דעם צווייטן און האבן מיט א ווייטאג אין הארצן צוגעזען ווי א נייער גייסט, א פרעמדער גייסט, הויבט זיך אן פארשפרייטן צווישן די אידן אין לאנד.

איז אויף דער אידישער גאס געווארן א קאמף צווישן השכלה און ארטאדאקסיע, צווישן אפיקורסות און פרומקייט, צווישן וועלטלעכע ביל-דונג און תורה.

און מיטאמאל איז גאנץ רוסלאנד אויפגעטרייסלט געווארן. אלעק-סאנדער דער צווייטער איז געטויטעט געווארן אין די גאסן פון פעטערבורג. ער איז געפאלן א קרבן פון די ניהיליסטן, די גרופע טעראריסטישע רעוואלוציאנערן, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווארן א מאכט אין רוסלאנד.

האט די דאזיגע פאסירונג, אין מערץ, 1881, געבראכט א גוואלדיגע רעאקציע אין לאנד, און דערפילט האבן עס די אידן.

אלעקסאנדער דער דריטער האט פארנומען דעם טראן און מיט זיין אנטאן די רוסישע קרוין האט זיך איבערן לאנד גלייך אנגעפאנגען א רייע פאגראמען, וועלכע האבן ניט נאר רויט געמאכט פיל שטעט מיט בלוט, נאר אויך ארויסגערופן אזא בהלה איבערן לאנד, וואס האט גאר קיין גלייכן ניט געהאט אין דער געשיכטע פון די רוסישע אידן.

די, וואס האבן שוין געמיינט, אז רוסלאנד איז געווארן א גן־עדן פאר אידן, האבן זיך ארומגעזען, אז זיי געפינען זיך אין א גיהנום. זיי האבן מיטאמאל דערזען, אז זייערע חלומות זיינען זיך צערונען, אז זיי געפינען זיך אויפן שפיץ פון א וואולקאן, וועלכער האט אנגעהויבן פאנאנ־דערשפילן זיינע טייפלשע כחות.

די אויפגעקלערטע אידן האבן זיך פלוצים דערפילט ווי אין עולם־התהו. זיי האבן געמאכט א טעות אין חשבון. זיי האבן צופיל געגלויבט אין די חסדים פון די רוסישע הערשער.

און ניט בלויז זיינען זיי געווען אנטוישט אין די הערשער פון רוסלאנד, נאר אויך אין פאלק. האבן דאך די רוסן אליין פאגראמירט די אידן, האבן דאך די הענט פון מענטשן פון פאלק געטויטעט אידן, געראבעוועט אידיש האב און גוטס.

און די אנטוישונג איז ניט געווען נאר אין רוסישן המון, די פראסטע אומגעבילדעטע מאסע, נאר אויך אין די געבילדעטע רוסן, די פירער פון דער רוסישער אינטעליגענץ.

כמעט קיינער פון דער רוסישער אינטעליגענץ, פון די רוסישע ווארט־

פירער, האָט אויפגעהויבן אַ שטימע פון פּראָטעסט געגן די פּאָגראָמען.

זיינען די אידן פון רוסלאַנד פאַר אַ ווײַלע געווען ווי באַטויבט און האָבן אָנגעפאַנגען אַנטלויפן פון רוסלאַנד אין מאַסן. זיי זיינען אַנטלאָפן וואו די אויגן האָבן געטראָגן. עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג צוריקצוקערן צום אייגן פאָלק. פון אַסימיליאַנטן איז מען געוואָרן נאַציאָנאַליסטן.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען די מאַסן־אויסוואַנדערונג פון די אידן אין רוסלאַנד, און עס האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען די באַוועגונג פון חבת ציון.

פון אָנפאַנג האָט אויסגעזען ווי די פרומע אידן, די, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט געקוקט מיט שרעק אויף דעם, וואָס עס גייט אָן אויף דער אידישער גאַס, אַלס רעזולטאַט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס חסדים, וואָלטן פון די פּאָגראָמען זיך גאָרניט געהאַט דערשראָקן. עס איז געווען גאָט'ס צאָרן געגן די זינד פון משכילים, די בייטש וואָס האָט געזאָלט די פאַרפירטע און פאַרבלאָנדזשעטע צוריקברייִנגען אין דער אידישע טשערעדע.

פאַרשטייט זיך, אַז אידישע הערצער האָבן ווי געטאָן, אָבער שטאַרק געשראָקן האָט מען זיך ניט. מען האָט געמיינט, אַז דאָס איז בלויז אַ פאַרבייגייענדיגע זאַך. זאָלן די פאַרפירטע אָנגעשראָקן ווערן, זאָלן די זינדיגע ווערן בעלי תשובה און אַלץ וועט זיין פאַריבער...

זיינען אָבער די פּאָגראָמען בלויז געווען דער אָנפאַנג פון אַ סדרה פון די ביטערסטע און ערגסטע פאַרפאָלגונגען אויף די אידן אין רוסלאַנד, — גזירות, רדיפות און גרושים.

פון פּאָגראָמען, וואָס זיינען אייגנטלעך געווען אַ צייטווייליגער אויס־ברוך פון פאָלקס־צאָרן — אַ צאָרן פלאַנמעסיג און קינסטלעך ארויסגע־רופן און געריכטעט געגן די אידן — איז מען איבערגעגאַנגען צו סיסטע־מאַטישע פאַרפאָלגונגען און גזירות.

1881 איז געווען דאָס יאָר פון פּאָגראָמען און 1882 דער אָנפאַנג פון די גזירות, וואָס זיינען געפלאַנט געוואָרן פון די איגנאַטיעווס און די פּאָבעדאָנאָסצעווס און די אַנדערע שונאי ישראל, וואָס האָבן ארומגערינגלט און געהאַט אַן איינפלוס אויף אַלעקסאַנדער דעם דריטן.

און פּאָגראָמען האָבן שפּעטער אויך ניט געפעלט. זיי זיינען אין רוסלאַנד געוואָרן אַן אָפּטע דערשיינונג. זיי זיינען געוואָרן אַ טייל פון די געפּלאַנטע און סיסטעמאַטישע פאַרפאָלגונגען אויף אידן.

אין די ערשטע מאָנאַטן פון 1882, האָט מען עס נאָך אָבער ניט

געוואוסט. עס איז געווען נאָך די ערשטע כוואַליע פּאָגראָמען אין באַלטאַ, אָדעס, יעליסאַוועטגראַד, קיעוו און א רייע אַנדערע שטעט.

די אויפגעקלערטע אידן האָבן געהאַלטן אין לויפן פון רוסלאַנד אָדער האָבן אָנגעהויבן טראַכטן פון אַנדערע וועגן און מיטלען ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען.

דער איינדרוק איז אָבער געווען, אז דאָס וועט אַלץ באַלד פאַריבער, און אז די אידן אין רוסלאַנד וועלן ווידער האָבן מנוחה. מען האָט נאָך ניט געוואוסט פון די רייע גזירות וואָס ווערן שוין אין פּעטערבורג צוגעגרייט פאַר די אידן.

אין טאַלנער הויף איז מען געווען צערודערט.

די פּאָגראָמען האָבן אויפגעטרייסלט די טאַלנער חסידישע וועלט. זייענען דאָך די פּאָגראָמען פאָרגעקומען אין א ריי שטעט, וואו עס האָבן זיך געפונען טויזנטע טאַלנער חסידים.

און די צרה איז געווען נאָך גרעסער, וואָס דער טאַלנער רבי, ר׳ דוד׳ל, איז שוין געווען שוואַך, זיינע טעג געציילטע.

ווער האָט איצט געוואָגט קומען צו אים מיט אַזוינע שרעקלעכע פּאַסירונגען! ווער האָט געקענט ביי זיך פועל׳ן צו קומען צו אים מיט דער בקשה, אַז ער זאָל זיך „איינשטעלן", אז ער זאָל עפּעס טאָן צו באַשיצן זיינע חסידים און אַלע אַנדערע אידן!

האָט מען אויסגעמידן צו ריידן מיטן רבי׳ן וועגן די אַלע פּאַסירונגען און מען האָט ניט צוגעלאָזט קיין חסידים, וואָס זיינען געקומען פון די פּאָגראָמירטע שטעט צו דערלאַנגען קוויטלעך דעם רבי׳ן.

חסידים האָבן אָבער געזאָגט, אז דער רבי ווייס פון אַלץ, אפילו ווען מען דערציילט אים ניט, וואָס עס איז געשען... מען האָט עס געדרונגען פון דעם וואָלקן, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרשפּרייט אויף זיין פּנים, פון די טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן און פון דעם צער וואָס האָט פון זיינע אויגן ארויסגעקוקט.

עס איז געווען נאָך פּסח. דער טאַלנער איז נאָך אָנגעגאַנגען מיט זיין עבודה ווי תמיד, טראָץ זיין וואַקסענדיגער שוואַכקייט. ער האָט נאָך אויפגענומען חסידים און געפירט טישן.

לאָזט זיך אין טאַלנע אַרונטער א איד פון באַלטאַ. א גרויסער עושר איז דער איד געווען. ער האָט אָבער אַלץ געהאַט פאַרלאָרן אין דעם פּאָגראָם וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

מען האָט זיין הויז אויסגעראַבירט און זיין גאַנצער פאַרמעגן איז

פארלארן געגאנגען. ער איז געבליבן נאקעט און הייל.

דער איד, וועלכער איז אימער געגאנגען אין סאמעט און זיידנס, איז איצט געווען קרוע בלוע. ער איז געווען דערשלאגן און פארצווייפלט. זיין פאמיליע האט געמוזט נעמען קצבה.

האט מען אים דערזען אין רבי׳נס הויף, און מען האט געהערט פון אים וואס עס האט פאסירט, האט מען אויף אים געקוקט מיט גרויס רחמנות, אבער מען האט אים ניט געוואלט צולאזן צום רבי׳ן.

„דער רבי איז שוואך. צו הערן די פרטים פון אזוינע מורא׳דיגע פאסירונגען, וועט אים צו שטארק מצער זיין, ממש דערשלאגן. מען טאר צו אים ניט קומען מיט אזא געשיכטע", האבן די גבאים גע׳טענה׳ט צום פאגראמירטן אידן.

„איך מוז אבער זען דעם רבי׳ן, אים געבן מיין קוויטל", איז ער באשטאנען. „צו וועמען דען זאל איך זיך ווענדן אין אזא עת צרה, אויב ניט צום צדיק?"

האבן די גבאים, וואס האבן געציטערט איבער דעם צדיק׳ס געזונט, אויסגענומען א תנאי מיטן אידן: ער זאל בעטן ביים רבי׳ן א ישועה, ער זאל אים אפגעבן זיין קוויטל, ער זאל אים אבער ניט דערציילן וואס עס האט פאסירט מיט אים און מיט די אנדערע אידן אין באלטא.

האט דער חסיד פון באלטא איינגעשטימט. אבי זען דעם רבי׳ן, אבי קריגן זיין ברכה.

איז דער חסיד אריין צום רבי׳ן אין חדר.

דער צדיק איז געלעגן האלב אויסגעצויגן אויף א קאנאפע. ער האט געהאלטן די אויגן פארמאכט.

דער חסיד איז נאר איבערגעטראטן די שוועל און דער צדיק האט זיך אויפגעזעצט, ווי ער וואלט זיך פאר עפעס דערשראקן.

ער האט דעם חסיד אנגעקוקט. עס איז געווען א מורא אים אנ־צוקוקן, — דערשלאגן, אפגעריסן און פארצווייפלט.

„חיים", האט דער צדיק אויסגערופן, „וואס איז געשען! דערצייל פון אלץ!"

ר׳ דוד׳ל האט דעם אידן, וועמעס נאמען איז געווען חיים, דער־קענט. ער האט אים געדיינקט פון די פריערדיגע יארן, ווען ער פלעגט קומען צו אים אלס עושר.

דער איד איז געשטאנען מיט אן ארונטערגעלאזענעם קאפ און גע־שוויגן. ער האט דעם רבי׳ן דערלאנגט זיין קוויטל.

דער צדיק האָט גענומען דאָס קוויטל, עס איבערגעלייענט. דאָרט איז געווען א געוויינלעכע בקשה. וואָרום חיים האָט דאָך איינגעשטימט ניט צו דערציילן דעם רבי'ן פון פּאָגראָם.

ר' דוד'ל האָט בלויז איבערגעלייענט דעם קוויטל און זיין פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט.

„דו ווילסט מיר ניט דערציילן, אָבער איך ווייס אַלץ", האָט ער אויסגערופן, און פון זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן טריפן טרערן.

„א מורא'דיגער גזר איז אַרונטער פון הימל. און דער צאָרן פון גאָט איז נאָך ניט איינגעשטילט. עס קומען נייע גזירות, נייע רדיפות"...

און דער צדיק האָט זיך פאַר א מאָמענט פאַרטראַכט.

און ווענדנדיג זיך צו חיים'ען האָט ער אים אויפגעפאָדערט צו דערציילן אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט מיט זיינע אייגענע אויערן געוואָלט הערן וועגן די שוידערלעכע צרות פון אידן, און חיים האָט אים דערציילט פון אַלץ. ער האָט קיין ברירה ניט געהאַט. דער רבי האָט עס פון אים געפאָדערט.

ר' דוד'ל איז געזעסן מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ און אויסגעהערט. די טרערן האָבן ניט אויפגעהערט טריפן פון זיינע אויגן.

„אויב אזוי, וואָס טויג מיר דאָס לעבן!" האָט דער צדיק אויסגערופן, ווען חיים האָט אַלץ געהאַט פאַרענדיגט. און עס האָט אויסגעזען ווי זיינע ווערטער וואָלטן געווען געריכטעט צו אימיצן. דער צדיק האָט זיך מיט אימיצן אויסגע'טענה'ט...

און דאָס איז געווען דאָס לעצטע קוויטל, וואָס דער צדיק האָט גענומען. גלייך ווי חיים האָט אים פאַרלאָזן האָט ער זיך אין בעט געלייגט און אין עטלעכע טעג אַרום נפטר געוואָרן...

מא

דעם צדיק׳ס פטירה

די לויה אין מיטן נאכט. — דער „ציון" אויף ר׳ דוד׳לס קבר און ווי ער איז אראנטערגעריסן געווארן. — די רדיפות אויפן צדיק נאך זיין הסתלקות. — דער נייער „ציון".

דער שבת ערב ר׳ דוד׳לס פטירה, איז אין טאלנער הויף געווען א פארשטערטער. קיין טישן זיינען ניט געפראוועט געווארן. חסידים זיינען אומגעגאנגען מיט פארוואלקנטע פנים׳ער און מיט שווערע געמיטער.

טאלנע איז געווען באלאגערט מיט חסידים. אויסער די, וואס זיינען געקומען באצייטנס צו דער בר מצווה, זיינען צוגעקומען טויזנטע פון נאענט און ווייט, נאכדעם ווי עס האט זיך פארשפרייט די ידיעה, אז דער צדיק האלט ביי שטארבן.

מען האט ניט געגעסן און ניט געשלאפן. מען האט געווארט — געווארט אויף א ידיעה פון אינעווייניג, פון צדיק׳ס קראנקן בעט. מען האט שוין אייגנטלעך געוואוסט, אז עס האלט שמאל. אבער ביזן סאמע סוף האט מען נאך אלץ געהאפט. אפשר קען נאך א נס געשען...

די ידיעה, אז דער טאלנער האלט שמאל, איז שוין געווען פארשפרייט אויף מיילן ארום פאר די לעצטע פאר טעג.

פרייטאג האבן הונדערטער חסידים געהאלטן אין קומען אין טאלנע. אויב דער רבי איז אזוי געפערלעך קראנק, מוז מען זיין אויפן פלאץ. נאר באין ברירה איז מען געבליבן אין הויז און ממש אויסגעגאנגען פון גרויס עגמת נפש, וואס מען מוז ווארטן אויף ידיעות וועגן רבי׳נס צושטאנד.

א סך חסידים זיינען געבליבן שטעקן אין וועג ניט ווייט פון טאלנע, פרייטאג. זיי האבן דאך ניט געקענט מחלל שבת זיין, און ווען די שטערן האבן זיך נאר באוויזן שבת אוונט, האבן זיי אנגעהויבן זיך לאזן אין טאלנע אריין, אנלויפנדיג פארסאפעטע אין הויף, נייגעריג צו הערן וואס דער רבי מאכט.

דער עולם האט אזוי ארום געהאלטן אין וואקסן, און ווען די טרויעריגע

בשורה איז שפּעט אין אָוונט געקומען, אַז דער רבי איז נסתלק געוואָרן, האָט דער טויזנט־קעפּיגער עולם אויסגעבראָכן אין א געוויין.

חסידים זיינען אָבער ניט קיין בעל בכי'ם און ווי גרויס דער קלאַפּ איז ניט געווען, האָט מען זיך פּרובירט שטאַרקן. נאָך אַלעמען איז דאָך דער צדיק בלויז אַוועקגענומען געוואָרן אויף אַן אַנדער וועלט, אויפן עולם האמת. דאָרט וועט ער נאָך בעסער ווי דאָ, אויפן עולם התחתון, קענען „מגין" זיין אויף זיינע חסידים און אויפן כלל ישראל...

עס איז נאָר געווען א האַרצווייטאָג, וואָס מען וועט שוין מער ניט קענען אָנקוקן זיין ליכטיגע צורה, וואָס מען וועט שוין מער ניט הערן זיין גרויסע חכמה, און וואָס מען וועט שוין מער ניט קענען זיך וואַרעמען אין דער שטראַלנדיגער וואַרימקייט, וואָס מען האָט אין זיין נעגנוואַרט געפילט.

דערווייל האָט מען אינעווייניג, ביים רבי'ן אין הויז, זיך געהאַלטן אין צוגרייטן פאַר דער לויה.

עס איז טאַקע געווען שפּעט אין אָוונט, אָבער מען וועט דאָך דעם צדיק ניט האַלטן איבער נאַכט. דער דין מוז שטרייננ נאָכגעקומען ווערן.

האָט מען אויסגעקליבן די יחידי סגולה, די פּרימסטע און בכבוד'־דיגסטע חסידים, און מען האָט זיי אָנפאַרטרויט מיט דער הייליגער אַרבעט צוצוגרייטן דעם צדיק פאַר דער קבורה.

מען האָט צוגעגרייט די תכריכים און מען האָט זיך באַלד גענומען צו דער טהרה. איידער דאָס איז געטאָן געוואָרן, זיינען די מתעסקים געגאַנגען טבילה, און ווען זיי זיינען געווען פאַרטיג מיט דעם רבי'נס טהרה, האָט מען דעם מת גענומען צו דער מקוה און אים דאָרט טובל געווען דריי מאָל.

אָפּגעפאַרטיגט זיך מיט דער טבילה, האָט מען דעם מת אָנגעטאָן די תכריכים און אין ארון אים אריינגעטראָגן אין דעם גרויסן בית מדרש פון טאַלנער הויף.

קיין הספּדים זיינען ניט געהאַלטן געוואָרן. מען האָט עס אָבער ניט געדאַרפט מעורר צו זיין דעם עולם, וואָס האָט אַלץ געהאַלטן אין צוואַוואַקסן, ווארום מיט יעדע מינוט זיינען אָנגעקומען אַלץ מער מענטשן פון די דערבייאיגע שטעטלעך און ישובים.

עס איז שוין געווען אַרום האַלבע נאַכט, ווען די לויה האָט זיך אָנ־געפאַנגען. אין דער טונקלהייט פון דער נאַכט האָט דער ריזיגער עולם אויסגעזען ווי א מעכטיגע אַרמיי, וואָס מאַרשירט ערגעץ אין אַן אומ־באַקאַנטער ווייטקייט אַריין.

בלויז דאָ און דאָרט איז די טונקלהייט דורכגעריסן געוואָרן פון דעם שיין פון א לאָמטערנע און בלויז דאָ און דאָרט איז די לופט אויפגעטרייסלט געוואָרן פון א טיפן קרעכץ אָדער גאָר פון א ספּאַזמאַטישן געוויין.

אין צענטער פון דעם בית עולם האָט שוין געוואַרט אַן אָפּענער קבר. די באַערדיגונג איז געווען אייַנפאַך און אָן וועלכע עס איז צערעמאָניעס. עס האָט אויסגעזען ווי מען וואָלט דעם צדיק בלויז איבערגעטראָגן אין א נייער בעט...

די טויזנטע חסידים, וואָס האָבן באַגלייט דעם רבי'נס קערפּער, איז געווען שווער זיך פון פרישן קבר אָפּצורייסן. מען האָט זיך נאָר געטרייסט וואָס נאָך אַלעמען וועט מען אפילו אויפן בית עולם קענען קומען צום צדיק, און אז אפילו דאָרט וועט מען אים קענען איבערגעבן קוויטלעך...

און דאָס האָבן טאַקע טאַלנער חסידים באַלד אָנגעהויבן טאָן.

מען האָט איצט אָנגעהויבן שטראָמען צום בית עולם דאָרט איבערצו-געבן דעם צדיק די בקשות, וואָס מען האָט געהאַט.

ממש גלייך נאָך דער פּטירה, האָט מען אויף ר' דוד'לס קבר אָנגעהויבן בויען א „ציון" (אַן אוהל) און דאָס איז שוין געווען איינמאָל א „ציון". דער דאָזיגער „ציון" האָט מיט זיין פּראַכט און גלאַנץ דערמאָנט אָן די עשירות און גרויסקייט פון דעם טאַלנער הויף.

עס איז געווען א פּרעכטיגע געביידע, געמויערט פון שטיין און ציגעל, מיט א פּאַר־שטיבל, און מיט אַן אויג־פּאַרנעמענדיגן געפּאַרבטן דאַך.

אין צענטער פון דעם אינערלעכן גרויסן חדר האָט זיך געפונען דער קבר פון צדיק.

אויפן קבר האָט זיך געהאַט געפונען אַן ארון מיט צוויי האַלבע טירלעך עפענענדיג זיך פון אויבן. אין דעם דאָזיגען ארון האָבן חסידים אריינגע-טאָן די קוויטלעך, וואָס זיי האָבן געבראַכט צו זייער טויטן רבי'ן.

עס איז געווען אינמיטן זומער, ווען דער „ציון" איז פאַרטיג געוואָרן און אין דער צייט, וואָס דער דרייצן־יאָריגער ר' נחומ'ל האָט געפירט די רבי'סטווע אין טאַלנער הויף, האָבן הונדערטער און טויזנטער חסידים באַזוכט דעם קבר פון זייער אַלטן רבי'ן, ר' דוד'ל, און דאָרט מתפּלל געווען און דאָרט איבערגעלאָזט קוויטלעך.

פּלוצים איז די טאַלנער חסידישע וועלט שטאַרק אויפגעטרייסלט געוואָרן. אַן „אוקאַז" איז געקומען פון גובערנאַטאָר אין קיעוו, אז דער „ציון" מוז ארונטערגענומען ווערן.

וואָס איז געשען? פאַרוואָס זאָל אַזאַ נבלה באַגאַנגען ווערן געגן דעם פאַרשטאָרבענעם צדיק? קיינער האָט עס ניט געקענט זאָגן.

געזען האָט מען אָבער, אַז אין דעם שטעקט די האַנט פון מוסרים, די זעלביגע מוסרים, וואָס האָבן דעם צדיק נאָך ביים לעבן פיל מאָל גע'מסור'ט. דאָס איז אויך געווען אַ באַנייאונג פון די אַלטע פאַרפאָל־גונגען געגן דעם צדיק.

די לעצטע יאָרן האָט ר׳ דוד'ל טאַקע געלעבט אין שלום און שלוה, אָבער מיט דער באַנייאונג פון די פאַרפאָלגונגען געגן אַלע אידן אין רוסלאַנד, זיינען אויך באַנייט געוואָרן די פאַרפאָלגונגען געגן דעם צדיק, כאָטש ער איז שוין געווען אויפן עולם האמת.

חסידים זאָגן, אַז דעם צאַר'ס משרתים האָבן זיך מתקנא געווען אָן דעם גרויסן כבוד, וואָס חסידים האָבן צוגעטיילט זייער רבי'ן נאָכן טויט. דער „ציון" איז געווען אַ „מלכות'דיגער". עס האָט דערמאָנט אָן דער אַמאָליגער שטול פון זילבער, מיטן אויפשריפט: „דוד מלך ישראל חי וקים" און וואָס די צאַריסטישע רעגירונג האָט, רחמנא לצלן, געזען אַ צייכן פון מרידה.

מען זאָגט, אַז אויך אין דעם „ציון" האָט די רעגירונג געזען עפּעס ענלעכעס. חסידים האָבן אָפּגעגעבן צופיל כבוד זייער רבי'ן. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אים באַטראַכט פאַר אַ מלך.

געקראָגן דעם באַפעל אַרונטערצורייסן דעם בנין אויפן צדיק'ס קבר, זיינען טאַלנער חסידים געוואָרן אויסער זיך. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ לויפן קיין קיעוו, אַ קלאַפּן דעפּעשן קיין פּעטערבורג. מען האָט אויך אָנגעהויבן שיקן שתדלנים. קיין געלט האָט מען ניט געזשאַלעוועט.

עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. מען האָט די פאַרהאַרטעוועטע הערצער פון דעם צאַר'ס טשינאָווניקעס ניט געקענט ווייכער מאַכן.

עס האָט אַפילו ניט געהאָלפן דאָס איינשטעלן זיך פון דעם יונגן גראַף שוואַוואַלאָוו, דער זון פון דעם באַרימטן גראַף, וואָס איז פאַר זיין לעבן געווען ניט נאָר אַ פאַרערער פון דעם טאַלנער, נאָר אויך זיינער אַ באַשיצער.

מיט זיין גאַנצן איינפלוס האָט ער ניט געקענט פּועל'ן, אַז דער באַפעל זאָל צוריקגעצויגן ווערן. עפּעס האָט ער אָבער יאָ גע־פּועל'ט. דעם „ציון" זאָל מען טאַקע אַרונטעררייסן, אָבער מען קען בויען אַ צווייטן אויף זיין פּלאַץ. דער צווייטער אָבער האָט געמוזט זיין קלענער און ניט פון אַזאַ פאַרנעם ווי דער ערשטער. אויב יאָ אַ „ציון" זאָל עס אַזוי ניט אויפרייסן די אויגן, זאָל מען אַזוי ניט זען די „גדולה" פון דעם צדיק.

האָט מען אָנגעהויבן ארומטערייסן דעם ערשטן „ציון“ און חסידים האָבן פאַרגאָסן טייכן טרערן. אזא נבלה! אזא פחיתת הכבוד פאַרן רבי'ן! באַלד האָט מען אָבער אָנגעהויבן בויען דעם צווייטן „ציון“.

אָן ענדערונג האָט מען געמוזט מאַכן אויך אין דעם ארון אויפן צדיק'ס קבר. דאָס וואָס דער ארון האָט זיך געקענט עפענען און איז באַנוצט געוואָרן פון חסידים דאָרט אַריינצוואַרפן קוויטלעך, איז דעם גובערנאַטאָר אין קיעוו ניט געוועזן געפעלן.

ווער ווייסט וואָס פאַר זאַכן די חסידים גיבן איבער זייער רבי'ן אויף יענער וועלט! דעם גובערנאַטאָר'ס עכט־רוסיש האַרץ האָט ניט געקענט זיין רואיג.

איז צוזאַמען מיטן באַפעל ארומטערצערייסן דעם ערשטן „ציון“ אויך געקומען דער באַפעל, אַז דער ארון מוז צוגעשלאָסן ווערן און צו זיין זיכער, אַז די טירלעך וועלן ניט געעפנט ווערן, זאָל מען אים באַציען מיט א צעראַטע.

א באַפעל איז א באַפעל. חסידים האָבן געפאָלגט.

דער ארון איז באַצויגן געוואָרן מיט א צעראַטע. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די חסידים ווייטער צו ברייינגען זייערע קוויטלעך און אויב ניט אַריינוואַרפן זיי אין ארון, האָבן זיי די קוויטלעך אַריינגעשטעקט אונטער דער צעראַטע אָדער גאָר איבערגעלאָזט פון אויבן.

מען האָט קיין טאַלנער חסידים ניט געקענט פאַרצאַמען דעם וועג.

ס ו ף

פעלער אויסבעסערונג

דער נאָמען פון קאַפּיטל אין ערשטן באַנד, „טשערנאָביל“, אויף זייט 180, דאַרף זיין „רבי'אישע שידוכים“ אנשטאָט „דער שידוך“.

אין צווייטן באַנד, „טאַלנע“, דאַרף דער נאָמען פון קאַפּיטל אויף זייט 153 זיין „חרטה“ אנשטאָט „דער בעל תשובה“.